STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00039

ALE VERK

Mendele Mokher Sefarim

Permanent preservation of this book was made possible by
Sandra Serebin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג
מענדעלע
ווארשע

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

אכטצעהנטער באַנד

נייע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

שלמה ר' חיימ'ס

(ערשטעס בוך)



פערלאַג „מענדעלע" וואַרשא

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

שלמה ר׳ חיים׳ס

„שלמה ר׳ חיים׳ס״ האָט מענדעלע אָנגעהויבן צו פֿערעפֿנטליכן אין דעם זשורנאַל „דער יוד״ (1899), וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פֿון י. ח. ראַווניצקי. די ערצעהלונג, וואָס טראָגט אַן אויטאָביאָגראַפֿישען כאַראַקטער, האָט מענדעלע געשריבן אַ רייה מיט יאָהרען, — די לעצטע קאַפּיטלען פֿון „שלמה ר׳ חיים׳ס״ זענען געדרוקט געווען אין די יאָהרען 1915—1916. שפּעטער האָט מענדעלע די זעלבע ערצעהלונג איבערגעזעצט (אויסער די לעצטע קאַפּיטלען) אין העברעאיש און געדרוקט דעם אָנהויב אין פּעטערבורגער „הזמן״ (1904) אונטער׳ן נאָמען „חיי שלמה״ ואין דער בעזונדערער העברעאישער אויסגאַבע — „בימים ההם״).

אין דער הקדמה צום בוך, — „אמר מענדעלי״,— האָבען מיר אַ מין אַריינפֿיהר־ערקלעהרונג צו דעם ווערק. מענדעלע ערקלעהרט אויף זיין אייגנאַרטיג־מענדעלישען שטייגער, ווי־אַזוי ער איז געקומען צו שרייבן דעם „שלמה ר׳ חיים׳ס״. „שוין אַ לאַנגע צייט — זאָגט דאָרט שלמה־שלום יעקב אבראַמאָוויטש — אַז די פֿען מיינע געפֿינט זיך צווישען צוויי פֿערשיעדענע דעות, פּונקט קאַפּויר איינע פֿון דער אַנדערער, ווי דער ארון פֿון מחמד׳ן הענגט, לויט ווי מען זאָגט, צווישען צוויי מאַגנעטען. אין דער צייט, וואָס איינע פֿון די דעות ציהט זי אַהין, צו בעשרייבן אַלטע זאַכען וואָס־פֿריהער, איז די וואָס אַ געגען, האַלט זי אָב, ציהענדיג זי אַהער צו בעשרייבן וואָס אין אונזער צייט געהט פֿאָר״. דערצו — גיט שלמה צו פֿערשטעהן — איז ער פֿון די מענשען, „וואָס כאַפּען זיך נישט צו איטליכער אַרבייט, און נעמען זיי

זיך שוין אַריין אין קאָפּ עפּיס אַ זאַך, האַלט מען זיך דערמיט שטענ־דיג, נישט אַראָב דערפון אַ האָר אין דער זייט". אָבער דאָ מרעפט זיך אַ מעשה: ס'איז אין דרויסען אַ שטורם־ווינט און אַ גאָס־רעגען, עס רייסט זיך אַריין אין שטוב אַן אָרעמער ישיבה־בחור, וואָס זוכט אַ נאַכטלעגער, און אָט דער אָרעמער בחור דערמאָנט שלמה'ן־אַבראַ־מאָוויטשען זיין אייגענע לעבענס־געשיכטע, און שלמה זאָגט: „אַצינד, דער קאָפּ ליגט מיר איינגאַנצען אין יענער צייט, דאָרט וואו איך האָב גע־לעבט אין דער יוגענד". און „אַלט, זאַט מיט צרות, מיט אַ האַרץ אָנגע־פּלאָגט און פערוואונדעט פון פליהענדיגע פיילען אין לעבענס־קאַמף, געפּרובט מיט ביטערע שווערע יסורים, האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין וועלטעל וואָס־אַמאָל, און דער כח־המדמה ברענגט מיר אויף פון אונטער דער ערד זיין צויבער, ווי יענע בישוף־מאַכערין פאַר שאול'ן אין עין־דוד, פערשיעדענע בילדער און צורות, מיט נאָך פיעל מיני משונה אַלטע זאַכען פון אמאָליגע יאָהרען... אוי וועה, יענע וועלטעל מיינס איז זעהר אַ קליינס, דאָרטען בליהען נישט קיין פּאָמעראַנצען, עס וואַקסען נישט קיין רויזען, מען זעהט דאָרטען נישט קיין גרויס נחת, טייכען פון מילך און האָניג גיסען זיך דאָרט נישט, און דער עולם דאָרט איז אַ געמיינער, נעבעך, יודען מיט בערד און פאות און מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, דאַרע, קוואַרע, געבויגענע, קראַנקע, צעבראָכענע, דערשלאָגענע, פערשוואַרצטע, פערפינסטערטע ציטערען פאַר דער שיין".

דאָס איז די וועלט און דאָס איז די סביבה, אין וועלכער שלמה איז געוואַקסען און געלעבט.

„אַלץ, וואָס מיר געפונען — שרייבט דוד פרישמאַן — אין די פריערדיגע דריי ערצעהלונגען בעזונדער (אין „פישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי" און אין „ווינשפינגעריל") געפינען מיר אין דער דאָזיגער איינער ערצעהלונג צוזאַמען: די שאַרפע, בייסענדע סאַטירע נעגען דער פירכטערליכער הוילקייט אינ'ם לעבען פון אַן עדה פון אומגליקליכע; דאָס גרויסע, הייסע רחמנות אויף דעם אונענדליכען אומ־גליק פון אַ גאַנץ פאָלק; דער ריינער לירישער טאָן, וועלכער צעגיסט זיך ווי אַ פידעל און לאָזט דערציטערען אַלע פעדעם פונם האַרץ, און יענע ווייכקייט און זיסקייט, וועלכע בערוישען דורך זייער עכטקייט; די נאַטור־שילדערונגען אין זייער אונענדליכער פּראַכט; די פערשיעדענ־

רענטמע טיפּען, אַלטעגליכע און אויסנאַהמליכע, מיט זייער חיצוניות און זייער פּנימיות;—נאָר דאָס בילד פון'ם דלות, ווי מיר קאָנען עס פון „פישקע דער קרומער", איז געוואָרען דאָ אַ סך בולטער, און דער שפּאָט, וועלכער שניצט אום'ברחמנות אויף רעכטע און אויף לינקס אין „מסעות בנימין השלישי", איז דאָ געוואָרען אַ סך שאַרפער, און דאָס גרויסע מיטלייד מיט דער יודישער נשמה און מיט דעם עלענד און אומגליק פון אַ גאַנץ פאָלק האָט דאָ געפינען איהר אויסדרוק טויזענד מאָל שאַרפער ווי אין „ווינשפינגערל".

מענדעלע ברענגט־אַרויף דאָ אַ רייה געשטאַלטען פון זיין אייגענעם אַמאָל, ער שילדערט זיי פאַמעליך, מיט ישוב־הדעת, מיט כוונה, בהדרגה, טריט־ביי־טריט פיהרט ער פאַר אונז דורך שלמה'לען, פריהער אַ יונגעלע, „אַ וואוילס, אַ לעבעדיגס, מיט אַ שאַרף קעפעלע צום לערנען, וואָס איז בעליעבט געווען פאַר זיין לעבעדיגקייט, פאַר זיין פּאַלען אַמאָל אויף קלאָץ־קשיות, און נאָך מעהר פאַר זיינע אָנשטעלען", ס'איז איהם געלעגען בטבע עפּעס אַזוינס אויפצוכאַפּען באַלד ביים ערשטען בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט"... און דערנאָך—שלמה'ן—„אַ בחור'ל מיט שוואַרצע געקרייזעלטע האָר, אַ הויכען שטערען און ברענענדיגע אויגען",—אַזוי בעקענט אונז מענדעלע מיט זיין אייגען לעבען פון קינדווייז־אָן. מיר האָבען אויך דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער ר' חיים—„אַ שעהנער געהויבענער בעל־הבית, אַ פערנעם אין דעם שטעדטעל", און פון שרה,—די מאַמע זיינע, אַן איידעלע, אַ שוואַכע, מיט „ווייסע הענד מיט דינע בלויע עדערלעך, אַ פערפרומט בלייך פּנים מיט דינע ליפּען, איינגעצונען עפּעס אַ רוחניות", און אויך געשטאַלטען פון מערקווירדיגע, בעהאַרצטע יודען מיט יודענעס, וועלכע האָבען מיטגעהאָלפען אויסצוקנעטען דעם כאַראַקטער און די נשמה פון דעם עמפינדליכען שלמה'לע, שלמה—שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

„שלמה ר' חיי'מס" איז דאָס לעצטע ווערק פון מענדעלע מו"ס, זיין שוואַנען־ליד. ער האָט עס געשריבען אין טיעפען עלטער, מיט אַ בעזונדער עפּישער רוהיגקייט און הרחבת־הדעת. עס שטראַהלט אַרויס די הערליכע שטאָלצע פיגור פון'ם גרייז־גרויען קינסטלער, וואָס האָט געזעהן זיין קינדהייט און יוגענד אין אַ נייער געהייליגטער ליכט.

דעם קליינעם שלמה'לען—זאָגט יעקב פיכמאַן — האָב איך

דערקענט דעם 75־יעהריגען ליבטיגען אַלטען מיט דער גרויסער ליעבע צום לעבען און אויך צו די פגימות פון לעבען, מיט'ן אויסערליכען ברוגז'ן אויסדרוק פון א בעשולדיגער און מיט'ן אינערליכען בעהאַלטע־נעם טרויעד פונ'ם אַלפערגעבענדען דיכטער... ווי אַ פערצייטיגער נזיר האָט ער אין דער שטילקייט פון זיין, געצעלט יאָהרען לאַנג אָבגע־ריכט זיינע תפלות און זיך געהיים געריינגט און געלייטערט, און נאָר אויף דער עלטער, ווען דער שנעער קאָפ האָט זיך שין אָנגעהויבען צו בויגען אונטער דער לאַסט פון די זעהונגען, און די אויגען האָבען שוין געקוקט דורך די גאָלדענע נעץ און געלייטערטע רוחניות, האָט אַם ענדע דער גרויסער קינסטלער אין איהם אָבגעהאַלטען זיין פאָל־שטענדיגען נצחון, און די פערגעסענע קינדהייט זיינע האָט אויפגעלעבט אין אַ רייהע פון ריין־עפּישע בילדער בעגאָסען מיט'ן צאַרטען, קיהלען שיין פון די ערשטע מאָרגען־שטראַהלען".

אין דעם איצטיגען באַנד XVIII געהט אריין דאָס ערשטע בוך פון „שלמה ר' חיים'ס". דאָס צווייטע בוך (דער ווייטערדיגער המשך פון „שלמה ר' חיים'ס") קומט אין קומענדיגען באַנד XIX.

ג. מ.

אמר מענדעלי

וואָס מענדעלי מוכר ספרים: וואו איז דען דאָ אַ איד, וואָס קומענדיג פונ׳ם וועג זאָל ער זיין גאַנץ מיט אַלע אברים, נישט פיהלען שטעכעניש אין די זייטען, אין רוקען פונ׳ם זיצען צונויפגעפרעסט אין וואָגען איין פאַרשווין אויפ׳ן אַנדערען. אַ איד, באַלד ביים אַרויפגעהן אין וואָגען, איז ער מפקיר די ביינער זיינע און אויף די פיס איהם מעגען טרעטען ווער עס וויל. מילא דאָס איז דאָך אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, אָבער נישט פאַר איין געדאַכט, רבותי, אַזאַ שרעקליכען וועדטאָג, וועלכען איך האָב געפיהלט אין אַלע מיינע גלידער קומענדיג ביים № ... נאָך אַ לאַנגען שווערען ביטערען וועג דענסטמאָל האָב איך בעשיינפערליך מאַקי אין מיר געפיהלט, ווי אמת זענען די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים אויפ׳ן פסוק „נשיתי טובה״ — נשיתי — איך האָב פאַרגעסען, זאָגען זיי, טובה די טובה, דאָס מיינט מען די באָד — פשוט איז פשוט, אַ באָד ווי עס דאַרף זיין מיט אַלע זיבען זאַכען, מיט די אויבערשטע בענק די ברייטע און מיט די לאַנגע דרענגלען אויף אויפצוהענגען דערויף פלייזדערען, מחילה, זאָקען וכדומה. איך מיט דעם רופא, וואָס זיצט, דאַכט זיך, אין ווינקעלע ביי אַ ברענענדיג ליכטעל, נאָלט און לאָזט בלוט אידישע קינדער. אָט די טובה האָב איך מאַקי נויטיג ווי אין לעבען אַריין בעדאַרפט האָבען אין דער דאָזיגער צייט, נאָר אָך און וועה, אַז די אַלע דאָזיגע גוטע זאַכען, מיט העלבע די קליינע שטעדטלעך אין אונזער ווינקעל זענען געבענשט, איז אין דער ברך № ... ווייס מען דערפון גאָר נישט וואָס צו זאָגען און צוליעב דעם מאַקי אַליין איז דאָס לעבען אין די גרויסע שטעדט גאָר קיין לעבען

נישט, וואָס פאַר אונזערע קאַבצאַנסקער אידען איז עס שווער איבערצוטראָגען.

ווי באַלד איך האָב אַרויסגעזעהן, אַז דאָ קען איך נישט בעקומען די רפואה נאָך מיין פערלאַנגען, האָב איך אָנגענומען מיר דאָס בעקאַנטע מיטעל, וואָס געווענהנטליך אַ איד געברויכט אין אַ נויט=פאַל, דאָס הייסט, איך האָב מיך נישט ווייסענדיג געמאַכט, אַרויסשלאָגענדיג מיר פון קאָפּ די וועהטאָגען, עט, גאָרנישט! און נאָך מעריב בין איך מיר אַרויסגעגאַנגען פון אכסניא צוליעב די געשעפטען מיינע צו זעהן זיך מיט סוחרים, און גלאַט אַזוי מיט אַלטע בעקאַנטע.

אַ שלעכט געוויטער, נישט ווי געווענהנטליך, האָט זיך אָנגעריקט פלוצלינג פון צפון=זייט. אַ חשכות, אַ פינסטערניס, שוואַרצע וואָלקען אַרום און אַרום. אויף מענשען פאַלט אָן אַ מהומה, אַ לויפעניש ווי די דולע. אין אונזערע צייטען האָט בכלל עפּיס דער קלימאַט זיך געענדערט, עפּיס אַ פערדרעהטער, אַ משוגענער וועטער, אַזוי ווי די פאַפירען אויף דער בערזע, וואָס הויבען זיך און פאַלען צעהן מאָל אַ טאָג, און אַזוי ווי דער היינטיגער דור אינגאַנצען, משטיינס=געזאָגט. נאָך ביים סוף זומער איז פלעצליך געוואָרען אַ פערענדערונג אין דער לופט — וואָלקענס, קעלט און ווינד, ניטאָ קיין זון, די וועלט איז וויסט, אַ חשכות איז אויף איהר אָנגעפאַלען. ציגען, צאַפּעס שפּרינגען אין די גערטנער, צעטרעטען און פיהרען=איבער אַלץ וואָס דאָרט געפינט זיך נאָך. עפּיס טאַקי נאָר ווי אַ אָנשיקעניש פון גאָט. חזירים רויען זיך און רייסען אויס מיט'ן וואָרצעל וואו עפּיס אַ שטיקעל גרינוואַרג, אַ תל ווערט פון דעם מענשענס אַרבייט. בוימער פערלירען זייער צירונג — אַ מתנה פונ'ם פריהלינג. אַ צושטאַנד, משטיינס=געזאָגט, ווי מלמדים, אָהן „בלעטלעך“. זיי שאָקלען זיך, פלאַטערען, ציטערען און קלאַפּען זיך מיט די צווייגען אין דעם אויסגעקראָכענעם קאָפּ, נישט צו דערקענען, אַז זיי האָבען געבליהט אַמאָל און געבראַכט גוטע פירות פאַר לייטען אין דער וועלט. דאָס חיה'לע זוכט זיך אַ אָרע ענטרונען צו ווערען אין דר'ערד, די פליעג — אין אַ שפּאַלט ערגיץ אין וואַנד, אַ טייל בריאים פערלאָזען זייערע ערטער און לאָזען זיך וואַנדערען אין עק וועלט איבער די ווייטע ים'ען. עס טרויערט די ערד אין אַ מרה=שחורה רוהט אויף איטליכען, אַלע פיהלען: אַט, אַט, קומט דער ווינטער, דער בייזער פריץ, און וועט פערוויסטען די ערד. ערשט די ימים נוראים געהען אַוועק, די ימים טובים, געלויבט איז גאָט, אויך פאַרביי, און דער ווינטער קומט, נאָר אָבער אָהן מכנור.

נישט מיט קיין שטורעמס, נישט מיט קיין רעש. ער איז גאָר נישט אזא אכזר, אזא בייזער, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, פאַרקעהרט, ער איז גאָר א גוטער, לאָזט זיך דערקענען צו דער ערד מיט זיין ליכטיג פנים. אויפ'ן הארצען ווערט רוהיגער. עפּיס ווי זיס מיט זויער צוזאַמען. דאָס פליגעלע טהוט זיך ווייטער א ווייז, בעוועגט זיך ווי שיכור, אָבטאַנצענדיג א קאַזאַצקע ערגעץ אויף א פענסטער, אויך די מוקען קריכען מחנות=ווייז אַרוים פון זייערע לעכער, פליהען, דרעהענדיג זיך, זזענדיג מיט טענצלעך אין די גאַסען. א אקאַציע ערגיץ אין א גאָרטען איז זיך מישב, נעהמט און הויבט אָן פלוצלינג למזל בליהען, און דער מענש וויל זיך איינרעדען, ווי דער שטייגער זיינער איז, אַז נסים זענען געשעהן אויף דער וועלט, עס וועט, אם ירצה השם, זיין גוט. אביונים פרעהען זיך, קבצנים ווע=רען ביי זיך שטאַרק, א האָפנונג אויף גוטע ליכטיגע צייטען, עס וועט, אם ירצה השם, ווארים זיין. און פלוצלינג גיט רער ווינטער דער וועלט צו זעהן זיינע גבורות, וואָס אווינם ער בעדייט. עס שטורעמט, עס רע=גענט שניי מיט וואַסער אויסגעמישט אינאיינעם, עס קעהרט זיך די וועלט.

דער ווינד לאָזט נישט אָב. שטיקלעך פאַלענדיגער שניי שטעכען ווי נאָדלען מיין לייב. איך בויג אָן דעם קאָפּ, האַלטענדיג זיך ביי דער קאַפּאָטע, די פאָלעס זאָלען מיר נישט אַריבערוואַרפען זיך איבער'ן קאָפּ. און געה מיר אַזוי איינגעדרייקערט אין צעהנטען צו שלמה רב חיים'ס — מיינער גאָר א אַלטער בעקאַנטער.

אָט דער שלמה מיינער האָט געוואוינט אַמאָל אין גלופּסק, און די גלופּסקער האָבען איהם אויסגעהאַלטען בכבוד גדול. נישט זיי האָבען זיך אויסגעבראַכט אויף איהם מיט געלד, חס=ושלום! נישט איין גראָשען אפילו. וויל ביידע אויגען וואָלט זיך א גלופּסקער געלאָזט אויסנעהמען פאַר א גראָשען, סיידען מען רייסט איהם נישט פאַר דער פאה. ראשית חכמה איז ביי איהם די מטבע, זי מאַכט איהם פאַר א גאַנצען יש, פאַר אַנ'ערצי=מחוצף=פנים, פאַר'ן גאַנצען פיהרער און דעה=זאָגער אין קהל. נאָר וואָס דען?! רב שלמה איז א שרייבער, א מחבר הייסט דאָס, האָבען די גלופּסקער איהם געדינט פאַר א קרעניצע צו זיינע מעשיות, דאָס הייסט, ער פלעגט זיך גוט צוקוקען צו די גלופּסקער, בעטראַכ=טענדיג זייערע אַלע מעשים, ווי דער שטייגער איז פון די נאַטורפאָר=שער, וואָס זיי בעטראַכטען די טבע פון די בעשעפעניש און רעדען איבער „שקצים“, רמשים און איבער אַלע מיני חיות און בהמות. און בעקענע=

דיג זיך מיט דער טבע פון די גלופסקער ברואים, מיט זייער שטייגער לעבען, מיט די אַלע גענג און אויפפיהרונג זייערע, פלעגט ער זיי דער־נאָך בעשרייבען, אַ נידערשטעלענדיג אַ בילד אַ וואונדער־שענס מחיה נפשות, וואָס פלעגט האָבען אַ שאַרפען אָבגאַנג צווישען אידען, און דערפון האָט ער געהאַט נישקשה׳דיג זיין אויסקומעניש.

אין פלוג דאַכט זיך, האָט זיך די גלופסקער גאָרנישט געקענט עפענען אַ מויל פאַראיבעל צו האָבען אויף איהם דערפאַר, וואָרום וואָס אַרט דאָס אייך, אַז דער האָט אַ נוצען און איהר דערלעגט גאָרנישט דערבײַ. דאָך — הערט אַ מעשה! זענען זיי דערפון נישט צופרידען געווען, טאַקי נאָר מעשה סדום, — פאַר וואָס? ווייסען מיר נאָך ניט ביז היינט. עס איז דאָ אפילו אַ בפירוש׳ער דין אַנגעגען אַזאַ מעשה רע. בית דין איז טאַקי אייגענטליך מחויב געווען נויטען זיי דערצו, פערשטאָפּען זיי די מיילער מיט געוואַלד, בינדען זיי אויף אַלע פיער ווי די בהמות, און אַנידערלעגען זיי פאַר איהם, נאַ, שרייב! מאָל זיי אָב פון דיין הנאה וועגען און פון דעם עולם׳ס הנאה וועגען. נאָר ער אַליין האָט זיך שוין אָבגעשאָקעלט פון זיי, פאַר וואָס? ערשטענס איז טאַקי אַ צער בעלי חיים, מען טאָר נישט מצער זיין אַ לעבענדיג בעשעפעניש, אפילו אַ פלוי נישט, און צווייטענס איז איהם טאַקי פשוט נמאס געוואָרען האָבען צו טאָן שטענדיג מיט די גלופסקער. קרעפּלעך עסט זיך אויך צו. און דריטענס אַלע זאַכען מוזען דאָך עפּיס האָבען אַ עק.

רב שלמה האָט זעהר גוט אַרויסגעזעהן, אַז די דאָזיגע קרעניצע, פונוואַנען ער שעפּט, האָט אָנגעהויבען, מחילה, אונטערצועיפּוש׳ען און ווימלען מיט מיני קליינע בעשעפענישלעך, וואָס איז נישט כדאי מיט זיי זיך אָבצוגעבען, און געהערט האָט ער אויך, אַז ס׳האָבען זיך געוויזען גאָר נייע מאָדנע מיני ברואים׳לעך, אויפ׳ן קוק, דאַכט זיך, ווי די אַלטע, און פאָרט אַנדערש, עפּיס מיני חאַמעלעאָנען אַזוינע, נאָך נישט גוט אויסגעפאָרשט לעת עתה, ווער און וואָס זיי זענען, ס׳איז צו האָפען, אַז מיט דער צייט וועט קומען דער געלערענטער מאַן, וואָס איהם וועט בעשערט זיין זיי גוט אויספאָרשען און בעקאַנט מאַכען מיט זיי די וועלט, דעריבער האָט רב שלמה מפקיר געווען זיינע גלופסקער און איז פון זיי אַוועק.

צו האָט רב שלמה זיך אָבגעגעבען מיט די נייע מאָדנע ברואים און איהם איז געראָטען גוט זיי אויסצולערנען, דאָס ווייס איך נישט. מעגליך אַז זיי זענען איהם אויך נמאס געוואָרען און ס׳וואָלט איהם גלייַ־

בער געווען אָבצושינדען אַ נבלה איידער מיט זיי האָבען צו טאָן. נאָר דאָס וויים איך בעשטימט, אַז ער האָט דאָרטען היינט אין №... אַ איי- גענע שול פאַר יודישע קינדער.

נאָך אַזאַ שווערען גאַנג אין רעגען, אין שניי און טאַפּענדיג אין דער פינסטער אַ טיר, בין איך אַריינגעגאַנגען מיט דעם איבערשטענס הילף מיט גרויס אָבשיי אין אַ הויז. ס'פערשטעהט זיך, אַז איך בין אַריין הינ- טען-ארום דורך דער קיך, ווי דער שטייגער איז ביי אַ אידען, וואָס וויים דרך ארץ.

דער אַריינגאַנג פון אַ אידען אין אַ טיר איז, ווי דער שטייגער איינער איז, שטיל, געבויגען מיט הכנעה, מען זאָל דאָס הערען עפּיס אַ שאָרך. און פּלוצלינג וואַקסט ער אויס פאַר'ן בעל-הבית ווי פון דר'ערד, עפּיס גאָר טאַקי אַ בער, „וואָס טהוט טאָן לוגען צו זיין פערצוקונג", צו דערטאַפּען איהם פּלוצלינג, איידער ער וועט האָבען צייט פון איהם ענט- רונען צו ווערען.

דער דאָזיגער אידישער שטייגער — דאָס איז אַ זכר צו דער בי- טערער אָרימקייט אין גלות פון אייביגע צייטען. זינד קבצנים האָבען זיך אַ וויז געטאָן ביי אונז אַזוי, אַז די נעהמער זענען מעהר פאַר די געבער, האָבען זיי אָנגעהויבען געברויכען ביים זוכען זייער ברויט, געהענדיג איבער די הייזער, די אַלע קונציגע איינפאַלען פון די יעגער אויף דער יאַגד, אַלץ הינטען ארום, שטיל, עס זאָל נישט איבערבלייבען קיין צייט אויף ראַטעווען זיך דעם בעל הבית, נעבעך, וואָס ציטערט אַזוי איבער זיין געלד. און דער דאָזיגער שטייגער אַריינגאַנג, וואָס איז אַ ירושה פון יורות, איז געבליבען ביי אונז ביז היינט.

שטעה איך מיר אַזוי אַ ווילע אין פאָדער-חדר זעהר שטיל, טאַ- פּענדיג זיך ביי דער קאַפּאָטע, ביי די פאות, אונטערהויבענדיג אַביסעל דאָס הימעל אויפ'ן קאָפּ, גוט אויסצוגלייכען די יאַרמולקע אויף איהם, ווי דער סדר העולם איז, און אגב טאַקי חאַפּ איך אַ קוק אין דעם צימער מיר אַנטקעגען. מענשען זיצען דאָרט ביי אַ לאַנגען טיש, וואָס איז בע- דעקט מיט אַ ווייסען טישטוך — אַ גרייז גראָהער מאַן זיצט אויף אַ שטוהל אויבענאָן, דריי מאַנסבילען פון איין זייט טיש, אַ שענע אידענע מיט מיידלעך פון דער אַנדערער זייט. אויף אַ קליין טישעלע שטעהט אַ זידע- דיגער סאַמאָוואַר, אַרויסלאָזענדיג פון זיך גאַנצע ווילען גראָהער פּאַרע, וועלכע רוימלען זיך ביים שיין פון דעם היינגלאַמפּ. אַ ליבער מחיה'דיגע

הארימקייט און ליכטיגקייט איז אין דעם הויז. מען טרינקט טיי, שמועסענ־דיג איינער מיט דעם אנדערען מיט גרויס הנאה.

אז איך האב מיך גוט צורעכט־געמאכט אין פאדער־חדר, בין איך אריין אהין אין זיין צימער און געבליבען שטעהן בײ דער טיר שטיל שווייגענדיג.

— ווער איז? ווער איז דא? רופט זיך אן דער אלטער נישט ריהרענדיג זיך פונ'ם ארט.

— גארנישט... א איד איז דא... גוטען אווענד! — ענטפער איך מיט א האלבען מויל, שטעהענדיג אלץ טאקי נעבען טיר.

— וואס זאגט ער דארטען? — פרעגט דער אלטער פערוואונדערט אויפשטעהענדיג שוין פון ארט, און לאזט זיך געהן צו מיר.

— וואס ער זאגט?... גארנישט... „גוטען אווענד" זאג איך.

— „גוטען אווענד" איז זעהר שען, זעהר גוט, אבער, איך בעט אייך, רב איד, וואס ווילט איהר?

— וואס וויל איך? גארנישט וויל איך... אזוי זיך... אריין, אז יא אזוי, איך האלט שוין אין געהן, טראכט איך מיר, כדאי ארייַנצו־געהן זעהן זיך מיט א אלטען בעקאנטען. וואס מאכט איהר, רב שלמה, אזוי שוין א צייט מיט יאהרען, אז מיר האבען זיך נישט געזעהן, מיר זענען ביידע אלט געווארען אין דער צייט. די האר צייערע זענען שוין גאר חיים געווארען. פונדעסטוועגען האט איהר זיך קיין סך נישט פאר־ענדערט, איך האב אייך באלד דערקענט, אין דעם הויכען שטערען און אייער קורצע ראיה, די זעלבינע אויגען די פייערדיגע, די זעלבינע ליפען, אויף וועלכע צארן מיט שמייכעל שוועבען אינאיינעם, דער זעל־בינער ברען און דאס זעלבינע מאכען מיט די הענד ביים רעדען אזוי ווי אין דער יוגענד. איהר זייט איין אלט־אינגעל, איך בעט איבער אייער כבוד! נו, און מיך, מיך דערקענט איהר ניט? — זאג איך מיט א זיס־פריינדליך שמייכעלע, אויסציהענדיג זיך פאר איהם ווי גרויס איך בין, אנגעהטעענדיג זיך פאר'ן בערדיל.

— הא, ווארט נאר, ווארט א ווײלע — זאגט רב שלמה שארף אנקוקענדיג מיך — א, דערקענט: רב מענדעלי... אך, ליעבער פריינד רב מענדעלי מוכר ספרים! ברוך הבא! וואס זשע זייט איהר אזוי שטיל אריינגעקומען אין דער פינסטער דורך דער קיך, און שטעהט דא בײ דער טיר?

— וואס הייסט, מען האט רען בעדארפט קלינגען אויף אלע גלע־

קער? נעהמט נישט פאַר אומגוט, רב שלמה, וואָס איך האָב מיט די שיך אריינגעטראָגען בלאָטע אין שטוב.

— עס מאַכט נישט אויס, בלאָטע, דאָס איז ביי אונז אידען אַ זכר לטיט פון מצרים אָן — ענטפערט רב שלמה אָננעהמענדיג מיך פריינדליך ביים אָרעם און שנ״עלט מיך פאָר איטליכען אין הויז, אָנ־רופענדיג בײַ די נעמען די דריי מאַנספּאַרשוינען, און זאָגט: דאָס זענען אידישע שרייבערס, מיינע גוטע געטרייע פריינד.

— אידישע שרייבערס און געטרייע פריינד! — וואונדער איך מיך שטאַרק ביי מיר. אַ בייסעניש, אַ רייסעניש פון קעץ אין איין זאַק איז מיר צונלייך געקומען אויפ׳ן געדאַנק און איך האָב משונה פערדרעהט די נאָז.

איך זעץ מיך ביים טיש און מען שטעלט פאַר מיר אַ גלאָז טיי. דאָס געשפרעך צווישען דעם עולם קלעפּט זיך עפּיס נישט, נישט אַזוי לעבעדיג־הויך ווי פריהער, און באַלד ווערען אַלע ענטשוויגען, ווי עס נעהמט זיי אָב דאָס לשון, אַזאַ שווייגען מאַכט זיך געוועהנטליך אָפּט אין אַ געזעלשאַפט, ווען עס קומט אַ נייער פאַרשוין. אין דעם שווייגען הערט זיך אַ שטילעם בילען פונ׳ם בייזען הונט, וואָס ליעגט אינוועניג אין אונז מענשענס. דאָס בעדייט: חשד, נישט־צופרידענהייט, פיינדשאַפט, אַ אָנצו־הערעניש יענעם אויפ׳ן וואונק: טראָגט זיך, פעטער, צו אַל־די רוחות און לאָז מען פון אייך פטור ווערען.

גוטהערצעדיג בעגעגענען איינע די אַנדערע נאָר בהמות. אַ בהמה, אַ שטיינער, שטעהט זיך ביים צעבער, קומט אָן אַ צווייטע און שטעקט אריין דעם קאָפּ אַהין אין צעבער, — מילא גאָרנישט, שטעהען זיך ביידע און עסען רוהיג, גאָר פריינדליך. וואָס איז זיך דאָ צו וואונדערן וואָרום דערויף איז זי דאָך אַ בהמה, אַ גראָבע, אַ נידעריגע בעשעפעניש אָהן פערשטאַנד...

נישט אָבער אַזוי זענען מענשען, זיי האָבען דאָך שכל, זענען דאָך קלוגעטשקע, בעגעגענען זיי איינער דעם אַנדערען מענשליך, אויף זייער שטייגער. אַט דער מין שווייגען איז זעהר נישט איינגענעהם דעם ניי־אַריינגעקומענעם. ער בלייבט צומישט, פערלירט די שליטה איבער זיך, איבער אַלע זיינע גלידער. די הענד, די פיס, די אויגען בעהעגען זיך עפּיס משונה אָהן זיין וויסען. די נאָז שטעהט פול ווי אַ רינשטאָק מחילה, און ווייסט נישט, וואָס מיט דיר צו טאָן. ס׳איז נישט גרינג שווער ווי אַ שטיין אויפ׳ן האַרצען.

לאנג לעבען זאל רב שלמה, וואס ער האט זיך דערבארימט און ריידענדיג געמאכט די געסט, אבי א אנהויב, איז שוין דאס ווייטערדיגע געגאנגען ווי א מזמור, געגערדט הויך אויף א קול. דאס איז דאך ידוע, אז מחברים זענען גרויסע פלוידערזעק, ריידען מעהר ווי ווייבער. ווי באלד עס עפענט זיך זיי דאס מויל, שיטען זיך רייד, ווי פון א לעכער־דיגען זאק. איך האב אויך געעפענט מיין מויל און האב געוויזען, וואס איך קען, גערעדט אהן אויפהער. דאס איז זיי געפעלען געווארען, און מיר זענען געווארען באלד, ווי עס פיהרט זיך ביי יודען, אמת׳ע ידידים... גוטע ברידער, הייסט עס.

— נחזור לענינינו — האט רב שלמה זיך אנגערופען — לאמיר זיך אומקעהרען צו אונזער פריהערדיגען שמועס. פאר רב מענדעלען איז זיך נישטא וואס צו שעהמען, ער איז דערין זעהר געניט, ער איז א בקי אין דעם דאזיגען ענין... אדרבה זאל ער הערען און זאגען זיין מיינונג.

— וועגען וואס איז דא דער שמועס? וועגען וואס האמפערט מען זיך דא אזוי? פרעג איך שוין מיט א רוהיג געמיט

— וועגען וואס האמפערען זיך מחברים? — ענטפערט רב שלמה — וועגען שרייבערס און ביכער! זאגט איהר, רב מענדעלי, וואס פאר א מין זאך איז עס דאס שרייבען, וואס שטעקט דערינען אזוינס? אט דאס איז דער תוך פונ׳ם ענין, וועגען וואס מיר האבען זיך דא פריהער געשפארט.

— וחכמים אומרים, און וואס האבען זיי געזאגט? גיב איך אב כבוד די געסט, זיי זאלען זאגען פריהער זייער מיינונג וועגען דעם

— דאס איז א געטליכער גייסט אין דעם מענשען! — זאגט איינער פון די מחברים און א צווייטער האט איהם צוגעבאמקעט.

— און איך זאג — רופט זיך אן א דריטער, אז דאס שרייבען איז א זאך, וואס מוז האבען פארברייטונג און קענטעניש. וועד עס האט א מח און בילדונג, יענער שרייבט.

— דאס שרייבען — לאז איך מיך הערען מיט א ווארט, אזוי אז דעם עולם זאל עס אויפפאלענד זיין — דאס שרייבען איז נישט מעהר ווי א שגעון, א מין שלאפקייט, אזוי ווי, למשל, די תאוה ביי א סך יודען צו שטעלען זיך דאווענען פאר׳ן עמוד, כדי ארויסצווייזען פאר׳ן עולם דאס קול־נגינה זיינע.

— רב מענדעלי וויל אַלץ מבטל זיין! מאַכט ר׳ שלמה צולענדיג אַ פינגער צו דער נאָז, ווי ער בייזערט זיך בלומרשט, און דאָס פּנים זיינס שמייכעלט דערביי — לאָזט זיך דינגען, רבותי.

— איך וויל ניט אַריין אין די הויכע דרכים איבער דעם ערשטען חלק פון דער שאלה, איבער וועלכער מיינע חברים האַמפּערען זיך — וואָס דאָס שרייבען איז אַזוינס? איך וועל נאָר זאָגען מיין מיינונג אויף דעם אַנדערען חלק פון דעם ענין: צו וואָס דאָס שרייבען איז? האָרכטשע. דעם מענשענס פערשטאַנד איז דאָך דער מקור פון אַלע געדאַנקען, די געדאַנקען אָבער ווערען נישט רעכט פאַרטיג, קלאָר, ווי עס געהער צו זיין, סיידען נאָר דורך דער שפּראַכע. מיט איהר הילף נעהמען זיי אויף זיך לייב, בעקומען זייער געהעריגע צורה. אין דערינען בעשטעהט טאַקי דעם מענשענס מעלה, וואָס ער קען רעדען. און היות דאָס רעדען מיט'ן מויל אַרבייט אויס, ווי אַ קינסטלער אַ מאַלער, די געדאַנקען פונ'ם גייסט אין זייער קערפּערליכער געשטאַלט; דעריבער דאַרף עס אויך האָבען מיטעל דערצו, וואָס זאָלען איהם שטעהן צו הילף, די אַרבייט זאָל זיין ריכטיג, מייסטעריש גוט. און אַזאַ מיטעל איז דאָס שרייבען, אָדער די שריפטליכע שפּראַכע. דער שרייבער איז מעהר מקפיד אויף זיין שפּראַך, ווי דער וואָס רעדט. ער זוכט, קלייבט צו די פּאַסענדיגע ווערטער, זעצט זיי ווי פּערעל איינס צום אַנדערען מיט ישוב הדעת, מיט דער כונה, אַז דער גייסט און די צורה זאָלען, ווי די נשמה מיט'ן גוף, פּאַסען איינער צום אַנדערען, נישט מעהר — נישט ווייניגער וויפיעל מען בעדאַרף. בכן קומט אויס, אַז דורך דער שריפטליכער שפּראַכע פערבעסערט זיך מיט דער צייט דאָס רעדען מיט'ן מויל. קלערער ווערט דער געדאַנק, און גרעסער דער פערשטאַנד.

— דאָס אַלסדינג איז נישט פאַר אונז געזאָגט געוואָרען, — איז אַרויס מיט אַ קריטיק איינער פון דער חברה, — געהט טאַפּט איבער אינגאַנצען די היינטיגע ליטעראַטור אונזערע, משטיינס געזאָגט, וועט איהר מעהר נישט געפינען נאָר לשון, אַ מוסר־זאָגען, עצות, פּלפּול, בויך־סברות, גוזמאות; ווילדע שבחים און משונה'דיגע זידלערייען — אַלסדינג טאַקי נאָר ווי ביי בטלנים אין בית המדרש אונטער'ן אויווען, און דאָס ווייזט אויף דעם דלות אין געדאַנקען און די אָרימקייט אין געפיהלען. לא די וואָס דער קאָפּ איז נישט פרוכטבאַר, ברייננט נישט אַרויס קיין שום נייס, קיין שום לעבעדיג געדאַנק, ער פיהלט אַפילו נישט, וואָס עס געהט איהם אָב. דעריבער איז דער מינדסטער אפילו

פון די שרייבער בײַ זיך אַ גדול, קליגער פון דער גאַנצער וועלט, בײַ איהם איז אַלץ איך און איך... אַט אַזוי זאָג איך, אַזוי מײן איך, און אַזוי ראַט איך... אַלע זענען בײַ זיך פעררים׳עָן. ווילדע מוסר-זאָגער, משונה׳דיגע ערפינדער, גרויסע בעלי-עצות, מיניסטער-קעפּ, איטליכען בע-זונדער גלוסט זיך אַ באַרג סיני, שטעהן אויף איהם און אַראָבשרײַען פון דאָרט זײַנע געבאָט, וואָס הויבען זיך אָן מיט „איך" און לאָזען זיך אויס מיט „איך".

— אי, אי, אי! — שלאָג איך אָב דעם קריטיקער אַזוי שטאַרק, בײַ מיר אפילו האָב איך געוואוסט, אַז ער איז גערעכט, דאָך האָב איך מיך געעקשנ׳ט, געלייגט, זאָל נישט אויסגערעדט זײַן, פאַר׳ן כבוד פון אונזערע אָבגעפּײנטע חכמים, זאָלען געזונד זײַן.

— די שרייבער איז בײַ אונז — טרעט אַרויס מיט אַ קריטיק נאָך איינער פון דער חברה — זיי שרײַבען נישט קיין וויסענשאַפטליכע זאַך גופא, נאָר וואָס? איבער דער דאָזיגער זאַך. דאָס הייסט, זיי שטראָפען אַנדערע, ווערטלען זיך, און בעווייזען, אַז ס׳איז נויטיג, אַז מען זאָל עס שרייבען. אין דעם ענין אויך, מיט וועלכען זיי בעשעפטיגען זיך, הויבען זיי נישט אָן צו וויסען און ווילען נישט וויסען, וואָס מען האָט איבער דעם שוין פריהער געזאָגט. איטליכער איז זיך אַ אדם הראשון, אָנהויבענדיג פון בראשית, דער אלף-בית חזר׳ט זיך תּמיד איבער אויף דאָס ניי. די פריהערדיגע חכמים אונזערע ווערען נישט געדאַכט, עס בלייבט בײַ אונז פון זיי קיין זכר נישט. אויך די געשעהענישען אין אונזערע צייטען פערשווינדען ווי אַ חלום, פיעל געשעהענישען ווערען נישט פערשריבען אין אונזער צייט דעריבער נאָר, וואָס מען רעדט זיך איין אַ נאַרישקייט, אַז דאָס איז אַ אַרבייט פאַר דעם געשיכטע-שרייבער אין דעם שפּעטערדיגען דור, ער וועט ערשט קענען צענעהמען די זאַכען ווי דער ריינער אמת, אָהן קיין שום פּניות. נאָר דערווייל, ביז וואַנען דאָס וועט זיין, איז פיעל געשעהענישען פון אונזער צייט געהען פערלאָרען און, העט, העט, אין אַ צייט אַרום, אַז עס וועט אויפשטעהן בײַ אונז אַ אַלטערטומס-פאָרשער און וועט ווּעלען אויפבויען אַ בנין פון די איבערגעבליבענע צו-וואָרפענע שטיקלעך מאַטריאַל, משמיינס-געזאָגט, — וועט איהם מעהר פעהלען ווי ער וועט האָבען, און אײנגאַנצען וועט עס זײַן אַ בנין אויף הינערשע פיסלעך, סיידען אַז מען זאָל גלויבען, אַז אידישע געשיכטע-שרייבער זענען נביאים, זעהען בנבואה דאָס וואָס אַ מאָל איז געשעהן, און מאַכען פון גאָרנישט אַ זאַך. ווענינגסטענס איז גענוג, אַז מען זאָל זיי

געבען דאָס לעכיל פון אַ נאָדעל, און דעם העלפאַנד אויף דורצופיהרען איהם דורך דעם לעכיל װעלען זיי שוין אַליין בעשאַפען, אָבער גאָט װייס, אויב אַזעלכע װעלען גאָר זיין אין די שפּעטערדיגע דורות. נאָר אָבער אַ היסטאָריקער מיט אַ מענשליכען פערשטאַנד שפּעטער, ער װעט בעשולדיגען די אידישע שרייבער אין אונזער צייט, און זיי שימפּפען, פאַר װאָס זיי האָבען נישט געברויכט דאָס לעבען פון׳ם פאָלק פאַר אַ מאַטריאַל אין זייערע ספרים, נית אָנגרייטענדיג געגוג שטאָף אויף צו בויען פאַר יענע, װאָס װעלען קומען נאָך זיי, און האָבען זיך נאַריש געמאַכט מיט „מאמרים“, מיט פּלפּולים, מיט ויכוחים, מיט ביי-זאַכען, און מיט פאַנטאַזיעס, װאָס נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. און אַממיינסטען װעט דאָס נישט געשענקט װערען יענע, — האָט ער צוגעגעבען צו זיינע רעד מיט אַ װאונק טייטענדיג אויף רב שלמה׳ן מיט׳ן פינגער — יענע שרייבערס פון אונזער איצטיגער צייט, װאָס קענען גוט דאָס פאָלק, אויסגעבונדען פון קליין ביז גרויס און װייסען אַלע געגג זייערע, און האָבען זיך געפוילט דאָס אָנצושרייבען.

— רבותי, רב מענדעלי ציטערט, ער האָט מורא, איהר זאָלט איהם נישט פאַרברענען מיט׳ן מויל! — זאָגט רב שלמה מיט אַ שמייכעלע, זעהענדיג װי איך בין צומישט פון יענעמס װערטער, און מינע מיך שטאַרק פאַר גרויס פערוואונדערונג — נישקשה, רב מענדעלי! אָהן סכנות. מחברים װען זיי זיצען און לאָזען זיך אַריין אין אַ שמועס, ברענט אַרום זיי אַ העליש פייער, עס ברענט, אָבער פאַרברענט װערט קיינער, חלילה, נישט. דאָס זידט אין זיי דאָס בלוט, תלמידי חכמים צופלאַקערען זיך אפילו גאָר אין אַ געװעהנליכען שמועס, עס פליהען װערטער פייערדיגע װי גליהענדיגע קויהלען. איך קען אייך, מיינע חברים, איך װייס, אַז איהר זייט אין הארצען גאָר נישט אַזוי שטרענג װי איהר רעדט מיט׳ן מויל. אויך נישט אַלע שרייבערס, חס ושלום, האָט איהר דאָ געמיינט, נאָר אַ טייל פון זיי, און אויב היינט זייט איהר שטרענגער װי תמיד, װייס איך, פונװאַנען דאָס קומט: עס איז היינט אַ צייט פון געװיטער, עס קעהרט די װעלט. אַ שרעק! דערפאַר זייט איהר היינט מעהר אויפגערעגט. אַ ראיה האָב איך פון זיך אַליין, איך בין היינט צורודערט און אויפגערעגט, עס איז נישט קיין עת-רצון, ברידער! אויך דאָס װייס איך, אַז צװישען יענע, װעלכע עס װעט נישט געשענקט װערען שפּעטער — װי אונזער חבר האָט געזאָגט, — דערפאַר װאָס זיי האָבען זיך געפוילט בעשרייבען אונזער לעבען, אין זייער צייט, מיינט מען מיך אויך, נור

מיר קען דינען פאַר אַ פאַרענטפערונג דאָס, וואָס ס'האָט מיט מיר זיך געטראָפען פונקט אזוי ווי מיט מחמד'ס אָרון, וואָס הענגט, ווי מען זאָגט, אין דער לופט, ווייל צווי מאַגנעטען ציהען איהם פון אונטען און פון אויבען — איינער אהער און איינער אהין, און דערפאַר...!

רב שלמה האָט אָבגעהאַקט אין מיטען שמועס, דערפיהלענדיג אַ קאַלטען שטראָם ווינד, וואָס האָט פּלוצלים זיך אריינגעהאַפּט אין צימער אריין, שיער נישט אויסלעשענדיג די לאָמפּ, און עפּיס אַ געשפּריך, אַ געטימעל צווישען דעם הויזגעזינד אין פאָדער-חדר. רב שלמה'ס ווייב און טעכטער האָבען באַלד נאָכ'ן טיי-טרינקען זיך געפיהלט איבעריג, אין דער געזעלשאַפט פון מאַנסבילען, וואָס רעדען דברי תורה. זענען זיי אויפגעשטאַנען און אַרויס פונ'ם חדר.

די ווייבער פון תלמידי חכמים האָבען אַ ודאי אַ גרויסען חלק לעולם הבא, ווייל דאָ, אויף דער וועלט, ביי זייערע מאַנען, האָבען זיי נ"ר נישט און פיעל זאַכען איז ביי אַ תלמיד חכם פאַרקעהרט ווי ביי אַ געוועהנליכען מענשען. אַ געוועהנליכער מענש רעדט זעהר פיעל מיט זיין אייגענער ווייב, און אַ פּשיטא שוין — מיט אַ פרעמדענס. און אַ תלמיד חכם איז אפילו מיט זיין אייגענער ווייב רעדט ער אויך נישט. אַ געוועהנליכער מענש אויפ'ן שפּאַציר אויף דער גאַס — געהט ער פּאַמעליך איהר ביי דער זייט, און ביים אריינגאַנג און ביים אַרויסגאַנג נאָך איהר. און אַ תלמיד חכם שפּאַנט, לויפט פאַר'ן ווייב און ביים אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג פאַרכאַפּט ער זיך געהן פאָראויס. אַ געוועהנליכער מענש טהוט אָן דאָס ווייב דעם מאַנטעל און בעדינט זי, און אַ תלמיד חכם איז דאָס ווייב מהוט איהם אָן און בעדינט איהם. אַ געוועהנטליכער מענש, אַז ער פאַרבעט צו זיך געסט אויף אַ קערטעל, איז ער מצרף זיין ווייב צום מנין און זי שפּיעלט אינאיינעם מיט זיי אַ גאַנצע נאַכט, און אַ תלמיד חכם אַז די חברים זיינע קומען צו איהם, איז דאָס ווייב זיינס טראָגט זיי אונטער גלעזער טיי און בעדינט זיי, און ווי באַלד זי האָט זיך אָבגעפּאַרטיגט, איז שוין פאַר איהר מעהר קיין אָרט נישטאָ צווישען זיי, און זי געהט געשווינד אַוועק.

און דאָס איינענע טאַקי איז געוועזן מיט רב שלמה'ס ווייב אין טעכטער זיינע. מיר תלמידי חכמים זענען זיך געוועזן פערטאָן אין אונזער זאַך אזוי, איז מיר האָבען זיך אָן זיי גאָר פאַרגעסען, נישט בעמערקענדיג, אויב זיי זענען דאָ אָדער נישטאָ. ביז עס האָט זיך דערהערט זייער קול אין פאָדער-צימער און דערפיהלט אַ קאַלטער שטראָם, וואָס

האָט זיך אַריינגעריסען אַהין אין שטוב אַריין, מיט אַ קלאַפעריי אין די טירען, האָבען מיר זיך אויפגעחאַפּט — ווי פון שלאָף. נאָך אין אַ ווײַלע איז אַריין איינע פון די טעכטער און געזאָגט דעם פאָטער אויפ'ן אויער:

— טאַטע, עפּיס אַ בחור איז געקומען. ער בעט זיך איבערנעכטיגען די נאַכט אין דער שולע.

— וואָס? אַ בחור פון דער גאַס און בעט זיך נעכטיגען! — מאַכט רב שלמה בייז און פערוואונדערט — ס'איז נישט אומזיסט, דאָ מוז עפּיס זיין, וויפיעל גנבות און נאָך אַזעלכע זאַכען קומט פאָר אין שטאָדט דורך אַזעלכע אָנשטעלען, — זאָל ער אַריין!

אַ אָרים בחור, פון אַ יאָהר זיבענצעהן, אַ דערשלאָגענער, האָט זיך שעמעוודיג געוויזען אין דער טיר. דאָס קאָפּאָטקעלע זיינע, אַ צוריסענע, אַ געלאַטעטע, דורכגענעצט פונ'ם רעגען, טרייסעלט זיך און שטעהט אַראָבלאָזענדיג די אויגען.

— פונוואַנען קומסטו, בחור? און וואָס ווילסטו אין האַלבע נאַכט — פרעגט רב שלמה מיט כעס.

— איבערנעכטיגען — שטאַמעלט דער בחור שטיל — איך בין דאָ אַ פרעמדער.

— וואָס הייסט, אַ הכנסת אורחים איז ביי מיר אין מיין שולע — האָט זיך געוועריטעלט ר' שלמה — איך פערשטעה אַזעלכע אָנשטעלען, געה דיר געזונטערהייט!...

אַזוי ווי דער בחור איז אַריין שטיל, אַזוי איז ער אַרויס שטיל, אָנבויגענדיג דעם קאָפּ נישט צו רעדען אַ וואָרט, נאָר אַ בליק געטאָן אויף אונז מיט די אויגען. — און אוי, רבונו של עולם! וויפיעל יסורים, צרות און פורעניות, וויפיעל האַרץ, געפיהל און געבעט האָבען זיך אויסגעדריקט אין דעם דאָזיגען בליק!...

רב שלמה איז געבליבען זיצען פערבליפט נאָך דעם בחור'ס אַוועקגאַנג, פערטראַכט און פערזאָרגט. דאָס פּנים זיינס האָט זיך פערענדערט, אַזוי אַז איך האָב נישט דערקענט דעם רב שלמה'ן, וואָס איך האָב ערשט נישט לאַנג געזעהן. פאַר מיר זיצט אַ אַלטער, אַ שוואַכער, גאָר אַ צובראָכענער שאַרבען, און דאָס געזיכט שטאַרק צוקנייטשט.

אויף אונז איז אויך אָנגעפאַלען אַ מרה־שחורה, דער גענעצט, דער ניסט, און קיינער רעדט אַ וואָרט נית.

אין דרייסען שטורעמט, דער ווינד קלאַפּט אין די פענסטער,

בלאָזט אין די שפּאַלטען, בלאָזט און היילט אין די קוימענס און רייסט, אַריינצוחאַפּען זיך אין שטוב אַריין

זענען מיר אויפגעשטאַנען, אַרויס פון שטוב מיט אַ שווער געמיט, און צוגאַנגען זיך איטליכער צו זיך אַ היים.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָבען מיר זיך פערזאַמעלט נאָך אַ מאָל ביי רב שלמה׳ן אין אָוועגד. רב שלמה האָט געפיהלט קאָפּווערטאָג, און ער איז דעם גאַנצען טאָג נישט אַרויס פון זיין צימער. דאָך איז דאָס ווייב זיינס אַריינגעגאַנגען צו איהם זאָגען, אַז מיר זענען געקומען, און באַלד טאַקי האָט ער אונז פאַרבעטען צו זיך. דאָס צימער איז נישט אַזוי גרויס און ס׳איז דאָרטען עפּיס אַ נחת, ריין ציכטיג אין אַלע ווינקעלעך, די ווענד און מעבעל, און די שאַפּעס ביכער, זאָגען: אַז דאָ וואוינט אַ תלמיד חכם. רב שלמה זיצט אָנגעלעהנט ביים שרייבטיש פערטיעפט אין די געדאַנקען מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען, פאַר איהם ליעגט אַ בויגען פּאַפּיר פערשריבען און געמעקט אין פיעל ערטער, אויך אַ פען נאָך נישט רעכט אָפּגעטריקענט פונ׳ם טינט. ביים אַריינגאַנג, האָט ער תחילת אונז נישט בעמערקט. דערנאָך האט ער זיך אַ חאַפּ געטאָן און האָט אונז צוגענומען פריינדליך.

מיר האָבען מקיים געווען אין איהם די מצוה פון בקור־חולים, ווי דער שטייגער פון אַ אידען איז. דער שטייגער איז ביי אידען, אַז זיי קומען מבקר־חולה זיין, לאַכען זיי אויס פאַר ליעבשאַפט דעם קראַנקען מיט דער קראַנקהייט, אַז ס׳איז נאָר אַ אַיינרעדעניש, בכדי מען זאָל איהם פערגרינגערן דעם וועהטאָג. מען זאָגט איהם אויך מוסר איטלי־כער אויף זיין גאַנג. איינער זאָגט: ווי נעהמט דאָס אַ איד, דאַכט זיך, אַ קלוגער, האָט אַ ווייב מיט קינדער, זאָל זיך נאַריש מאַכען, זיך אַנידער־לעגען קראַנק. ווי געשיקט זיך עס! דער צווייטער זאָגט: כ׳לעבען, חאַרף אָועק דיינע וועהטאָגען, טהו אַ שפּיי אויף דער קראַנקהייט, בעסער האָב אין זינען, אַז ביי דיר איז דאָ אָהן עין הרע דערוואַקסענע טעכ־טער, און זעה, אַז מיר זאָלען באַלד אין־גיכען, אם ירצה השם, טאַנ־צען אויף זייערע חתונות. און ברייננט איהם ראיות פון זיך אַליין, פון דעם מאָגען זיינעם, פונ׳ם פאַלען אויף די קריזעס און פון די מערידען, וואָס האָבען איהם צרות אָנגעטאָן, פונדעסטוועגען ... גאָרנישט, בין גע־זונד, און ברוך השם.

אין דער צייט וואָס יענע האָבען דאָ פערפיהרט אַזאַ שמועס, גע־בענדיג דערביי, טאַקי ווי מענשען, וואָס זענען געפרובט געוואָרען מיט

קרײנק. עפּיס מיני מאָדנע רפואות, ערב=זײענדיג, אַז ס׳וועט ווירקען, — האָב איך מײנס אָבגעמאַכט בקיצור, זאָגענדיג: אי, כ׳לעבען, רב שלמה! — נאָר כּדי מקיים צו זײן אַ אידישען מנהג, און פּטור. און אַזוינע מיני זאַכען, ווי אויך אין ווינשעווען נחמות, ברכות, בין איך אַזאַ עם הארץ, וואָס דאָס גלײכען צו מיר נישטאָ.

רב שלמה הױבט זיך אויף פונ׳ם אָרט, געהט און נעהמט אַרױס פון אַ קעסטעלע אַ קלײן פּעקעלע, בינדט איהם אויף, לעגט עס אַנידער פאַר אונז און זאָגט:

— קוקט, רבותי, זעהט, וואָס ליעגט פאַר אײך!

— קנעפּלעך זעהען מיר — זאָגען מיר אַלע גלײך אַרױס — ווײסע בײנענע קנעפּלעך. אלא, וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס זענען די קנעפּ פון מײן אײנציג קאַפּאָטקעלע, וואָס איך האָב געהאַט אויף מיר צום לײב, ווען איך בין אין דער יוגענד פערוואָגעלט געוואָרען פון מײן הײם אין דער ליטאַ, צוריק אַ פערציג יאָהר — זאָגט רב שלמה שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— אָבער וואָס פאַר אַ שײכות זעען די קנעפּ מיט אײער נישט=געזונד=זײן, און וואָס האָט איהר זיך עפּיס גראָד איצט אין זײ דערמאָנט? איז אונז אַ גרױסע קשיה.

— אוי, ס׳איז שײך און שײך, זײ געהערען זיך זעהר גוט אָן! הלואי וואָלט איך אין זײ נעכטען נישט געװען פאַרגעסען — זאָגט רב שלמה מיט אַ ביטערען זיפץ, זעצענדיג זיך צוריק אויף זײן בײנקעל, פערמאַכט די אויגען און שווײגט אַ ווײלע פערזונקען אין די געדאַנקען.

דערנאָך הױבט ער אויף דעם קאָפּ און ווענדעט זיך צו אונז מיט אַזוינע דבורים:

— איך בין זיך מתודה פאַר אײך: רבותי, אַז איבער מײן הײסען כּאַראַקטער בין איך נעכטען נכשל געװאָרען אין אַ האַרבע עבירה, איך האָב אַרױסגעטריבען אַ אָרעם יונגעל, אַ פערוואָגעלטען, אַ פערלאָזטען, געבעך, אַ נאַקעטען און אַ — הונגעריגען, וואָס האָט געבעטען רחמים איבערצונעכטיגען בײ מיר אין שולע אין אַזאַ פינסטערער רעגען=שנײדעדיגער נאַכט. נײן, רבותי, ער האָט נישט געהאַט דערבײ קײן שום שלעכטע כּונה, ער איז באמת אַ גר און אַ פערוואָגעלטער, און נאָך מעהר, ער איז זיכער פון די ישיבה=בחורים אין דער ליטאַ. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרען באַלד טאַקי, ווי ער איז נאָר אַרױסגעגאַנגען, פונ׳ם שטעהן זײנעם בהכנעה, פון זײן קלײדונג, און טאַקי פון דער בקשה

זיינער גופא. מיט אזא מין בקשה וועט נישט קומען איינער א היגער. ס'וועט איהם אזוינס גארנישט איינפאלען אפילו, נאר דוקא א וואנדרער פון ערגיץ א ווינקעל אין דער ליטא, וואס די בתי מדרשים און ישיבות דינען דארטען פאר אכסניות פאר די ארעמע בחורים. איך אליין בין דאך דערמיט געפרובט געווארען נישט איינמאל נאר, אין מיינע יונגע יאהרען. די נעכטיגע נאכט האב איך פערבראכט אין גרויס עגמת נפש, נישט געקענט קיין אויג צומאכען, אזוי שרעקליך האט מיר דאס הארץ געפלאגט, אזוי האט מיר באנג געטאן. די געשטאלט פון דעם דער־שלאגענעם בחור'ל און צוגלייך אויך מיין געשטאלט, ווען איך בין נאך געווען א יונגעל, געקליידט ווי ער, האבען פאר מיר געשוועבט די גאנצע נאכט און מיך שרעקליך געפייניגט. ציטערענדיג־טרעסלענדיג זיך שטעהט פאר מיר דאס אומגליקליכע בחור'ל. ער שוויינט. נאר די אויגען זיינע דערצעהלען זיינע צרות, אויפ'ן פנים זיינעם ליענט אויסגעדריקט א גע־בעט: האב רחמנות אויף א געפייניגטען, אויף א הונגעריגען, נעהם אריין דעם פרעמדען, דעם נאקעטען, און זאל ער ביי דיר נעכטיגען אין א ווינקעלע! ער שטעהט מיט א צובראכען הארץ און ווארט אויף הילף, אבער אנשטאט הילף טהוט מען אויף איהם א היק, און מען טרייבט איהם ארויס. שטיל און פארשעמט געהט ער ארויס אנבויגענדיג דעם קאפ, ווי א שוואכער בייגט אן דעם אקסעל, אז דער שטארקער וויל איהם שלאגען — די געשטאלט אוועק, און מיינע קומט! קומט, שטעלט זיך מיר פאר, דערמאנט מיר פריהערדיגע יאהרען און זאגט: דערמאן זיך נאר, רב שלמה, אט אזוי האסטו דיך אויך אומגעוואגעלט, אין דיין יוגענד, ארויסגעהענדיג פון דער ישיבה, און אזוי ביסטו אויך ווי א פער־וואגעלט פויגעלע געקומען אין איינע פון די שטעדטלעך, וואס דא אין דעם געגענד, נאקעט און בלויז אין א צוריסען קאפאטקעלע מיט ווייסע ביינעגע קנעפ און האסט זיך געבעטען אין א בית המדרש, מען זאל דיך לאזען דארט דעם קאפ אנידערלעגען. ווי־זשע ביסט דו עס אזוי שלעכט, רשע איינער, הייגט אין גוטע אומשטענדען? ווי האט דיך פערטראגען דאס הארץ היינט, אז דו ביסט געווארען א גאנצער פריץ, און ס'איז דיר מיט דעם אויבערשטענס הילף גוט, צו דערוויטערן א עלענדען, א דער־שלאגענעם, נעבעך, וואס דו אליין ביסט א מאל געווען אין זיין שטאנד? אנגענומען, אז דו האסט אפשר נישט געקענט געבען איהם ביי דיר א נאכט־לעגער, האסט דו געמעגט איהם געבען עפים געלט, ער זאל קענען איבער־נעכטיגען אין א אכסניא. צו־וועניגסטען, אויב נישט א נדבה פון דער

קעשענע, האָסט דו דאָך איהם געקענט געבען אַ גוט וואָרט מיט׳ן מויל,
און רו, נישט געטון וואָס דו האָסט נישט געגעבען נישט דאָס און נישט
יענ׳ץ, האָסט דו איהם אַזוי מאוס אַרויסגעטריבען. — אוי נישט פאַר אייך
געדאַכט, ברידער, אַזאַ פּלאָגען זיך ווי נעבעכטען און אַצינד נאָך אויך!

— פונדעסטוועגען נעהמט אייך נישט אַזוי צום האַרצען — טרייסט
איך רב שלמה׳ן — עס טרעפט זעהר אָפט אַזעלכע מעשים, ביזאַבען,
און קיינער מאַכט זיך נישט דעראויס. לאָמיר נעהמען, אַ שטייגער, אָט
די גרויסע סוחרים, די בעריהמטע באַנקירען און טאַקי אַלע גבירים אונ=
זערע, וואָס בעהאַנדלען אַזוי שלעכט זייערע מענשען, נישט=ברחמנות׳דיג,
ווער, (זאָל זיי צו קיין גנאי נישט זיין) זענען זיי אַליין? כמעט אַלע זענען
זיי אויפגעקומענע משרתים, וואָס שפּילען היינט די ראָלע. אין דער יו=
גענד זענען זיי געווען משרתים אין קלייטען און אַכסניות און האָבען גע=
לייזט פון זייערע בעלי=בתים אין טאַטענס טאַטען אַריין הונדערט מאָל אַ
טאָג. אַזוי איז שוין געשטעלט אין דער וועלט פון זינט זי איז בעשאַפען
געוואָרען, אַלע פאַרגעסען זיך, ווער עס האָט די בייטש אין האַנד.
שמייסט, נישט צו געדענקען, אַז ערשט נעכטען האָט ער מיט זיין כבוד
אַליין פון דער אייגענער בייטש טאַקי געכאַפּט שמיץ. אַ קיילעכדיג ביי=
בעל, עזות און געלד נעהמען צו דעם זכרון. אויף אַלע פעהלער און
פלוי אין דער נאָז פערדעקט די מטבע. בעקומט איינער געלט, האָט ער
די וועלט און יענע וועלט.

— אייערע טרייסט=ווערטער זענען נישט קיין ענטפער — ענטפערט
רב שלמה — דאָס שלעכטס הערט נישט אויף שלעכט צו זיין; דעריבער
נאָך, ווייל עס איז אַ געוועהנטליכע זאַך. כשר מאַכען אַ חטא דערמיט,
ווייל מען געפינט איהם אָפט ביי אַ סך מענשען אין דער וועלט, הייסט
אַזוי פיעל, ווי מען זאָל זאָגען, אַ שטייגער, אַז אַ שטומפּיגע ראיה,
טויבקייט און שטאַמלען איז נישט קיין פעהלער, ווייל אין דער וועלט
זענען דאָ גרוזמא=גרזמאות טויבע, שטומע און בלינדע. וואָרום אויב אַזוי,
מוז דאָך אויסקומען, אַז סיי דער יצר טוב מיט זיין גוטסקייט אין סיי
דער יצר הרע מיט זיין שלעכטסקייט זענען נישט ווערט קיין דרייער. ניין,
רב מענדעלי, אומזיסט די רעד אייערע. איך וויים ביי מיר מיין שולד
און פיהל, אַז איך האָב געהאַנדעלט שלעכט.

— אָט דאָס האָסט דו דיר טאַקי פון גאָט אַליין אַ מוסר דערפאַר,
וואָס דו פוילסט זיך אויפשרייבען דיין לעבענס=געשיכטע — זאָגט איינער

פון דער חברה — וויפיעל מאָל האָבען מיר דיר געזאָגט און געזאָגט דו זאָלסט דאָס טאָן און האָסט נישט געפאָלגט.

— אָט דאָס דאָזיגע בחור'ל איז טאַקי ווי אַ שליח פון גאָט געקומען אויפצוטרייבען דיך, אַז דו זאָלסט לסוף זיך דערמאָנען אָן דיינע פריהערדיגע יאָהרען — העלפט אונטער דעם ערשטען נאָך איינער — אָט האָסטו אַצינד נישט ווילענדיג טאַקי זיך דערמאָנט אין די קנעפלעך פון די יונגע יאָהרען און הלואי זאָלסט דו זיך אויך דערמאָנען נעמען אָנשרייבען, ווי ס'האָט זיך געלעבט אידען אַ מאָל, אין יענער צייט, כדי עס זאָלען נישט פערפאַלען ווערען ווי אין וואַסער אַריין.

יעצט האָט אַייך געזאָגט דעם סוד, וואָס איצט בייַ מיר אין האַרצען! — טהוט רב שלמה אַ זאָג און דאָס פנים פלאַמט איהם, — אויף מיין געלעגער נעכטיגע נאַר'ש ליגענדיג פערטראַגען, אין שטוב איז שטיל און אין דרויסען שטורעמט אַ שרעק, איז מיר ווי אַ בליץ אַריין — דער געדאַנק, אָט דער טרעפער, דער אויסלעגער, וואָס זיצט אין דעם מענשענס האַרץ, — און האָט אויסגעלעגט, אַז די מעשה מיט דעם בחור'ל איז אַ וואונק מיר פון אויבען, און פון יענער צייט אָן הערט ער נישט אויף צו־צוטרייבען מיך און זאָגט: שרייב! אין דעם מענשענס לעבען קומט פאָר אַמאָל אַזוינס, וואָס צווינגט אפילו דעם אַפּיקורס, וואָס לייקענט אין דער השגחה, גלויבען, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ פערבאָרגענער, אַזעלכער, וואָס אַלסדינג בעשטעהט דורך איהם, איטליכע זאַך אין איהר צייט, אויף אַזעלכע בעדינגונגען, מיט וועלכע עס איז געשטעלט געוואָרען פון לכתחילה. עס זעהט אויס, אַז אַזוי איז דאָס מזל מיינס און אַזוי איז שוין מיר בעשעהרט, אַז מיר זאָל עס געהן אין דער וועלט אַלץ מיט שטורעם. מיין לעבען איז אַ שטורעמדיגער ים, מיינע יאָהרען — רוישענדיגע כוואַליעס, און די נשמה מיינע — דאָס שליידערנדיגע שיפעל. און דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב מיך אָנגעהויבען צו דערקענען, איז אויך געווען מיט שטורעם. — ס'איז פריהלינגס־צייט. פלוצלינג ווערט אַ חמאַרע און צווישען גערטנער אויף פריש־גרינעם גראָז לויפט זיך אַ אינגעלע באָרפּיס אין איין העמדעל מיט אַ היטעלע אויפ'ן קאָפּ. לויפט געשווינד, אָבשטעל'ענדיג זיך צו־ווײַלען, די אויגעלעך וואַרפען זיך אין אַלע זייטען, און די אויערלעך הערען־צו אויפגעשטעלט ווי בייַ אַ העזעלע. יענס קינד דאָס בין איך מיט מיין כבוד אַליין. דאָסמאָל עפענט זיך מיר צום ערשטען מאָל אויף די אויגען מיינע און איך ענטפלעק מיך צו מיר אַליין אינגאַנצען ווי איך בין — איך ענטפלעק מיך און בלייב פערגאַפט

אויף דעם בילד, וואָס שטעהט פאַר מיר. איינער אַליין געפֿין איך מיך דאָ, קיין לעבעדיג בעשעפעניש אַרום נישטאָ. נאָר הימעל און ערד. אַ פלויט פון איין זייט, אַ פלויט פון דער אַנדערער זייט. אָט גיט אַ זעץ, אַ קלאַפּ אויבען אין דער הויך. דאָס קול קייקעלט זיך, און ענדע וועלט צעפֿאַלענדיג זיך אויף אַ סך שטאַרקע קולות דאָרט. און פייערדיגע שלאַנ־גען פליהען מיט אַ צוק אין הימעל. — אָט דאָס קלאַפּען רעדער פון גאָט׳ס רייטוואָגען, טראַכט איך ביי מיר, גאָט פאָהרט עס דאָרט אין הימעל, טראַסקעט מיט דעם בייטש און פונקען פליהען. אַ זייל פון שטויב הייבט זיך אויף פון דר׳ערד, עס יאָגט זיך, עס דרעהט זיך ווי אַ דריידעל. נאָר באַלד גיט אַ גאָס אַ רעגען, אַ ליעבער וואַרימער רעגען נאָר אַ דערקוויקעניש, גרויסע טראָפּענס פּויקען אַז אויף גרינוואַרג אין די גערטנער: רעטעכלעך, ציבעלע, קנאָבעל יונגעטשקע בויגען איין די קעפּעלעך, ווי קינדער ביים מאַמען אין שויס, און צוואָגען זיך מיט פער־געניגען. אין דרויסען לאָזען פון הונדערטער ערטער קליינע רינקעלעך, נעהמען זיך אויפ׳ן וועג צונויף, פליסענדיג וויטער, הייטער, זזענדיג אין די אויערען. און אָט טהוט זיך אַ וויז די ראָד פון זיין רייטוואָגען, אַ ראָד אַ גרויסע דאָרט אין הימעל. נאָר אָבער אַ האַלבע זעהט זיך אַרויס וואונדער־שען געפאַרבט, אַ פערגעניגען צו קוקען, און עפּיס אַ ליכטיג שיין אַנטגעגען. די זון געהט אַרויס דאָרט פון אונטער דער ראָד, ווי אַ חתן פון אונטער דער חופה, גיט אַ קוק צו דער ערד, שיינט זי, אַ ווינק צו די וואָלקענס — ווערען זיי רויט...

דאָס איז דער אָנהויב פונ׳ם דערקענען מיך אַליין, גאָט און די וועלט זיינע. מיט דונערען און בליצען איז מיר דאָס אַלסדינג ענטפּלעקט גע־וואָרען צום ערשטען מאָל און דאָס מענשליכע פערשטאַנד האָט אין מיר אַ שיין געגעבען דורך דעם שטורעם. אָט דאָס וואונדערליכע בילד האָט זיך מיר איינגעשניטען אין האַרצען. אייביג וועל איך, וויל איך עס נישט פאַרגעסען די גאַנצע פּאַנאָראַמע פאַר מיר, און דעם לשון פון דער נאַ־טור אַרום מיר האָב איך דאַמאָלסט פערשטאַנען און האָב עס געפיהלט מיט׳ן האַרץ פון אַ אומשולדיג קינד. איך האָב פערשטאַנען דעם לשון פון די קרייטעכצער און געוועקסען פון גאָרטען, דאָס ליעד וואָס די רינעלעך וואַסער פּלאַפּלען, און וואָס פראָש קוואַקעט ליגענדיג אין בלאָטע ביז׳ן האַלז, אויסשטעלענדיג אַ פּאָר גרויסע אויגען — האָב איך גוט פער־שטאַנען, איך האָב דאָך איהר אָבגעענטפערט קוואַקענדיג אויך אויף אַ קול ווי זי. און אַז איך בין געקומען אין הויף פון אונזער הויז. איז

אַרויס דאָס קעלבעל פֿונ'ם שטאַל אויסגלייכענדיג די ביינער, אַראָב לאָזענדיג דעם קאָפּ און אויפהייבענדיג דעם עק און געמעקעט, און ס'איז אויך אַרויס די הוהן מיט איהרע קינדערלעך און געפּיקט אין מיסט פּישצענדיג, און דער האָהן געהט־מיט פּאַראויס קוממיות זעהר האָפּערדיג און מאַכט קיקעריקו. אויך די קאַץ זעה איך, ווי זי געהט אַראָב פֿונ'ם דאַך, קאַראַבקעט זיך אויפ'ן וואַנד און מיאַאוקעט. האָב איך געוואוסט וואָס זיי ווילען, און האָב איטליכען אָבגעענטפערט אויף זיין לשון: געמעקעט, געמיאוקעט, געפּישצעט הויך אויפ'ן קול. פערשטאַנען האָב איך נאָר נישט דעם פּאַטש, וואָס דער טאַטע האָט מיר געגעבען, און וואָס בעדייט דער מאַמעס געשריי אויף מיר, אַז זי האָט מיך דערזעהן פּיטש נאַס פֿונ'ם רעגען; וואָס זיי זענען אויסען געווען דענסטמאָל אין וואָס מיין רבי און אַנדערע מענשען זענען אויסען געווען פֿון מיר דערנאָך — דאָס האָב איך נישט געקענט פֿאַרשטעהן.

רב שלמה שפּאַרט זיך צו מיט'ן קאָפּ צום פּאַרענטשיל פֿון שטול שווייגענדיג אַ ווײַלע. פֿונ'ם אויסדרוק פֿון זיין פּנים און די אויגען איז געווען צו דערקענען, אַז ער איז שטאַרק צוקאָכט און מיר האָבען פֿערשטאַנען, פֿאַר וואָס ער איז אַזוי צוקאָכט. זיין לעבען האָט זיך איהם געצויגען ווי אַ וועג פֿול דערנער מיט שטיינער. אָט געהט ער באַרג אַרויף איבער הויכע שפּיציגע סקאַלעס און אָט לאָזט ער זיך אַראָב אין טיעפע אָבגרונדען. אַצינד ביים עפענען די אַלטע פּעקלעך צרות און ביים אָנריהרען מיט אַ פינגער די וואונדען, מכות, נאָך אינגאַנצען נישט אויסגעהיילטע, מוז מען דערביי פּיהלען שמערץ, אַ שמערץ זעהר אַ גרויסען. בערוהיגענדיג זיך אַ ביסעל, הויבט ער אָן ווייטער צו ריידען.

— איך וויל אַצינד ענדיגען אייך מיין שמועס, וועלכער איז געבליבען אין אָנהויב איבערגעהאַקט געוואָרען. שוין אַ לאַנגע צייט אַז די פּען מיינע געפינט זיך צווישען צוויי פֿערשיעדענע דעות פּונקט קאַפּויר איינע פֿון דער אַנדערער, ווי דער אָרון פֿון מחמר'ן הייגנט, לויט ווי מען זאָגט, צווישען צוויי מאַגנעטען. אין דער צייט וואָס איינע פֿון די דעות ציהט זי אַהין צו בעשרייבען אַלטע זאַכען וואָס פֿריהער, איז די וואָס אַגעגען האַלט זי אָב ציהענדיג זי אַהער צו בעשרייבען וואָס אין אונזער צייט געהט פֿאָר. און די דאָזיגע צוויי שפּאַרען זיך איינע מיט די אַנדערע און מיר ווי צוויי קרעמער קריגען זיך איבער איין קונה, צונישט מאַכענדיג דערביי איינער דעם אַנדערענס סחורה. איינער זאָגט: גאָט זאָל אָבהיטען פֿון דער מאָדנער נייער סחורה און פֿון די שענע תכשיטים היינטיגע צייט ביי

אידען! אלץ וואס דו זעהסט איז נישט מעהר נאָר פורע שווינדעל, און אַ אויגען־פערבלענדעניש, פאַרזילבערטע שערבלעך, אַ אויסגעבלאָזטע איי, צוגעפוצט, פערפאַרבט פון דרויסען און שמוציג, פע, פון אינעווייניג. ס׳איז נישטאָ קיין עכטער טיפ מיט זיינס אַ ווילען, מיט זיין אייגענעם כאַראַקטער. עפּיס נאָר אָנגעשטעלטע גולם׳ס, משטיינס־געזאָגט, ווי קוקלעס אַזוינע, דאַכט זיך, עפענען ליפּעלעך, פּויקען, בלאָזען, קלינגען און גיבען פון זיך אַרויס אַ קול נישט פון אַ לעבעדיגער נשמה, נאָר דורך עפּיס אַ פּרוזינקעלע. כ׳לעבען, לאָזט זיי אָב, און נאַט אייך בעסער אַנטיקען אַלץ פאַטערשע, וואָס עס לעבט און עס האָט אַ אייגענעם ווערטה... אַנעגען זשע די שרייט: קומט צו מיר, קוקט אָן מיין סחורה און קוקט נישט אויף יענץ, וואָס שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך, וואָס טויג אייך, רב איד, פערשימעלטע זאַכען — אויף דערויף שרייט מען דאָך טאַקי אין דער וועלט, אַז אידען מייסטענס רייסען זיך אָב פונ׳ם איצטיגען אין דער וועלט אין דער קאָפּ ליעגט זיי העט־העט אין דער פערגאַנגענהייט, זיי געהען אומגעקעהרט מיט דעם פּנים אַ הינטער נישט צו זעהן פאַר זיך דעם וועג, שטרויכלען זיך און פאַלען. און אַלע זייערע הנהגות — ביי זיך אין שטוב, אין שוהל און אין דער ליטעראַטור זייערער זענען זיי ווי די טויטע, טויטע זענען זיי ביים לעבען און לעבען מיינען זיי נאָכ׳ן טויט. אַ איד אַז ער לעבט איז גערעכענט ווי גאָרנישט, ערשט נאָכ׳ן טויט ווערט ער געהויבען מיט אַ שענער מצבה — אַלע מתים בעקומען דעם טיטול תם וישר, אַ נדיב, אַ חכם. רעטיך, ציבעלע ווערען צעדערבוימער, אַ פּלאָטע — אַ לויתן אויפ׳ן בית עולם. הכלל דער היינט איז ביי זיי גאָרנישט, אין אמת׳ן אָבער איז דאָך דער עיקר לעבען פאַרט טאַקי נאָך אין דער הייסער מינוט, אין וועלכער מען געפינט זיך. דער מענש, וואָס נויטיגט זיך ווי אַ לעבעדיג בעשעפעניש אין אַזוי פיעל בעדערפעניש, איז מחויב ווי וויט מעגליך אויסצוזוכען אַזוינע מיטעל און זיי צו פערבעסערן אַזוי, אַז דורך דעם זאָל איהם דאָס לעבען אויף דער וועלט ניחה זיין. הייסט דאָך עס, אַז ער מוז דערינען אַרבייטען אינאיינעם מיט אַלע מענשען אין זיין צייט.

— לאָזט זיך, זייט־זשע מוחל — דינען, זאָגט רב שלמה, זעהענדיג, אַז מיר ווילען איהם איבערשלאָגען די רייד — איך ווייס וואָס איהר ווילט מיר ענטפערן. איהר ווילט זאָגען: אַליין פאַר זיך גענומען איז נישט איינע פון די ביידע דעות ריכטיג, ווייל איטליכע פאַר זיך איז דאָך נישט מעהר נאָר ווי איין זייט פון דער זאַך, איבער וועלכער עס רעדט

זיך. אלסדינג אין דער וועלט האט צוויי זייטען און דער אמת בעדארף ארויסקומען פונ׳ם אננעהמען די ביידע אינאיינעם. נאר אבער אזוינס קען נאר אדער א גרויסער חכם, א געזעצטער מענש, אדער פערקעהרט א ווארים, וואס ווארפט זיך אין אלע זייטען און פאר איהם איז רעכט, ווי א טאג ארבייטער, איטליכעס מין ארבייט, וואס קומט איהם צו דער האנד, נישט איבערקלייבען. אנטראגען שטיינער, ליים, ציגעל צום בויען, אדער פאנאנדערווארפען א וואנד, גראבען אין מיסט און רייניגען א שטאל, — וואס מאכט דאס איהם אויס, אבי געארבייט און בעקומען געצאהלט. — איך אבער בין פון די מיטעלע מענשען, וואס חאפען זיך נישט צו איטליבער ארבייט. און נעהמען זיי זיך שוין אריין אין קאפ עפים א זאך, האלט מען זיך דערמיט שטענדיג, נישט ארונטער דערפון אויף א האר אין דער זייט. און דערצו נאך — בין איך זיך מודה פאר אייך. בין איך בטבע פויל — איך טראכט מעהר ווי איך טהו. אבי עס טרעפט זיך נאר עפים א שטיקעל עכוב מיר, בעפריי איך מיך פון איהר זעהר גערן. דעריבער אז די דעות זענען מחולק אין מיר, האלטען זיך מיר ביי דער פען, ציהענדיג זי איטליכער צו זיך, פסק׳ע איך ווי יענער מאן דאמר: נישט צו דעם, נישט צו יענעם, לאז זיך ליגען ביז וואנען משיח וועט קומען. און אט קומט ער... דער בחור, ער קומט און פלוצלינג מיט דעם שטורעם און גיט מיך א דרעה צוריק צו דער פערגאנגענהייט. אצינד דער קאפ ליעגט מיר איננאנצען אין יענער צייט, דארט וואו איך האב געלעבט אין דער יוגענד. אלט, זאט מיט צרות, מיט א האַרץ אנגעפלאגט און פערוואונדעט פון פליהענדיגע פיילען אין לעבענס-קאמף. געפרובט מיט ביטערע שווערע יסורים, האב איך מיך אומגעקעהרט צו מיין וועלטעל וואס א מאל, און דער כח המדמה ברייננט מיר ארויף פון אונטער ערד זיין צויבער, ווי יענע כישוף-מאכערין פאר שאול׳ן אין עין-דור, פארשיעדענע בילדער און צורות, מיט נאך פיעל מיני משונה אלטע זאכען פון אמאליגע יאהרען. זיי קריכען ארויס און קוקען אויף מיר ביז, ווייל זיי פערשטעהען זעהר גוט, וואס דאס אומקעהרען זיך מיינס צו זיי בעדייט און צו וואס זיי ווערען דא ארויסגעפאדערט — זיי וויסען, אז דאס בין איך געקומען נעהמען זיי, און וויזען זיי פאר דער וועלט אויף וואונדער. אוי חעה, יענץ וועלטעל מיינס איז זעהר א קליינס, דארטען בליהען נישט קיין פאמעראנצען, עס וואקסען נישט קיין רויזען, מען זעהט דארטען נישט קיין גרויס נחת, טייכען פון מילך און האניג גיסען זיך דארטען נישט און דער עולם דארט איז א געמיינער, נעבעך,

אידען מיט בערד און פאות און מיט לאנגע קאפאטעס, דארע, קווארע,
געבויגענע, קראנקע, צובראכענע, דערשלאגענע, פערשווארצטע, פער-
פינסטערטע, ציטערען פאר דער שיין. עס טהוט מיר זעהר באנג, רבותי,
בעאומרוהיגען די אלטע ביינער זייערע און מטריח זיין די דאזיגע מתים
זיי זאלען ארויף אויף דער סצענע מיט זייער כבוד אליין. און ווער ווייס,
צי וועלען זיי זוכה זיין צו א שענעם אויפנאהם. פיעל פון אונזערע אידע-
לעך זעגען דאך, נעבעך, היינט זיך שטארק מצער איבער זייער נאז,
וואס שטעהט און שרייט ארויס איטליכען, אז דאס זענען פון די בני
יעקב! ווען זיי זאלען נאר האבען די מעגליכקייט, וואלטען זיי פערביטען
זי אויף א אנדערע — און פלוצלינג טראגט דער רוח אן פון ערגיץ אידען
אלטע, פערשימעלטע, עפיס משונה-ווילדע מיט זייער שטעהן, מיט זייער
געהן, מיט זייער ריידען און מיט דעם גאנצען בענעהמען זייערען,
משטיינס-געזאגט, אנצוטאן זיי א בושה עפענטליך פאר א וועלט מענשען.
ניין, ברידער, דאס איז נישט קיין שפאס, איך זאג טאקי ארויס אייך
גאנץ ערענסט אזוינס, וואס האט מיר געמאכט עגמת-נפש, און וואס
צוליעב דעם האט איהר מיך געטראפען זיצענדיג אזוי פערזארגט און
פערטיעפט אין די געדאנקען. און באמת טאקי, וואס האט מען צו דער-
צעהלען פון אונזער לעבען אין מיינע צייטען? איבערראשט די וועלט מיט
גרויסע וואונדערליכע זאכען האבען מיר נישט, קיין גראפען, פריצים און
יענעראלען און גרויסע שיסערס זענען מיר ניט געווען, קיין ראמאנען
מיט יפיפה׳ס האבען מיר נישט געשפיעלט. שלאגען זיך אויף דועלען ווי די
בעק, אדער זיין ווי עדות צוקוקען, ווי צוויי פערגיסען זיך דאס בלוט,
האבען מיר נישט געפרובט, און טאנצען קאדרילען מיט נקבות אויף
בעלער האבען מיר נישט געקענט. און אויף געיעג אין פעלדער, [אין
וועלדער צו חאפען בערען, זענען מיר נישט געגאנגען. געדייזט אויף אייגענע
שיפען איבער ימ׳ען אויפצודעקען נייע אינזלען האבען מיר נישט. מיט
טענצערינס און אקטריסעס האבען מיר קיין געשעפטען נישט געהאט,
און איבער פרימאדאנעס און אנטאן זיך די גרויסע פארגעניגענס האבען
מיר זיך נישט אויסגעבראכט. בקיצור אט די אלע צימעסלעך צום ספור
המעשה, ער זאל זיין געשמאק און נעהמען דעם עולם — אט דאס
אלסדינג איז נישטא ביי אונז און אנשטאט דעם האבען מיר א מלמד,
מיט א חדר, מיט א בעהעלפער, שדכנים, חתנים. כלות, מיט ווייבער׳
קליינווארג, חלוצות און עגונות, אלמנות און יתומים, נשרפים, געפא-
לענע און אבגעקומענע, אלע סארטען ארימע לייט, ארומגעהענדיגע איבער

די הייזער ערב שבת, ערב יום טוב, ראש חודש און גלאט אזוי זיך מאנטאג און דאנערשטאג, בטלנים, גבאים מקבלים, און צדקה־פושקעס אלע מיני פורעניות, דלות, קבצנות און אלערליי מיני משונה׳דיגע פרנסות, אט דאס איז אונזער לעבען, אז אך און וועה איז צו אונז! א לעבען, משטיינס־געזאגט, אהן נחת, אהן א רוהיג געמיט... א פינסטערס אהן א שיין, אהן א שטראהל ליכט; א לעבען וואס האט א טעם ווי א געקעכטס אהן פעפער און אהן זאלץ.

— א טעות, כ׳לעבען, רב שלמה — זאגען מיר: — נו, לאז שוין זיין אפילו ווי איהר זאגט, אז אין דעם אידענס לעבען פעהלט געווירץ, אבער דערפאר האט ער אין זיך א מין אידישען טעם, וואס ס׳איז נישטא זיין גלייכען, ס׳איז דא א מין קעז, וואס ער איז מיט ווערים, און די מבינים וואס פערשטעהען זיך אויף דער אכילה, צאהלען דערפאר אין טאג אריין און עסען דאס מיט א מארגעם אפעטיט. אט די ביטערקייט וואס איז אין אונזער לעבען, אט דאס איז טאקי די גאנצע חשיבות זיינע, און עס איז געשמאקער דעם מבין פיעל מעהר פון יענער פריקרע זיס־קייט, פון וועלכער עס נודזעט אמאל גאר צום ברעכען. לעקעבלעך, דאס איז א מאכל נאר פאר קליינע קינדער. דאס לעבען פון די כנסת ישראל, האטש עס זעהט אויס שטארק מאוס פון דרויסען, אבער שען איז עס אינווייניג. א שטארקער גייסט ליעגט אין דעם אידישען לעבען, א גייסט א געטליכער, וואס ווי א ווינד וועהט ער שטענדיג, אויפהייבענדיג אין איהם חוואליעס, כדי צו רייניגען זיי פון שמוץ און פוילקייט. די דונערען און בליצען, פאגראמען און שטורעמס, וואס קומען אויף זיי אמאל, זיי לייטערען זיי, און גיבען זיי צו אנייע קראפט. דאס אידישע פאלק איז ווי דער פארצייטיגער גריכישער פילאזאף דיאגענעס, דער קאפ זיינער פליהט איהם אין הימעל, דערקענט גאטס גרויסקייט אהן א סוף, און אליי׳, וואוינט ער דא צווישען די אומות העולם (ווי יענער אמאל אין זיין פע־כעל) צוגריפגעשטיקט אין א בעשטימט ענג ארט. אונטער די בערגלעך מיסט אין חדר, ישיבות און בתי מדרשים גליהט דאס פייעריל פון תורה, פארברייט ליכט און ווארעמקייט צווישען גאנצען פאלק. אלע אונזערע קינדער, ארים און רייך, קליין און גרויס, לערנען און קענען אין די קליינע אותיות. אט אזא לעבען, זאגען מיר, איז רעכט און עס פאסט טאקי, אז ס׳זאל פערשריבען ווערען לדורות.

— צוגעגעבען אפילו ווי איהר זאגט — ענטפערט רב שלמה — איז דאך דאס געערדט געווארען גאר אקעגען דעם לעבען פונ׳ם

גאַנצען פאָלק בכלל, אָבער מיין לעבען אַליין, פאַר זין גענומען, מיט וואָס האָט עס פערדיענט און וואָס פאַר אַ נייעס איז אין איהם דאָ, ס'זאָל ווערטה זיין, מען זאָל עס בעשרייבען? עס האָט זיך פּאַסירט מיט מיר דאָס אייגענע, וואָס מיט טויזענדער אַנדערע ביי אונז. גאַנץ געוועהנטליכע זאַכען. איז דען דאָ נאָך אַ אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער לעבען פון איטליכען בעזונדער זאָל זיך ציהען פון'ם געבוירען ווערען ביז דעם שטאַרבען אויף איין נוסח, ווי ביי אונז יודישע קינדער? די ערציהונג, דאָס לערנען, דאָס דאַווענען און דער ניגון צו יעדער תפלה, צו יעדען פזמון, צו יעדער שטיקעל פיוט, צו יעדער סליחה, האָט זיין געשטעלטען, געוויסען נוסח, אפילו עסען און טרינקען האָבען אויך איין נוסח. איז עס דען וואו געהערט געוואָרען, אז אין אַ געוויסער שעה, פרייטאָג צונאַכטס, אַ שטייגער, זאָל אַ פאָלק יודען עסען פיש, לאָקשען און צימעס? שבת אין דער פריה — רעטיך און פּעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער, אַ אויסגעפּריעטע קאַשע מיט אַ גרויסען מאַרך-ביין דרינען; אין דעם און דעם טאָג זאָל מען עסען קרעפּלעך, אין יענעם טאָג המן-טאַשען און אין דעם טאָג אַ געלען קוילעטש מיט זאַפרען. הויבט איינער אָן זאָגען „כל מקדש" אָדער שרייען „חי וקים" אין בערדיטשעוו, הערט זיך דער אייגענער ניגון און דאָס אייגענע קול אויך אין אַרגענטינע, וואָס אין עק וועלט. מיר זענען אַ עדה פון מילבען, וואָס ווי איינע, אַזוי די אַנדערע, אַלע גלייך. אין דער נאַטור געשיכטע, זאָאָלאָגיע, ווערט גערעדט וועגען דעם מין מילבען בכלל, אָבער נישט וועגען איטליכער מילב בעזונדער.

— אין פלוג, דאַכט זיך, רעדט איהר גאַנץ גלייך — ענטפערט חברה איהם — דאָס יודישע לעבען זעהט טאַקי אויס ווי מיט איין נוסח ווי ביי די מילבען. אָבער אין אמת'ן איז צווישען זיי דאָ אַ גרויסער חילוק: די מילב מוז פון דער נאַטור טאָן אַזוינס, וואָס ס'איז געשטעלט געוואָרען פאַר דעם גאַנצען מין מילבען, נישט צוקרימען אויף אַ האָר. ביי מענשען איז אָבער נישט אַזוי. איין זאַך וואָס ליגט אין דער טבע ביי אַ כלל מענשען, בעקומט ביי יעדערן פון זיי אַ גאַנץ אַנדער פנים, יעדערער טהוט זי אויף זיין שטייגער, אַנדערש ווי דער צווייטער. ביי איטליכען מענשען לאָזט זיך בעמערקען אַ בעזונדער כאַראַקטער אין דעם רעדען, אין דעם שמייכעל, אין דעם ווינקען מיט

די אויגען, אין דעם גאנג, אין דעם שטייגער עסען און טרינקען, חאטש די אלע זאכען זענען א מתנה פון גאט ביי אלע מענשען. און נאך מעהר דערקענט מען דעם מענשען אין זיין סטיל, זיין שטייגער שרייבען. איין זאך קומט ביי איין שרייבער ארויס אנדערש ווי ביים צווייטען. — אין שני נביאים מתנבאים, צוויי נביאים, זאגען אונזערע חכמים, רעדען נישט איין זאך בסגנון אחד, מיט איין סטיל... אומזיסט אייער טענה'ן, רב שלמה! שרייבען אייער לעבענס-געשיכטע מוזט איהר.

— מהיכא-תיתי, פאר זיך אליין אפשר טאקי יא, אבער נישט פאר אנדערע — זאגט רב שלמה, ווילענדיג ווי-ס'איז זיך ארויסדרעהען — איך בין מוסכם אנצושרייבען וואס אין מיין לעב'ן איז פארגעקומען נאר פאר מיר, אבער דאס זאל ווי די דאזיגע קנעפלעך ליגען ביי מיר צו-דינען פאר א זכרון אין די אמאָלדיגע יאהרען מיינע און מיך אבהיטען פון א זינד.

— ניין, רב שלמה — האבען מיר אלע געשריען — שרייבען און טאקי דרוקען!

— אויב יא אזוי — מאכט רב שלמה מיט א שמייכעל — אז איהר זאגט דרוקען, געהט זשע ווייטער און רעכענט אויס נאך און נאך מלאכות, וואס א יודישער מחבר האט צו טאן, כסדר: שרייבען און צונויפנעהמען פרענומעראנטען און הסכמות; דרוקען און מגיה זיין, קנעלען, האבען צוטאן מיט דעם בחור הזעצער; מאכען א גרויסען לוח-הטעות, אזויפיעל וויפיעל אין ביכעל זענען דא ווערטער; ארומגעהן איבער די הייזער, טיילען און אנווארפען אויף יודען די ספרים, דערנידעריגען זיך פאר איטליכען גארנישט, פאר אליאד מענשעל, ארייגלאזען זיך אין וויכוחים מיט קמצנים און נאך אזוינע מיני נפשות, וואס ווילען זיך אויסדרעהען; בוקען זיך און קבצנ'ען לכבוד גאט, לכבוד התורה ולכבוד דעם הייליגען לשון פון קודשא-בריך-הוא מיט די כנסת ישראל; געבען א סך ספרים בעקאנטע במתנה און מוכרי ספרים אויף באָרג ביז משיח וועט קומען; און נאך אלע זאכען פערקויפען דאס רעשט ווי שמאטעס אויף פאפיער — א קאפיקע פאר א פוד! — ניין! ברידער, איך טויג נישט צו אזעלכע ארבייט.

— האט איהר דען פערגעסען, רב שלמה, אז ס'איז עפיס דא א מענדעלי מוכר ספרים אויף דער וועלט, און לבטלה האט גאט איהם נישט בעשאפען! — לאז איך מיך הערען הויך מיט גדלות, ווי א גע-ניטער אין אזוינע זאכען. בא! איהר האט, זייט מוחל, נאך נישט גע-

ענדיגט דאָס צעטעל פון אלע מלאָכות. דעם חילוף האָט איהר פער־געסען, דאָס מיינט מען דעם גלגול, וואָס יודישע ספרים לײדען בעונותינו הרבים. עמיצענס אַ ספר ווערט דורך די מוכרי ספרים מגולגל אין אַ תחינה פון שרה־בת־טובים, די תחינה ווערט מגולגל אין אַ קינה, די קינה אין מעשענע לײכטער, מעשענע לײכטער אין אַ שופר, אַ שופר אין אַ סליחה, אין אַ מחזור, סליחות, מחזורים אין וואָלפצײנדלעך, אין אַ כל־בו און טלית־קטן׳ס. אָט אַזוי געהען זײ איבער פון אײן גלגול צום אַנדערען גלגול, ביז זײ ווערען צופליקט, צוריסען און ווערען שמאַטעס. ס׳איז דאָ נאָך אַ מיני חיבורים, וואָס פאַר די זינד פון זײערע מחברים, ליעגען זײ ווי די שטײנער, רחמנא־לצלן, וואָס טויגען צו גאָרנישט, סײדען צומאַכען פון זײ שפײ־קעסטלעך, מען טהאָר אָבער נישט שפײען אויף שמות... נישקשה, רב שלמה, נעהמט שרײבט, און וואָס גאָב׳ן שרײבען דאַרף זײן, דאָס נעהם איך שוין אויף מיר. דער גאַנצער ענין דאָ מיט אונז איז באמת מאַקי מן השמים. זעהט, איך בין אויך, ווי איהר זאָגט, געגאַנגען צו אײך אין אַ שטורעם.

רב שלמה האָט געשוויגען און מיר פרײנדליך געדריקט די האַנד, ווי אײנער זאָגט: מאַקי זאָל זײן ווי איהר ווילט!

געזונד זאָל זײן רב שלמה, וואָס האָט געהאַלטען וואָרט און אין אַ יאָהר אַרום מיר צוגעשיקט פיעל פון זײנע געשריבענע זאַכען, וועלכע איך וועל מיט דעם אויבערשטענס הילף לאָזען אָפדרוקען אין אַ קורצע צײט כסדר אײנע נאָך די אַנדערע.

שלמה ר׳ חיים׳ס

(א בילד פון אידישען לעבען אין דער ליטא)

I.

א צעהן וויערסטלעך פונ׳ם שטעדטעל ק... אין דער ליטא ערגיץ, געפינט זיך אַ מין קליין דערפעל עפּעס, אַרומגערינגעלט מיט גרויסע וועלדער, צווישען וועלכע עס פליצט אַ היבשער, אַ שענער טייך, וואָס נעבען איהם שטעהט אַ מיהל, און דעריבער הייסט דאָס דערפעל מליניצא. אויף איין זייט טייך קוקען אַרויס פון צווישען גרינוואַרג און בוימער אַ דריי קליינע הייזלעך פאַר דריי פויערשע פאַמיליעס, די איינציגע איינוואוינער דאָרט, און אויף דער אַנדער זייט טייך שטעהט האַרט נעבען וואַלד איין איינציגע שטוב פון קיילעכדיגע ברעוונעס מיט קליינע פענסטער און אַ הויכען, אַלטען דאַך. דאָרט זיצט חנא מליניצער מיט זיין הויזגעזינד, דער אַרענדאַר פון דער מיהל, וואָס די חזקה אויף דער אַרענדע געהט איבער אין זיין משפחה פון טאַטעס צו קינדער. איינגאַנצען זעהט מליניצא אויס ווי אַ נעסט, וואָס ליגט פערבאָרגען אין אַ ווינ-

קער, אָבגעריסען פון דער וועלט, ווייט פון מענשען און פון'ם טראַקט, נאָר קליינע שמאָלע וועגלעך שלענגלען זיך דורך דעם וואַלד דורך טאָלען און בערגלעך און פיהרען צו דערפער, וואָס ליגען צוזייט אַרום און אַרום. און ווען מענשען זענען דאָ זעלטען, עס רעש'ט נישט, עס קאָכט נישט ווי אין שטעדט, דערפאַר שוויבעלט און גריבעלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפען און פעלדער אַלערליי בעשעפעניש, חיות און עופות; דערפאַר לאָזט זיך דאָ הערען אַלערליי קולות: אַ געזאַנג פון פויגעל, אַ קראַקען, אַ קוואַקען, אַ שמוצערן, אַ גרילצען זומער, אַ וואַיען, אַ הייליען פון הונגעריגע וועלף ווינטער, און אַ מאָל אַ ברומען פון אַ פערבלאָנדזעטען בער אויך — און אין דעם דאָזיגען קאָנצערט פערטראָגט זיך אַ רוישען פון'ם וואַסער ביי'ם אַראָבפאַלען אויף די רעדער, אַ קלאַפען, אַ מאָהלען פון דער מיהל.

ס'איז אחרון של פסח — אַ שענער, אַ וואַרמער ווענסנע-טאָג. די גילדענע זון האָט ביי'ם אויפגעהן צעריסען, צעטריבען די גרויע וואָלקענס אין דער לופט און מיט איהר ליכטיג פנים אַראָבגעקוקט פונ'ם בלויען הימעל מילד פריינדליך אויף דער ערד. גאָטס בעשעפעניש, אַלע פון גרויס ביז קליין, האָבען אויפהאָפענדיג זיך פונ'ם לאַנגען ווינטער-שלאָף לעבענדיג פרעהליך, זיך גענומען אויטליכער צו זיין זאַך. פריש-גרינע בלומען שטעקען אַרויס די קעפּלעך פון צווישען יונגע גרינע גראָז, קוקען אַרויס און מאַכען חן. ווערבעס ביי'ם טייך האָפען זיך אָנמאַהען זייער נייגרינע זופיצע, שפיגלענדיג זיך אין דעם וואַסער ריין קלאָר ווי זילבער. פון די ווייטע וואַרמע לענדער, דאָרט אין דער פרעמד, קומען עופות טשאַטשעסוויז צוריק אַהער אין זייער רוה אַריין. ווילדע גענז פליסקען זיך ערגעץ צווישען ווייספּעס דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דרעהען זיך אַרום דעם טשערעט, אַרויס, אַריין מיט אַ געהילך, אַ געשווישטש. שוועלבעלעך פלאַטערען, שוועבען אַהין, אַהער אין דער לופט, שטאַרק פערטראָגען אין דעם בויען, פעררריכטען נייע און אַלטע נעסטער. ברוך-הבאָ דאָס אַלטע בעקאַנטע פּאָר-פּאָלק בושעלם איז אויך למזל דאָ אין אַ גוטער שעה. זי, די בושעליכע, שטעהט אויף איין פוס, דאָס קעפּעל אין דער זייט, שטעהט בעטראַכט איהר אַלטע נעסט אויבען אויף אַ שפּיץ בוים, און ער אויף די לאַנגע שטעלצען שפּאַצירט זיך האָפערדיג אויף דעם זומפּ דאָרט, צוקוקענדיג זיך צו אַ קאַליושע, וואו עס שפּרינגען, קוואַקען זשאַבעס, און פלוצים פּיק-פּיק, אַ חאַפּ אין דעם רויטען ווייטען

פיסק אריין... ס'איז א לעבען. א שייד, א פליהעניש, א זונשעניש, א געזינגעריי, א געשווישטשעריי אומעטום.

ס'איז יום־טוב, ס'איז וועסנע־צייט!...

דאס גאנצע הויזגעזינד דעם ארענדארס איז אצינד אין דרויסען. חנא זיצט צעשפילעט אויף דער באנק נעבען דער שטוב, קוקט אויף גאט'ס שען וועלטעל און געהנעצט... ער האט, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, באלד נאך מיטאג געחאפט א דרעמעל. די עלטערע קינדער ארום איהם שטעהען און שמועסען תוך־זאכען: וועגען א גרעבליע, וואס עס האט ערגיץ נישט ווייט פון דאנען אבגעריסען; וועגען דעם פאהרען אהין אין שטעדטעל מארגען פריה, איינצוקויפען דארט פאר דעם פריץ און אויך פאר זיך נויטיגע זאכען; וועגען דער שקאפע, א זקנה פון א יאהר דרייסיג, בלינדליך אביסעל, וואס ליגט, מחילה, צוליינט אויפ'ן גויִנעם גראז אקעגען, קוויקעלט זיך און גלייכט זיך אויס די אלטע קראנקע ביינער, וכדומה נאך אזעלכע וויכטיגע זאכען אין דעם בעל־הבתישקייט. די יונגערע לויפען ארום פריי און זענען שטארק בעשעפטיגט: א טייל שטעהען אויפ'ן בריקעל נעבען דער מיהל, קוקען ווי דאס וואסער לויפט דורך די אפענע זאסטאווקעס, פאלט אין איין גוס, ווי איין שטיק גלאז, אראב טיעף אונטען מיט אימפעט, מיט גערויש, און צעשפרינגט אין טויזענטער קליינע שפריצלעך, שפילענדיג אקעגען דער זון אין אלערליי קאלירען, ווי בריליאנטען. ווידער א טייל שטעלען־אונטער שיסעלעך נעבען בערעזענע בוימער, פון וועלכע עס רינט, דורך א געמאכט שפעלטעל אין זיי, א געשמאקער, קלארער זאפט. אלע זענען פרעהליך, זעהען אויס יום־טוב'דיג. צוציק, דער הונד, א דיקבייכיגער מיט קורצע פיס און שווארצע פלעקען אויף דער שמוציגער ווייסער פעל, איהם פרייעט זיך אויס דאס הארץ, פיהלט אויך, אז היינט איז יום־טוב. ער האט היינט ניש'קשה געחאפט שיריים אונטער' דעם טיש, אבגעלעקט א ביין. ער פערדרייסט דעם ווידעל, טאנצט, שפרינגט משוגע'נערוויז אהער, אהין, אונטערפישטשענדיג עפעס אויף א מין משונה הינטיש קול.

אויף א פריי־גרינעם פלאץ אין וואלד הינטער דער שטוב, זיצט אויף א שטיק קלאץ פון א גרויסער אומגעפאלענער סאסנע חנא מלינצערס ווייב, א שענע בעטאגטע יודענע, אינאיינעם מיט איהר טאכטער, א ווייס־

בעל פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר. אַקעגען אויפ'ן גראָז זיצען אָנגע־לעהנט צוויי קינדער איהרע — אַ מיידעל, אַ שענהייט, אַ בלאָנדינקע מיט געקרויזטע לאָקען פון אַ יאָהר פינפצעהן, און אַ יונגעל אויף אַ פּאָר יאָהר יונגער פון איהר. ס'איז עפּעס גאָר ניט דער פּנים, דאָס אויסזעהען ביי די דאָזיגע דאָ ווי ביי יענע דאָרט פאַר דער שטוב. יענע און די זע־נען עפּעס ווי אַנדערע מענשען. יענע זענען אויפגערוימט, יום־טוב'דיג און די זענען פערזאָרגט, פערזאָרגט, זיצען עפּעס ווי תשעה־באָב צו די קינות. די מאַמע און די טאָכטער ביידע זעהען אויס שטאַרק צעטראָגען. ביידע האָבען אויפ'ן האַרץ זעהר פיעל און שטיקען זיך מיט אַ וואָרט, איינע וואַרט, די אַנדערע זאָל אָנהויבען צו רעדען.

— נו, לאָה! — האָט לסוף נאָך אַ היבשער צייט שווייגען די מאַ־מע גלייך ווי אין דער וועלט אריין אַ זאָג געטאָן — זענען מיר שוין, ברוך־ השם, דעם יום־טוב אויך איבערגעקומען. נו וואָס ווייטער, לאָה?

— ווייטער איז צרות. די אַלטע צרות. אַזוי, אַזוי, מאָרגען פאָהר איך, מאַמע.

— אַז דו וועסט בלייבען צוגאַסט נאָך אַ פּאָר טעג, לאָה, וואָס קען עס די אַרען? — זאָגט די מאַמע און די אויגען פערלויפען איהר מיט טרערען.

— איך קען נישט, איך קען נישט, — ענטפערט לאָה, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד.

— זי קען נישט! — מאַכט די מאַמע בעוואַשענדיג זיך מיט טרע־רען — ס'איז איהר ביטער שווער נעבען דער מאַמע!...

— זעהסט דאָך, מאַמע, אַז איך בין צו דיר געקומען

— געקומען, זאָגט זי... יאָ דו בינסט געקומען, אַ שענעם דאַנק דיר. נאָר... דאָס מאַמעס האַרץ פיהלט — פיהלט, אַז דער טאָכטער איז שווער. זי זיצט דאָ ווי אויף שפּילקעס. זי שווייגט און די אויגען איהרע רעדען, איטליכער בליק איז אַ שטאָך, איטליכע מינע איז פול מיט פערדראָס, ביטער ווי גאַל. געוואַלד, איך האַלט עס נישט אויס, עס שניידט מיר ביז אין דער זיבעטער ריפּ.

— מאַמע!...

— ווען איז דער מאַמע, וואָס האָט די וויסטע מאַמע געקענט טהאָן, בעסער מאַכען? ס׳איז מיר אויסגעקומען האָטש לעגען זיך, שונא־ציין, און שטאַרבען, אויסגעהן פאַר הונגער און וואָס וואלט געוואָרען פון די ברעקלעך קינדער?

— און היינט, וואָס וועט היינט פון זיי ווערען? — מאַכט לאָה, מיט אַ זיפץ פונ׳ם האַרצען.

— היינט? ווי די מעשה איז, איידיל איז אַ כלה און דוד׳ל..

— איין איבערביינדעל, אַ בילמע איטליכען אין די אויגען... און איידיל, מישטעהנס געזאָגט, איז אַ כלה! ס׳איז נאָר אַ וועהמיג צוהערען... איידילע, וואָס איז דיר?! — טהוט זיך לאָה אַ חאַפּ צו דער שוועסטערל, וואָס האָט פּלוצים זיך אַ קרום געטאָן און בלייך געוואָרען ווי וואַנד — דיר איז נישט גוט, טוט וועה? ווייטער אין דעם האַרצען?...

— ניש׳קשה, לאָה, גאָרנישט. גלאַט אזוי זיך אַ שטאָך.

— געה, נשמה, — רופט זיך אָן די מאַמע — געה אין שטוב אריין און לעג זיך צו. געה, דוד׳ל, מיט איהר און דעק זי דאָרט גוט איין מיט מיין שאַל.

ביידע קינדער הויבען זיך אויף און געהען אַוועק אומעטיג מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ.

— שענע תכליתים! אייד, איז אַכלה, יא נעבעך אַכלה, אַ וויסטע כלה! — זאגט לאָה בעטריבט, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ — אַ יונגע רויז, ערשט אָנגעהויבען בליהען און שוין פערדאַרט...

— לאָה איך האַלט עס נישט אויס! אַ האַרץ האָב איך פול מיט מכות און דו שיטסט מיר נאָך זאַלץ אויף די וואונדען. געוואַלד וואָס בין איך שולדיג, וואָס האָב איך געקענט טהון? געוואַלד רחמנות, האָב רחמנות!

— נו, גענוג, גענוג, מאַמעניו!... קום בעסער זעהן, וואו איז ערגיץ שלמה. וואָהין ווערט ער עס אַזוי אָפּט עפּעס ווי פערפאַלען?

— זאָל איך אַזוי וויסען בייז. דעם היינטיגען ווינטער, וואָס ער איז דאָ ביי מיר, האָט ער פערבראַכט אין לערנען. פלעגט אויפשטעהען

פאַרטאָג לערנען גמרא פאַר זיך, און בײַ טאָג — מיט די קינדער. די מאַמע האָט נאָר אָנגעקוקט פון אַזאַ זוהן. דאָס האַרץ האָט מיר זיך געפרעהט קוקענדיג אויף איהם. די לעצטע צייט אָבער איז ער עפּעס ווי איבערגעביטען געוואָרען. די גמרא אין דער זייט, תמיד פערטראַכט, שרייבט, טענטעלט, איך זאָל אַזוי ווימען פון צער, וואָס ער טענטעלט אַזוינס. און זינד ס'איז וואַרם געוואָרען, עס האָט אָנגעהויבען אומעטום צו וואַקסען, צו שפּראָצען, בלאָנקעט ער זיך שטענדיג איינער אַליין אין וואַלד אַרום. אַלץ פערטראָגען, פערפּלאָמט. תּאָמר ווייסט־דו וואָס? איין מיטעל וואָלט געווען — חתונה מאַכען, נאָר ער איז אָבער, אַ פּנים, אַ שלים־מזל...

— אין וואָס, מאַמע, זעהסט־דו עס אַרוים?

— ס'איז אַ וועהטיג צו זאָגען. דריי כלות איינע נאָך דער אַנדערער האָט מען מיר געז־עדט פאַר איהם. איך בין געפאָהרען זיי אָנקוקען. און וואָס לאָזט זיך אויס? איינע איז אַ בלינדע אויף איין אויג, די צווייטע מיט אַ צוגעפלעטשטער נאָז און די דריטע הינקט־צו אויף אַ פיסעל. דאָס מזל זיינס איז שוין, אַ פּנים, אַזוי... מילא חתונה מאַכען — נישט, וואָס דען־זשע? ווייטער אין די ישיבות אַריין, זיצען און לערנען דאָרט, דערפון וויל ער נישט הערען. לאָז מיך צורוהה, זאָגט ער, מיט דיינע ישיבות, מיט דיינע תּכליתים! גענוג געשוואַרצט דאָס פּנים, געגעסען טעג, גענוג געקוועטשט די באַנק, געריבען זיך. רייבען זיך ווייטער דאָרט ביז איך וועל מיך אויסרייבען און ווערען אַ שמאַטע — פע! גענוג אויסגעריבענע שמאַטעס בײַ אונז אָהן מיר אויך... דו הערסט אַ לשון אַ ביסעל פון אַ בחור, אַ זיבצעהניעהריגען בחור! — שאַ, אָט געהט ער, אָט איז ער אַליין, תּאָמר וואָלסט־דו, ווי אַ שוועסטער, געפּריוווט מיט איהם אַ רעד טאָן גלאַט אַזוי זיך.

אַ בחור'ל מיט שוואַרצע געגרייזעלטע האָר, אַ הויכען שטערען און ברענענדיגע אויגען ווייזט זיך פונ'ם וואַלד. ער לייענט געהענדיג עפּעס אַ ביכעל, שטאַרק פערטיפט אַזוי, אַז ער זעהט נישט, וואָס אַרום איהם.

— האַ, וואָס איז עפּעס אַזוי פערטראַכט שלמה! — מאַכט די שוועסטער מיט אַ שמייכעלע, אָבשטעלענדיג איהם אויפ'ן וועג.

— אַ־אַ, לאָה! — טוט זיך שלמה אַ חאַפּ און באַלד טאַקי קוקט ער אַריין ווייטער אין ביכעל.

— עפּעס ביזט־דו העט־העט דאָרט, גאָר ניט אויף דעם עולם — זאָגט לאה, ארויפלעגענדיג די האנד איהם אויפ'ן ביכעל — וואָס איז, איך בעט דיך, דאָרט אזוינס

— דאָרט איז נישט וואָס דאָ — ענטפערט שלמה, אָנקוקענדיג די שוועסטער — דאָ איז צרות...

— אוים יום־טוב, שלמה! רופט זיך אָן לאה און אין די אויגען שטעלען זיך איהר טרערען — מאָרגען פאָהר איך, דאָס וואָס איז דאַ צו רעדען, לאָמיר רעדען היינט. קום.

די מאַמע געהט אונטער איין אויסרעד אַוועק אין שטוב אַריין, איבערלאָזענדיג די קינדער אַליין, און זיי, דער ברודער מיט דער שוועס־טער, שפּאַצירען אַרום, אַהין־אַהער, ביידע אַריינגעטאָן אין אַ ווייטען אַ ברייטען שמועס, און, ווי עס זעהט אוים, גאָר ניט אין קיין פרעהליכען שמועס.

דערוויל פאַלט צו די נאַכט. שטילער, שטילער ווערט דאָס געוויש, דאָס געווימעל אַרום און אַרום. איינס נאָך דאָס אַנדערע צינדען זיך אָן שטערענדלעך אין הימעל. וואַלד און פעלד שווייגט, אַלסדינג דאָרט רוהט. עס גלעט זיי, פערוויגט זיי דאָס מילדע וואַרמע ווענגע־ווינטעל. דער סאָלאָוויי זינגט זיי אַ שען לידעל, זשאַבעס קוואַקען, דערציעהלען זייערע אַלטע מעשיות — און גאַנס בעשעפעניש שלאָפט. עס שלאָפט אונטער דעם שאָטען פון ביימער און משערעט אויף דער טייך, איבערגעדעקט מיט טומאַן. שאַ, שטיל, נאָר וואָס אַ מאָל טוט זיך אַ וואָרף פון אונטען אַ פיש און דערלאַנגט איהם אַ פּאַטש.

בײַ חנא מליניצער אַ קעגען איז דאָס גאַנצע הויזגעזינד אַ צינד אויף — מען פּטר'ט אַרוים דעם פסח פון שטוב, און דאָס אַרוים'פּטר'ן איהם, האַק און פּאַק מיט אַלע זיינע כלים, מאַכט אָן אויף דעם יודענס נשמה עפּעס אַ מרה־שחורה. אַך, רבונו־של־עולם, וויפיעל חן עס ליגט אין דעם פסח'דיגען פאַרעווען טאָפּ, אין דעם גרויסען בייכיגען בײַטעל, אין די מאַקערטעס, פלעשלעך און גלעזלעך! דאָס אייגענע גלעזעל, וואָס אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר איז אַזעלכעס פּראָסט אַ קעלישיקעל, הלילה הזה, די נאַכט פון פסח, איז עס אַ כּוס... עס שיינט, עס רעדט עפּעס ווערטער, עס דערמאַנט אַ מאָל אויך אין אַלטע צייטען, וועלכע עס האָט איבערגעלעבט, און עס הערט זיך אַ גרוס אייניקלעך פון זיידעס, באָבעס...

ער איבערגאַנג פון יום־טוב צו וואָך לאָזט זיך איבערהויפּט שווער פּיהלען דעם יודען, נאָך שווערער נאָך איז איהם אויפ'ן געמיט בײ'ם געזעגענען זיך מיט דעם פּסח — אוים פריץ, ווייטער אַ יאָך!...

מאָרגען גאַנץ פריה האָט פון טליניצאַ זיך געלאָזט אַ וואָגען, וועלכען עס האָט געשלעפּט מיט איהר כבוד אַליין די אַלטע שקאַפּע, וואָס איז געלעגען נעבטען צולעגט, מחילה, קויקלענדיג זיך פראַנק און פריי אויפ'ן גרינעם גראָז. אויבען אין וואָגען אויף פּעקלעך זאַכען מיט אַ גרויסער קישען זיצט לאָה. איינער פון חנא'ס זיהן זיצט אויף דער קעלניע, מיט אַ בייטשעל אין דער האַנד, גלאַט אַזוי זיך, פון יוצא וועגען, נישט צו בעליידיגען דערמיט חלילה די זקנה נעבעך, וואָס איז כמעט צוויי מאָל עלטער פון איהם און האט נאָך דעם זיידען זיינעם, עליו השלום, גע־פיהרט. זי געהט זיך איהר וועג געלאַסען, חעצקענדיג זיך שען, פיין, ווי איהר שטעהט אָן, און צוציק דער הונד לאָזט, ווי אַ טרייער געזעלען, זי נישט אָב: דאָ דרעהט ער זיך איהר אַקעגען, פלאַנטעט זיך איהר צווישען די פיס; דאָ הייגגט ער זיך איהר אויפ'ן האַלז אונטערשפּרינגענדיג און אָנהאַווקענדיג איהרע פולע אויערען, דערנאָך טוט ער זיך העגדום־פּענדום אַ,יאָג, פערלויפט איהר דעם וועג העט־וויט און שטעלט זיך וואַרטען אויף איהר דאָרט, אַרויסשטעקענדיג אַ צונג און מאַכענדיג מיט די זייטען. שפּילענדיג און חעצקענדיג זיך אַזוי איז דער וואגען אין אַ פּאָר שעה אַרום אַריינגעפּאָהרען אין ק... גלייך אויפ'ן מאַרק.

2.

צווישען דעם רינג הייזער אויפ'ן מאַרק, דער שענסטער פלאַץ אין דעם שטעדטעל ק... שטעהט אַ הילצערנע שטוב מיט אַ גאַניקעל, כמעט איין פאַסאָן, איין געשטאַלט מיט די אַלע אַנדערע הייזער דאָרט, נישט מעהר, וואָס זי איז אָבגעטינקעוועט, וויים אָבגעשמירט פאָרענט אויף דער גאַס אַרויס. דאָס קליינשטעדטעלדיגע, אַלטפעטערישע לעבען איבערהויפט און דאָס געבוי פון די הייזער איז, קען מען זאָגען, ווי דאָס לעבען אין דאָס בויען נעסטען ביי פייגעל, פראָסט איין שטייגער, איין שניט פאַר אַלע גלייך. עס וועט געגוג זיין, פון אַ זכר וועגען, אָבצומאָלען איין הויז פונ'ם רינג הייזער אין שטעדטיל ק... למען ידעו דורותיכם...

לאָזען קינדס־קינדער וויסען, אין וועלכע הייזער די זיידעס זענען געזעסען און האָבען אָבגעלעבט זייערע יאָהרען אינאיינעם מיט קינדער, קליינע און גרויסע און פאַרפאָלקען אויף קעסט!

ביי'ם עפענען די טיר קומט מען גלייך פון דער גאַס אַריין, אַזוי ווי מען שטעהט און געהט, אין אַ חדר, אַ גרויס, אַ לאַנגס, דער עיקר דירה, וואָס הייסט אייגענטליך שטוב. אין דער הינטערסטער וואַנד פון שטוב, אינווענייג אַקעגען דעם אַריינגאַנג, פיהרט אַ טיר אין אַ פינסטער צימער, אָהן פענסטער, אָהן אַ באַלקען — איין אָרט פאַר האָלץ וכדומה צווטיגע זאַכען אין דעם בעל־הבתישקייט און אַ מאָל איז עס אויך אַ שטאַל פאַר דער בהמה, בשעת די גרויסע פרעסט ווינטער אָדער ווען זי איז קעלביג, אַ שטייגער, און קען נעביך נישט נעכטיגען, ווי געוועהנטליך, אין דרויסען. ביי דער זייט פון דער דאָזיגער הינטער־טיר לינקס, שטעהט אַ גרויסער אויבען, אויף צו קאָכען און באַקען, און אונטער דעם פריפעטשיק איז דאָ איין אָרט (אַ קאַטוך) פאַר עופות, וואָס לעגען דאָרט אייער און קוואָקען, וואָס נעכטיגען דאָרט ביינאַכט, קריכען גאַנץ פריה פון דאָרט אַרויס און שפאַצירען זיך פריי אין שטוב אַרום, פול אין איטליכעס

ווינקעלע, אויף טיש און אויף בײנק. הארט נעבען דעם אויבען שטעהט א רובע פון גרינע קאפלעס, א הויכע, א לאנגע מיט צוויי בײנק: די פליישיגע און די מילכיגע באנק. אט די דאזיגע בײדע אויבענס און א ווענטעל מיט טירלעך נאך זיי, וואס ציהען זיך איבער דער גאנצער לענג שטוב, צעטײלען זי אין צוויי העלפטען, איין העלפט איז די הויפט־דירה, וועלכע איז דא בעשריבען, און די אנדערע בעשטעהט פון אלקערלעך פאר זיך און פאר שכנים. אקעגען דער רובע הײנגט פונ׳ם סופיט אראב א לײמע, קימענדעל עפּעס ווי א מין גלאק מיט צוויי דראטענע קײטעלעך, אײנס צו קעגען דאס אנדערע, אונטען בײם ראנד, צו וועלכען עס ווערט צוגעקײטעלט עפּעס א מין אײזערנע סקאווראדע (א לוטשניק), אויף וועלכער עס ווערט צולעגט א פייער׳ל פון דארע שפענדלעך צו בעלײכטען אלע אווענד די שטוב, חוץ פרײטאג צו־נאכט, וואס דענסטמאל ווערט עס בעלויכטען פון חלב׳דיגע בענשליכט אין מעשענע לײכטער אויפ׳ן טיש און אין דעם זעקס־רעהרענדיגען קופערנעם הײנג־לײכטער אויבען מיט איין אדלער. דער דאזיגער „לוטשניק" גיט, ווי די זון, ליכט, ווארמקײט דעם גאנצען הויזגעזינד און טראגט אריין פרעהליכקײט, לעבען אין שטוב ארום איהם פערברײנגט מען די ווינטער־נעכט אין געזעלשאפט מיט עפּעס צנ׳ארבײט, אדער גלאט אזוי זיך א געשפּרעך. ווײבער, הײמישע און אמאל אויך אײנע אדער א פּאר נאהענטע שכנות אין דערמיט, זיצען זיך אויף דער פליישיגער, אויף דער מילכיגער באנק, פליקען פּעדערען און בערעדען די וועלט. שבת־צו־נאכט ווערט צוגערוקט א טיש, מען לײענט פאר פון „ספר הישר", פון „גדולת יוסף" — און מען עסט געקאכטע־קארטאפלעס. חנוכה שפּילען די קינדער אין דרײדעל, די עלטערע אין קארטען — און מען עסט לאטקעס. און גלאט אזוי א נאכט, ווען מען פּרעגעלט שמאלץ, זיצט מען אויפגערוימט, דערצעהלענדיג מעשיות — און מען עסט גריוועך.

אויך לאזען די קינדס־קינדער וויסען, אז אויף מעבעל האבען די זײדעס זיך שטארק נישט אויסגעבראכט. א זײדענס שטוב איז אויסגעשטעלט געוועהנטליך אזוי: לאנגע הילצערנע בײנק בײ די ווענד, אויבעגאן א לאנגער פיערפיסיגער, רויטגעפארבטער טיש, שווארצע און ווײסע קעסטלעך, אײנס איבער דאס אנדערע געהופּערט, אין דערמיט טיש אויף צושפּיעלען אין דאמקעס. דארט אין א ווינקעל פון דער העלפט וואנד ביז צו דער סטעליע, שטעהט פעסט אײנגעפּאסט א ווינקעל־שאפעלע מיט

געגלייזטע מירלעך, פון וועלכע עס קוקן אַרויס אַ בעכער מיט קידוש־גלעזלעך, אַ הדס׳ל פון דראָט־אַרבעט, אַ חנוכה־לעמפּל, אַ פּושקעלע פאַר דעם אתרוג, מטות, אַ מייערקעפּעל אויף־חידושים, אַ טאַץ מיט שעלכלעך אויף איינגעמאַכטס, טעמבעקאָוועס און וואַרשאַווער־זילבערנע לעפל. גאַנץ הויך אויף דער וואַנד הענגט אַ שפּיגעל, אין וועלכן ס׳איז נישט מעגליך זיך אָנצוקוקן ביז מען שטעלט זיך נישט אויף אַ בענקעל, און נאָך אַלע מיה ועדט מען אין איהם אויס גרין און געל מיט געשוואָלענע באַקען פון ציינווייטאָג. ס׳איז זיך גלאַט אַזוי אַ שפּיגעל פון־שיינקייט וועגן, נישט חלילה צושפּיגלען זיך. פע!... דערפאַר אַז מען איז שוין אַרויף אויפ׳ן בענקעל, זעהט מען חאָטש דאָס געמעל אויף די פּאָרטרעטלעך, וואָס הענגען איהם בײ די זייטען: עפּעס אַ ייד אַ גאון אין טלית און תפילין, אַ מין יענעראַל אויף אַ פערד, האַלב צובויסען פון פליגען, אויך אַ „מזרח״ מיט צעצקעלעך און משונה ווילדע חיות, וואָס זענען נאָך לעת־עתה אין אונזער׳ע לענדער נישטאָ.

ד לאָזען קינדס־קינדער וויסען, אַז אַ ייִדענס שטוב אין דעם שטעדטעל ק... איז מסוגל צו אַלע מינים בעדערפעניש אין דעם מענשענס לעבען. אַ חוץ וואָס זי דינט פאַר אַ קיך, פאַר אַן עס־צימער, אויך פאַר אַ שלאָפצימער, וואו מען שלאָפט אויף צונויפגערוקטע בענק בײ די ווענד און בײ די אויוועגס, איז נאָך אין איהר געוועהנליך דאָ אַ שײנקעל אויך. אַ גאַנצע וואָך, פאַר דעם ביסעל שטאָדט־גוים, דלפנים, איז דאָ נאָר בראָנפען און בייגעל: בשעת די ירידים אָבער אין די מאַרק־טעג, זאָגט שוין אויסגעשטעלט פון פויגעל־מילך: געקאָכטע אייער, פעקלעך לעבער, הערינג און פיש מיט דרילעס אויך. ווינטער בשעת די קאָליאַדעס ווערט פערקליבען זיך אַהער אַלע אַוועגד אויסגעפּוצטע שקצים מיט בהמות־שקצים אַ טולע שטוב, אַזוי איז שוין פון אייביג אָן געשטעלט. זיי רייצן, קנאַקען נים, בלאָזען זיך, לאַכען, פלוידערען, זינגען, שטיפּען און טשערעשן זיך שפּעט ביז מען שפּריצט זיי אָב מיט וואַסער און שטופּט זיי אַרויס, אַזוי איז אויך שוין פון אייביג אָן געשטעלט. און ווען די שטוב מיינט נאָר אַ מענטשער, אַ משיטא שוין מוז זי פאַר אַ קאַנטאָרע. קיין בעסער אָרט אויף צו מושטירען סאָלדאַטען ווי אין דעם ייִדענס שטוב ווינטער אין די אָבענדען איז גאָר נישטאָ, ס׳איז וואַרם, ס׳איז ליכטיג, מען ועדט זיי צו געבען — אַ פּאַטש...

עס איז מין שטוב איז אויך יענע אָבגעטינקעהעטע צווישען דעם

רינג הייזער, וואס האט אנגעהערט צו ר׳ חיים׳ן — א שענער געהויבענער בעל־הבית, א פארנעהם אין דעם שטעטעל

צו זיין א שענער יוסטער בעל־הבית איז אין ק... געגוג געווען צו האבען א שטוב, א קוה און עפעס א שטיקעל פרנסה דערצו, אבער צו זיין א פארנעהם, געאכט, געליעבט איז קארג א רייכקייט, אפילו א סך א גרעסערע דערפון. אין דער ליטא אמאל, היינט אפשר שוין נישט אזוי, האט מען געלעגט כבוד נישט אזוי אויף געלד, ווי אויף תורה. א גראבער יונג א רייכער בלייבט נאך אלע זאכען פארט טאקי א גראבער יונג, ווי דעם עולם׳ס ווערטעל טאקי: פון א חזיר׳שען עקעל קען מען קיין שטריימעל נישט מאכען. שפרינגען איבענאן, זאגען דעות — דאס ליגט שוין אזעלכען און זיין גלייכען בטבע, זינט די וועלט איז בעשאפען געווארען, מען טוו נאך אפשר אמאל צוועהן אזוינס, הערען און שווייגען, נאר געהויבען אניעדערזעצען אזעלכע אויבענאן און קוקען זיי אין מויל אריין מיט׳ן גוטען ווילען, ליעב האבען זיי באמת פונ׳ם הארצען — א, ניין, זוכה זיין דערצו בעדארף מען זיין א למדן, גוט און פרום, האבען זכות־אבות. יחוס איז נישט דאס ביטעל, נאר דער קאפ, דאס הארץ. אט אזוי איז אין דער ליטא איבערהויפט, בפרט נאך אין דעם שטעטעל ק... אנ׳ארט פון תורה פון אייביגע יאהרען, וואו די איינוואוינער זענען כמעט אלע לומדים, וואו דער בית־המדרש, דער קלויז איז פול מיט בעלי־הבתים און בעלי־הבית׳לעך, וואס זיצען און לערנען, אויך מיט ישיבה־בחורים, פרושים פון דער פרעמד, וואס פערלאזען ווייב און קינד, קנייטשען די גמרא און עסען טעג; וואו אלע פארנאכט, בין מנחה למעריב, פערקלייבען זיך ארום בעזונדערע טישען בעלי־מלאכות און נאך אנדערע פונ׳ם שלם, צו הערען א גוט ווארט פון די פארזאגער דארט — ביי איין טיש „מדרש״, ביים צווייטען „עין־יעקב״, ביים דריטען „פסוק״, ביים פערטען „חובת־הלבבות״ וכדומה אזעלכע הקירה און מוסר־ספרים; וואו שבת און יום־טוב ווערט פונ׳ם בעל־טימר, נעבען דעם ארון־קודש, געזאגט פלאמענדיגע דרשות, וואס צינדען אן דאס הארץ פון די כנסת־ישראל מיט הייליגער ליעבע צו דער שכינה, וואס זענען געצירצט מיט טרייסט־ווערטער פון די נביאים, מיט משלים, קלוגע, שארפע גלייכווערטלעך פון די חכמים, מיט א קול, מיט א ניגון, וואס דערקוויקט, צוגעהט זיך אין אלע אברים. אין אזא שטעטעל אז מען איז זוכה צו זיין א פארנעהם, מסתמא איז עס נים אומזיסט, מסתמא איז מען גוט, פרום און געלערענט, מיט אלע מעלות.

און ר' חיים האָט די אַלע מעלות אין זיך געהאַט. מען קען זיכער זאָגען, ווען ר' חיים'ס „פּאָנדיש", זיין גאַנץ פערמעגען בּיי זיך אין שטעדטעל וואָלט ערגיץ אַנדערש זיך אָנגעזעהען ווי גאָרנישט, אַקעגענזשע וואָלט דער אייגענער ר' חיים מיט זיינע מעלות אין אַ גרויסער שטאָדט געוואַקסען, געווען פיעל מאָל גרעסער, נאָך געהויבּענער.

נאָך אין די רעכטע יונגע יאָהרען, ווען אַנדערע, נישט קיין יודישע קינדער, טראַכטען ערשט חתונה האָבּען, איז שוין ר' חיים געוואָרען אַ זיידע און שרה זיין ווייבּ אַ בּאָבּע למזל. לויט דעם חשבּון יאָהרען, גערעכענט צוריק, פונ'ם זיבּעטען קינד לעת־עתּה בּיז דעם עלטסטען זוהן, שוין אַ טאַטע, אויף קעסט נאָך דערוויילע, האָט ר' חיים חתונה געהאַט, אַ פּנים, זעהר פריה, כמעט נאָך גאָר אַ קינד. עס האָט געהייסען, ווי שרה פלעגט ליעבּ האָבּען אָפט צו דערצעהלען, אַז זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע און ער, דער מאַן, אַ קליין יונגעלע, האָט מען זיי פּלוצלים אָבּגעשטעלט אַ חופּה, אין דער בּהלה, נישט היינט געדאַכט. נאָר ווען בּהלה, וואָס בּהלה? — דאָס מאַכט אַ יודען נישט אוים, אַזעלכע אָדער אַזעלכע, אַלץ איינס. ווער קען זיך זיי אַלע אָנגעדיינקען?! מעגליך, אַז דאָס איז געשעהן בּשעת דער גזרה, מען זאָל נעהמען יודישע קינדער פאַר רעקרוטען. דענסטמאָל האָבּען יודען זיך געקלינט, אין האַפּעניש, אין איילעניש אָבּצושטעלען חופּות בּרעקלעך קינדער, גאַנץ שכל'דיג אַזוי: ווי בּאַלד אַז דו, שנעק איינער, קענסט זיין אַ זעלנער, קענסט דו דאָך זיין אַ בּעל־הבּית אַוודאי!...

ר' חיים איז געווען, ווי מען זאָגט, אי צו גאָט, אי צו לייט. זיין צייט איז געווען אָבּגעגעבּען צו דער פּרנסה, צו תּורה און אויך צו שטעדטישע זאַכען. יאָהרענלאַנג אַוועקגעווען אַ קאָזאָנער רב דאָרט, נישט בּעלוינט צו ווערען דערפאַר. פלעגט אויך זאָגען אומזיסט אַ שיעור גמרא מיט פּוסקים פאַר יונגע לייט. זיין הויז איז געווען תּמיד פול, דער אריין, יענער אַרויס. קיין זאַך האָט זיך נישט געטאָן אָהן איהם, וואו ערגיץ אַ שפּאַרעניש, אַ לאָדעניש איז ער געווען דער פערמיטלער. בּשעת עפּעס אַ נויט אין כלל־זאַכען פלעגט מען אָנקומען צו זיינם איין עצה און וועגען אַלסדינג מיט איהם זיך מישבּ זיין.

נאָר צו וואָס אַ־ים בּרייען? איין סצענע דאָ, למשל, ועט זאָגען בּעסער פון אַלע ווערטער. שאַ!...

ס'איז ווינטער, שבת־צונאכט, נאָך הבדלה. אינם „לוטשניק" אונטער'ן קוימענדעל, ברענט פרעהליך אַ פייערל, וואָס פון צייט צו צייט ווערט עס אונטערגעהאַלטען מיט דינע טרוקענע שפּענדלעך. דעם פייערל אַקעגען, ביי אַ טיש, צוגערוקט צו דער וואַרמער רובע, זיצט דאָס הויז־געזינד, אַ שכנה פון דער צווייטער שטוב, פול מיט נייעס ווי אַ פּויק, איז אויך דאָ, מען וואַרפט זיך איבער מיט אַ וואָרט און מען פליקט פעדערן. דער־ביי טאַקי לייענט איינער פון די קינדער פאָר די מעשה פון יוסף הצדיק מיט די ברידער אויף עברי־טייטש. מען האָט הנאה, מען וואונדערט זיך אויף דער גבורה פון יהודה — פון זיינס אַ געשריי ווערט שיער נישט אַ תל פון גאַנץ מצרים; די קאַץ זיצט צושאַרענדיג זיך צום אויווען, לעקט אַ קאַפּקעלע, מאַכט מיט די אויערלעך און האָט, ווי עס זעהט אויס, אויך הנאה. אין אויווען הייצט זיך, עס קאָכט זיך וועטשערע, נאָר קודם־כל זידט דאָרט אַ טעפּעל קאַרטאָפלעס אויף איבערצוחאַפּען דערוויל. ר' חיים געהט הין און צוריק איבער דער שטוב, נאָך אין דער שבת'דיגער קאַפּאָטע און זינגט זיך „אליהו־הנביא" מיט גרויס געפיהל. און ווי ער לאָזט אויס דעם סוף „במהרה יבוא אלינו", גיך און באַלד קומט ער צו אונז, עפענט זיך די טיר און לייטישע מענשען פונ'ם שטעדטעל קומען אַריין — אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָהר!

און דאָס פערשטעהט זיך אַליין, אַז לייטישע מענשען גיבען איינער דעם אַנדערען אָב כבוד ביי'ם אַריינקומען, האַלטענדיג אַ שעה אָפען די טיר אפילו ווינטער, נאָר אומצוקומען דערוויל אין שטוב פאַר קעלט, אַזוי אויך ביי'ם זעצען זיך. ס'איז אַוועק היבש צייט אין רוקעניש, און ווינקעניש, און בעטעניש, פּלאָנטענדיג זיך דערוויל דער יענעם אונטער די פיס, ביז די לייטישע מענשען האָבען זיך לסוף אויסגעזעצט. שרה איז מכבד די געסט נאָר פריינדליך מיט טרינקען „שפּעציעס" — מיני קרוי־

שעלצער, וואָס אַ כפּרה פאַר זיי טיי — און מיט שטיקלעך קאַנדעל-צוקער, וואָס אַ כפּרה דערפאַר היינטיגער צוקער... מען זיצט זיך, מען בלאָזט און מען טרינקט, איינער פערדרייט זיך די פּיפּקע — אַ פּאַרצעלייען לולקעלע מיט אַ זילבערן דעקעל און אַ לאַנגען געפלאָכטענעם ציביק. אַ פּאָר הוסטען זיך אויס, טאַפּען זיך ביי די נעז, ביי די בערד און עס הויבט זיך אָן אַ שמועס. אַהין-אַהער, דאָס אַ ביסעל, יענס אַ ביסעל ביז מען קומט אַרויף לסוף אויף אַזאַ שמועס!

— אָח-חאָ-חאָ׳ די גזרה פון די קליידער איז דאָך טאַקי אַ מיאוסע זאַך! — מאַכען אַלע מיט אַ זיפץ — יודען זאָלען זיך אָנטאָן דייטש: אַ קאַרטוז מיט אַ דאַשיק... ס׳איז דאָך עפּעס משונה אַ שרעק! און געוואַלד צו וואָס, רבונו-של-עולם, צו וואָס?!... וואָס קען „זיי״ דאָרט, זיי וואָס קען אַרויסקומען דערפון, אַז יודען וועלען זיך שוין אָנטאָן דייטש?... עס מוז דאָך עפּעס אַליין מיט אַ גאַנג.

— מען שמועסט, דרינען שטעקט אַ שפּיצעל — רופט זיך אָן מיט אַ קנייטשעלע יענער פון פּיפּקעלע, פערציהענדיג זיך שטאַרק און אַרויסלאָזענדיג פונ׳ם מויל רינגלעך רויך — וואַקסען זאָל ער נאַר, וואַקסען... פון וועמען מיינט איהר? — פון מאַנטעפיורען!

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ בער! וואָס רעדט איהר?

— אָט דאָס וואָס איהר הערט. אָבער ר׳ ברוך הלל׳ס טעג מען גלויבען? ער קומט ערשט פון די ירידין און האָט דאָרט מיט זיינע אייגענע אויערן...

— איך האָב אויך עפּעס אַזוינס געהערט — פאַלט אַריין אין די רעד אַ ריהרעוודיקער צאַפּלענדיקער יוד, פפרבייסענדיג אַ ליפּ — האַ, וואָרט, וואָס האָב איך געהערט?

— שלאָגט נישט איבער, ר׳ יוסיל — מאַכט דער עולם — שאַ!... אַ-נו, ר׳ בער,

— מען שמועסט, הייסט עס — הויבט אָן ר׳ בער געלאַסען, פּאַמעליך און קייעט איטליכס וואָרט ביז ער ברייגנט עס אַרויס פון מויל — אָט וואָס; אַז מאַנטעפיורע האָט געזעהן ס׳איז פע... איז ער געקומען מיט אַזאַ פּראָיעקט: אדוני מלך, זאָגט ער, פערקויף מיר דיינע יודען, איך וועל געבען פאַר זיי אַזויפיעל און אַזוי פיעל טוליאָן.

— הונדערט טויזענט, האָב איך געהערט, הונדערט טויזענט מי־ליאָן ! — פאַלט ר׳ יוסי׳ל ווייטער אין די רעד אַריין. געמיינט דערמיט נישט אַזוי די סומע געלד, ווי אַרויסצו־ווייזען דאָ דעם עולם. אַז ער ווייסט אויך, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, נישט ערגער פון אַנדערע.

— מילא וואָס מאַכט עס אויס — טוט ר׳ בער אַ זאָג פערדרע־הענדיג מיט דער נאָז און דערצעהלט ווייטער — מהיכא־תיתא ! ענטפערט דער מלכות בקיצור, מען מאַכט באַלד טאַקי אַ תקיעת־כף און מאָגמיז־פיורע גיט דערוויל איין אַוואַנס.

— חלילה, הונדערט טויזענט מיליאָן באַלד טאַקי, באַלד במזומנים — צושאָקעלט זיך ר׳ יוסי׳ל, ווי ביים שפּאַרען זיך מיט עמיצען איבער אַ שטיקעל גמרא.

— אי, זייט־זשע מוחל, ר׳ יוסי׳ל, שאַ ! בעטען איהם אַלע מחילה, ער זאָל שווייגען.

— בקיצור, ער גיט דערוויל איין אַדעראויף — דערצעהלט ר׳ בער ווייטער, רוהיג געלאַסען, נישט מאַכענדיג זיך אויס ר׳ יוסיל׳ס רייד — והמותר איז ער זיך מתחיב סילק׳ן צום טערמין ביים נעהמען די סחורה — די יודען הייסט עס. דערמיט איז מען זיך צוגאַנגגען. זיי געזונד — פאָהר געזונד ! נאָך אַנבייסען געהט זיך דער מלכות, ווי דער שטייגער איז, אין סענאַט און איז שטאַרק אויפגעראַמט. — אדוני מלך, פרעגט איהם דער מיניסטער, וואָס איז די מעשה, וואָס דו בינסט היינט עפּעס אַזוי אויפגעראַמט ? — אַזוי און אַזוי, ענטפערט דער מלכות מיט אַ שמייכעלע, געמאַכט אַ געשעפטעל, נאַר אַזוי פיעל פערקויפט היינט מיי־נע יודעלעך. — אדוני מלך ! טוט זיך אַ חאַפּ דער מיניסטער זעהר דער־שראָקען, וואָס האָסטו געטאָן ? ס׳איז אַ מקח טעות !... און באַלד טאַקי פיהרט ער איהם אַרויס פון די קאָנטאָרסקע ביכער אַ קלאָרען חשבון, אַז דאָס פּראָצענט, וואָס אַזאַ סחורה — יודען הייסט עס, טראָגט אין אַ געוויסע צייט יאָהרען איין, טרעפט העט־העט מיט אַ שמיצעל אַריבער דעם מקח פאַר דער גאַנצער סחורה. — וואָס־זשע טוט מען ? מאַכט דער מלך. געערדט איז דאָך געערדט און פון מלכות אַ וואָרט איז דאָך אַ גזרה. אַדרבה זאָג, האָסט דאָך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, פאַל עפּעס אויף אַ הסברה. — אדוני מלך ! רופט זיך דער מיניסטער אָן, נאָכדעם

ווי ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, ס'איז דאָ איין עצה. גיב אַרויס אַ בעפעהל, אָבער מאַקי באַלד, יודען זאָלען זיך אָנטאָן דײַטש. גראַם־שטראַם! מאַכט דער מלכות, וואָס איז שייך דאָס דערמיט? — ס'איז רעכט! זאָגט דער מיניסטער האַלב עפּעס אויפ'ן ווינק — ווי באַלד דײַטש, איז דאָך שוין פערשטעהסט־דו מיך, גאָר עפּעס אַנדערש... מיט דיר איז דאָך גענוג אויפ'ן ווינק — אַ־אַ שכל'דיג! גיט זיך דער מלכות אַ חאַפּ, דו בינסט ווערטה פאַר דער עצה אַ גילדענעם מעדאַל. — הערט־זשע רבותי, דעם שפּיץ — מאַכט ר' בער, נעמענדיג זיך אויסרייניגען מיט אַ דרעטעלע דאָס פּיפּקעלע פונ'ם אַש — אַקוראַט צו'ם טערמין קומט מסתמא מאַנטעפיורע.

— ניין, נישט אַזוי, ער קומט נישט, ער לאָזט פריהער מעלדען — קען זיך ר' יוסי'ל נישט אײַנהאַלטען, צעשאָקעלט זיך און פאַלט ווידער ערײַן אין די רעד.

— שאַ, זייט זשע מוחל! האַלט זיך אײַן אַ ווײַלע און שלאָגט נישט איבער, ר' יוסי'ל! — בעט דער עולם. וואָס איז זעהר ציקאַווע צו הערען דעם סוף — נו ר' בער, נו־נו.

— קומט ער, הייסט עס — הויבט ר' בער אָן ווייטער דעם שמועס, ציהענדיג די ווערטער ווי יענעם אויף צו להכעיס און שמאַכענדיג פאַר הנאה — קומט ער, אַזוי ווי איך זאָג אײַך דאָ, צו'ם טערמין און מאַכט כהאי לישנא: אדוני מלך! נאַ דאָס מותר געלד און לאָמיך, כפי השליש־צעטעל, נעהמען די סחורה — יודען הייסט עס. — אָך! מאַכט דער מלכות, מהיכא־תיתי... געה דיר, זיי מוחל, און וואו דו וועסט דערזעהן אַ יודען, נעהם דיר איהם, בשם אלהי ישראל, די סחורה דײַנע... מאָנטעפיורע לאָזט זיך לאַנג נישט בעטען און געהט. ער געהט אין איין שטאָדט — נישטאָ, נאָך אין אַ שטאָדט — נישטאָ. בקיצור אין בערדיטשוב — אויך נישטאָ. קיין סימן אפילו נישט פון אַ יודען. אַלע יודען זענען אָנגעטאָן דײַטש — דײַטשען.

— אָוואַ, אָוואַ! — מאַכט דער עולם פערוואונדערט — אַזוי, זאָגט איהר, אַזוי שמועסט די וועלט!

— עט! — מאַכט ר' חיים מיט אַ שמייכעלע — נישט תמיד איז אמת, וואָס טראָגט זיך אַרום אין דער וועלט. ס'איז זיך אַ טימרא...

— אַ צו אַזוי, דערווייל איז שפּל — זאָגט דער עולם מיט אַ קרעכץ — די גזרה איז דאָך טאַקי אַ גזרה! מילא די קאַפּאָטע יאָק קאַפּאָטע, וועט מען אין איהר מאַכען אַ האַק, דער גוטער יאָהר וועט זי נישט נעהמען מיט אַ שפּאַלט פון הינטען אויך, אָבער אַ קאַרטוז — רבונו־של־עולם, אַ קאַרטוז!... ר' חיים, פּאַלט עפּעס אויף איין עצה, הא, וואָס טראַכט איהר, ר' חיים?

— איך טראַכט — ענטפערט ר' חיים נאָך עטליכע מינוטען שווייגען, רייבענדיג זיך דעם שטערען — איך טראַכט, וואָס פאַרט האָבען אין אַ נויט די חכמים מיט זייער חכמה נישט געמאַכט. מע טאָר אַ שטייגער שבת נישט טראָגען, נאַ ציה איבער אַ שנירעל און טראָג. מען טאָר נישט נעהמען פּראָצענט, נאַ דיר היתר־עסקא און נעהם! — ס'איז דאָ איין עצה, יודישע קינדער! זאָגט מיר, רבותי, וואָס איז אַזוינס אַ קלאַפּאָווע היטעל (אַ חצי שבת'ל)?

— וואָס הייסט? — וואונדערן זיך אַלע אין איין קול — אַ יודיש קלאַפּאָווע היטעל איז אַ קלאַפּאָווע היטעל, אַ וואָכענדיג היטעל מיט קלאַפּען! פוןביידע זייטען האָט עס אויפגעשטעלטע, מיט קליאָטשע אָנגעשטאָפּטע קלאַפּען, פון רויכוואַרג, פערשטעהט זיך, און פאַרענט איז עס בּעלענט, פון איין קלאַפּען צום אַנדערן, מיט אַ שמאָל שטיקעל רויכוואַרג, גוט צוגענעהט אונטען, אויך צום ווערכעל אויבּען. ווער ווייסט עס דען נישט אַ יודיש קלאַפּאָווע היטעל?!

— מילא — שמייכעלט ר' חיים מיט אַ קנייטשעלע — מה רעש? וועט יענס שטיקעל פאַרענט נישט צוגענעהט זיין צו'ם ווערכעל נאָר מיט דער אונטערסטער זייט אַליין, אַזוי אַז עס זאָל זיך קענען אָבלעגען: וויל מען, איז דאָס ווי היינט אַ היטעל, כשר יודישליך, וויל מען, לעגט מען עס אָב, קומט עס אויס אַ דאַשיק, איז מען יוצא לכל הדעות און פּטור. און וואָס קען מען צו אַ יודען מיט אַזאַ היטעל האָבען? אַ דייטש!...

— טאַקי וואו תורה דאָרט חכמה. מאריך ימים ושנים זאָלט איהר, ר' חיים, זיין! — זאָגט דער עולם גאַנץ צופרידען, אַנווינשענדיג איהם אַ פולע קאָפּ.

דאָס דאָזיגע מין היטעל מיט דעם אָבגעלעגטען דאַשיק איז דער־נאָך אָנגענומען געוואָרען בכל תפוצות ישראל און גילט נאָך עד היום בײ

אַלע פרומע יודען דאָרט אונטער דעם נאָמען „נאַפּאָלעאָנקע״. די וועלט אָבער בעדאַרף וויסען, אַז נולד איז דאָס היטעל געוואָרען אין דעם שטעדטעל ק... און אין דער היסטאָריע בעדאַרף עס שטעהן פערשריבּען אויף דעם נאָמען ר׳ חיים׳ס, דער ערשטער, וואָס האָט עס ממציא געווען. — נאַפּאָלעאָן, מעגליך, האָט געטראָגען פון אַזאַ פאַסאָן אַ היטעל גאַנץ זיבער אָבער, מען מעג שווערען, אַז ר׳ חיים האָט מיט נאַפּאָלעאָנען זיך בכלל נישט אָנגעהערט און קיינמאָל זיין היטעל אַפילו אין די אויגען נישט געזעהן.

צו ר׳ חיים׳ן פלעגט מען אָנקומען אויך בשעת, נישט־דאָ געדאַכט, עפּעס אַ קראַנקהייט. קיין דאָקטאָר אין שטעדטעל איז נישט געווען, חוץ אַ רופא, וואָס האָט מעהר נישט געוואוסט, ווי שלאָגען צו דער אָדער, שטעלען פּיאַווקעס, באַנקעס, אויך גאָלען און טערען. ווי באַלד עפּעס אַ שלאַפקייט, האָט זיך געוויזען דער רופא מיט דעם גאַנצען קליפּערגעצייג און געאַרבּייט אויף אַלע כלים: צוקאַראַדאַשעט רוק און לענד, האַלז און געניק, צו־ווישענדיג דערנאָך עפּעס אויף דייטשעריעס, „צו געזונג!״ און אַז די ברכה זיינע האָט נאָך אַלע מיטעל נישט געהאָלפען, דעם קראַנקען איז נאָך געוואָרען ערגער, פלעגט מען קומען מיט אַ געבעט צו ר׳ חיים׳ן, ער זאָל מוחל זיין געהן, דעם חולה „צו בעטראַכטען״ — און ר׳ חיים, וואָס האָט ער געקענט טאָן, איז געגאַנגען בעטראַכטען. ביים עולם איז איינגערעדט געווען, אַז ר׳ חיים איז אַ מעטער, אַ גרויסער מבין אין דאָקטאָריע. ער אַליין ווידער האָט זיך געהאַלטען טאַקי דרינגען פאַר אַ שטיקעל מבין. פון וואַנען האָט אַזוינס צו איהם זיך גענומען? דערויף איז דאָ אַ טעם. ר׳ חיים אַליין איז בטבע געווען אַ שוואַכער, אַ שלאַפער מענש. חוץ דער יודישער קראַנקהייט „מערידין״, אַ ירושה פון די עלטערן, האָבען איהם אין לעבען נישט אויסגעלאָזט נאָך אַנדערע מיני וועהטאָגען: שטעכעניש אין די קריזשעס, אַ שפּאַרעניש אונטערן לעפּעלע, קוועטשעניש, מאַטקייט אין די גלידער, וואָס היינט הייסט עס עפּעס „נערוועז״, איבער וועלכע ער האָט אַ מאָל, ביי אַ געלעגענהייט, זיך מיישב געווען מיט גרויסע דאָקטוירים ערגעץ, און צום גרעסטען טייל אָבער זיך נישט וויסענדיג געמאַכט — עט, גאָרנישט, אַ מיחוש, עס וועט אַזוי זיך איבּערגעהן. איינמאָל אָבער איז ער טאַקי שטאַרק פערשלאַפט געוואָרען, בעקומען אַ היציגע קראַנקהייט עפּעס, אַזוי אַז מען האָט צו איהם עטליכע מאָל אַראָבגעבראַכט אַ גרויסען דאָקטאָר פון דער סביבה, דאַכט זיך, דעם שלאָס־דאָקטאָר, וואָס ביי׳ם דוכט אַליין, און דאָס אויסגעהען זיך זיינס פון דער

קראַנקהייט איז געווען בעשיינפערליך אַ וואונדער ווי פון טויט לעבעדיג. דאָס אַלסדינג האָט געמאַכט ר' חיים'ן פאַר אַ געניטען. איהם געגעבען דאָס רעכט אַ מבין צו זיין אויף קרענק, שוין נישט צו ריידען פון רפואה־ביכלעך פאַר'ן פאָלק, אין וועלכע ער פלעגט אַריינקוקען, פון אַלע רעצעפּטען, וואָס האָבען מיט דער צייט ביי איהם זיך אָנגעקליבען. פרעגט נישט, זאָגט מען, דעם דאָקטאָר, פרעגט דעם קראַנקען, — און קראַנק איז דאָך ר' חיים אין זיין לעבען פיעל מאָל געווען, און באמת טאַקי פאַר וואָס זאָל דאָקטאָריע ערגער זיין פון אַדוואָקאַטור, אַ שטייגער? אין יענער שטאָדט, נישט ווייט פון ק... איז דאָ אַ ר' אהרן, דוקא נישט אַזאַ למדן, און די שקאָלעס ערגעץ נישט געלערנט, פון דעסטוועגען גילט ער אין דער סביבה פאַר אַ „זאַקאָנשטשיק“ נאָר אַ מורא! ביי עפּעס אַ קרעצעל, אַ מיאוסען עסק, ווענדעט מען זיך צו איהם, נאָר טאַקי דערפאַר אַליין, וואָס ער, ר' אהרן, איז אין זיין לעבען אין פיעל תפיסות איבערגעזעסען, פאַר בלבולים און גנבות, פאַר פאַלשע מסירות וכדומה נאָך בלבולים אַזעלכע, בעהיט זאָל מען ווערען, און איהם איז אויסגעקומען דורכדעם גוט בעקאַנט צו־ווערען מיט „נאַטשאַלסטוואָ“, ווייסט די אַלע גיינג, וואָס מען האָט צו טאָן, וואָס צו שרייבען, וואָס צו רעדען מיט אַלע דרעהדלעך, שפּיצלעך און אָבשניצלעך.

ר' חיים אָבער איז געווען אַ דאָקטאָר נאָר צו געוויסע קרענק, פון וועלכע מען קאָן חלילה ליגן אָדער מען ליגט שוין טאַקי אין בעט, קיין כח נישט האָבענדיג זיך צו רירען. צו אַנדערע, גלאַט אַזוי זיך וועהטאָגען זענען שוין געווען אַנדערע אין שטעדטעל, וואָס האָבען געטויגט אימליכער צו זיין זאַך. אויגען־וועהטאָג, אַ שטייגער, דערויף איז געווען אַ ר' פישעל. ער האָט געהאַט בסוד עפּעס אַ וועסערל, פון וועלכעס ער פלעגט געבען עטליכע טראָפּענס אויף אַ רפואה, אומזיסט, נאָר פון מצוה וועגען. צו מאָגערקייט, אויסדאַריעניש האָט פּעטרוכאַ, די אַלטע גויה געגעבען עפּעס מיני קרייטעכער אַזוינע. צו דער ניכפּה, צו אַ מאַנקאָליע, אַ רוישען אין קאָפּ — דערויף איז געווען אַ מייסטער יאַש דער טאָטער, אויף איין עין־הרע אָבשפּרעכען, ציינווייטאָג פעררעדען, גיסען וואַקס, מיט אייער אויסקייקלען — דערצו איז געווען אַ בריה גיטעל די זאָגערין, און צו קדחת, מאַיאָווע אָדער קדחת רביעית, פלעגט זעהר גוט העלפען דער מלמד ליפּא ראובן'ס, וואָס איז באמת געווען אַ גריליכער (זעלטענער) מענש, נישטאָ, האָט עס געהייסען, ווייט אין דער וועלט צווישען זיין גלייכען.

4.

ליפא ראובן'ס, אַ יוד אין די מיטעלע יאָהרען, איז איינער פון יענע מענשען, אין וועלכע גאָט האָט אַריינגעלעגט אַלע גוטע מתנות: גייסט, האַרץ און געפיהלען, נאָר פערגעסען אָבער זיי צוגעבען איין קלייניגקייט — מזל! ביים אַרויסגעהן פון גאָט'ס הענד אַהער אויף דער וועלט האָט זיי דער רוח, ווי אַ קערנדעל תבואה, פערטראָגען ערגעץ אין אַ העק, אין אַ וויסט אָרט, וואו עס איז נישטאָ די אַלע מיטלען, ווי געהעריג איז צו וואַקסען. דער גייסט אין זיי רייסט זיך, זוכט זיך ערגעץ איין אָרט, וואו צו ווייזען זיך פריי, צופיהרען אַביסעל די הענד — ביי אַ טייל אָבער ווערט ער, נאָך אַלע אומזיסטיע מיה, נאָך דעם אויסגליטשען זיך אויף שטיינער אין דעם וועג, אַלץ שוואַכער, און זיי ווערען אינגאַנצען אָבהענגיג. זיי ליגען, פוילען, נעהמען זיך אַמאָל אויך פאַר קרענקונג צו דער משקה, טויגען צו גאָרנישט און הייסען ביי דער וועלט: טויגעניכטסען, פערלוירענע מענשען. ווידער ביי אַ טייל הערט דער גייסט פאָרט טאַקי נישט אויף צורייסען זיך אַרויס, עפּעס קאָכט עס, בורטשעט עס אין זיי, ס'איז אַ שטענדיגע קאָכעניש, אַ ראַנגלען זיך, איין אינוועניגסטע נישט־צופרידענהייט. פאַר עסעניש געהען זיי פונ'ם לייב אַראָב, זענען עפּעס פעראומערט, פערטראַכט, דער גייסט לאָזט זיי נישט רוהען, זיי חאַפּען זיך צו אַלצדינג, דאָ צו דער, דאָ צו יענער זאַך, נאָר איטליכע זאַך קומט אויס עפּעס משונה, עפּעס ווילד ווי די נאַטור אַליין, וואָס איז נאָך רוי, נישט בעאַרבייט — דאָס זיינען יענע מיני קינסטלער, וואָס, ווי די וועלט זאָגט, אין דער האַנד הונדערט מלאכות און ווייניג ברכות.

ליפא ראובן'ס איז געווען אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיגער מיט בלייך פנים, אַ שטילער, אַ גוטער און זייער בעליעבט ביי איטליכען אין דעם שטעדטעל. זיין כאַראַקטער, זיין וואַוינונג, זיין שטיינער לעבען. זיין טאַ

און אלץ מיט אנאנדער האט בעשיינפערליך געוויזען, אז אין איהם איז דא דאס פינטעלע, דער ברען פון א קינסטלער. ער האט געהאט א האנד צו שניצען, צו מאלען, צו שרייבען און צו קריצען אויף קופער און אויף שטיינער, נישט צו מאכען זיך דארויס א פרנסה, נאר גלאט אזוי, וויל דאס איז געווען זיין בעסטער פערגעניגען; וויל עס האט איהם דערצו עפיס געטריבען און ער האט בעדארפט, געמוזט מייסטערען. ביי דעם שטעדטילדיגען עולם יודען האט ער געהייסען א בריה צו אלצדינג, א קענער, עפיס גאר א שרעק — און זיי האבען ביי איטליכער געלעגענהייט זיך מיט זיין בריה'שקייט בעניצט. מען האט איהם מכבד געווען מיט שניצען דעם ארון-קודש, מאלען א „מזרח", שלאגען מצבות, קריצען תתימות. מיידלעך, כלות, פלעגען איהם מטריח זיין, מיט זיין גוטען ווילען צו מאכען פאר זיי מוסטערען, אויף קיטעלשטיכלעך, אויף העפטען, אויסנעהען פאר זייערע חתנים תפילין-זעקלעך. און אז ער טויג שוין יא צו אלע זאכען און איז דערצו נאך א גוטער מענש אויך, טהוט איטליכען צוליעב, אזוי זיך, אומזיסט, פאר וואס-זשע זאלען ווייבער נעבעך אזוי זינדיג זיין, נישט צו בעניצען זיך מיט איהם אויך — צו קדחת א שטיינער? מען האט איהם געבעטען, האט ער געשריבען עפיס אזוינס אויף מאנדלען, אדער אויף טעלער מיט טינט, וואס צופיהרענדיג עם דערנאך מיט וואסער גיט מען עס דעם קראנקען — טרינקען — און עס העלפט!... צו די אלע זאכען האט ליפא ראובן'ס נאך צוגעקנעלט אויך.

פאר א מלמד האט איהם געמאכט ר' חיים!

שלמה ר' חיים'ס, א יונגעלע פון א יאהר זיבען, האט פון דער קינדהייט זיך געוויזען פאר א וואוילעס, א לעבעדיגעס, מיט א שארף קעפיל צום לערנען. אין איין יאהר האט ער זיך אויסגעלערנט ביי משה שלייען גוט עברי, געלייענט גיך ווי א וואסער און אנגעהויבען חומש, ווי דער שטייגער איז, פון „ויקרא", וואס אנדערע קינדער בעדארפען דערויף אוועקזיצען אין חדר א צוויי דריי יאהר. ביים גאנצען הויזגעזינד ר' חיים'ס ווי אויך ביי פרעמדע, אריינגעהערם צו איהם אין שטוב, איז שלמה'לע געווען זעהר בעליבט פאר זיין לעבעדיגקייט, פאר זיין פאלען אמאל אויף קלאץ-קשיות, און נאך מעהר — פאר זיינע אנשטעלען. ס'איז אין איהם געלעגען בטבע עפעס אזוינס, אויפצוחאפען באלד ביים ערשטען בליק יענעמס א מינע, א ווארט, וואס עפעס נישט אזוי, משונה ווי ביי

אנדרעע. ער פלעגט וואונדער־שען נאָכמאַכען אַבי וועמען מיט אַלע פּאָ־סמעטקעס — ווי יענער רעדט, ווי יענער שטעהט און געהט, אַזוי אַז מען פלעגט זיך האַלטען בּיי די זייטען פאַר געלעכטער, זעהענדיג און הערענדיג איהם. בּעזאָנדערס ליעב האָט ער געהאַט נאָכצומאַכען גיטעל די זאָגערין, ווי זי קושט די מזוזה בּיי'ם אַריינקומען אין שטוב, אָנגע־טאָן אין דער יופּע אויף איין אַרבּעל; ווי זי פערציהט די ליפּעלעך, זאָגט: „אַ גאָט העלף!" מיט חן; ווען זי גיט אַ בּייג דעם רוקען ווי אַ קעצעלע, אַזוי אַז איין אַקסעל קומט אויס נידעריג, די אַנדערע העכער, דאָס קע־פּעלע אין דער זייט, אונטערגעהאַלטען מיט דער האַנד, און אַ פינגער אויף דער בּאַק; ווי זי קנייטשט דאָס פּנימ'ל, אַ כמאָרע מיט דעם נעזעל, פערגלאָצט די אייגעלעך און רעדט מיט תחינה־לשון, אַלץ: „געלויבּט און געאַבּפערט דער אַלמעכטיגער, בּרוך הוא וברוך שמו, וואָס בּעשירעמט זיין פאָלק ישראל!" אַריינוואַרפענדיג אין דערמיט שטיקלעך פּוג'ס „נחלת צבי" און רבינו בּחיי. — די מאַמע פלעגט מיט אַנדערע גלייך טאַקי אויך לאַכען, נאָר דערבּיי, מיט אַ פינגער אויף דער נאָז בּלומר'שט אין כּעס צו איהם מאַכען:

— וואַרט נאָר, וואַרט, שען בּחור'ל איינער! איך וועל ניש'קשה דערציהלען דעם טאַטען, וועסט־דו שוין וויסען, נישקשה, ווער עלטער איז, ווי איין עלטערען נאָכצוקרימען זיך. — זאָל איך אַזוי וויסען בּייז, אויב איך פערשטעה, וואָס פאַר אַ מין שלאַק דאָס איז, רבּונו־של־עולם!..

דער טאַטע אָבער איז אויף דעם קינד אַ מבין געווען. ער האָט, גוט פערשטאַנען, אַז בּיי אַ געהעריגען סדר לערנען אַלצדינג, וואָס מען בּעדאַרף, און בּיי אַ רעכטען מלמד אין די הענד, קען פון אַזאַ קינד, מיט דער צייט, ווערען אַ לייט'ן לערנען אַלצדינג, וואָס מען בּעדאַרף, האָט בּיי יודען צו יענער צייט, און בּפרט נאָך אין אַזאַ שטעדטעל ווי ק... נישט געהייסען שפּראַכען, חכמה־זאַכען, דאָס וואָס היינט. צו גמרא און פּוסקים זיין נאָך אַ בּעל־תנ"ך אויך, פערשטעהן אַבּיסעל דקדוק — איז מען שוין אַ פאַרטיגער מענש, אַ ווילדער בּריה איינער אין דער וועלט, מעהר דערפון איז גאָר נישטאָ, טאַקי איין איבּעריגע זאַך. נאָר ווער אָבער האָט, חוץ דעם אָנהויבּ פון איטליכער סדרה, געלערענט קינ־דער תנ"ך? מען האָט זיך עפּעס געשייעט, עס האָט עפּעס געשמעקט מיט

אפיקורסות. ס׳איז טאַקי אַ גרויס וואונדער, נישט צו פערשטעהן אַזוינס...
נאָר ווי די מעשה איז, אַזוי איז עס געווען, און אַזוי איז עס ביי אַ טהייל
יודען נאָך היינט. גרויסע רבנים, פּאַרצייטען און אויך היינט, האָבען נישט
געוואוסט און וויסען נישט רעכט גוט עד־היום, וואָס שטעהט אַזוינס אין
תנ״ך, און פון דעסטוועגען שאַ! מען קען זיין אַ גרויסער למדן פּסקענען
שאלות אָהן פּסוק אויך... ר׳ חיים׳ן אָבער האָט זיך געגלוסט פאַר
שלמה׳לען זיינעם מאַכעם איין אויסנאַהמע, פּרובען לערנען איהם דוקא
גאַנץ תנ״ך, מיט דעם תרגום אייך, כסדר פון אָנהויב ביז צום סוף. ר׳
חיים אַליין האָט געקענט תנ״ך, און געשריבען מליצה. פון זיינע בריוולעך
פלעגט מען לעקען די פינגער. ער האָט געהייסען צווישען זיינע אַלע בע־
קאַנטע אַ „בעל־לשון״... נאָר וואו נעהמט מען אָבער דעם מלמד דערצו?
אַט דאָס האָט ר׳ חיים געטראַכט און איז לסוף געפאַלען אויף ליפּא
ראובן׳ס. איהם האָט עס ר׳ חיים געמאַכט פאַר אַ מלמד, צו קנעלען מיט
זיין שלמה׳לען, מתיר־געווען איהם צוצונעהמען נאָך עטליכע קינדער, כדי
ער זאָל קענען ווי־עס־איז מיט ווייב און קינד, ווי אַלע יודישע קינדער,
עס אַזוי זיך לעבען...

און דער זיווג האָט עולה־יפה געווען! דער רבי און דער תלמיד
האָבען זיך איינער דעם אַנדערען זעהר גוט געפּאַסט. דער רבי האָט גע־
קנעלט געטריי, און דער תלמיד — געלערנט געשמאַק. דער שטייגער
איז געוועהנטליך געווען, בשעת דעם לערנען ביים טיש פלעגט דער רבי
זיצען אויף זיין אָרט מיט עפּעס איין אַרבייט — מאַלען אָדער שטעכען
אַ חתימה׳לע. נאָר דאָס האָט אָבער נישט געשאַדט צום גאַנג פונ׳ם לער־
נען, ער האָט ניש׳קשה, זיך גוט צוגעהערט, פערקעהרט דאָס לערנען איז
געגאַנגען נאָך פיעל בעסער. די אַרבייט איז פאַר איהם געווען דאָס איי־
גענע וואָס אַ פּראָסטען בעל־מלאכה אַ גוטער טרונק בראַנפען. זי האָט
איהם בעגייסטערט, בעלעבט, געמאַכט בערעדעוודיג. ערשט דענסטמאָל
האָט ער דערקלערט אַלצדינג שאַרף, קלאָר, פונ׳ם מויל האָבען זיך
איהם געשאָטען פּערל, אין די אויגען האָט געפינקעלט אַ הייליג פייערל,
ער האָט געקוקט מיט ליעבשאַפט עפּים אַזוי גוט, אַזוי גוט... און דעם
תלמיד פלעגט עס געבען אַ נעהם, אַ ברען, אונטערגעגעבען איהם אַ חשק,
ער האָט געשלונגען איטליכעס וואָרט, אויפשטעלענדיג די אויערלעך,
דאָס לערנען איז נישט געווען, ווו ביי יענע, ערגעץ אַנדערש אַ שטייגער,
אַ שווערע משא, אַ ריין אַבקומעניש, וואו דער רבי מיט דעם תלמיד

ליידען נעבעך ביידע גלייך: איינער שלאָגט אין קאָפּ אַריין מיט געוואַלד, איז דערביי אויפגעבראַכט, היצט זיך אַ שרעק, און דער אַנדערער, וואָס זאָל ער נעבעך טאָן, מאַכט זיך כלומר'שט ווי איהם איז עס אין קאָפּ אַריין, ציטערט, פּלאַטערט — נאָר ביידע ווינשען איינער פּנ'ם אַנדערן פּטור צו ווערען...״ ניין! דאָס איז געווען גאָר עפּיס ווי אַ שמועס צווישען צוויי פריינד, אין וועלכען איין האַרץ פיהלט דאָס אַנדערע — אַ שמועס, וואָס מאַכט פערגעניגען אי דעם, וואָס רעדט, אי יענעם, וואָס הערט, ביידע פערשטעהען זיך זעהר גוט, און עס ווילט־זיך צוברייגגען אַזוי די צייט נאָך און נאָך.

שלמה'לע איז מיט דער צייט אַלץ געוואַקסען, געוואַקסען ווי אַ בלומעלע אונטער אַ גוטער השגחה, און ווערענדיג אַלץ וואָס ווייטער פערשטענדיגער, הערט ער נישט אויף פונדעסטוועגען צו בלייבען, נאָך זיינע יאָהרען נאָך, אַ קינד. שלמה'לע אין חדר און שלמה'לע אין דרויסען זענען עפּעס גאָר אַנדערע, פערשיידענע מענשען. לערענט ער איז געלערענט, ער איז מיט דעם גאַנצען קאָפּ אַריינגעטאָן אין לערנען. ער דענקט, טראַכט וויל גרינדליך איטליכע זאַך פערשטעהן; נאָר קוים צוגעמאַכט דעם ספר, איז ער ווי איבערגעביטען געוואָרען, ער לעבט, שטיפט — אַ יונגעל מיט די ביינער. איבערהויפּט האָט שלמה'לעס כאַראַקטער פון קינדוויז אויף זיך געוויזען עפּעס ווי אַ צונויפגעשטעלטער פון פערשיידענע מינים, נישט פון איין שטיק מאַטעריע. עפּעס האָבען צוויי נשמות — אַ מלאך מיט אַ רוח, געשטעקט אין איהם ביידע אינאיינעם. ער איז געווען אי איינגעשפּאַרט, האַרט ווי אַ שטיין, אי וויך ווי אַ טייג, לאָזענדיג זיך פיהרען אַ מאָל ביי דער נאָז; אי בייז, אי מילד, גוט ווי די וועלט; אי ביטער־גאַל, אי צוקער־זיס; אי ערנסט, אי אַ קאַטאָוועס־טרייבער; אי אומעטיג־פערטראַכט, אי לוסטיג פרעהליך. שלמה'לע איז כטבע געווען אַ הייס־בלוטיגער, אָנצינדענדיג זיך ווי אַ שוועבעלע, ווי באַלד נאָר עפּעס האָט איהם געטאָן אַ ריהר. די פייערדיגע רעד פון די נביאים, די דערצעהלונגען זייערע איבער גאָט, איבער די וועלט, האָבען אויפגעוועקט זיין כח־הדמיון און איהם געגעבען גענוג שטאָף צו דענקען, צו טראַכטען. — „איך האָב געזעהן גאָט, זאָגט ישעיה הנביא, ווי ער זיצט אויף זיין הויכען שטול, די פּאָלעס צעשפּרייט, פערנעהמען דעם הייליגען פּאַלאַץ. שרפים — ברענענדיגע מלאכים, שטעהען איבער איהם, איטליכער מיט זעקס פליגעל... און עס רופט איינער צום אַנדערן און

אַנט: קדוש, קדוש, קדוש — הייליג, הייליג, הייליג איז דער גאָט צבאות, פול איז די וועלט מיט זיין כבוד! און עס וויגט זיך, עס ציטע־רען די זיילען דאָרט פונ׳ם שרייענדיגען קול, און דאָס הויז ווערט פול מיט רויך. אוי, זאָג איך, וועה איז מיר, איך בין פאַרביי! איך בין דאָך אַ מענש מיט אַיין אומריין מויל און צווישען אַ פאָלק מיט אַ בייז אומ־ריין מויל געפין איך מיר". שלמה׳לען זיינען די דאָזיגע ווערטער שטאַרק אין קאָפּ אַריין. ער הויבט אָן צו טראַכטען איבער גאָט, זיך פאַרצושטע־לען מלאכים מיט פליגעל, און וויל אַלץ וויסען זעהר פיעל אַזוינס, וואָס פיקט איהם דעם מוח, פאָדערט אַ דערקלערונג. פרעגען דעם רבי׳ן — דערצו האָט ער נישט תמיד געווען מוט גאָהאַט. איינמאָל האָט ער זיך געפרובט מאַכען מיט איהם אַ רעד. רויט־ווערענדיג דערביי פלאַם־פייער, נאָר דער רבי האָט אויסגעהערט מיט אַ שמייכעלע, שווייגענדיג אַ קרים זיך געטאָן, ווי איינער רעדט: עט!... אויף זיינע שאלות ביי אַנדערע, עלטערע מיט בערד, פלעגט ער בעקומען תמיד איין ענטפער: שאַ, שקאָץ! אַ יונגעלע טאָר נישט פרעגען. אַ יונגעלע בעדאַרף נור פאָל־גען, טאָן וואָס גאָט הייסט — לערנען, דאַווענען, אַז נישט, וועט דער אויי־בערשטער שטראָפען, שמייסען דאָרט מיט אייזערנע ריטער — און פאַר אַ רוט האָט שלמה׳לע נעציטערט, נישט אַזוי פאַר דעם וועהטאָג, ווייל אַז מען שמייסט, טוט וועה, ווי פאַר דער שאַנדע — פע, ס׳איז אַ חרפה!... שלמה׳לען איז פאָרגעקומען גאָט עפּעס נור ווי אַ בייזער פריץ מיט אַ קאַנטשיק אין דער האַנד, פאַר אַ מינדעסטע קליינינקייט ווערט ער אָנגע־צונדען, אש להבה — שמייסט! ביי אַ מינדסט עברה׳לע: איבערהיפּערן אַ שטיקער אין דאַווענען עפּעס אַ וואָרט, נישט ענטפערן אמן, אַ טרונק וואַסער טאָן אַ מאָל אָהן אַ „שהכל״, האָט ער געהאַפּט אַ ציטער און גע־טראַכט: „אוי, וועה איז מיר, איך בין פאַרביי״.

און ווער שמועסט ימים־נוראים, וואָס, כפי יודען זאָגען, אפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט דענסטמאָלט — איז שלמה׳לע געווען אין איין שרעק. דער גאַנצער ענין פונ׳ם אויפשטעהן צו סליחות, דאָס האָפּעניש, לויפעניש אין שול, אויפ׳ן פעלד, דאָס יאָמערן־וויינען, דאָס טרויערדיגע ניגון׳דיל ביי׳ם דאַווענען, דאָס אומעטיגע פנים׳ל פון דער מאַמע און פונ׳ם גאַנצען הויזגעזינד, גלייך ווי עס הענגט איבער זיי די רוט און מען קען זיי, מחילה, מקיים־פּסק זיין — אָט דאָס אַלסדינג האָט אויף איהם אָנגע־מאַכט אַ שרעקליכע פינסטערע מרה־שחורה, ס׳איז איהם נישט ניחא גע־ווען דער גאַנצער יום־טוב. די פיש מיט דעם ציטעס, עס האָט איהם

שלמה ר' חיים'ס

זיך נור געדאַכט, ווי ער, דער פאַרשטעער, זיצט אויף דעם הויכען שטול, די פּאָלעס איבער דעם מקום קדוש, ברענענדיגע מלאכים אַרום איהם, פליהען ברענגען ספרים, שרייבען, רעכנען איטליכענס עברות מיט אַ רעש, אַ געפילדער, און עס וויגט זיך די וועלט, עס ציטערן די טויערן פונ'ם הימעל פון זייער געשריי — און ער טראַכט: „אוי, וועה איז מיר, איך בין פאַרביי!“...

נאָר אַזוי ווי אין דער וועלט איז שוין געשטעלט, אַז עס נישטאָ אין איהר אינגאַנצען גוט'ס, אָהן עפּעס שלעכטס, און ריין שלעכט, וואָס דריגען זאָל נישט שטעקען עפּעס גוטס, איז דעריבער אויך מיט די ימים־נוראים געקניפּט און געבונדען געוועזען זאַכען אַזעלכע, וואָס האָבען געלינדערט אַביסעל דעם שרעק, צוגעגעבען אַ זיסקייט דער ביטערע מרה־שחורה. די וויכטיגסטע פון יענע אַלע זאַכען זיינען עס די „ישובניקעס“, די אַרענדאַרעס פון די דערפער, וואָס פלעגען אויף די הייליגע טעג קומען מיט זייער הויזגעזינד אין שטאָדט אַריין. דאָס אָנקומען זייערס האָט אויפגעריהרט דאָס שטעדטעל, אָנגעמונטערט, אָנגעפרישט אַביסעל דעם עולם, און עס האָט געהאַט עפּיס אַ מין בעזונדער טעם — [illegible] בדבש, האָניג מיט פעפער און ציבעלעס אינאיינעם.

די היסטאָריע פאָדערט, אַז די זאַך זאָל דאָ אַביסעל מעהר דערקלערט ווערען, זיסט, ווערט אפשר אין איהר פעהלען זעהר אַ וויכטיגע בלעטעל, און פאַר די שפּעטערדיגע דורות — זאָגט! וועך וויסען? — קען די זאַך בלייבען נישט פערשטענדליך.

5.

בינ'ם חודש תשרי הייבט זיך אן א צעמעל ימים־טובים: די ביידע ערשטע טעג פונ'ם חודש איז ראש־השנה, דער צעהנטער טאג — יום־כפור, זיי הייסען ימים־נוראים, שרעקליכע טעג, און אינאיינעם מיט די טעג, וואס צווישען זיי, הייסען זיי אויך עשרת־ימי־תשובה — צעהן טעג צייט, חרטה צו האבען אויף די זינד: וויינען, בעטען און אויסבעטען א גוט יאהר. דענסטמאל איז אויפ'ן הימעל א יריד. עס קאבט זיך דארט א שרעק.

„ונתנה תוקף קדושת היום, און דערצעהלען וועלען מיר — אזוי מוט זיך דער מחזור דארט א זאג — די שטארקע הייליגקייט פונ'ם טאג. דען שרעקליך פארכטיג איז ער צוגלייך, און איהם שטייגט הויך דיין קעניגרייך. אויף גנאד איז, גאט, דיין שטול געשטעלט, דו זיצט מיט אמת אויף איהם צו ריכטען די וועלט. יא, אמת! דו ביזט דער ריכטער און פערקלאגער, דו ווייסט און ביזט דער עדות־זאגער. דו שרייבסט און חתמ'סט, צעהלסט און רעכענסט אלץ מיט צאהל, געדענקסט פערגעסענע זאכען, וואס העט אמאל. דו עפענסט אויף דאס קאנטעבוך, עס לייענט דרוים אליין זיך איטליכס ווארט, פון יעדען מענשען אייגענהענדיג שטעהט די חתימה זיינע דארט. מיט'ן גרויסען שופר טוט מען דארט א בלאז, אווא! א דינע שטימע לאזט זיך הערען — שטיל, שא. מלאכים יאגען, אין איינע שרעק אהער־היין און זאגען: עס־איז אט־א דער יום־הדין, אויף אבצורעכענען זיך מיט'ן גאנצ'ן גערימעל, א־דא אין הימעל! דען וויל אין דיינע אויגען ריין און פיין, איז ביי'ם געריכט נישט מעגליך זיי צו זיין, און אלע אויף דער וועלט ווי ברייט זי איז און לאנג, געהען דיר פארביי, ווי שעפעלעך א גאנג. ווי זיינע לעמער קוקט דער פעסטיך איבער גוט, ער לאזט שאף זיינע דורכגעהן אונטער'ן רוט, אזוי אט נעהמסט דו אלע ב'שעפעניש אפיר, דו רעכענסט, צעהלסט און לאזט פאסירען זיי

פאַר דיר. בעשטימסט פאַר יעדען זיינס פאָראויס, און גיבסט זיין פסק יעדען אַרויס, ראש־השנה ווערט אויף זיי דאָרט אָנגעשריבען, יום־כפור אַבגע'חתמ'ט אונטערשריבען. וויפיעל זאָלען אומקומען, וויפיעל זאָלען צוקומען, ווער זאָל לעבען און ווער שטארבען, ווער אויסלעבען זיין צייט זאָל ביז צום עק, און ווער פון דאַנען פאַר דער צייט אַוועק. ווענען אין פייער אַ טויט אַ שווערען, ווער דורך אַ שווערד, ווער דורך אַ חיה זאָל דער'הרג'ט ווערען, וועמען פאַר הונגער, וועמען פאַר דאָרשט און נויט, וועמען דורך שטורם און וועמען דורך מגפה אַ טויט. וועמען דערשטיקעניש, אין האַלז אַ ביין, און וועמען — אין קאָפּ אַ שטיין, ווער זאָל צו הויז זיך רוהיג בלייבען, און ווער אין דער פרעמד זיך אַרומצוטרייבען, ווער זאָל זיך לעבען שטיל, און ווער אין דולעניש פיעל, ווער אין פריידען, ווער אין ליידען, ווער אָנווערען, ווער רייך ווערען. ווער האַלטען זאָל אַראָב און ווער אַרויף דעם קאָפּ".

און ווי דער ירויד. דער רעש אויפ'ן הימעל, אַזוי רעש'ט זיך אויך דאָ אויף דער ערד. נאָך מיט אַ חודש פריהער טוט אין די שולען אַ בלאָז דער שופר און וואָהרענט: יודען, עס גערט דער יום־הדין! און יודען הויבען בעצייטענס אָן זיך אַרומקוקען, מאַכען אַ קלאָרען חשבון פון זייערע מעשים אַ גאַנץ יאָהר, און טוען אַלע מיטעל, ווי אַרויס ריין פונ'ם משפט, וואָס שטעהט זיי פאַר — זיי זאָגען סליחות, זוכען זיך גוטע אַדוואָקאַטען אין צדקה, אין אַלטע זכות אָבות, צו זיין מליצי יושר, פירשפּרעכער פאַר זיין הייליגען כסא־הכבוד.

טאָן תשובה, בעטען, מיט צדקה שמירען —
דאָס העלפט אַ שלעכטען פסק צו קאַסירען.

די אַרענדאַרעס פון דערפער אַרום און אַרום קומען מיט קינד און קייט, האַק און פּאַק אין די שטעדטעלאַך אַריין, אינאיינעם מיט כל־ישראל צושטעהן דאָרט פאַר גאָטס געריכט און אויסבעטען פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט מענשען, גאָר אָהן אַ שום חילוק, אַ גוט יאָהר, אַ דערלייזונג פון אַל־דאָס בייז.

דאָס ...ערדעל ק... איז גאָר נישט דאָס שטעדטעל, וואָס אַ גאַנץ יאָהר, וואו מען זעהט קיין פרישען מענשען נישט און וואו דאָס לעבען פליסט גערוהיגטליך ווי אַ שטיל וואַסערל רוהיג, עפּיס ווי פערשלאָפען. אַ פּאָר טעג פאַר ימים־נוראים כאַפּט עס זיך אויף. עס ווימעלט פון נייע

פארשווינען, וואָס קומען פונ'ם ישוב, פוהרלעך אָנגעזעצט מיט ווייבער און קינדער אויף גאַנצע בערג בעבעכעס, איבערבעטען, זעקלעך שפייז און שטייגען מיט עופות ציהען זיך איבער די גאַסען. בעלי־בתים, יונגע־לעך, הייסע חברה, געהען און לויפען אַ קעגען, איטליכער אַקעגען זיין אַרענדאַר, וואָס שטעהט בייא איהם יום־טוב אויף סטאַנציע. פון ביידע זייטען שיטען זיך רייד הויך אויף אַלערליי קולות — פון דאַנען שאלות: פאַר וואָס אַזוי שפעט? פאַר וואָס אַזוי און פאַר וואָס אַזוי? און פון דער אַנדערער זייט מעשיות, וואונדער און נסים גרויסע: עס האָט געלאָפּנעט אין וועג אַנ'אַקס, געפאַלען אַ פערד, אָבגעריסען אַ בריק, אַ מעוברת ווייבעל האָט זיך פערוואָלט אין מיטענדרינען געהן צו־קינד, זיך איבער־געקעהרט אַ וואָגען, מע בעדאַרף גומל בענשען, קוים מיט דעם לעבען אַרויס... דאָרפס־הינט ביי'ם אָנקומען מיט זייערע בעלי־בתים רייצען אויף די אַלע שטעדטעלדיגע הינט, עס ווערט צווישען זיי אַ געבילעריי, אַ געשלעגעריי, גלייך ווי זיי זיינען נישט ברידער פון דער הינטישער זרע, מיט איין הינטיש מויל, איינע הינטישע צייהן. און באמת טאַקי איז דאָ צווישען זיי אַ גרויסער אונטערשייד. דער דאָרפס־הונט איז דאָס, ווי גאָט האָט איהם בעשאַפען, ווייסט נים קיין פּאָליטיקע, חוץ דעם בעל־הבית און די שטוב קען ער נישט קיינעם, בילט אויף איטליכען אָרים און רייך אַלע גלייך. חאַפט טאַקי אַ ביין, אַז יענער גיט, חאַפּט און בילט פאָרט ווייטער טאַקי, בילט מיט זיין אייגען קול, נישט פערשטעלט, ער איז פראָסט אָהן אָנשטעלען. דער שטאָדט־הונט אַ קעגען איז שוין עפעס גע־מלאָכה'ט, אויסגעפיינט, אַביסעל פאַלש און האָט מורא פאַר אַ שטעקען — בילט אויף אַנ'אָרימאַן, אויף אַזעלכען, וואָס קען זיך נישט וועהרען, פאַר אַ שטאַרקען האָט ער אָבשיי, פאַר אַ רייכען שען געקליידט — אַ שרעק! מיט אַ שטיקעל ברויט שוחד פערשטאָפּט מען איהם דאָס מויל, שאַ! גיט יענער פון דער אַנדערער זייט, אַ ווילד פרעמדער גאַר, אַ גרע־סער שטיקעל, טוט ער שוין איהם צוליב, פאָלגט וואָס מען הייסט. ער שפּאַצירט זיך אָפּט אַרום, שמעקט וואו עפּים אַ קערמעשיל, וואָס מען קען חאַפּען אַ לעק, מאַכט בעקאַנטשאַפטען, דרעהט מיט דעם ווידעל, שטעהט אויף די לאַפּקעס און בילט אַמאָל עפעס גאָר ניט מיט זיין קול, גלאַט אַזוי זיך, מען זאָל נישט פערגעסען, אַז ס'איז דאָ אַ הונט... אַז ער האָט צייהן און קען, אין אַ נויט־פאַל, הינטען אַרום אַ בים טאָן אויך... אָט די דאָזיגע ביידע מיני הינט אָנקוקען קענען זיי זיך נישט איינער דעם אַנדערען. די גאַנצע צייט, וואָס זיי ביידע געפינען זיך אין דעם שטעדטעל

הערשט דאָרט אַ בילען, אַ האַווקען, אַ שרייען אויף די צייהן, עפּעס אַ „הינטישער וואָפּראָס„ שטענדיגע קריעג און שטענדיגע געשלעג. דער קאָפּ אַוש ווערט דול! וואָרטשון אַ שטייגער, אַ דאָרפס־הונט אָהן חכמות, ווייסט נישט מעהר ווי צו היטען די שטוב, ליגט זיך אויסגעצויגען אין דרויסען פאַר דער טיר, קוקט בייז ווי אַ רוח מיט פערלאָפענע פון בלוט, האַלב צוגעמאַכטע אויגען, רייבט, קראַצט דעם בויך אין דער ערד, שטיל אונטערפּישטשענדיג פאַר גרויס הנאָה, פלוצים רוקט זיך אונטער קאַשטאַן, אַ הויכער, אַ דאַרער, איינער פון די שענע בעלי־בתישע שטאָדט־הינט. ס׳איז איהם פון דערווייטענס אין דער נאָז אַריין אַ ריח פון יודישע פיש, אויף וועלכע ער איז אַ גרויסער בעלן, אויך אַ ריח פון געבראָטענס, וואָס קאָכט זיך לכבוד יום־טוב דאָרט אין שטוב, און ער לאָזט זיך, ווי געוועהנטליך, צוקומען נאָהענט, שמעקען, נישטערן, תּאָמר וועט דאָס מזל איהם דיענען אַ חאַפּ טאָן עפּים. וואָרטשונען אָבער איז די זאַך נישט געפעלען — וואָס געהסט־דו, עזות־פּנים, אין מיין גבול אַריין? און וואָס איז עס גלאָט פאַר אַ מאָדע, הונט איינער, ארומגעהן איבער די הייזער. אַריינשטעקען אַ מאָרדע, וואו מען בעדאַרף נישט?! ער גיט זיך אויף איהם פון הינטען פלוצים אַ וואָרף. טוט אַ ביס און רייסט איהם אויס אַ זשמענע האָר. קאַשטאַן ווערד אַזש פערצאַפּעלט, פערלעגט, מחילה, דעם ווידעל, חאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס — און אַוועק־אַוועק מיט אַ קוויטש... דאָס אייגענע איז אויך מיט פילקען, אַ שוואַרץ הינטעל מיט אַיין אויסגעקרימטען רוקען און הינקענדיג פיסעל, וואָס לעבט פון קצבה — פון יודישע פּאָמוניצעס. ער לאָזט זיך, ווי דער שטייגער זייגער איז, צו אַ יודענס שטוב, וואָס זאָל ער דאָ איבערטראַכטען? פלוצים טוט איהם אַ חאַפּ טרעזאָר, אַ געזונטער, אַ קודלאַטער דאָרפס־הונט, און ברעכט איהם אַ גיין, אַזוי אַז ער פערגעהט זיך געבעך פאַר וועהטאָג, לויפט שפּרינגענדיג, דאָס הינקענדיג פיסעל אין דער לופטען. דאָס געזעסעל אין דער זייט אויסגעקרימט און היילט, רויעט אויף אַ גרילצענדיג קול. אַזאַ פּסק האָפען אויך נאָך אַנדערע שטאָדט־הינט. ס׳איז זיי פערשטערט דאָס לעבען — נישטאָ קיין צוטריט צו אַ יודישע שטוב! דערפאַר אָבער דערטאַפּען זיי אַ דאָרפס־הונט ביי זיך, ערגיץ אויף דער גאַס, מעג ער שוין זיך געזעגענען מיט דעם לעבען. זיי וואַרפען זיך אויף איהם פון אַלע זייטען, שאַרפען די צייהן, צופען אין רייסען. עס ווערד אַ געקוויטשעריי, נישט אויסצוהאַלטען. קונדסים מישען זיך אויך אַריין, הידען אונטער, וואַרפען שטיינער, כאַמעס שטעהען אין

די טהירען, רופען, שרייען און שעלטען. יודען אויף דער גאס חאפּען א ציטער, ראטעוועען זיך און לויפען נאר און איין אטעם, האלטענדיג זיך ביי די פאלעס.

הכלל עס רעש'ט זיך, עס קאכט זיך, דאס שטעדטעל איז אויף, ס'איז, ווי מען זאגט, ליהודים! דאס לעבען אין דעם שטעדטעל געהט שוין שטארקער, עס זעהט אויס, ווי א שטעהענדיג טייכעל. וואס וועסנצייט צוגיסט זיך עס, פליצט ניך, האסטיג מיט א גערויש.

און בשעת דעם גערויש ווייזט זיך פון דערווייטענס א לאנגער וואגען פול אנגעזעצט מיט חנא מליניצערס הויזגעזינד. די אלטע שקאפע, וואס האט א ביסעל זיך צוגעשטעלט אויפ'ן וועג, טוט זיך אצונד אן א כח, אריינפאהרען אויף דעם מארק קוממיות, האפערליך, מיט דער פאמפע. און לכבוד דעם שטעדטעל ולכבוד די פארשוינען, המסובין בכאן אויפ'ן וואגען, פעררייסט זי דעם וויידעל, שטעלט אויף די אויערען, הייבט פיסלעך און העצקעט זיך לעבעדיג־פרעהליך מיט א טאראראם, א געקלאפעריי פון די רעדער. צוציק לאזט זיך פאראוים מיט דער בשורה — אז מען פאהרט! הימענדיג זיך, פון דעמטוועגען, די ביינער ביי א בעגעגעניש מיט זיין גליכען, אין הינטישע מיילער נישט אריינצופאלען. יענע איהם א שמעק — שלום עליכם, און ער יענע א שמעק — עליכם שלום! מאכט ער אב בקיצור, א שמעק נאר פון יוצא וועגען, דרעהט זיך באלד טאקי אויס און לויפט ווייטער, די „זקנה" נאך איהם, האץ־האץ ביי ר' חיים'ס שטוב, וואס פון א ד״שע צייט יאהרען שטעהט דארט איין חנא פון דער מיהל מיט ווייב און קינדער — א גרוים פעקעל, אהן עין־הרע!

פאר שלמה'לען שטעלט זיך דעמסטמאל א וועלט מיט נייע עסקים; ס'איז דא ברוך־השם וואס צו טון, אויף וואס צו קוקען, וואס צו בעטראכטען. לאז זיך שוין גאט אנשרייבען דארט. וואס ער וויל, דערווייל אבער אז מען לעבט, בעדארף מען לעבען.

קודם־כל חאפט שלמה'לע זיך ארויף. באלד טאקי נאך חנא'ס אנקומען אויף דעם וואגען, עטליכע קונדסים אריין מיט איהם, א פאר שטעהען, אנהאלטענדיג זיך פון הינטען, צווישען די רעדער — און היידא! מען ציהט ביי די לייצען, מען שמייסט, מען מאכט מיט די ליפען, שרייעט אין איין קול: „הי־א־וויא: אין כעס טוט א פאהר א ביסעל פארבײ

דער שטוב. דערנאָך נעהמט מען צום סמיק צוציק'ן, מען טוט מיט איהם אַ רעד עפּעס אויף איין אַנדער מין לשון, אַריינלאָזענדיג זיך מיט איהם אין די הויכע דרכים, פערהערענדיג איהם. וואָס ער קען, פריהער פון דערוויטענס, מיט אָבשיי, אונטערוואַרפענדיג איהם שטיקלעך ברויט, שפּעטער אַלץ נעהנטער ביז מען פערלירט דעם דרך-ארץ, און עס ענדיגט זיך, ווי דער שטייגער איז, מיט אַ שטיין און מיט אַ קוויטש...

שלמה'לע אינטערעסירט זיך אויך שטאַרק מיט די נייע מיני דאָרפס-פּאַרשוינען, אַלצדינג אין זיי קומט איהם אויס עפּעס משונה. מיידלעך אין נייע גראָבע שיך און זאָקען, אין נייע סיטצענע קליידעלעך פון אַ מיתה-משונה-קאָליר, מיט גרויסע רויטע קווייטען, גלאָצען אויס גרויסע קעלבערנע אויגען, אַ פינגערל אין דעם מויל — און קוקען. יונגלעך אין האַלאַטלעך, אין נייע קנאַקענדיגע לייבסערדאַקלעך אין לייווענדענע פלידערלעך, בלאָזען זיך, שעמען זיך, קאַלופען די נאָז — און שיסען פלוצים אויס, אין קולאַק, אַ געלעכטער, ווישענדיג בשעת מעשה טאַקי מיט דעם אַרבעל, מיט דער פאָלע די נאָז, מחילה. היינט דאָס רעדען זייערס, דאָס עסען, איז אויך עפּעס אומגעלומפּערט — דאַכט זיך גערעדט, און ס'איז עפּעס גאָר געבעבעט, דאַכט זיך, געגעסען, און ס'איז עפּיס גאָר געפרעסען. אַ קייען אַ ביסעל, מישטעהנס-געזאָגט, אַ מאַכען מיט די באַקען, אַ זופען מיט אַ הילך! דאָס אייגענע פנים, דאַכט זיך, דאָס אייגענע פליש, און פאָרט עפּעס נישט אַזוי ווי ביי שטאָדט-לייט — עס שמעקט עפּעס מיט דאָרף. די ווילדע גאַנז, אַ שטייגער, איז דאָס אייגענע טאַקי וואָס די היימישע, איין פליש, און דאָך עפּעס אַנדערש — אַנ'אַנדער טעם, אַנ'אַנדער קאָליר. חנאַ אַליין איז אייגענטליך געווען נישט קיין גראָבער מענש, נאָר צווישען איהם און ר' חיים'ן איז גאָר קיין פערגלייך. דער חילוק צווישען זיי ביידע האָט שלמה'לען געוואָרפען זיך אין די אויגען — חנאַ אַקעגען דעם טאַטען האָט גאָר עפּעס קיין פנים נישט! ס'איז אויך אַ גרויסער חילוק צווישען טויבע-סאָסיען, חנאָ'ס ווייב, און דער מאַמע זיינער. טויבע-סאָסיע איז אַ ברייטביינערדיגע, אַ יאָדערדיגע; איהרע הענד, איהר פנים זיינען עפּיס מגושם: פערברענט, פערבראָטען פון דער זון. געהט זי — איז געגאַנגען, מען פיהלט, אַז זי שטעלט אַ פוס, רעדט זי — איז גערעדט מיט לעפצען, אויף דער געמבע. זי איז גוט, נאָר אָבער פּראָסט. זי איז פרום, וויינט ביי ליכט-בענשען, חליפעט ווי באַלד זי דערהערט פון דער פירזאָגערין אַ קול, האָטש זי פערשטעהט ניט קיין וואָרט. אַקעגען-זשע שדה די מאַמע זיינע,

אין אַנ׳איידעלע, אַ שוואַכע. האָט קליינע, ווייסע הענד מיט דינע בלויע עדערלעך, אַ פערפרומט בלייך פּנים מיט דינע ליפּען — אינגאַנצען עפּעס פון רוחניות, און אַז זי געהט, דאַכט זיך, זי שוועבט. זי איז אַ וואוילקענע־דיגע, קען אַלע תחינות פון ארץ־ישראל, ווייסט אויך דעם „מעין־טהור", אַלע דינים פון „חנ״ה", וואָס געהערען זיך אָן מיט אַיין אשה, לייענט דעם „צאינה־וראינה", דעם „מנורת־המאור" און נאָך אַזעלכע ספרים. ווייזט ווייבער אין שול צו דאַוונען, וואָס צו זאָגען, ווען צו שפּרינגען קדוש, לייגט זיי אויף פּאַר, און האָט מיט זיך דאָרט, אין דער ווייבער־שער שול, אַ לימענע אָדער טראָפּענס אַזוינע, אויפצומינטערן אַ זיך אַ אַנדערע בשעת דעם חלש׳ן.

און באמת טאַקי, אַז שרה פלעגט לייענען, האָט מען געקענט טאַקי חלש׳ן. איהר לייענען איז געווען פול מיט געפיהל, איהר ניגון׳דיל דערביי האָט גערירט, געצופּט ביי דער נשמה, אַ שטיין אפילו וואָלט פון איהרע טרערען אויך צוגאַסען געוואָרען. ס׳איז כדאי אויף אַ ציקאַוועשט צו שטעלען דאָ חאָטש אַביסעל פון דער תחינה ערב יום־כפור, ביי די וועקסענע ליכט מאַכען.

שרה לענט קניטלעך. ווייבער, שכנות מיט געבראָכענע הערצער שטעהען אַרום איהר. זי לייענט און לייגט זיי דערביי פיר מיט אַ ריהרענ־דער שטימע טיעף פונ׳ם הארצען:

„רבונו של עולם, דערבאַרמדיגער גאָט! די ליכט וואָס מיר ועל׳ען מאַכען אין שול אַריין פּאַר דיין הייליגען נאָמען ועגען און פּאַר די הייליגע ריינע נשמות, זאָלען דערוועקען די הייליגע אָבות ואמהות, זיי זאָלען אויס זייערע קברים פּאַר אונז בעטען, אַז קיין בייז, קיין צרות, קיין לייד זאָלען אויף אונז נישט קומען, און אונזער ליכט און אונזער מאַגענס ליכט און קינדערס ליכט זאָלען נישט אויסגעלאָשען ווערען פּאַר דער צייט, חס ושלום... ווי איך וועל לעגען דעם פּאָדעם פון די קנייטלעך פּאַר אונזער פּאָטער איידהם, וואָס דו האָסט איהם מציל געווען פון דעם פייער אין קאַלבאַוויזען, אַזוי זאָלסט־דו אונז רייניגען פון זינד, אונזער נשמה זאָל קומען ריין פון שולד צו דיר, ווי זי איז גע־קומען ריין אין אונזער גוף אַריין. — אין דעם זכות, וואָס איך לעג דעם פּאָדעם פּאַר אונזער מוטער שרה, זאָל גאָט ברוך־הוא אונז געדענקען דעם זכות פון איהר צער, אַז מע האָט איהר ליבע זוהן יצחק געפיהרט

צו דער עקדה. לאָז זי אַ גוטע מליצה זיין, אַז מען זאָל ניט האָפען בּיי אונז אונזערע קינדערלעך, זיי זאָלען פון אונז נישט אַוועקגענומען ווערען און נישט פערוואָרפען ווערען ווייט פון אונז ווי די בּלודנע שעפּעלעך. — אין דעם זכות, וואָס מיר לעגען דעם פאָדעם פאַר אונזער פאָטער יצחק, זאָלסט דו זיך איבּער אונז דערבּאַרמען, אַז מיר זאָלען קענען מגדל זיין אונזערע קינדער, זיי קענען האַלטען בּיי אַ רבּי׳ן, עס זאָלען, ווו דאָס ליכט, אונזערע קינדערס אויגען לייכטען אין לערנען, אין דער ליעבּער תורה... פאַר דעם פאָדעם, וואָס מיר לעגען פאַר אונזער פאָטער יעקב, וועלכען דו האָסט געהאָלפען פון די שונאים, בּייגעשטאַנען איהם אין זיינע נויטען, אַזוי זאָלסט־דו אונז העלפען פון כל המשחיתים והמקטרגים, זיי זאָלען נישט קענען אָנרעדען אויף אונז שלעכטס, אויסטראַכטען בּלבּולים, צו פערשוואַרצען אונזער נאָמען... מיר זאָלען אין דעם יום־הדין האָבּען אַ גוטען משפט מיט אונזערע מאַנען און קינדער, מיר זאָלען חלילה נישט זיין קיין אַלמנות און אונזערע קינדער קיין יתומים... בּזכות שלמה וואָס האָט געבּויעט דאָס בּית־המקדש און תפילה געטאָן, ווען אפילו נישט קיין יוד, אַ פרעמדער גאָר פון איין אַנדער אומה, אַז ער וועט קומען אין בּית־המקדש אריין און דיך בּעטען, זאָל זיין געבּעט אויך אָנגענומען ווערען — אין דעם זכות, רבּונו של עולם, זאָל נישט פער־שלאָסען ווערען דער טויער פונ׳ם הימעל פאַר מיין געבּעט און לאָמיר געדאַכט ווערען מיט מיין מאַן און מיט מיינע קינדער און מיט אַלע לייט צום גוטען אין דעם נייעם יאָהר. אָמן!״

לאָז נאָכדעם לאַכען, ווער עס קען, לאָז ער זאָגען, אויבּ עס לעגט זיך איהם דאָס מויל, אַז דאָס איז נאַרישע זאַכען — אַהער ליכט, אַהער אַ סך אַזעלכע ריינע נשמות־ליכט! אַ סך אַהער אַזעלכע בּרענענדיגע געפיהלען, ריינע הערצליכע ווערטער, הייסע טרערען, געבּעט און ליעבּשאַפט צו תורה און חכמה, ליעבּשאַפט צו מענשען, צו אַ גאַנצער וועלט מענשען! און דאָס אַלצדינג בּיי ווֶעמען איז עס? בּיי יודענעס, בּיי פּראָסטע יודענעס, וואָס אָנקוקענדיג זיי פון דרויסען. דאַכט זיך, זיי זיינען גאָר נישט; וואָס אָנקוקענדיג זיי פון מאַרק, דאַכט זיך. זיי זיינען משונה פערגרעבּט... הלואי אַ סך אַזעלכע ווייבּער מיט אַזעלכע געפיהלען און אַזעלכע ווערטער!

דאָס מעגען הערען יענע, יענע... און וויסען וואָס אַזוינס אַ יודיש הארץ בּעטייט, מעגען הערען און — שטוינען!

6.

אַ פּאָר יאָהר איז דרינען זינט שלמה'לע האָט אָנגעהויבען לערנען הנ"ך, איינגאַנצען איז ער נאָך אַ קינד, און וואָס פאַרט, רבונו של עולם, האָט ער שוין נישט איבערגעלעבט, וואו איז ער אין דער דאָזיגער צייט שוין נישט אויסגעוועזן? טאַקי גאָר עפּעס ווי אַיין אַלטער, וואָס וואָלט אָוועקגעלעבט מתושלח'ס יאָהרען! — ער איז געווען אין ארם־נהרים, אין כנען, אין מצרים, אין פרס ומדי און שושן הבירה דאָרט, און נאָך אין מדינות, פון הודו ביז כוש, אויך אין דער וויסטעניש, אין מדבריות און אָנגעזעהן זיך, אָנגעהערט זיך דאָרט זעהר פיעל וואונדערליכע זאַכען. לאָז מען פון דעסטוועגען קיין טעות ניט האָבען, פּשט מיינען, אַז עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַיין אומגליק, און ר' חיים האָט געמוזט עוקר זיין, זיך אַרומוואָגלען מיט זיין הויזגעזינד נעבעך, אָדער אַ שׂרפה, אַ מגפה, אַ בייזע מהומה, נישט דאָ געדאַכט, איז אָנגעשיקט געוואָרען אויף דעם שטעדטעל, און די אַיינוואוינער זיינען זיך צעלאָפען, האָבען, ווי דער שטייגער פון יודען איז אין גלות, זיך צעשלעפּט אהער, אַהין, איבער דער גאַנצער וועלט. חלילה, קיין צער קיין בייז! דאָס שטעדטעל איז ווי פריהער אַ שטעדטעל, די אַיינוואוינער ווי פריהער אַיינוואוינער, ר' חיים איז ר' חיים, אַלצדינג ווי פריהער, איטליכער, ברוך־השם, אויף זיין אָרט און שלמה'לע האָט פונ'ם שטעדטעל קיין פוס אפילו ניט אַרויסגעשטעלט. — וואָס־זשע דען? דאָס איז אַזוינס, וואָס פאַר אַלע אַנדערע פעלקער איז עס אַ סוד, גאָר ניט צום פערשטעהן, נאָר ביי יודען פערלויפט זיך עס זעהר אָפט. ביי יודישע קינדער נאָר געשעהט אַזוינס, אַז מען זאָל זיצען טאָג ווי נאַכט פערשפּאַרט אויף איין אָרט, נישט צו וויסען, וואָס דאָ אַרום געהט פיר, וואָס מען ברויכט צו לערנען, צו טאָן, בכדי צו לעבען מיט לייטען גלייך; מען זאָל אויסגעטאָן זיין פון אַלצדינג

דאָ, מבטל זײַן אַלע זאַכען, װאָס זײַנען װײַטיג פּשוט [illegible] לעבען אַרײַן און איבערטראָגען זיך אײַנגאַנצען מיט די [illegible] און אַלע געדאַנקען העט װײַט אין אַן אַנדער עולם, אין אַנדערע צײַטען; מע זאָל נישט זעהן פאַר זיך די װעלט, דאָס װאָס פאַר דער נאָז, און אָבגעבען זיך אײַנגאַנצען נאָר מיט אַזעלכעס, װאָס העט אַ מאָל, צו װעלכעס מען בעדאַרף נישט האָבען אַזױ די אױגען און די אַנדערע מענשליכע גראָבע חושים װי אַ שאַרפען כח הדמיון — אַ הױלע נאַקעטע נשמה אָהן לײַב, אָהן לעבען!

שלמה'לע נאָך אַ יונג קינד, אַ הינדעלע װאָס ליגט נאָך אין דער אײ, נישט צו װיסען דאָס אָרט, דאָס לאַנד, װאו ער איז, נישט דאָס פאָלק, די מענשען, צװישען װעלכע ער געפינט זיך; װאָס פרעגט איהם בחרם פון אַ לעבען דאָ צו זאָגען — ער, שלמה'לע, בעקלאָגט זיך אין די געדאַנקען אַרום ערגעץ אין די װײַטע מקומות דאָרט! ער איז פערװאָגעלט אין מצרים, אין די לענדער פון סיחון, עוג מלך הבשן און נבוכדנצר מלך בבל, דער קאָפּ ליגט איהם אין דעם ים־סוף, אין דעם ים־המלך, אין דעם טײַך פּרת און דעם ירדן. פאַר איהם געפינען זיך מיני מענשען, מיט װעלכע מען בעדאַרף רעדען לשון־קודש, עפּעס גאָר תרגום. מען זיצט זיך בײַ זײ אין געצעלטען, מען רײַט אױף מױל־אײזלען און קעמלען, מען טרינקט פון אַ „לאָגעל“, מען געהט באָרפוס און טראָגט נאָזבאַנדען, אַלצדינג װי דער שטײגער איז. אונזער נאַטור דאָ, מיט איהרע מיני געװעקס, חיות און עופות געהער זיך מיט שלמה'לען נישט אָן. װאָס מאַכט עס איהם אױס פעלדער מיט תבואה — קאָרען, רעטשקע, קאַרטאָפלעס, פון װאַנען ער עסט אַ „קרופּניק“ מיט ברױט אַלע טאָג? װאָס װײסט ער אַ סאָסנע, בערעזענע און דעמבענע בױמער! ער װײסט נאָר בײַ זיך אין האַרצען: װײַנגאָרטנער, טײַטלען, פײַגען, מילגרױמען און אײלבערטען, פּימסענהאָלץ און בוקסענבױמער. פון לעבעדיגע מיני בעשעפעניש װײסט ער: אַ װיזעלטיר, אַ לינדענװאָרם און אַ פּיפערנאָטער, אַ לעמפּערט, אַ אינד, װאָס טוט מאָן גלוסטען אױף קװאַלען װאַסער, אַ שור־הבר און אַ טירקעלטױב. הכלל, שלמה'לע איז נאָר אַ געבירטיגער דאָ און אַלײן איז ער עפּעס װי נישט קײן הינער, לעבט ערגיץ דאָרט, דאָרט... זײַן צײַט איז פאַרצײַטען און זײַן װעלט איז אַ יענע, װאָס אַ מאָל, דאָ איז ער אַ גר און דאָרט — אײַן אַלטגעזעסענער; ער קומט אַ הײם, נאָר אױף אַ װײַלע, װי אַ גאַסט אױף דער סטאַנציע, עסט־אָב, נעכטיגט איבער — אױ מאַרש אַהין, װײַטער טאַקי אַהין!...

זיין לעבען איז, ווי דאָס לעבען פון טויזענדער אַנדערע שלמה׳לעך, נאָר פון אַ זכר וועגען — אַזוי און אַזוי איז געווען דענסטמאָל, בימים ההם, אין יענע צייטען.

נאָר לעבען מיט דעם זכר אַליין דערפון, וואָס איז געווען; בלייבען ביי אַ געשיכטע און דרעהען זיך, דרעהען זיך אויף איין אָרט, ווייטער נישט אויף קיין האָר — אַזעלכעס הייסט נישט געלעבט, נאָר געטרוימט. אונזערע עלטערן, וואָס זיינען געזעסען ביי די טייכען פון בבל און דער קאָפּ איז זיי געלעגען גאָר ערגיץ אַנדערש, האָבען שפּעטער ערשט, ביים צוריק־קעהרען זיך פון גלות, דערפיהלט אַליין און אין שמחות דערצעהלט, לויט עס שטעהט אין דעם שיר־המעלות, אַז נישט געלעבט האָבען מיר, נאָר היינו כחולמים, מיר האָבען גע׳חלומ׳ט

און ווי באַלד אַזאַ לעבען, וואָס איז אַ חלום, וואָס־זשע איז פאַר אַ וואונדער, אויב אין איהם גרויסט זיך אַזוינס, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, אויב עס דרעהען זיך אַרום אין איהם רוחות, שלעק, און ס׳איז גאַנץ רעכט אויך בהמית מיט מענשליכע צורות, וכדומה נאָך אַזעלכע ווילדע בעשעפעניש!...

ווען נישט די ציצית, די מזוזה און קריאת־שמע, די דאָזיגע דריי גוטע שמירות, וואָס האָבען שלמה׳לען אַביסעל בערוהיגט, וואָלט ער חלילה יונג פון דער וועלט געגאַנגען פאַר גרויס מורא, וואָס ווילדע בעשעפעניש האָבען אויף איהם אָנגעמאַכט.

ס׳איז כדאי צו וויסען האָטשע נור אַ טייל חלומות פון שלמה׳לעס יוגענד, ווי אַזוי און דורך וועמען ס׳איז איהם ענטפּלעקט געוואָרען דער סוד פון רוחות, גלגולים און פיעל אַנדערע שרעקליכע זאַכען נאָך אין די קינדישע יאָהרען

אין דעם שטעדטעל ק... פלעגט צייטענווייז זיך אַ וויז טאָן, ווי פּלוצים פונ׳ם הימעל אַראָבגעפאַלען, אַ יוד מיט אַ ווילדער גרויער באָרד, איין אויג אַ בלינדעס, דאָס אויסזעהען זיינס שטאַרק־שטאַרק משונה און געקוקט האָט ער בייז פון אונטער די לאַנגע ברעמען, האַלטענדיג אַביסעל איינגעבויגען דעם קאָפּ. זיין אָנקומען האָט זיך געלאָזט הערען אין דעם גאַנצען שטעדטעל, אַלע אין איין קול: דער בעל־שם, רבי אליה בעל־

שם! יודען פלעגען ניט קענען זיך זאט אָנדערצעהלען פון רבי אליה׳ס גרויסע וואונדער פון זײנע סגולות און קמיעות — דאָרט און דאָרט האָט ער אַרויסגעטריבען אַ גלגול, דענסטמאָל און דענסטמאָל האָט ער גע־האָט צו טאָהן מיט „זײ״, מיט די נישט־גוטע, וואָס האָבען פאַר איהם דאָס נײן־יעהריגע ציטערן פאַר זײן פּיפּס. דערבײ איז דערקלערט געוואָ־רען דער טעם פון זײן בלינד אויג, אַזוי: אַז ער רופט צונויף די שדים וועגען עפּעס אַ זאַך, שיט ער אויף אַ זעקעלע מאָהן און הייסט זײ מיט אַ שפּרונג, ביז איין מאָנדעל צונויפקלײבען, וואָרום אָהן עפּעס איין אַרבײט, לאָזען זײ איין רגע שטעהן לעדיג, קענען זײ מויק זײן. אײנמאָל האָט ער זיך פערגעסען מאָהן אויסצושיטען, האָבען זײ איהם איין אויג אויסגע־דראַפּעט

אָט דעם רבי אליה׳ן, איבער וועלכען עס האָט זיך אַרומגעטראָ־גען אַזעלכע שרעקליכע מעשיות, אַז שלמה׳לע האָט דערזעהן, איז איהם פאַר שרעק דער מאַמעס מילך ענטפאַלען. אמת טאַקי, ווי רבי אליה פאַרעט זיך מיט רוחות, דערבײ איז ער נישט געװען, נאָר דאָס בלינדע אויגעל האָט איהם בעוויזען גאַנץ קלאָר, אַז די מעשה, אַ־פנים איז טאַ־קע אַזוי—אלא נישט, פאַר וואָס־זשע איז ער בלינד?... שטעטער אַביסעל מיט דער צייט, איז איהם בעשערט געווען צו זעהן אַזוינס אַליין טאַקי, מיט זײנע אויגען,

ווינטער בײ נאַכט, אַרום ניין אַ זײגער, פלעגט געוועהנטליך שלמה׳לע און זײנע חברים געהן פונ׳ם חדר מיט פּאַפּירענע לאַמטערנעלעך אין די הענד, מיט געפילדער און געזאַנג, פײפענדיג אין די קולאַקעס און צופוי־קענדיג מיט די באַקען. קוים איז מען אויפ׳ן וועג צוגעקומען צו דער גרויסער קאַלטער שול, וואו עס דאַווענען אַלע נאַכט מתים, לויט יודען מיט בערד זאָגען, האָט פּלוצים עפּעס ווי אָבגענומען דאָס לשון. מען איז אין איין שרעק איבערגעלאָפען דאָס שטיקעל וועג פאַרבײ איהר, האַל־טענדיג זיך בײ די ציצית און שרײענדיג, בײ זיך אין האַרצען, שמע־ישראל! דערנאָך, אַז נאָט האָט געהאָלפען, מען איז פון דער סכנה אַרויס, האָבען יודישע קינדער, ווי דער שטײגער איז, זיך געשטאַרקט, געעפענט אַ מויל און געזונגען שירה האָפערדיג בעהאַרצט.

אײנמאָל, אין אַ שטאַרק קאַלטער ווינטער־נאַכט, אַז שלמה׳לע איז בעהאַרצט, ווי געוועהנטליך, אַרײנגעלאָפען אין שטוב, האָט מען איהם באַלד אָבגעשטעלט מיט אַ בײז־אומעטיגער מינע, און דער „גוט׳ן אָוונט,״

איז איהם געבליבען שטעהן ווי א ביין אין האלז. ער וויל ארויס מיט עפעס א ווארט, נאר מען ווייזט איהם ווינקענדיג מיט א פינגער אויפ'ן מ'יל — שא! ער זעהט, ס'איז עפעס נישט גלאט. אין שטוב איז טונקעל, די מאמע איז נישטא, פון די מאנסבילען אויך קיינער נישטא, די קינדער זיצען צושטערט, איטליכער פאר זיך אין א ווינקעלע. וואס זאל ער געבעך טאן? ער געהט, פון קיינעם נישט בעמערקט, אויף די שפיץ־פינגער און קלעטערט ארויף שטיל ווי א קעצעלע אויפ'ן אויווען, האטש צו דערווארעמען אביסעל די נשמה פאר קעלט. פונ'ם אלקירעל אויף יענער זייט אויווען — א חדר'ל פאר א פאר־פאלק, פאר דעם עלטערן ברודער מיט דעם ווייב — טוט איהם עפעס שטארק א שיין, ער ציהעט ליגענדיג זיך אויס מיט דעם קאפ אהין, גיט בגנבה א בליק און בלייבט פערגאפט, נישט קענען א ריהר זיך צו טאן מיט איין אבר. דאס ווייבערשע בעט דארט איז פערהאנגען, זעהט ער, מיט א פארהאנג, אנגעזעצט פון אויבען ביז אראב מיט בריוולעך שפילקעס, וואס פונקלען אקעגען דער שיין פון אוואניש ליכט, (א גראב־חלב'דיג ליכט מיט א באוולענעם קנייטעל), די באנק, וואס נעבען דער רובע דארט, איז אבגערוקט און אויף איהר ארט איז אויסגעגראבען אין דער ערד א גריבעל. איינער עפעס פון א ווילד אויסזעהן האלט א שווארצען האהן, רויכערט קרייטיכער אזוינע און מאכט משוגע'נע העוויות. טוט א זעץ דעם האהן אין קעפעל און לאזט ארויס אויף משונה קולות עפעס נישט קיין מענשליכע ווערטער: „איה־ביה סטיטיה, אגרפטי, מרום, שמריאל", ער דרעהט מיט די אויגען, בלאזט, שעפטשעט: „מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ, מצפץ", א טופ געבענדיג מיט די פיס, א מאך מיט די הענד, ווי ער ראנגעלט זיך מיט עמיצען, און ביי איטליכעם „מצפץ" דערלאנגט ער א דרעה, א זעץ דעם האהן אין קעפעל אזוי, אז ער פערגעהט זיך נעבעך הארחלענדיג. פון אונטער דעם פארהאנג הערט זיך אויך א שרייען, א קרעכצען, וואס רייסט אויס א שטיק הארץ. דער ווילדער פארשוין צושאקעלט זיך שטארק ביז, ציהעט איין דעם אטעם אין זיך, קוועטשט זיך און לאזט ארויס ווי פונ'ם בויך עפעס משונה'דיגע ווערטער: „תלמכא חישא ובסוסביק פסלמניא", האפט דעם האהן ביים גארגעל, דרעהט מיט איהם ווי צו כפרות, טוט איהם א ווארף אין גריבעל... פערשיט און — דאס ביינקעל שטעהט באלד טאקי ווידער אויף זיין ארט... פון אונטער'ן פארהאנג געהט ארויס א ביטער געשריי, צוגלייך טאקע א קוויטשעלע א געוויין — מזל טוב! זאגט עפעס א יודענע און

די מאַמע, צונעמענדיג אַביסעל דעם פאָרהאַנג און אַרויסשטעקענדיג די קעפּ, — אַ יונגעל, הלואי, אויף לאַנגע יאָהר!

— מזל טוב! — מאַכט יענער פאַרשוין, סאָפּענדיג ווי אַ גאַנז — איך האָב געהאַט היינט מיט „זיי" אַ גוט שטיקעל אַרבייט. פון היינט אָן וועלען שוין ביי דער קינפּעטאָרין די קינדער זוך האַלטען אין קיין „בענעמעניש" וועט זיך, גאַנץ זיכער, מעהר נישט טרעפען

דעם פירוש פונ׳ם דאָזיגען ענין און פון „בענעמעניש", איז שלמה׳לע אין עטליכע טעג אַרום געוואָהר געוואָרען דורך „גרויסע", וואָס האָבען וועגען דעם צווישען זיך געפיהרט אַ ברייטען שמועס און דערביי גאַנץ ערנסט מיט אויסגעצויגענע פּנים׳ער דערצעהלט אַ געשריבענע מעשה, וואָס די האָר שטעלען זיך קאַפּויר זי הערענדיג

„אין דעם קליין שטעדטעל גאַלינג, נישט ווייט פון העלעם, איז געווען איינער מיט דעם נאָמען ר׳ גבריאל. אַז דאָס ווייב זיינס איז געלעגען געוואָרען למזל מיט אַ יונגעל, האָט ער געשיקט בעטען דעם חעלמער רב, רבי אליה בעל שם, ער זאָל קומען מיט זיין כבוד מל זיין דאָס קינד. די מעשה איז געשעהן אין חודש סיון, דאָנערשטאָג. רבי אליה איז אין דעם טאָג טאַקי אָוועָנד־צייט געקומען נאָהענט צום שטעדטעל, האָט ער דערזעהן מכשפים און מכשפות מעהר פון הונדערט טויזענד, איטליכען פונ׳ם מויל געהט אַרויס אַ פלאַם פייער, אַרום זיי ברענט אויך אַ פייער, און זיי אַלע שפּילען זיך אָט מיט דעם דאָזיגען קינד טאַקע וואָס איז געבוירען געוואָרען. אַז דער רב האָט אַ קוק געטאָן, ע־הע, אַזוי איז די מעשה! טוט ער אַ זאָג דעם משרת זיינעם: גיכער גיב מיר אַהער וואַסער פון מיין פלעשעל! פאַר׳ן וואַשען די הענד האָט ער געזאָגט אַ שפּרוך מיט דעם שם און גענומען זיבען מעסערס, זיבען ברעטלעך, צוויי חלות מיט זיבען שיך, און איטליכען שוך אַריינגעשטעקט אַ מעסער, דערנאָך טוט ער אוים די שיך פון זיינע פיס, וואַשט צוויי מאָל די הענד, שטעלט אויף דעם גראָבען פינגער פון דער רעכטער האַנד און זאָגט אַזוי: מיט דעם כח פונ׳ם הייליגען שם, אַזעלכען און אַזעלכען, בין איך מבטל דעם כישוף פון די מענער און ווייבער, די מכשפים און מכשפות, עס זאָל נישט שאַדען דעם קינד, און מיט דעם דאָזיגען שם האָט רבי אליה דער׳הרג׳עט אַלע מכשפים. באַלד טאַקי נעמט ער דאָס קינד, אָביהרען עס צו זיין פאָטער און מוטער, און תיכף ווי ער קומט אַריין צו

זי, רעדט ער אַרויס דעם הייליגען שם „שמשיהו“, האָבען אַלע מענ־שען אין שטוב דערזעהן, אַז יענס קינד, וואָס ליגט נעבען דער קינפּע־טאָרין, איז גאָר שטרוי און קליאַטשע — אַ פערבלענדזשעניש, בעהיט זאָל מען ווערען! עס האָט זיך גאָר גערדאַכט, אַז אַ מענש, מישטיינס גע־זאָגט, ער נעהמט דאָס אמת'ע קינד, וואָס ער האָט מציל געווען פון די קליפּות, און גיט עס אָב צוריק דער מוטער"*).

פון קענסטמאָל אָן איז שלמה'לע שטאַרק צודרעהט. עס דאַכט זיך איהם, ס'איז איננאַנצען דאָ — אַ פערבלענדזעניש! אָט חאַפּט דעם, יע־נעם דער רוח, אָדער דער רוח האָט זי שוין לאַנג געחאַפּט. עס דאַכט זיך נאָר בריות, און באמת איז זייער נשמה פון קליאַטשע. ער אַליין איז

אויך קליאַטשע...

7.

א מייסטערין שרעקליכע מעשיות אזעלכע צו דערצעהלען איז געווען יאחנע־סאסיע, אדער לייבציכע. ווי זי האט געהייסען. זי האט, זאל זיך איהר גרינג שלוקערצען דארט, מיט איהרע מעשיות זעהר פיעל אויף שלמה׳לען געווירקט.

לייבציכען, קען מען זיכער זאגען, האט גאט בעשאפען אויף דער וועלט מיט דער איינציגער כונה אליין, כדי אויסצודריקען מיט איהר גע־שטאלט גאנץ שארף, אין העכסטען גראד, א טייל פון יענע הפצות, וואס געפינען זיך ביי ווייבער איבערהויפט צו ביסלעכווייז נאר. ווען א גרויסע מאדניצע אין פאריז, אדער אין בערדיטשוב א שטייגער, שטעלט מיט זיך פיר ווי זי שטעהט און געהט, א לעבעדיג בילד פון דער ווייבערשער תאוה — פוצען זיך, דאס הייסט, אינגאנצען איז זי א גארנישט, נאר א פוץ, אזוי האט לייבציכע אויך פארגעשטעלט מיט איהר מיילכען די ווייבערשע תאוה — צו רעדען און בערעדען, נישט אויסצולאזען קיינעם און קיין זאך אין דער וועלט. אוועקגענומען ביי איהר די דאזיגע איינציגע מעלה, וואלט זי געמענט גאר ניט געבוירען ווערען, קיינעם חלילה וואלט עס נישט געארט. — לייבציכע פלעגט, ווי א נאהענטע שכנה, קומען צו שרה׳ן, ר׳ חיים׳ס ווייב, לייען אמאל דאס, אמאל יענס, און כמעט אלע פריהמארגען נעהמען פונ׳ם פריפעטשאק א קויל פייער ביי איהר. שווע־בעלעך, ווי היינט, האט מען דענסטמאל ווייניג געוואוסט, מען פלעגט געברויכען אנדערע מיני מיטעל און פייערגעצייג. לייבציכע פלעגט דאס קויל פייער אריינשארען אין א טעפעל, בלאזען עס צווישען די קאלטע קוילען דארט, און דערביי אויסשיטען גאנצע זעק רעד. איין מאל איין וואך האט געמוזט צווישען די דאזיגע צוויי שכנות זיך מאכען א רוגז. געוועהנטליך פלעגט דער רוגז ארויסשפרינגען אין א מארק־טאג, איבער עפעס א מציאה, נאר מעהר פון א טאג האט ער קיינמאל נישט געדויערט.

מאָרגן גאַנץ פריה איז שוין לייבציכע מיט דעם פייערטעפּעל געקומען, איז געווען זיס ווי צוקער, געבלאָזען אין טעפּעל און גערעדט אַ שרעק

אין די לאַנגע ווינטער־נעכט פלעגט זי אָפט קומען זיצען בײַ שרה'ן מיט עפּעס אַן'אַרבײַט, מײַנסטענס מיט אַ זאָק אין דער האַנד און האַלטען זיך עצות, צי ס'איז שוין צייט אָנצוהויבען די פּיאַטע, אָדער אויף וויפיעל איינלעך אָבצולאָזען די זאָק. דערבײַ האָט זיך איהר נישט צוגעמאַכט דאָס מויל, גערעדט, בערעדט, דערצעהלט משונה־וואונדערליכע מעשיות, וואָס זיינען זיך פערלאָפען אין דער וועלט, אויך מיט איהר אַליין און מיט איהר זיידען עליו־השלום, שווערענדיג זיך מיט כל השבועות, אַז אַלצדינג, וואָס זי דערצעהלט, איז אמת. פון איין מעשה איז זי איבערגעגאַנגען אין דער אַנדערער, און אַמאָל האָט זי אויסגעמישט צוויי מעשיות אינאיינעם. פון וואָס מען זאָל נישט געווען רעדען, איז זיך עס נישט אויסגעגאַנגען אָהן לייבציכעס אַ מעשה. האָט מען גערעדט פון עפּעס אַ שלאַפקייט, קדחת אַ שטייגער, איז לייבציכע אַרויס מיט דער שפּראַכע:

— שאַ, אָט האָט איהר אַייך, יודישע קינדער, גאָר אַ פרישע מעשה! פסח קלאָץ, אָט דער ישובניק קלאָץ, אַ רויטער אַ געזונטער, גאָר טאַקי אַ פויער, זיצט ער זיך, פסח, איבער אַ גרויסער שיסעל זוויערמילך, אַריינגעטאָן אינגאַנצען מיט חשק אין דער אכילה. וואָס דען־זשע זאָל אַ גראָבער יונג טאָן? ווי פסח זיצט זיך דאָ אַזוי, די נשמה זיינע אין שיסעל, קומט אַריין אין קרעטשמע צו איהם עפּעס אַ פרישער פּאַרשוין. ווער דער פּאַרשוין איז? דאָס וועט זיך שוין אַרויסווייזען ווייטער, שפּעטער אַביסעל. שטעהט ער זיך דער פרישער פּאַרשוין אַקעגען קלאָץ'ן, קיקט־קוקט, נישט אַראָבצונעהמען פון איהם די אויגען. און ווי פסח שעפּט אָן אַ גרויס לעפעל זוויערמילך און טראָגט עס צום מויל, אַזש מיין פּאַרשוין טוט איהם אַ פּאַטש איבער דער האַנד און דאָס לעפעל מיט דעם זוויערמילך פאַלט אַריין באַץ אין שיסעל. דו זעהסט, מאַכט דער פּאַרשוין צו איהם, אָט דאָס קליינטשקע שוואַרצינקע פינטעלע, וואָס שווימט דאָ אַרום אין שיסעל? ניין, דאָס איז נישט קיין פּראָסטע פינטעלע. ס'איז דיין מזל, וואָס איך האָב מיר דאָ בעצייטענס אונטערגעחאַפּט איידער דו האָסט עס אַראָבגעשלונגען. דאָס גוטעטשקע פינטעלע איז עס. ווילסט וויסען, ווער, וואָס? — נאַ! דאָס קדחת האָט זיך עס פערוואָרפען אין אַ שוואַרץ פינטעלע און געוואָלט מיט דעם זוויערמילך אינאיינעם דיר אין בויך אַריין. ער נעהמט באַלד טאַקי אַ פּאַחירל, גיסט אַהין אינוועניג אַריין

דאָס זויערמילך מיט דעם פינטעלע און הענגט עס אויף איבער דעם אויבען. פסח קלאָץ שטויסט זיך שוין אָן, ווער דער פּארשוין איז, איינער פון דער גוטער כּנופיא איז ער. ער האָט איהם זעהר שען בעדאַנקט. דערנאָך איז פסח קלאָץ געפאָהרען אין שטאָדט אַריין און געבענשט גומל... וועט איהר דאָך מיר פרעגען, וואָס איז, יאַהנע־סאָסיע, דער סוף מיט דעם פּאַחירל? אוי? אוי, אַזא סוף מיט אַלע אונזערע שונאים געזאָגט געוואָרען! עס איז אויסגעטריקענט געוואָרען ווי אַ שפענדעל, פון אַ מינד־סטען בלאָז האָט עס מיט איהם געוואָרפען ווי אַ קדחת. דער רוח האָט שיער נישט צוגענומען דאָס קדחת, אַזוי האָט עס געליטען, ליגענדיג דאָרט פערשפּאַרט. בעדאַרף זיך מאַכען, אַז מען זאָל מיט אַ שפּילקע אַ שטאָך טאָן אין דעם פּאַחירל, איז דאָס קדחת ווי אַ רוח אַרויס־געפלויגען. אַזוי פליהען זאָל איה, רבונו של עולם, אין פיעל גוטס, אָמן!

זינט דער דאָזיגער מעשה, זאָגט זיך שלמה'לע אָב פּאַר שרעק פון זויערמילך. עס בעקומט איהם נישט איבערהויפּט דאָס עסען, די בעסטע שפּייז אפילו. ער קוקט זיך צו אין טעלער צו אַ מינדסט שוואַרץ פּינטעלע און ציטערט — אָט טוט איהם אַ נעהם דאָס קדחת!

איינמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט זיצט זיך שרה מיט לייבציכען נעבען אויבען און פּליקען ביידע פעדערען. אַקעגען זיי אויף דער באַנק זיצט די קאַץ, פערלעגענדיג אונטער זיך די הינטערסטע פיס, מאַכט מיט דעם ווײַדעלע און קוקט מיט אַ פּאָר גרינע אויגען. אויפ'ן „לוטשניק" ברענט אַ פּײַערל, די קינדער, אַ מאָל דער, אַ מאָל יענער, וואַרפען־אונטער דאַרע שפּענדלעך. אין שטוב איז וואַרם, מחיה, עס רעדט זיך עפּעס געשמאַק, אַזוי געשמאַק.

— וואָס, פון דער קוה, שרה, רעדסט־דו? — פאַלט לייבציכע אַריין שרה'ן אין די רעד — די קוה גיט עפּעס ווייניג מילך, זאָגסט־דו די קוה? דאָס נעהמען די מכשפות צו דאָס מילך. איין מיטעל דערצו איז, קאָכען דאָס „צעדעלקע" (אַ שטיקעל לײַנוואַנד אויף איבערזייען דאָס מילך). אַז איך בין נאָך אַ מיידעל געווען, האָט זיך געטראָפען בײַם זיידען, מיר אויף צולאַנגע יאָהר, אַ מעשה, אין דעם יאָהר טאַקי, וואָס מיט דעם גאַנער, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען — דער זיידע. ס'איז נאָך אַזא מעשה נישט דערהערט געוואָרען אין דער גאַנצער וועלט.

מען האט איהם נישט געקענט ריהרען פונ׳ם ארט, אזוי שווער איז דער גאנער געווען, א הונדערט פונט, און אפשר נאך מעהר. ער האט בעדארפט געבען אודאי עטליכע טעפ שמאלץ, און גריווען גאר אהן א צאהל. צוריקטראגענדיג איהם פונ׳ם שוחט, א געקוילעטער שוין, גיט ער זיך פלוצים א שטעל אויף די פיס, טוט זיך א לאז, מיט א פייף איבער דער גאנצער גאס, און ווערט פערשוואונדען. ווער גאנער, וואס גאנער — א גלגול איז דאס גאר געווען!... טפו, איך מיש איין מעשה מיט דער אנדערע, פליישיגס מיט מילכיגס, פון מילך וויל איך דא גאר דערצעהלען. א מיידעל אז איך בין נאך געווען, האט די רויטע קוה דעם זיידענס, עליו־השלום, אויפגעהערט כמעט צוגעבען מילך, איז געווארען מאגער, דאר־קוואר מיט לעדיגע איטער. די באבע טעמע, זאל א גוטע מליצה זיין, האט זיך שטארק געערגערט. געה, זאגט זי, גיב פרעסען א קוה, אז זי וויל נישט געבען קיין מילך. מכות איהר... פעטריכע זאל זיך מיהען־נישט מיהען דארט, האט צוקריגענדיג זיך מיט איהרע א חברתה, א מכשפה, אויסגעזאגט דעם סוד, אז דאס איז איהר מלאכה. און פאר א טרונק בראנפען געהייסען אט וואס: „טעמא, מאכט זי, נעהם צעלעג אווענט־צייט אויפ׳ן פריפעטשאק א פייער, שטעל ארויף דארט אויף א טרינישקע א טעפעל, אין טעפעל טו אריין די „צעדעלקע״ און די האר פון א פלעדערמויז מיט די קרייטעכצער, וואס איך גיב דיר דא. טיר און לאדען זאלען זיין גוט צוגעמאכט, חוץ דיר, זאל קיינער אין שטוב נישט זיין. אויב דו האסט שטארק מורא, מעג יאחנא־סאסיא מיט דיר בלייבען. אז דאס טעפעל וועט אנהויבען קאכען, וועסט־דו הערען א קלאפ אין דער טיר, שפעטער אביסעל קולות מיט א געבעט: טעמא, עפען די טיר! און דו שא. דאס וועט די מכשפה קייקלענדיג זיך אויפ׳ן בויך, קומען בעטען זיך, און אננעהמען דאס קול פון דיין מאן, און נאך אנדערע אלערליי קולות, דו אבער ציט... עפען ניט למען־השם ולמען־השם״. כך־הוה איך געדענק עס, ווי היינט. ס׳איז אווענטדצייט, אין שטוב איז פינסטער, איך מיט דער באבען, מיר אויף צו לאנגע יאהר, שטעהען מיר ביים פריפעטשאק. דאס טעפעל אויף דער טרינישקע, אונטען ברענט א פייער, קוים הויבט אן דאס טעפעל טיאך, טיאך, הערט זיך אין דער טיר קלאפ, קלאפ. די באבע ציטערט, שטשירעט אוים אויף מיר איין אויג. פערבייסענדיג מיט די ליפען. מיר אין הארצען קלאפט אויך — טיאך טיאך, נאר גארנישט, שא! פלוצים הערט זיך א קול ווי פונ׳ם זיידען, אבער אקוראט אזוי, מען האט געמעגט שווערען, מיט א געבעט: טעמע

לאָז מיך אַריין, טעמע! די באָבע פערבייסט נאָך שטאַרקער מיט די ליפּען, ווינקט מיר מיט אַ פינגער אויפ׳ן מויל, דאָס הייסט — שאַ יאַחנע־סאָסיע! איך לעג אַלץ אונטער שפּענדלעך. דאָס טעפּעל קאָכט, פון דרויסען הערען זיך קולות: ווידער ווי דעם זיידענס קול מיט גוטען און מיט בייזען. דאָס איז געווען זי, די מכשפה׳טע, עס האָט איהר אַ פּנים גוט געדרעהט אין בויך פונ׳ם קאָכעניש אין טעפּעל. שפּעטער אַביסעל אַ חריוקען פון אַ חזיר, אַ היילען פון אַ הונד, אַ מעקען פון אַ ציג, אַ מיויקען פון אַ קאַץ. דערנאָך, דערנאָך, הערסט־דו, שרה, וואָס איך וועל דיר בעסער זאָגען — טוט פּלוצים אַ זאָג לייבציכע, פערקוקענדיג זיך אויף דער קאַץ, וואָס ליגט זיך אויסגעשטרעקט אַקעגען אויף דער באַנק. דרעהענדיג דעם ווידעל און מאַכענדיג מיט די פּאָדערסטע לאַפּקעס — דו הערסט, עס געפעלט מיר עפּעס נישט דיין קאַץ. איך האָב מורא, אַזוי אַ וועהטיג איז מיר נישט, דאָס איז אַ גלגול!... אַרקאָטאַ!

— אַ־קאָטאַ, אַ־קאָטאַ, אַ־קאָטאַ!...

די קאַץ דערשרעקט זיך, לויפט און פאַלט אַריין אין דעם טאָפּ פעדערען, שפּרינגט געשווינד אַרויס, איינגעטינקט אין פעדערען, ווי אַ שוואַרץ־יאָהר. עס ווערט אַ געשריי, אַ יאָגעניש, זי פּוץ אויף טיש און אויף ביינק, און אַלע נאָך איהר. ס׳איז אַ צאָרען, אַ מהומה אויף דער בידנער קאַץ נעבעך גאָר פּלוצים, אומגעריכט!...

פון דעמסטמאָל־אָן דאַכט זיך שלמה׳לען גלגולים. דער גאָנער איז נישט קיין גאָנער, די קאַץ איז נישט קיין קאַץ, אויך דער מענש, להבדיל, איז נישט קיין מענש, די גאַנצע וועלט דאָ איז אינגאַנצען טאַקי נאָר — אַיין עולם הדמיון!

8.

אָ. אויף דעם עולם איז שלמה׳לע אַ למדן, ווייסט נישט פון אַ לעבעדיק צוזאָגען, דערפאַר דאָרט — אויף יענעם עולם, וואוהין ער פערפליהט דורך דעם לערנען, איז ער אַ ווילדער חכם, קען אַלצדינג ווי אַ גרויסער למדן, אַזעלכעם אפילו, וואָס איז פאַר אַנדערע הײנט גאָר אַ סוד; ער לערענט גמרא, פערנעהמט זיך מיט דינים ומשפטים און נאָך אַנדערע זאַכען דאָרט. ער איז אַ דאָרטיגער מיט אַלע גענג, מיט דעם שטייגער רעדען, מיט דעם שאָקלען זיך, אינגאַנצען מיט די בײנער, מיט לײב און לעבען. פאַר איהם איז דאָרט אַ וועלט מיט עסקים — ס׳איז דאָרט אַ מחלוקת איבער אַנ׳איי, וואָס די הוהן האָט יום־טוב געלעגט. לוים נעהמען מעשר, כהנים נעמען תרומה, זיינען מקריב קרבנות, און יודען — שמייסט מען מלקות... שלמה׳לע איז שטאַרק פערנומען. וואו פאַר איהם צייט, ווען צייט? נישטאָ קיין צייט! — דער קאָפּ איז איהם דול.

איינמאָל, נאָך אַ גרוים דולעניש, אַז שלמה׳לע איז ווי אַ גאַסט פון יענער וועלט אַ היים אַראָבגעפאַלען, עפּעס איבערצוהאַפּען, האָט ער באַלד ביים אַריינגאַנג אין שטוב דערהערט אַ יאָמער אַ קלאָג, ווי מען בעוויינט אַ טויטען, די מאַמע ברעכט די הענד, טענה׳ט עפּעס און וויינט אויף אַ ניגון. דוד׳ל און איידעלע, צוויי ברעקלעך קינדער, שטעהען פון דערווייטענס אין אַ ווינקעלע און רעווען, קוקענדוג אויף דער מאַמע, מיט אָפענע מײלעכלעך. לאָה, די עלטערע שוועסטער, זיצט אויף דער מיל־ביגער באַנק אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און איז שטאַרק פעראומערט. שלמה׳לען גיט אַ טיאָכקע דאָס האַרץ, אין די אויגען שטעלען זיך איהם טרערען, און ער הויבט אָן באַלד טאַקי אויך צו וויינען.

— אוי, אַ גזר־דין, אַ גרוים אומגליק, אוי־וועה, האָט אונז גע־טראָפען! — טענה׳ט די מאַמע, פערגעהענדיג זיך פון טרערען.

— מאַ—אַמע, מאַ—מע—ע! רעווען די קליינע קינדער און קראַצען די קעפּלעך מיט ביידע הענטלעך.

— אי—איק—היק! שלויכצט שלמה׳לע, דער דאַרטיגער ... און שנייצט די נאָז.

— ווין, שלמה׳לע, ווין! — זאָגט די מאַמע מיט תחנה־לשון, אַז זי האָט איהם בעמערקט, און לעגט ביידע הענד איהם אויפ׳ן קאָפּ אַרויף — טו, אַלמאַכטיגער פאָטער, די טרערען פון ריינע אומשולדיגע קינדער טאָן אין דיין לאָגעל. אוי, אומגליקליך קינד, ווייסט איז אונז, פינצטער איז אונז — פינצטערע שקאָלעס... יודישע קינדער נעהמען אין די שקאָלעס!

— געוואַלד! — שרייעט שלמה׳לע, פערגעהענדיג זיך אונטער דער מאַמעס הענט.

שלמה׳לע דער „דאָרטיגער‟ האָט געהערט, אַז אויף דער וועלט „דאָ‟ געפינט זיך ביי „זיי‟ עפּעס שקאָלעס. וואָס מען טוט דאָרט אַזוינס? דאָס האָט ער נישט געוואוסט. געהערט גאָר, אַז מען שמייסט אַ שרעק. אַצינד, דערוויסענדיג זיך, וואָס דער מאַמעס געוויין בעטייט, — אַז ס׳איז דאָ אַ בעפעהל, מען זאָל יודישע קינדער נעהמען אין די שקאָלעס, איז איהם ענטפאַלען דאָס געזונט. עס האָט איהם זיך געדוכט, אַט שטעהען זעלנער. מען נעהמט איהם, מען פיהרט איהם, מען שמייסט... און דעריבער האָט ער נעבעך געשריען — געוואַלד!

די מאַמע־זשע ווידער האָט געוויינט נישט אַזוי דערפאַר, וואָס מען שמייסט, שמייסען שמייסט מען דאָך אין חדרים להבדיל אויך, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל שקאָלעס איז אַ מיאוסע זאַך. דער נאָמען שקאָלעס אַליין איז שוין פע, אַ שרעק, ס׳איז דאָך אַנ׳עק פון דער וועלט, אוים יודישקייט. וואָס קען חלילה פון יודישע קינדער ווערען?

יודען אין שטעדטעל זיינען אַרומגעגאַנגען אָהן קעפּ, מען האָט געזיפצט, געקרעכצט און גערעדט פון די שקאָלעס. דערביי געמומעלט אויף עפּעס אַ דייטשעל, אַ לילענטהאַל, וואָס פון איהם און נאָך אַזעלכע ווי ער, „בערלינער‟, קומט דאָס גאַנצע שפּיל אַרויס. מען האָט געמאַכט אסיפות און געטראַכט, וואָס טוט מען עפּעס דערצו. ס׳איז געבליבען מען זאָל גוזר־תענית זיין, זאָגען תהלים, רייסען קברים און איינלעגען די

וועלט. מלמדים נעבעך זיינען געווען געפּלעפּט, שטאַרק דערשראָגען, האָבען געציטערט פֿאַר זייערע קנעלונגען. די שקאָלעס וועלען זיי דאָך דערגעהן דאָס לעבען, מאַכען דעם טויט. אַז גאָט אַליין וועט זיך דאָ נישט אַריינמישען, נישט טאָן עפּעס אַ נס, וועלען זיי דאָך בלייבען אויס־געשטעלט. עס פֿערשטעהט זיך, דעריבער, ווי שטאַרק נעבעך זיי האָבען געפּילדערט, אונטערגעהידעט דעם עולם. אַלע טאָג פּריה און פּאַרנאַכט זיינען די שולען פּול געווען פֿון יודען. מלמדים האָבען געפֿיהרט אַהין קינדער פֿון די חדרים. מען האָט געזאָגט געוויסע קאַפּיטלעך תהלים, געוויינט, געפּאַסט. דער ערשטער תענית שלמה׳לעס איז געווען יענער, וואָס וועגען די שקאָלעס. ווייבער זיינען געגאַנגען אויף קבר־אָבות, גע־מאָסטען פּעלד און פֿערגאָסען טייבען טרערען. — ס׳איז געווען אַ פּער־ווינטער זומער! אפילו דאָס ביסעל גוים אין דעם שטעדטעל זיינען אויך געווען עפּעס ווי צודרעהט. די גוים און יודען פֿונ׳ם שטעדטעל האָבע געלעבט צווישען זיך זעהר גוט — איינער פֿונ׳ם אַנדערען געצויגען דאָס שטיקעל פּרנסה, איינער ביי׳ם אַנדערען האָט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך, און איינער דעם אַנדערען זיך געלאָזט דערקענען סיי אין לייד, סיי אין פֿרייד. איז אַ חתונה געווען, אַ שטיינער, ביי אַ יודען, האָבען בעקאַנטע גוים געשיקט איהם דרשה־געשאַנק: דער אַ הוהן, יענער עטליכע צעהנ־דליג אייער, איינער אַ ברויט, דער אַנדערער אַ קוילעטש, איטליכער נאָך זיין שטאַנד, און דאָס אייגענע טאַקי אויך פֿערקעהרט. דעריבער האָט דאָס געווין, דאָס געפּילדער, דענסטמאָל ביי יודען, אָנגעמאַכט אַ מרה־שחורה אויף די גוים און זיי האָבען זיך געוואונדערט. וואָס זאָל עס אַזוינס בעטייטען!

— אָי, ריצקאָ, קאַזשי, שטשאָ נאַשי זשידקי טאָמיטעקי פּלאַט־שוט, קריטשאַט גוואַלד, יאַק בודטאָ איך ריעזשוט?

— עווטאָ חאַפּונאַ וויני פּוגאַיעטסאַ, שטשאָבי חאַפּון איך ני־תוואַטאַיע.

— א־ני! דאָ חאַפּונאַ שצאָ דאַליעקאַ. מאָזשע מיסיאַצי דוואַ אַלבאָ טרי בודע דאָ איך סודנאָווא דניאַ. טרעבאַ פּיטאַטי, שטשאָ צע טאַקיי? באַציש אָט חיקאַ!

— סטאָפּ חיקאַ! קאַזשי־נאָ, שטשאָ עווטאָ טי מאָקי ביגאַיע אי גירקאָ פּלאַטשעש, אַ?

— אוי־וועה מעקיטאַ, נעסצענסטיצע! נימאַ טשאַסי. אָט בערקאָ! פימאַי או בערקאָ, ניחאַי קאָזשי בערקאָ, וועה איז מיר! — ענטפערט היה־גרונא, לויפענדיג באַרג אַראָב צום בית־עולם אין איין אָטעם.

— אָי, בערקאָ! טשויעש, אַ־אַ שטשאָ טאַק זשידקי חניקאָיוט, האַ?

— עטאָ אוי, צעלאָוויצי דאָבריע, אוי ליהאָ... בודוט האַפּאַט הלאָפּצעוו נאַשיך אוב שקאָלי! — שטעלט זיך בערקאָ דערציילען די גוים, ווי ער קען, דעם גאַנצען ענין פון די שקאָלעס. ס׳איז עפּעס אויסגעקומען טאַקי, אַז אָך און וועה צו די שקאָלעס. וואָס פאַר אַפּנים זיי האָבען געבעך געהאַט, אַריינפאַלענדיג צו בערקאָ׳ן אין מויל. די גוים אָבער האָבען איהם פערשטאַנען, זיך איבערגע׳צלמ׳ט און דריי מאָל אויסגעשפיגען, ווי דאָס איז טאַקי אַנ׳אומגליק.

בּיז וואַנען אָבער זכות־אָבות וועט בּיישטעהן, זיך מיהען פאַר דעם כּסא־הכּבוד און דער אייבּערשטער וועט אַ נס טאָן, דערוויל האָבען יודען זיך געטאָן די אַלטע סגולה — חתונה מאַכען יונגע קינדער. ס׳איז געוואָרען אַ בהלה. שדכנים, גוטע פיינע מענשען, האָבען נישט געשפּאָרט קיין מיה, געאַרבּייט, אויס ליבּע צום פאָלק ישראל, אויף אַלע כלים, מען האָט געחאַפּט און אָבגעשטעלט חופּות קליינע יונגלעך מיט יונגע מיידלעך, עס זאָל הייסען, אין דעם פאַל ווען חלילה שקאָלעס, הע־הע, אָבגעטאָן אויף טערקיש — נישטאָ קיין קינדער, נאָר לויטער בעלי־בּית׳לעך, קליינע יודלעך!... און בכדי טאַטעס פון קליינע מיידלעך זאָלען זיך נישט איינשפאַרען, זיך נישט שטאַרק איבערנעהמען מיט זייער סחורה, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מיידלעך וועט מען אויך נעהמען עפּעס אין די קאָלאָניע ערגעץ. אַז שלמה׳לע איז אַרויס טרוקען, נישט חתונה געהאַט דענסטמאָל אין דער בהלה. אַז דאָס מסתמאָ נאָר אַ גאָט־זאַך — פאַר איהם איז אין דעם שטעדטעל נישט געווען זיין בעשעהרטע, און אַקעגען גאָט קען מען נישט געהן, עס העלפט נישט אַקעגען איהם קיין חכמות. מיט וואָס דען אַנדערש לאָזט זיך עס דערקלערען?... די מאַמע האָט דאָך חשק געהאַט, דער טאַטע, אמת טאַקי, האָט זיך געקרימט, ווי איינער רעדט: פע! גאָר נאַרישקייטען. אין אַזוינע זאַכען איז דער ווילען פון די ווייבּער שרעקליך שטאַרק, בּרעכט אַייזען. און ־ין שלמה׳לעס זייט וואָלט נישט נאָר קיין מניעה נישט געווען, אדרבּה עס וואָלט איהם נאָך גאָר משונה הנאה געטאָן. איין מאָל, פאַר וואָס

זאָל ער ערגער זיין פון אַנדערע יונגלעך, פאַר וואָס אַנדערע יונגלעך קומט עס יאַ כלות און איהם נישט? — אַי, האָט ער עס מקנא געווען אַ חתן־בחור׳ל, עפּעס איז אַזעלכער אַ גאַנצער מיוחס. קיין בערדעל, אמת, האָט ער נישט, שמייסען אין חדר שמייסט מען איהם ווייטער מאַקי אויך, פון דעסטוועגען איז ער פאָרט עפּעס ווי אַ שטיקעל גרויסער: ער מענשעלט זיך, קוקט אויף זיינע חברים אַראָפּ מיט גאוה, אַט־אַט, נאָך אַביסעל, איז ער שוין אַליין אַ טאַטע... און צווייטענס, האָט זיך איהם, גאָר אָהן די אַלע זאַכען, גלאַט אַזוי זיך געוואָלט האָבען אַ כלה. ס׳איז עפּעס אַ גאַנצער עסק — איך, בחור׳ל, האָב מיר אַ כלה, זיץ מיר און טראַכט מיר ביי זיך — כלה! מען בעדאַרף נישט פערגעסען, אַז שלמה׳לע איז דאָך געווען אַ דאָרטיגער, אַ גאַנצער ירושלמי, קליינע חתן־כלה איז דאָרט אין לאַנד גאַנץ געוועהנטליך, הייגט האָט ער דאָך אין דער גמרא מכּה פּאַר־פאַלק־זאַכען עפּעס געלערענט אויך, דערצו נאָך געהאַט אַ פייערדיגען כח־הדמיון, דאָס פּאָעטישע פינקעלע, וואָס גיט אַמאָל פּלוצים, ווי פון דער העלער הויט, אַ בריה...

ניַיָר ווי די מעשה איז, שלמה׳לע האָט אין דער בּהלה נישט חתונה געהאַט, געבליבען ווי פריהער אַ יונגעל. גם זו לטובה! וואָרום ווי דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזען, איז אומזיסט געווען די בּהלה. יונגלעך אין די שקאָלעס אַריין האָט מען מיט געוואַלד נישט גענומען, מיידלעך אין די קאָלאָניעס — אויך נישט. חדרים זיינען געבליבען חדרים און מלמדים ווייטער מאַקי מלמדים, אַלצדינג וואָס פריהער. אין אַנדערע גרויסע שטעדט האָט מען אפילו געמאַכט יודישע שקאָלעס, נאָר אָהן סכנות! קינדער זיינען דאָרט ווענינ געווען, און מישטיינס־גיזאַנט, ווילבע? אָרמענקע עפּעס, פון דעם געמיינעם עולם — אויך מיר מענשען!

אויך ליליענטהאַל איז עפּעס ווי פערשוואונדען געוואָרען. פון דער קאָמפּאַניע זיינער איז אין דעם שטעדטעל ק... ווי פון די שקאָלעס, קיין זכר נישט געבליבען. מען האָט אינגאַנצען אין זיי פערגעסען, שלמה׳לע וואָלט נישט געוואוסט פון זייער געביין, אויב אַזעלכע זיינען גאָר אויף דער וועלט ערגעץ יאָ, ווען עס זאָל זיך נישט געווען שפּעטער מאַכען אָט די דאָזיגע מעשה:

ויהי היום איז אין אַ שענעם זומער־טאָג געקומען אין דעם שטעדטעל אַ גרייז־גרויער יוד, נידעריג געוואַקסען מיט אַ בייכעל און מיט

זעהר אַ ליעבליך פּנים. עס האָט געהײסען בײ איטליכען אין שטעדטעל: מיר האָבען אַ גאַסט — רבי נחום רװיזעװער, רבי נחום איז געקומען זיך געזעגנען!...

און אַלע האָבען זעהר גוט פערשטאַנען, װאָס „געקומען זיך גע־זעגנען" הײסט אַזױנס.

אַז רבי נחום פונ'ם שטעדטעל רװיזװו האָט אױסגעגעבען די יונג־סטע טאָכטער זײנע און איז געבליבען אױף דער עלטער אַנ'אַלמן, האָט ער זיך פערנומען פאָהרען בלי־נדר שטאַרבען אין ארץ־ישראל. נאָר אַזױ װי ביז דעם שטאַרבען בעדאַרף דאָך אַ מענש האָבען צום לעבען און אַ יוד — דערצו נאָך חתונה האָבען אױך, הײסט דאָך עס, מען בעדאַרף האָבען געלד, װאָס־זשע טוט מען? בכן האָט רבי נחום געטאָן דאָס, װאָס אַנדערע יודען אין אַזאַ פאַל טוען — ער איז עטליכע יאָהר אַרומ־געפאָהרען צװישען יודישע קינדער, פון אײן שטאָדט אין דער אַנדערער, זיך צו געזעגנען, דאָס הײסט נעהמען שענע נדבות און מאַכען בע־שטעלונגען, אױב עס לאָזט זיך נאָר, אױף װײטער אױך, אם־ירצה־השם. אַזאַ פרנסה, װי „געזעגנען זיך" רעכענט זיך בײ יודען שױן גאָר ניש־קשה'דיג, אַזעלכער, װאָס פאָהרט אַהין שטאַרבען, איז בכבוד'יגער פון אַלע אַנדערע מיני מקבלים, בטלנים און אױך פון נשרפים אַ שטײנער, ער שמעקט שױן מיט קברות־בלעטלעך — מיט ארץ־ישראל, ער איז שױן אַ קאַנדידאַט אױף אַ ירושלמי!... רבי נחום איז אַרומגעפאָהרען אַזױ עטליכע יאָהר און האָט צו יודען חלילה נישט דערלעגט. מען האָט איהם פערבעטען דער אױף אַ װעטשערע, יענער אױף װאַרמעס, און בײם געזעגנען זיך, איהם געגעבען אין האַנד אַרײן אױך. רבי נחום פון זײן זײט האָט זײ צוגעזאָגט דערפאַר זעהר פיעל הבטחות. — דעם אַזױ, יענעם אַזױ, אײנעם — בעטען פאַר איהם אױפ'ן קבר פון מאיר בעל־הנס, און דעם אַנדערען — ארץ־ישראל־ערד... רבי נחום האָט נישט פערשעמט דאָס שטעדטעל ק... װאו ער האָט געהאַט בעקאַנטע און עטליכע װײטע קרובים, און אין אַ שענעם זומער־טאָג איז ער געקומען זיך געזעגנען אַהין.

געװעהנטליך עסט מען זומער אין שטעדטעל װעטשערע בײ דער שײן פון דער לבנה, אױב זי איז דאָ, און אױב ניט — בײ אַ חלב'דיג גראָשען ליכטעל. מען מאַכט עס אָב בקיצור, און אַ גוטע נאַכט —

שלאָפֿען! באַלד טאַקי, אָדער נאָכדעם ווי מען לופֿטערט זיך אין דרויסען אַביסעל אויס. אין איין זומער נאַכט אָבער, זעהר אַליכטיגע, האָט פּערעל צוקלייבען, איז בײַ ר׳ חיים׳ן אין הויז געווען אַ פֿערענדערונג: דער טיש איז געגרייט גאַנץ פֿיין, ליכט ברענען אין מעשענע לייכטער, עפּעס יום־טוב׳דיג. — דאָס האָט ר׳ חיים פֿערבעטען צו זיך רבי נחום רויזעווער אויף וועטשערע. עס האָט זיך געצויגען ביים טיש אַ לאַנגער, אַ ברייטער שמועס איבער דעם כותל־מערבי און דער מערת־המכפּלה, איבער דעם הר־הזיתים און דער מוטער רחל׳ס קבר, איבער חורבות און קברים, און מען האָט פֿערביסען מיט אַ שמועס איבער פֿייגען, טייטלען, מילגרוימען און באָקסהאָרען. אַלע האָבען זיך בעלעקט, די אויגען האָבען געפֿלאַמט, געפֿונקעלט פֿאַר גרויס הנאָה. רבי נחום איז זעהר בערעדעוודיג, רעדט און רעדט, גלייך ווי ער איז שוין דאָרט געווען, אַלצדינג געזעהן מיט זיינע אויגען, און אַלע קוקען איהם אין מויל אַריין, קוקען מיט ליבשאַפֿט, מיט גרויס דרך־ארץ און זיינען איהם אין האַרץ שטאַרק מקנא, וואָס איהם איז בעשעהרט דאָרט צו זיין. עפּעס אַזוי גרינג זאָגט זיך עס: ארץ־ישראל, ירושלים! דאַכט זיך אין פֿלוג, אַ לאַנד — אַ לאַנד, אַ שטאָדט — אַ שטאָדט: הייזער, ערד, שטויב, מיסט, בלאָטע, נאָר ניין! עפּעס איז עס אַנדערש. וואָס אַנדערש, ווי אַנדערש? דאָס לאָזט זיך גאָר ניט זאָגען. עפּעס איז עס נישט מגושם גראָב, נאָר אַ רוחניות. מען בעדאַרף עס פֿיהלען. הייסט נעמען — אויף לשון־קודש, שטעדט, ערטער, וואָס שטעהען אין דער תורה!

דער שמועס איז דערנאָך איבערגעגאַנגען אויף אַנדערע, פּראָסטע זאַכען. רבי נחום איז דאָך אויסגעווען עפּעס אַ וועלט, זיך געזעגענט מיט אַזוי פֿיעל יודען, אָהן עין־הרע, און אָנגעזעהן, אָנגעהערט זיך זאַכען גאָר אַ ים! ווילנא האָט אין דעם שמועס געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע, מעהר ווי פֿון אַנדערע שטעדט האָט מען זיך אינטערעסירט מיט איהר. רבי נחום האָט דערצעהלט חידושים פֿון איהרע משונה־בעריהמטע רבנים, פֿון איהרע ווילדע קצינים און שרעקליך גרויסע גבירים, פֿון קלויזען, ישיבות און אָרמע בחורים — אַי־אַי! אויסלאָזענדיג מיט האַלבע־מלכות עפּעס, אין אַ געסעל ערגעץ דאָרט, וואו ס׳איז סכּנות, און מען שייעט זיך געהן דאָרט בײַ נאַכט — שוין אויף אַ נידעריג אומעטיג קול: אַי־אַי! און גאָר צום סוף איז ער אַרויס שטאַרק אָנגעלאָדען אויף ב ע ר ל י נ ע ר עפּעס. — אָט די יודען פֿון די שקאָלעס דאָרט פֿון ליליענטהאַלס כּנופֿיא, האָט ער געזאָגט, פֿערדרעהענדיג מיט דער נאָז, געגומען דערצעהלען מעשיות,

חוזק מאַכען פון זיי, אַז דאָס זיינען עפּעס ווילדע בּרואים, זיצען בּיי זיך, ווען קיינער זעהט נישט, אָהן היטלען און עסען אָהן געוואַשען! די תּורה זייערע בּעשטעהט אין לשון, אין קורצע שורה'לעך מיט מליצה, אַלץ: אַהה, אַהה, וועהגעשריגען!... איינער, דער עלטסטער זייערער, עסט, זאָגט מען, שנויצען מיט בּרויט. מען זאָגט, ער שטעקט אַריין אַ חלב'דיג ליכט אין דער קאַשע און עסט... שענע בּרואים, מישטיינס געזאָגט — לאָזט אויס רבּי נחום מיט אַ קרעכץ — אָה־האָ־האָ!

מילא האַלבּע־מלכות יאָ! דאָס האָט זיך נאָך געלעגט שלמה'לען אין מח. האַלבּע מלכות זיינען מסתּמא קליפּות, די גוטע נקבות, ווי לילי'ת און רוסאַלקעס, אַ שטייגער, איבּער וועלכע ער האָט זיך גענוג שרעקליכע מעשיות אָנגעהערט, ווי אַזוי זיי פערפיהרען מענשען מיט זייערע תּנועות און זיינען הונדערט מאָל ערגער פון דעם טייפעל, פון'ם אַשמדאַי אַליין. דעריבּער איז רעכט, וואָס די ווילנער שייען זיך געהן בּיי נאַכט אין יענע וויסטע געסלעך. אָבּער בּערלינער, נישט קיין לצים, נאָר יודען מיט אַ קאָפּ, מיט הענד און מיט פּיס. יודען, וואָס אָהן היטלען און וואָס עסען אָהן געוואַשען — אַזעלכעס איז גאָר נישט צום פערשטעהן!... ס'טייטש, ווי געשיקט זיך עס, אַ יוד — און אָהן אַ היטעל! ס'טייטש, ס'טייטש, אַ יוד — און נישט וואַשען זיך צום עסען!! משוגע זיינען זיי, צי חסר־דעה? ווייסען זיי דען נישט, וואָס פאַר אַ פּסק עס קומט דערפאַר דאָרט — פּעך, שוועבעל און אַייזערנע ריטער!... און גאָר אָהן די אַלע זאַכען, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס גלאַט אַ יוד אָהן אַ היטעל? — נאָר אַזעלכעס אָבּער האָט דאָך געזאָגט רבּי נחום, אַ יוד, וואָס געזעגענט זיך, וואָס פּאָהרט קיין ארץ־ישראל. אַזאַ יודען מוז מען גלויבּען. אין־בּרירה, בּיי שלמה'לען האָט שוין געמוזט זיך לעגען אין מוח אי אַזעלכעס אויך, און דער נאָמען בּערלינער האָט זינט דענסטמאָל געהאַט בּיי איהם דעם טייטש: אַ יוד אָהן אַ היטעל, וואָס וואַשט זיך נישט און עסט בּרויט מיט שנויצען

שלמה׳לען געהט למזל דאָס עלפטע יאָהר. די תורה פאַר איהם ביי ליפא ראובן׳ס לאָזט זיך אויס און ער געהט איבער אויף דעם טאַ־טענס העגד, לערנען אונטער זיין השגחה. — ללמוד, לערנען אליין וללמד לערנען אויך מיט אַנדערע, בפרט נאָך מיט אייגענע קינדער, דאָס איז איינס פון גאָטס געבאָט׳ וואָסיודען זאָגען עס, בעטען דערויף אין דאַוונען אַלע טאָג, און אַז וואויל איז דעם, וואָס איז און שטאַנד עס מקיים צו זיין. ר׳ חיים פלעגט אַזוי טאַקע מיט זיינע קינדער זיך נוהג זיין. מיט איטלעכען בעזונדער פון די צוויי עלטערע זיהן האָט ער גע־לערנט, נאָכדעם אַז זיי זיינען אַרויס, איטליכער און זיין צייט. פונ׳ם הדר חוונה, ווי בעשעפטיגט ער איז געווען, פלעגט ער אָברייסען אַ שעה אָדער אַ פּאָר שעה צייט אין טאָג, צו לערנען אַ בלעטעל גמרא מיט זיי און מיט זייערע חברים, אין פאַל אַז זיי האָבען אַזעלכע געהאַט אַזוי האָט ער אויך געלערנט מיט זיין איידעם. לאָה׳ס מאַן. די ערשטע צייט נאָך דער חתונה. און מיט נאָך יונגע בעל־הבית׳לעך צו איהם נאָר אומזיסט. און אַזוי איז אויך געקומען שלמה׳לעס צייט לערנען תורה ביים טאַטען. דער שטייגער לערנען זיינער איז געווען אַזוי: אַלע פריהמאָרגען. באַלד נאָכ׳ן דאַוונען פלעגט. דער טאַטע זיצענדיג אויף זיין שטאָט אוי־בענאָן אין קלויז. לערנען מיט איהם אַ פּרק אָדער צוויי פּרקים משניות כסדר. נאָך דעם אָנבייסען פלעגט ער בלייבען אין דער היים. צוגרייטען אין אַלקירעל דאָרט דאָס לייענען. וואָס דער טאַטע האָט איהם אין דער גמרא פערגעבען מיט תוספות און מהרש״א. ער האָט עס בעדאַרפט דער־נאָך איבערזאָגען. אין דער היים טאַקי. אַ מאָל ביי טאָג. אַ מאָל ביי נאַכט. ווי דעם טאַטען איז אויסגעקומען. און נאָר אַ מאָל פלעגט דער טאַטע אויפוועקען שלמה׳לען פאַרטאָג אויך. און אַוועקגעהן מיט איהם לערנען אין קלויז.

אמת טאַקי, דאָס אויפשטעהן פאַרטאָג, בשעת דער שלאָף איז אַזוי געשמאַק, איז שלמה׳לען אָנגעקומען נישט אַזוי גרינג. נאָר איז ער אָבער שוין אויפגעשטאַנען, אַראָב פונ׳ם געלעגער, האָט עס איהם זעהר הנאה געטאָן. דאָס אויף-זיין, דאָס געהן אין קלויז און דאָס לערנען האָט איהם גרויס פערגעניגען געמאַכט. ווער ס׳איז אַ יוד, אַ יוד מיט דעם פינטעלע, דער קען פיהלען דעם טעם פון אַזאַ פערגעניגען. אין דעם יודענס קאָפּ מאָלט זיך די נאַכט מיט וואונדער-שענע בילדער. עס שטעלט זיך איהם פאַר אין דער נאַכט געטליכע זאַכען, יענע וואונדערליכע ערצעהלונגען פון די הייליגע ספרים, וואָס ריהרען ביי דער לעבער — און ער ווערט אַזש צושמאָלצען פאַר הייסע ברענענדיגע געפיהלען.

„נאָך דעם ערשטען משמר, אַרום האַלבע נאַכט — אַזוי שטעהט געשריבען — וועהעט אַ צפון-ווינטעלע, און די וואַכען פון די מלאכים ביי-טען זיך דאָרט אין הימעל. עס גיט, אָט דאָס ווינטעלע, דער מלאך גבריאל אַ ריהר — און ער שרייעט אויבען זעקס קולות אויס לייענט דערנאָך פון אַ בוך אַרויס די מענשענס אַלע מעשים, וואָס ווערען אָבגע-טאָן ביי טאָג. פון איהם דאָרט גיט אַ טאָרע אונטער די פליגעל דעם האָהן דאָ. ער חאַפּט זיך אויף און קרעהט הויך אויף אַ קול. אי אויבען אי אונטען ווערט אַ געטימעל; דער האָהן קרעהט אויף דער ערד, און גבריאל אויפ׳ן הימעל. דענסטמאָל לאָזט זיך גאָט פון דריי הונדערט און ניינציג הימלען אַראָב אין גן-עדן אַריין כיתות מלאכים לויפען פאָראויס אין זאָגען שירה:

עפענט טויערן ברייט זיך אויף,
עפענט הויך זיך ביז אַרויף —
אָ, איהר אייביג פעסטע טירען,
קומען לאָז דאָ גאָט שפּאַצירען!

עס זינגען אויך די בוימער אין גן-עדן, גיבען פון זיך אַרויס זיסע שמע-קענדיגע ריחות פון בשמים. אָט איז ער שוין אַריין גאָט דער מלך, מיט זיין כבוד אַליין — שאַ! מלאכים אויף זייערע ערטער שטעהען מיט גרויס דרך-ארץ און שווייגען, פול מיט רחמנות קוקט ער אויף די הייליגע נשמות פון צדיקים און קדושים דאָרט, קוקט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. פלוצלים לאָזט ער אַרוס אַ געשריי, אַ ברומען ווי אַ לייב, דאָס וויינט ער, קלאָגט אויפ׳ן חורבן בית-המקדש, אויף ירושלים, די וויסטע

שטאָט, אויף ציון, די ביטערע אַלמנה, אויף די קינדער ישראל זיינע, וואָס אין גלות — און צוויי הייסע טראָפּענס טרערען פאַלען איהם אויס די אויגען גלייך אין דעם גרויסען ים אַריין...

אזוי וויינט גאָט דריי מאָל אַלע נאַכט דאָרט אין זיינע הימלען. גוט-פרומע יודישע קינדער לאָזט עס ניט איינליגען, זיי שטעהען אויף ביי נאכט פון די געלעגערס, „ריכטען אָפּ חצות", וויינען זיך אוים פאַר דעם זיסען, בארמהערצדיגען פאָטער אין הימעל, און דאָס יודיש האַרץ פיהלט עפּעס דענסטמאָל אַ מין בעזונדער טעם — זיס ביטער אוז זויער אינאיינעם.

שלמה'לע געהט פאַרטאָג איבער דער גאַס, דאָס שטעטעל שלאָפט, לבנה און שטערען שטעהען אין הימעל אויף דער וואך. עס דוכט זיך אים, דאָרט, אויבען, טוט זיך עס אַצינד עפּעס גאָר אַ שרעק! טוט פון ערגעץ אַ בלאָז, דאַכט זיך אים, יענס צפון-ווינטעלע, דאָס גוטע ווינטעלע, וואָס וועהעט אונטער די פליגעל פון מלאכים, וואס האָט אַ מאָל אויך געבלאָזען אויף דוד-המלך'ס פידעלע, אים צוקאָפּענס ביי-נאַכט אויפ'ן געלע-גער, און עס האָט זיך געשפּילט זיסע געטליכע לידער. זושען ערגיץ בוימער אין אַ גאָרטען — דאָס זשוזען דאָרט די בוימער אין גן-עדן; קרעהט ערגעץ אַ האָהן — דאָס זאָגט ער שירה, און זיינען איהם די האָר, דאָס פנים, פייכט פון טוי-טראָפּען — דאָס זענען גאָטס טרערען, דאָס וויינט ער, יאָמערט אויף זיינע פערוואָגעלטע קינדער. עס שלאָפט נישט, עס דרעמעלט נישט דער היטער פון ישראל!... עס צושפּילט זיך שלמה'לען די געבליטען, זיין כח-הדמיון איז פלאַם פייער דאָס האַרץ צוגעהט איהם שעור פאַר גרויסע געצילען — און ער נעהמט זיך לער-נען מיט חשק, געשמאַק אויף אַ ניגון.

מיט דעם אַרויסגעהן שלמה'לעס פונ'ם חדר געהט ביסלעכווייז ביי איהם פאָר אַ פערענדערונג אין דעם לעבען. אַצינד פיהלט ער זיך שוין פרייער צו פערבלייבען אַביסעל סעהר דאָ אויף דעם עולם. עפּעס טוט אַ וועהע אין איהם איין אַנדער גייסט, העלער אביסעל ווערט איהם אין מוח, ער הויבט זיך אָן אַרומצוקוקען — און דערזעהט פאַר זיך עפּעס אַזוינס, וואָס פריער האָט ער עס, דאַכט זיך, אויך געזעהן, נאָר עס האָט איהם זיך אויסגעוויזען גאָר אנדערש, אָדער ער האָט גלאַט אזוי זיך אים געוואָרפן אין די אויגען, נישט צומאכען אינוועניג אין דעם קאָפּ

קײן פיצעל רושם. עפּעס טאַקי נור אַ מענש־אַ בהמה, אַ לײמענער גולם, מישטײנס־געזאָגט: שטעהט און װײסט נישט, אויף װאָס ער שטעהט, זעהט און װײסט נישט, װאָס ער זעהט. גענוג איז דיזך זײן װעלטעל דאָ אַזױ אויך קלײן, האָט ער עס נאָך מעהר פערקלענערט — פון די אַלע גאַסען אין שטעדטעל איז פאַר איהם געװען נור דער שול־הויף: פון אַלע הײזער — דער חדר, דער קלױז, דער בית־מדרש, װאו ס׳איז דער טויער צום הימעל; פון אַלע מענשען — אײנװאױנער — נור דאָס ביסעל יודען, און דאָס אויך דוקא די װאָס פון זײן בית־מדרש, יענע אַקעגען װאָס פון דעם אָדער פון אײן אַנדער קלײזעל זײנען שױן עפּעס בע.. און באמת טאַקי, כפי עס שטעהט געשריבען, איז דאָך די װעלט אַקעגען יענער װעלט נישט מעהר װי אַ פּאָר־הײזעל אַקעגען אַ פּאַלאַץ, און װאָס מאַכט עס אַ יודען אױס, שױן גאָר אַ גרױסען מיט אַ באָרד אַפילו, אַז דאָס פּאָר־הײזעל איז עפּעס נישט אַזױ, אַביסעל ענגליך? מילא הויקערט מען זיך אַביסעל אײן, מאַכט מען זיך אַ קאַפּעלע ניט װיסענדיג און שטערבעט אָב דאָס לעבען װי עס איז, פון יוצא װעגען, אַבי איבערקומען. לעבט דען נישט דער װאָרעם, להבדיל אין חרײן, און ס׳איז איהם געװים גוט און זיס, אויף כפרות די װעלט מיט דער גאַנצער „עולם הזה״?!...

שלמה הױבט זיך אָן אַרומצוקוקען װי אײנער װאָס שטעהט אויף פון שלאָף, אין די אויגען געהט איהם אויף אַ ליכט און אַלצדינג קומט איהם פיר עפּעס גאָר נײ, גלײך װי ערשט פונ׳ם אײ אַרױסגעקראָכען. עס שטעהט זיך אַ שטעדטעל אויף אַ הויכען באַרג, חוץ דעם שול־הויף זײנען דאָ נאָך גאַסען, װאו ס׳איז אויך אַ לעבען, עס געפינען זיך נאָך איגעסלעך אַזױנע, דוקא נישט קײן יודישע, װאָס זײנען, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאַר די רעד, אפשר טאַקי רײנער און שענער, מיט גערטנער, בױמער און שאר־ירקות. — די טאָלען „באַרג־אַראָב״ זײנען ערטערװײז אויך בעזעצט, בעװאַקסען מיט גרינװאַרג. זײ ציהען זיך װײט אַרום דער שטאָדט, צוװאַרפענדיג זיך אין פערשײדענע פּאַנאָראַמעס: גערטנער, פעלדער און װעלדלעך פון נים, אויך געמײזאַכצען, גרינבעװאַקסענע זומפּען מיט פּליושניק (זשאַװער) און הושענות, צװישען װעלכע עס רינען קװאַלען װאַסער, עס שװיבלען און גריבלען מיני עופות. אויף יענער זײט טאָלען װײטער בערג, װײטער פעלדער, װעלדלעך און װעלדער. שלמה׳לע שטעלט אױס אַ פּאָר אױגען, קוקענדיג דערױף אײנגאַנצען פערגאַפט, מיט אַזאַ מינע, גלײך װי ער זעהט עס דאָס ערשטע מאָל.

שלמה'לע דערגעהט זיך שפעטער, אז דאס שטעדטעל נעהער [illegible] צום גראף ווינטגעשטיין, יודישע קינדער זיינען נור שכנים דא, זיצען אויף צינש; אז די גוים דא, הערט א מעשה, זיינען בעלי־הבתים אזוי גוט ווי זיי, און אפשר נאך מעהר, האבען אויך א שטיקעל ווערטה: הייגט פון װאנען, איז איהם א גרויס וואונדער, זאל זיך עס צום שטעדטעל נעהמען די קדושה, דער ק"ק, ווי עס הייסט? דער מארק מיט די קלייטען, מיט די סוחרים און מעקלערס, מיט די שיינקען, אכסניות מיט די משרתים און פאקטוירים — די אלע זיינען, אמת טאקי, אין דער גוטער יודישקייט, אבער די ערד, די פעלדער ארום־און־ארום זיינען דאך גוי'עשע, זייערע להבדיל!... א בעוויז דערויף האט ער אין די יאגעדעס, און די ניס, — יודישע קינדער געהן מיט טעפלעך, קריגלעך קלייבען יאגעדעס, אין וואלד, רייסען ניס און עס ציטערט אויף זיי די הויט: אט קומט עשו, נעהמט עס אוועק און איז נאך מכבד מיט א קלאפ אויך. ס'איז זיי פערשטערט נעבעך דאס לעבען, דער וואלד מיט זיינע בוימער, מיט זיינע שמעקענדיגע קרייטעכצער איז פאר זיי נור א ריינע אבקומעניש, א שרעק. זאל ערגעץ פאלען א בלעטעל, ענטפאלט זיי דאס געזונד, זאל ערגעץ א פיפס טאן א פויגעל, טוט זיי א טיאכקע דאס הארץ. איטליכער שרייצט אין די געדאנקען „שמע־ישראל", זיפצט נעבעך און טוט תפלה שטיל אינוועניג אין זיך, גלייך ווי זיי וואלטען געוואנדערט אין דער מדבר ערגעץ... ער אליין איז דאך געפריווט געווארען, געווען אין אזא צרה, יישט הייגט געדאכט, אז ער איז געגאנגען איינמאל מיט א פאר חברים רייסען גרינס אויף שבועות, קוים האט ער אבגעריסען א צווייגעל עפעס פון א בליהענד בארענבוימעל ערגעץ דארט נעבען א פלייט פון א גארטען, אזש צוויי שקצים'לעך טוען זיך א לאז איהם אקעגען און וואלטען זיכער איהם געמאכט דעם טויט. א נס, וואס גאט האט איהם געגעבען פיס, האט ער זיך צונויפגענומען מיט אלע זיינע קרעפטען און באלד טאקי געשווינד מיט אימפעט אוועק, איבערלאזענדיג זיינע חברים אויף גאטס בעוואהר.

שלמה'לע קוקט זיך צו און זעהט — אווא, א חידוש, כ'לעבען, עס זיינען דא יודען, וואס גיבען זיך נישט אזוי אב מיט דער גמרא, האבען אין זינען אנדערע זאכען און לעבען אויך! ער האט געמיינט, א וועלט יודען ווייסט נישט מעהר ווי לערנען, ווו אויפצוטאן א פשט'ל, ווי צו פאלען אויף מהרשא'ס א קשיא. מען אינטערעסירט זיך נור איינער ביים

אַנדערן צו וויסען, וואו האלט דער אין „ביצה", יענער אין „מכות"; נאָך „בין־הזמנים" אַרבייט מען אויף אַלע כלים און מען טוט זיך אַ נעהם לערנען — און לסוף זעהט ער, אַז ס'איז עפּעס נישט אַזוי די מעשה! תחילת איז איהם די זאַך אפילו אַביסעל פריקרע, וואָס הייסט?... נאָר דערנאָך טראַכט ער בּיי זיך: טאַ, מסתמא בעדאַרף דאָך גאָטעניאָ אויף זיין וועלטעל האָבּען אַזעלכע יודען אויך.

און וועמעס אַרבּייט האָט עס געקאָנט זיין, אַריינלעגען שלמה'לען אַ פינגער אין מויל, אַרויפצופיהרען איהם אויף אַזוינע זאַכען? ס'טייטש, וועמעס אַנדערש ווען נישט דעם יצר־הרע'ס! אַז אין דעם מענשען שטעקט אַ יצר־טוב און אַ יצר־הרע, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַלע ווייסען עס. אַ קינד אפילו. די פראַגע איז נאָר, ווער פון די ביידע קריכט דעם מענשען פריהער אין דער נשמה אַריין — דאָס הייסט, בשעת קומענדיג אַהער אויף דער וועלט אין דעם מענשענס נשמה, אַ גאָלד, אָדער אונטערגעשלאָגען מיט הינד? ווער פון די ביידע איז בערעדעוודיגער, קליגער, פּאָליטישער, פערשטעהט בעסער, ווי זיך בעליבּט צו־מאַכען, ווי אָבצואַרבּייטען אַנ'עסק? און ווי די מעשה איז, אַזוי צו אַזוי, איז דען דאָס אייגענע טאַקי בּיי אַלע מענשען גלייך, אָדער ניין? — נאָר ענטפערען אויף די דאָזיגע אַלע זאַכען איבערהויפּט, דאָס זאָלען מוחל זיין יענע חקרנים, וואָס זיינען מחויב צו וויסען אַלצדינג, אפילו אַזעלכעס, וואָס נישט געשטויגען נישט געפלויגען. דאָ אָבּער נעהט די רעדע איבער שלמה'לע ר' חיים'ס. די בעקאַנטשאַפט מיט זיין יצר־טוב און יצר־הרע הויבּט זיך אָן דאָ אין דער דאָזיגער מעשה מיט איהם ערשט דערנסטמאָל, ווען ער ווערט פרייער אַביסעל, אַרויסצוחאַפּען זיך פון דאָרט, פון יענעם עולם, הייסט עס — אַהער אויף אונזער עולם — וואָס דאָרט, אויף יענער וועלט עס נעהט מיט אַ יודיש קינד פאַר, דאָס געוועגדעט זיך נישט אין איהם נישט אין דעם יצר־טוב און נישט אין דעם יצר־הרע זיינעם. דאָרט געפינען זיך רבּי'ס, משגיחים, בעהעלפערס, מיני נפשות אַזוינע, און אַזוינע, וואָס פיהרען איהם, לערנען איהם, קענען אַליין אָהן יענע זייער שטעדטעל בעשטעהן און שלאָגען איהם חכמות, זאַבּאַבּאָנעס זייערע אין קאָפּ אַריין. דאָרט געפינען זיך אויך מזיקים, מחבלים מיט אייזערנע ריטער... שלמה'לעם ערשטער שטעל דאָ אויף דער וועלט, נאָך גאָר בּיים אָנהויבּ, בעווייזט שוין, וואָס פאַר אַ מין יצר־הרע זיינער איז, וואָהין ער קוקט, וואָס ער טראַכט, וואָס ער זאָגט, און עס לאָזט זיך שוין בּייציטענס פאַרויסזעהן, וואָס פון איהם וועט אויסוואַקסען שפּעטער. אַ קעפּעל האָ־ה־אָ!...

שלמה׳לע איז בטבע געווען א הייסבלוטיגער, און איהם איז געלע־
נען פערבארגען א פאטישער פונק, און דעריבער האט דער יצר־הרע זיך
געקליגט אויפצובלאזען דעם דאזיגען פונק, איינגעבען איהם שכל, גע־
פיהל, ליבשאפט צו דער שענער נאטור — א גוט מיטעל אוועקצורייסען
פון יענעם עולם, ארויסצושלאגען דאס דולעניש פינ׳ם קאפ... אט גאר
דורך וואנען ארום! פריהער מיט דער פאליטיקע, די שמד־שטיק אין דער
יראה אריינגעלעגט, אלץ גאט און זיין הייליג געבאט — זעה, בחור׳ל,
זיי מקיים א מצוה, שטערבעט ער איהם, זעה „גאטס־וואונדער“ אין דעם
אויסגעשטערענטען הימעל, אין דעם רעגענבויגען און אין די פונקעלדיגע
טוי־טראפענס אויף דעם גרינוואַרג אין גארטען. הער „גאטס קול“ אין דו־
נער, אין בליץ, אין שטורמווינד און אין דעם וועהען פון א שטיל לופ־
טעלע, אין דעם זשוזשען פון בינען, זשוקלעך, און אין דעם שוועבען פון
מיקען... שלמה׳לע לאזט זיך איינרעדען, פערקוקט זיך אויף אלצדינג,
שפילט זיך און איז דערוויל מפסיק פונ׳ם לערנען. וואס וייטער, וייטער
ציהט עס איהם אהין אין די פרייע גרינע פעלדער, אין די געדיכט פער־
צווייגטע וועלדער. — לכה דודי, רעדט איין דער יצר־הרע, קום שפאצי־
רען! שלמה׳לע גנב׳ט זיך ארויס פון שטוב און געהט אויפ׳ן קבלת פנים
צו דער שען חנ׳עווידיגער נאטור, ווי א חתן אקעגען דער כלה!...
די כלה וויטעט זיך, לאזט זיך איהם הערען שטיל אויף א שושקענדיג
קול׳כעל פון צווישען שאקלענדיגע זאנגען ווייץ און קארן; ווינקט איהם
דורך זשוואווע־ריהרענדיגע צווייגען פון הויך געוואקסענע בוימער; שמיי־
כעלט, מאכט חן דורך א שיינענדיגען וייל שטראהלען, דורכברענענדיג
זיך צווישען דעם גרינעם ים בלעטער. זי וייזט איהם איהר שענע רייכע
נארדעראבע, מאכט איהם א חשק אויסציהען זיך אויף גרינע מיט קוויי־
טען־בלומען געשטיקטע קאוויארען, און מיט א וייך־געשפרינקעלטע קי־
שעלע פון מאך צוקאפענס; שיקט איהם א קוש, גרייזעלט איהם די האר
דורך א מילד־ווארם ווינטעלע און לאזט פאר איהם ארום און ארום שפי־
לען א וואונדער־שענע קאפעלע — עס קנאקט דער סאלאוויי, צוגיסט זיך
אין טרעלען, דער ציזיג, דער שטיגליץ מיט דער גאנצער חברה משוררים
זייערע האלטען איהם אונטער אויף פיסטלעך, געליינקלעך און ביי׳קול׳כלעך.
ערגעץ פון דערווייטענס רופען זיך אב געמבעס: א מעקען פון ציגען, א
הירזשען פון פערד, פיטערענדיג זיך דארט אויף דער פאשע און עפעס
ווי א שופר־בלאזען פון קיה. פייגעלעך זינגען, שפרינגען אויבען אויף די
בוימער, באכיטשקעלעך, געפוצט־געצירט באלאווע דרעהען זיך, טראגען

זיך אין דער לופט, גרילען, היישעריקען שמוצערען, טאַנצען, הייבען פיסלעך אויף דער ערד אונטען. עס איז אַ לעבען, אַ וועלט נישקשה דאָ אויך!... שלמה׳לען טוט עס אינוועניג אַ בריה, ער ווערט אַזש צושמאָלצען פאַר הייסע זיסע געפיהלען. זאָל מען געווען מגדל זיין איהם ווי געהעריג איז, ווי עס פאַסט אַזעלכען מיט גוטע מתנות פון זיין ליבען נאָמען, וואָלטען די געפיהלען זיינע אַרויסגעגאָסען זיך אין שרייבען, אין מאָלען, אין שפּילען, אַ שטייגער. שלמה׳לע אָבער האָט די אַלע זאַכען, חוץ תנ״ך און גמרא, נישט געוואוסט, נישט געהערט אַפילו, אַז אַזעלכע זיינען אויף דער וועלט גאָר דאָ. מליצה־ביכלעך האָט ער אין די אויגען אפילו נישט געזעהן, דעריבער פלעגט ער אין דער הייסער שעה צוגיסען זיך אין אַ טרעלעליקען — אין אַ נגון׳דעל פון זמירות, אין אַ וויינענדיגם צו אַ „בעדעקענס״, אָדער געזאָגט „ברכי־נפשי״ הויך אויף אַ קול, צוקייענדיג איטליכס וואָרט, און געפיהלט דערביי עפּעס גאָר אַ בעזונדער טעם.

דאַכט זיך אין אָנהויב גאַנץ גוט, וואָס קען מען, הא, צו אַזא יצר־הרע האָבען?...

10.

מילא נאַטור־שמור נאָך צו דערליידען. הגם ס׳איז דאָך אַ נאַרישקייט, נישט ווערטה צו פערלירען דערויף אַ מינוט צייט אַפילו, גלאַט אַזוי זיך אָהן אַ שום נוצען; נאָר דאָס, וואָס איז נישט שען, פּאַסט נישט פאַר אַ יודען, אַ בעווייבטען, אַ טרוד אין דער פרנסה, קען מען עס נאָך ווי ס׳איז מתיר זיין אַ יונגעל: מהיכי־תיתי, שפּאַציר דיר אַ מאָל הינטער דער שטוב — אויף דער נאַטור, ווי הייסט עס ביי זיי דאָרט, וואַלגער זיך אויף דער ערד, אויפ׳ן גראָז און קוק דיר אָב, אָט איז אַ זשוקעל, אַ משה־רבנו׳ס קיהעלע, אַ פייגעלע, אַ שמייגעלע! פּאָרט נישט מעהר ווי אַ נאַריש יונגעל, אָבער אַלצדינג, שייגעץ מיט אַ מאָס. פערגעס נישט, יונגאַטש, אַז אַ יודיש קינד בעדאַרף לערנען, אַז אַ יונגעלע, דו שנעק איינער, בעדאַרף אין זינען האָבען די גמרא, עפּעס איז דאָך, שקאָץ, אַ גמרא „ביצה״, „כתובות״ אויך דאָ אויף דער וועלט!.. יאַ, ווען אַזוי וואָלט מען צו שלמה׳לען גאָר ניט געקענט האָבען, מילא־איז ער זיך אַביסעל... ווייס איך וואָס? גאָר נישט! די צרה טאַקי איז דאָך אָבער, וואָס ער האָט נישט געוואוסט קיין מאָס, האָט זיך אַביסעל טאַקי פערגעסען, פלעגט פערפאַלען ווערען אַ מאָל און פערשפּעטיגען אַ היים צו מיטאָג. דער טאַטע האָט עס נישט בעמערקט, ווייל שטענדיג איז ער בעשעפטיגט, פלעגט תמיד, חוץ שבת און יום־טוב, עסען בעזונדער, נישט אינאיינעם מיט דעם הויזגעזינד. די מאַמע ווידער האָט געהאַט צו טאָן מיט דעם בעל־הבית׳ישקייט, פערנומען געווען מיט איהרע זאַכען. און אַז זי איז אַקעגען איהם איינמאָל אַרוים מיט דער שפּראַך: וואוהין ווערט עס אַ יונגעלע פערפאַלען? דערביי איהם געשראָקען, אַז זי מוז עס ניש׳קשה דערצעהלען דעם טאַטען — האָט שלמה׳לע זיך געמאַכט תם, געענטפערט מיט אַזאַ מינעלע, ווי איינער, וואָס איז גאָט די נשמה

טולדיג, סטייטש, ער איז דאָך געזעסן די גאַנצע צייט אויבען, הע־הע! אין דער ווייבערשער שול אוז געלערנט!

אָט דענסטמאָל ערשט, אַז שלמה׳לע איז שוין פערקראָכען אַביסעי ווייטליך, האָט דער שלי׳מזל׳ניק, דער יצר־טוב זיינער, זיך אויסגעשלאָפען איהם גוט אויסשייגעצען — אַזוי און אַזוי קונדים איינער! לא־די וואָס געהסט ארום שלינג־און־שלאַנג, אָבגעריסען זיך פונ׳ם לערנען, ביסט־דו נאָך צו אַלע צרות אַ ליגנער אויך -- נאַרסט אָב, ווען נאָך? אין איי־גענע מאַמען! דער גיהנם איז דאָך פאַר דיר קאַרג.

אוי, אַ וועהטאָג אַ גרויסער, דעם גיהנם האָט דאָך שלמה׳לע גוט געקענט פונ׳ם „שבט מוסר״ און נאָך אַזעלכע ספרים, וואו יענע בעשריי־בען די זיבען מיני העלישע פייערען, אין וועלכען עס פרעגלען זיך, עס קומען אָב די אָרעמע בעלי־עברות; אויך די משונה ווילדע מלאכי־חבלה מיט די אייזערנע ריטער; בעשריבען איטליכעס פיצעלע בעזונדער, גלייך ווי זיי וואָלטען דאָרט געווען אַליין, אַלצדינג געזעהן מיט אייגע־נע אויגען! — אוי־וועה, ס׳איז דאָך עפּעס גאַר ניט גוט! וואָס טוט מען? —

שלמה׳לע טוט תשובה!... ער דאַוונט, בעט, גיסט אויס זיין האַרץ פאַר גאָט שטילערהייט מיט געפיהל, און זאָגט איהם צו הרים־וגבעות; נעהמען זיך בלי־נדר ווייטער צום לערנען, זיין, אם־ירצה־השם, אַ יוד, טאַקי וואָס אַ יוד הייסט — חוץ דעם בית־מדרש נישט אָנקוקען די וועלט, פע־פע!...

דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט. פערפאַלען! איז אין אַ מענש דאָ גע־שמאַק, געפיהל, בעהיט זאָל מען ווערען, לאָזט זיך עס נישט אַזוי גרינג מיט דער האַנד אָוועקמאַכען. איז איהם געפעלען, מעשה־שטן, די מנושמ־שענע ווערק גאָטס, פשוט אין דער פאָרמע, אין דער געשטאַלט ווי זיי זיינען, וועט קיין מוסר־ספר נישט קענען עס איהם פער׳מיאוס׳ען, מאַ־כענדיג דערפון אש, עפר ואפר... עס וועט איהם, נישט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, עפּעס גאַר ווי אַ מאַגנעט ציהען, ציהען, ציהען... שע־נע צורות, גוטע זאַכען, זינדיגע מענשען דערמיט צו פערפיהרען, זיינען פאַר דער יצר־הרע אויף דער וועלט דאָ גענוג, איבערגענוג — ווילסט נישט דאָס, נאַ־זשע דיר, נשמה׳ניו יענס, דאָס כלומר׳שט איז פע, נאַ־זשע דיר, שלמה׳לע, אַ פּראַדיל, אַ שענס, אַ פיינס, מלא חן!...

פראַדיל, נאָך גאָר אַ קינד, מיט שלמה'לען אין איינע יאָהרען, שטאַמט פון ליטווישע עלטערען, ר' חיים'ס שטיקלעך מחותנים, וואָס האָבען מיט עטליכע יאָהר צוריק זיך בעזעצט אין דעם שטעדטעל ק... פראַדיל פלעגט זעהר אָפט קומען צו ר' חיים'ן אין הויז, זיך שפּילען מיט די קינדער דאָרט, איז בעליבט געווען ביים גאַנצען הויזגעזינד פאַר איהר גוטסקייט, פאַר איהר שענקייט — און שלמה'לע האָט זיך אויס איהר גאָרנישט געמאַכט, גלייך ווי זי איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. פראַדיל — פראַדיל, איינע וואָס האָט געהייסען פראַדיל! מיט אַ מאָל אָבער וואַקסט פאַר איהם אויס פלוצלים, ווי פון דער העלער הויט, אַ פראַדיל, אַ בילד שענע, גאָר אַנטיק — און עס גיט איהם עפּיס אַ ציה, אַ טיאָבק דאָס הערצעלע, עפּעס לויפט איהם ווי אַ הייסער שטראָם דורך די אַלע גלידער, רויט און בלייך ווערט ער אויף איינמאָל! עס ציהט איהם, עס גלוסט זיך איהם אויף איהר צוקוקען און קוקען, נאָר גוואַלד רבונו־של־עולם, וואָס טוט מען מיט דיר? ס'איז דאָך אַ גרויסע עברה!... ער ראַנגעלט זיך מיט דעם יצר־הרע, ווי אַ יוד, אַ ווילדער עקשן: ניין, מען טאָר נישט, ניין ניין, וועסט ביי מיר נישט פועל'ן — און חאַפּט לסוף נעבעך אַ קליין קוקעלע! שפּעטער אַביסעל — שוין עטליכע, וואָס ווייטער, ווייטער ווערט דאָס ראַנגלען זיך זיינס מיט דעם יצר־הרע שוואַכער, די מורא פאַר גאָט שוין נישט אַזוי ווי די מורא פאַר לייט — אוי, לאָז חאָטש אַ זייטיגער מענש עס נישט בעמערקען, חלילה. אין הונדערטען פאַל, תּאָמר שטויסט זיך עמיצער אָן, איז איהם ניחאָ בעגראָבען זיך לעבעדיגערהייט. ער האָט אָנגעהויבען פאַר מורא זיך אַרומצוקוקען, ווי אַ גנב, חושד זיין ביי זיך איטליכען אין שטוב, תּאָמר האָט דער עפּיס אָנגעשמעקט, תּאמר ווייסט יענער וואָס אין האַרץ ביי איהם טוט זיך אַזוינס, גלייך ווי ער וואָלט געווען פון גלאָז, דורכזיכטיג, מען זעהט זיינע געדאַנקען, זיינע געפיהלען, אַלצדינג וואָס אינווענינג אין איהם געהט פאָר.

די מורא זיינע איז אָבער געווען אומזיסט. ווען אפילו עס זאָל מעגליך געווען אַריינצוקוקען איהם אין האַרץ, וואָלט מען נאָר געקוקט ווי דער האָהן אין „בני־אדם", נישט צו וויסען דעם פּירוש פון זיינע געדאַנקען דאָרט. ליעבעס, דאָס איז נישט פאַר דעם יודישען מוח, דאָס איז פאַר איהם תּרגום. ביי יודען איז גאָר אַזוינס נישט דערהערט געוואָרען, בפרט נאָך דעמאָלט אין יענער צייט, און נאָך וואו? — אין אַזוינע קליינע שטעדטלעך ווי ק... און נאָך ביי וועמען? — ביי מענשען פונ'ם בעלי־בתּישען שטאַנד!... פאַלש איז דער חן און נאַריש די שענקייט, זאָגט

דער פסוק, ליעבעם איז אויך נישט קיין אייביג געוועהר. בויען דערויף דאָס פאַמיליענלעבען, דאָס אייגענע גליק און דאָס גליק פון קינדער איז ווי שטעלען אַ בנין אויף אַ היהנעריש פיסעל, היינט ביזט דו שען, בליהסט ווי אַ רויז, מאָרגען ביסט דו פערדאַרט; היינט געה איך אויס נאָך דיר און מאָרגען — נאָך עמיצען אַנדערש, געה דיר צו אַלדי שוואַרץ יאָהר!... חתונה האָבען, קינדלען — דאָס איז ביי יודען אַ גאָטס געבאָט. עהרליך האַלטען אַ ווייב, זי ליעב צו האָבען, ווייל זי איז אַ ווייב, אַ בעל־הבית׳טע, אַ מאַמע פון קינדער, און זאָרגען זיך פאַר דעם הויזגעזינד — דאָס איז אַ הייליגער חוב, אַ מצוה, וואָס דערויף איז זיך אַ יוד מקריב. און אָט דאָס טאַקי האָט צוגעגעבען דעם פאָלק ישראל אַ שטיק געזונד, דאָס אייביגע לעבען; אָט דאָס איז אונזערע עלטערן אַלע מאָל בייגעשטאַנען אין די נויטען. איז שלעכט, ביטער, פינסטער, טרויעריג דאָרט אין דער וועלט, דערפאַר איז גוט, זיס, ליכטיג, פרעהליך ביי זיך אין הויז צווישען אייגענע — נעבען ווייב און קינדער!... יאַ, אַזאַ זייפענבולבעלע ווי ליעבעם, וואָס פּלאַצט, צו־שפּרינגט פון אַ בלאָז, האָט מען ביי יודען אין יענער צייט נאָך נישט געוואוסט. דאָס איז איינמאָל. היינט צווייטענס, ווען אפילו יאָ ליעבעם, ביי מענשען אפילו פון היינטיגער וועלט, וואָלט בשום אופן זיי נישט גע־קענט איינפאַלען, אַז ביי קליינע קינדער זאָל גאָר געמאָלט זיין אַזוינס! קינדער זענען קינדער. יונגלעך, מיידלעך, וואָס מאַכט עס אויס, אָדער זיי שפּילען זיך אינאיינעם מיט צאַצקעס צווישען זיך, אָדער די ניאַנקעס, באָנעס, גובערנאַנטקעס שפּילען זיך, צאַצקען זיך מיט זיי, קושען זיי, האַלזען זיי, און — גאָרנישט, פרעגט זיי בחרם!...

זאָל דאָס אייגענע טאַקי, וואָס ביי שלמה׳לען, זיך געווען מאַכען מיט איינעם, אַ דערוואַקסענעם מענש, וואָלט עס אומעגליך אין איהם גע־בליבען פערבאָרגען. עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזען איהם אין דעם פנים, אין דעם רעדען וכדומה נאָך אין אַנדערע זאַכען, עס וואָלט דערפון גע־וואוסט בפירוש, נישט אנדערש טאַקי, דער אַנדער צד אויך. ליעבען ווי געוועהנטליך איז א שרפה, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטען פון מאַטעריאַל, מגושמ׳דיגע זאַכען. עס ברענט עס קנאַקט ביז פונ׳ם מאַטעריאַל ווערט האָלאָוועשקעס און דאָס פייער לאָזט זיך אויס מיט אַ טשאַד, אַ רויך... שלמה׳לעס ליעבע אָבער, דאָס איז אַ ריינע, אינווענייגסטע, אין זיך אַליין; דאָס איז יענס געטליכעס פייערל, וואָס האָט געברענט און דער דאָרענבוים איז נישט געוואָרען פערברענט; דאָס איז אַ בליץ פון גייסט,

אַ חשק, אַ גלוסטען צו שענקיט, וואָס לאָזט זיך דערקענען אין דעם רווח פאַרבּיגען הימעל בּיי'ם אויפגאַנג פון מאָרגענשטערען, אין פוקען זיך פון דער רויז, אין פרישע פורפור־ליפען, אין חן־גריבּעלעך, אין דעם מילדען שמייכעלע און אין דעם וואַרעמען בּליק פון בּרענענדיגע אויגען... דאָס איז יענע ליעבּע, וואָס בּרענט ווי אַ „נר־תּמיד" אין האַרצען בּיי פּאָעטען — פון גאָט געלייטזעליגטע מענשען; וואָס וואַרעמט די נשמה, גיט אַ מאָל אַ נעהם אויסצוגיסען זיך אין געבּעט. אויסוויינען זיך פאַר גאָט שטילערהייט...

עס פערשטעהט זיך, אַז שלמה'לעס ליעבּע איז, אַזוי גוט ווי פאַר אַנדערע, אויך פאַר פּראַדלען געוועזן אַ סוד! אַבּי ער ווייסט, ווי שטאַרק אָנגעלעגט בּיי איהם איז, אַז זי קומט צו גאַסט, ווי עס טוט איהם הנאה, אַז ער חאַפּט בּגנבה אויף איהר אַ קוק, אַז ער עסט זי מיט די אויגען הינטערוויילעכס, און וואָס, האַ, וועט אַרויסקומען, איהם אָדער איהר, אַז זי וועט עס אויך וויסען? — פּאַרט וואָס?... און גאָט אַליין וואָס קען עס איהם אַרען? — טראַכט שלמה'לע, טרייסטענדיג זיך אין האַרצען — מה רעש, אַז עס טוט זיך אַ מאָל אַ קוק! אַבּער מיט איהם, מיט דעם לערנען, מיט דעם דאַוונען געהער עס זיך בּלל גאַרנישט אָן. זיינס בּע־קומט דאָך דער רבּונו־של־עולם פּינקטליך: אַ שחרית, אַ מנחה, אַ מעריב טאָג־טעגליך צו דער צייט, און אַ נדבה, זאָל נישט אויסגערעדט זיין — עטליכע קאַפּיטלעך תּהלים אַ מאָל אויך!...

נאָר ווער ווייסט, אפשר אין דעם זכות טאַקי איז שלמה'לען בּע־שיינפערליך געשעהן אַ נס פון גאָט, אַז ער איז געשטאַנען אין אַ סכּנה איינמאָל, אַליין דעם סוד זיינעם אויסצוגעבּען.

שבּת־נחמו, ווי דער וועלט איז בּעקאַנט, איז אַ טאָג פון שמחות, סעודות בּיי יודישע קינדער אין די שטעדטלעך. נאָך מיט אַ וואָך, אָדער אַ פּאָר וואָכען פריהער שמועסען קינדער, פּעקלעכווייז, צווישען זיך אָבּ, צומאַכען יענעם שבּת אַ סעודה דערפון, וואָס איטליכער וועט בּעצייטענס מיט דעם גוטען ווילען זיינעם בּרענגען צו דעם, בּיי וועלכען חברה האָט אויסגעקליבּען. און בּאַלד טאַקי הויבּט זיך אָן איין עסק פון טראָ־געניש, וואָס מען קען נאָר, כּשר צו בּגנבה, בּיי זיך אין דער היים דער־טאַפּען. איינער בּרענגט אַ שטיקעל קיכעל, אַ גרינעם עפּעל, אַ מער —

בשתיקה פונ'ם בינטעל וואָס צום צימעס; דער אַנדערער אַ געלע גרויסע אונערקע, אַ האַלב איי, אָבגעשפּאָרט נעבעך פון זיין מיטאָג: דער דריי־סער דאָס, דער פערטער יענס. אַ דאַר שטיקעל ברויט, אַ רעטיכעל, אַ ציבעלע, אַנ'עקעל פון אַ הערינג איז אויך אַ סחורה. אַזוי טוען דענסטמאָל קינדער־קונדסים, קינדער־בר־מצוה־בחורים — האָבען חתונה. אָט אין אַזאַ שבת־נחמו, ביי טאָג נאָך דעם שלאָף, איז געווען, אָהן עין־הרע, פּרהס־ליך, אַ רעש, אַ געפּילדער פון קינדער, יונגלעך און מיידלעך, דאָרט אויפ'ן פרייען פלאַץ נעבען ר' חיים'ס שטוב. ביי אַ טייל קינדער איז דאָס טויל, די ליפּען געפּאַרבט, מיט וואָנצעס, פון געקאָכטע שוואַרצע יאַגאָ־דעס און האָבען אַ פּנים ווי משונה ווילדע בריות, עפּיס נאָר אַ שרעק! ווידער ביי אַ טייל פייערט אַ באַק, צודראָפּעט אַביסעל די נאָז — צייכענס פון די גבורות זייערע אין דער מלחמה. עטליכע זענען ביי דער סעודה פריהער נישט צופרידען געווען מיט זייערע חלקים. איטליכער קוקט וואָס ביי יענעם און זיינס איז גאָרנישט — עפּיס אַזוינס, וואָס קיי־שפּיי, פּויל, ביטער, טפוי זאָל עס ווערען! העגד האָט דאָך גאָט געגעבען, נעגעל אויך, נעז, אָהן עין־הרע, ביי יודישע קינדער זענען אויך דאָ, נו האָט מען זיך אַביסעל, ווי דער שטייגער איז — צודראָפּעט. טאַקי נאָר אַביסעל, ווייל דער טאָג שטעהט נישט, נישטאָ קיין צייט, מען בעדאַרף זיך שפּילען. אויך פּראַדעל האָט זיך געפּונען צווישען די קינדער, זי איז געווען וואוּנ־דער־שען, עפּיס נאָך שענער ווי תמיד, און שלמה'לע האָט זאָט אָנקוי־קען זיך אויף איהר נישט געקענט.

אויף דער לאַנגער, נידעריגער באַנק דאָרט פאַר דער שטוב זיצען הייבער שכנות, בעקאַנטע, צווישען זיי שרה, אויך גיטעל, פּראַדעלס מאַ־מע, און די גוטע לייבציכע. מען זיצט חלילה נישט לעדיג — מען רעדט, מען רעדט זיך אויס, איטליכע וואָס אויף דעם האַרץ. איינע אַ מעוברת'ע, אַ דיקע מיט געלע פלאַמיעס אויף די באַקען, קלאָגט זיך, אַז עס שפּאַרט איהר אונטער'ן לעפּעלע, אַ פּנים פונ'ם טשאָלענט. זי שוויצט, פאָכט זיך מיט דעם עק פאַרטוך, פערוואָרפענדיג אַרונטער דעם קאָפּ, איין וואָרט, איין געשריי: אָי וואו נעהמט מען אַ קאַלטען טרונק וואַסער! ס'איז דאָ אויך יענע יודענע מיט דער ספּאַזמע, וואָס גענוצט נאָר אַ שרעק, שפּייט און ווישט מחילה די נאָז. איינע אַ דאַרע, הויט און ביין, נאָך הייזעריג פון די תשעה־באב'דיגע קינות, רעדט מיט דעם גאַנצען כח אויף אַ צוריי־סעט־פערדומפּענעם קול, קוים וואָס זי חאַפּט דעם אָטעם, קייכט, הוסט, אַרויסשטעקענדיג נעבעך די צונג. אַ גאַנץ לייטישע, שענע יודענע מיט

פערזאָטענע אויגען אָהן ברעמען קוקט אַריין אַ קינד, וואָס בײַ איהר אויפ'ן שויס, אין קעפּעל, ווייזענדיג אויך אַנדערע נעבען איהר, אויף אַ ציקאַגועשץ, וואָס פּאַר אַ מיטעל וועלען זיי ראַטען... לייבציכע קען, שונאַציון, זיך נישט צורייסען, אַזוי פיעל אַרבייט האָט זי אַצינד. אַ קאַטאָוועס עפּים מיט אַזאַ עולם ווייבער איבערצורעדען, איטליכער זאָג אַ וואָרט, דערצעהל אַ מעשה, גאָר נישט לאַנג געטראַכט! הײַנט האָט דאָך גאָט געגעבען אויגען אויך, אַז זיי זאָלען אומעטום קוקען, נישט אויסצולאָזען חלילה קיין שום זאַך, בײַ אַזוי פיעל אַרבייט וועט גאָר קיין וואונדער נישט זיין, אַז לייבציכע פערפּלאָנטערט זיך אַ מאָל, מישט אויס, ווי מען זאָגט „קאַשע מיט מאָהן" עטליכע מעשיות אינאיינעם, אין דער האָפענונג, אַז מען וועט זיך אָנשטויסען, ניש'קשה, און איטליכע וועט פונ'ם אויסמישעניש אַרויסנעמען דאָס, וואָס איז אַיין אנצוהערעניש אַקעגען איהר.

— למען השם, זיך נישט געקוועטשט! אַז דעם מגיד, געדענק איך, איז דאָס צינגעל אַראָבגעפאַלען, האָט ער, דער זיידע, איהם געזאָגט עליו השלום: שאַ האַלט זיך, זייט מוחל, איין, קוועטשט זיך נישט אַזוי— רעדען... אַז עס הויבט אָן צושפּאַרען, נישט געפּריווט זאָל מען ווערען, שפּאַרען אָט דאָ אונטער דעם לעפעלע, איז איין ברירה: עפּען אַ מויל, ברען אָב, גיב אַרויס וואָס דאָרט אין דיר איז און האַלט נישט... אָהאָ, האַלט ער זי עס אַביסעל! נאָכגעיאָגט. געחאַפּט און האַלט זי, דאָס שען בחור'ל, יאָ־האָ־האַ!

אָט די דאָזיגע לייבציכעס ווערטער זענען נעזאָגט געוואָרען אַקעגען דער הייזעריגער און דער מעוברת'דיגער יודענע. און חאַפּענדיג דערוויל אַ קוק אויף די קינדער דאָרט, וואָס שפּילען זיך אין זשמורקעס, זעהט זי, ווי שלמה'לע יאָגט זיך נור נאָך פראַדלען, אַלץ מיט איהר און לאָזט זי פונ'ם אויג נישט אָב.

— אוי, גיטעלע, איך האַלט עס נישט אויס! — מאַכט לייבציכע, שאָקלענדיג מיט'ן קעפּעלע פון דערוויטענס צו פראַדעלס מאַמע — אוי, איז זי שען, אייער פראַדעלע, ס'איז איהר אין פּנים נישט אַריינצוקיקען ווי אין דער ליכטיגער זון!

— גיט איהר נאָר קיין עין־הרע נישט! ענטפערט אָב גיטעל'

וואס האַלט אין אַ שמועס מיט אַ פּאָר מייבער איבער דער דאָליע זייערע.

— טפוי־טפוי! — שפּיט לייבציבע, פערדרעהענדיג די נאָז מיט אַ ווינק אויף יענער מיט דער ספּאַזמע — אַ גענוציעצן אַביסעל, אַ שפּיי־ען!... ביים אָבשפּרעכען אַ גוט אויג די באָבע, מיר צו לאַנגע יאָהר, מיידעלוויז, שען בין איך געווען ווי גאָר די וועלט, מען האָט זיך אויף מיר געהאַנגען. מאַכט זיך אַ מעשה פלוצלים גאָר אומגעריכט... שאַ, שרה'ניו, דו ביזט דאָך עס מחויב צו געדענ־קען — דרעהט זי זיך געשווינד אוים צו שלמה'לעם מאַמע — קוק נאָר אָן דאָרט, אין מחשבות'ן, דיין בחור'ל! לויפט איהר נאָך ווי אַ קוה אַ קעלבעל, פּראַדלען. האַ? זעהר אַ שען פּאָרעל... הלואי אין גיכען, רבונו־של־עולם, זאָל יאַחנע־סאָסיע דיר זאָגען מזל־טוב! געדענק מיינע ווערטער.

— אַנ'איינפאַל אַביסעל, נאָך אַזוי יונג!

— ביזט עס, שרה'ניו, מחויב צו געדענקען די מעשה אַ מאָל, אַ מאָל בשעת דער בהלה. וויפיעל, האַ, מיינסט־דו, איז מיר דענסטמאָל געווען צו דער חתונה? מיינער זיוּ נישט מעהר געווען ווי אַ יאָהר אַכט־ניין, און אפשר טאָקי נאָך ווייניגער

— אודאי מיט עטליכע יאָהר צוריק, בשעת דער בהלה פון די שקאָלעס, נישט היינט געדאַכט, ווען דענסטמאָל פּראַדעל זאָל זיך אונטעררוקען, הע־הע! וואָלט געווען טאַקי די רעכטע צייט. מסתמא איז דאָך עס נישט בעשעהרט. אַצינד איז עט, נאַ־רישקייטען...

— יאַחנע־סאָסיען זענען גאָך, ברוך השם, די אויגען נישט ארוים... אָט זעה איך, זעה! — די דאָזיגע לעצטע פיער ווער־טער האָט שוין לייבציבע געזאָגט דער יודענע מיט די פערזאָטע־נע אויגען, וואָס האָט איהר אָנגעטאָן כבוד, גלייך ווי די אַלע אַנדערע דאָ, און דאָס קינד מיט דעם קעפּעל כמעט אונטער דער נאָז איהר אונטערגערוקט. לייבציבע האָט ווי אַ געניטע עס בע־

טראַכט, דערויף פֿאַטעליך געבלאָזען, אָנגעהויבען צו דערצעהלען מכח דעם אַ לאַנגע מעשה, און פֿערקראַכצע חייט, אַזוי אַז זי האט דער־ווייל איז שלמה'לען זיך פֿערגעסען.

שלמה'לע האָט געמענט בענשען גומל. װען נישט די מעשה, האָלט ער, חס־ושלום, ווי די בידנע קאַץ נעבעך אַמאָל, טרוקען פֿון לייבציכען נישט אַרוים!..

11.

מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ טעם „ביצה" קען האָבען זאָכדעם אַז מען טוט אַ לעק פון יענע זאַכען, צו וועלכע דער יצר־הרע גיט אונטער אַ חשק. געה פערשפּאַר זיך, לערען און טראָג זיך איבער מיט אַלע געדאַנקען העט־העט אין אַזאַ ציים, אין אַזאַ אָרט, גאַנץ ווייט און פרעמד פון דיר, בשעת פאַר די אויגען שטעהט דאָ גאַטס וועלטעלע מיט שענע גוטע זאַכען, וואָס ציהען דיך בּיי דער נשמה: נאַ, פערזוך, ניש׳קשה, און וויס פון דיין חיות צו זאָגען! שלמה׳לע איז אַצינד עפּעס ווי דערוויטערט געוואָרען פון „יענעם עולם". אין וועלכען ער איז געווען אריינגעטאָן פריהער מיט לייב און לעבען — דער קאָפּ זיינער ליגט שוין נישט אין דער גמרא ווי אַ מאָל. עס גלוסט זיך איהם דאָס, יענס און ער האָט אין זינען הבלי־העולם. דאָס שטיקעל „לייענען" פאַר דעם טאַטען מאַכט ער נאָך ווי ס׳איז, זופט אָב אַ בּלעטעל גמרא אין־האַבעניש, אין־אַיילעניש עט אַזוי, אַבי גע׳פּטר׳ט, איבערגעקומען, און שפּאַצירט זיך דערנאָך דעם גרעסטען טייל טאָג אַרום. ער זוכט זיך אוים נייע מיני געננ, נייע מיני חברים, זיין גלייכען, נישט זיין גלייכען, יונגער צי עלטער פון איהם, וואָס מאַכט עס אוים? אַבי זיי זעגען איהם צום האַרצען, עס פערבּרענגט זיך מיט זיי די צייט, עס שמועסט זיך, עס טראַכט זיך און עס פיהלט זיך עפּעס אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק...

שלמה׳לע חאַפּט זיך עפּטערס אַריין צו אַייזיק דעם שמיד אין קוזנע, בעזונדערס, ווען אין־דרויסען איז נאַס, קאַלט און איהם איז עפּעס אומע־טיגליך אויף דעם האַרצען. ער זיצט זיך דאָרט אין אַ ווינקעל און קוקט פערטראַכט. אין קוזנע איז טונקעל, אַקעגען איהם פאָכט הייזעריגליך אַ לעדערנער, געלאַטעטער בּלאָזזאַק. ער טוט אַ בּלאָז און אַ זייל פונקען שפּרינגען, טאַנצען ווי די רוחות אין אויבען, עס קומט איהם דערבּיי פיר יענע מעשה אין חומש, אַ מאל, אַ מאָל — ווי אברהם־אָבינו זיצט מרה־

שחורה׳דיג און דרעמעלט. די זון געהט אונטער. עס איז אַ נעבעל — און אַט אין איין אויבען רויך און אַ פלאַם־פייער... די פונקען שפּרינגען און שלמה׳לעס געדאַנקען פערפליהען ווייטער־ווייטער; עס מאָלט זיך איהם עפּעס משונה׳דיגע צורות, דרעהענדיג זיך צווישען די פונקען און דראַפּענדיג זיך פון דאָרט אויף די אָבגעשיינטע וואַנד אַקעגען. עס בייטען זיך די געשטאַלטען, אַרויס־אַריין, ביז עס טוט איהם שיינענדיג זיך אַ וויי! פראַדעל! ער ווערט צוקאָכט, נעהמט זיך מיט גרויס חשק זי צו בעטראַכטען, קוקט־קוקט און דערזעהט בעשיינפערליך די ליכטיגע צורה פון אייזיקען, וואָס הידעט־אונטער, פערגרעסערט אַלץ דאָס פייער. פּלוצים, אין דער היי סער מינוט טאַקי, חאַפּט אַייזיק פונ׳ם העלישפייער אַרויס מיט צוואַנגען אַ גליהענד שטיק אַייזען, און האַלטענדיג עס אַזוי אויף דער „קאָוואַדלע״ מיט איין האַנד, שלאָגט ער עס מיט דעם האַמער אין דער אַנדערער האַנד, בשעת אַ געזונטער, ברייט־ביינעדיגער, צו־חראַסטעטער בחור, בעוואָפענט מיט אַ גרויסען, שווערען האַמער קלאַפּט דערויף אַקעגען. אַייזיק איין קלאַפּ, דער בחור צוויי; אַייזיק אַ דרעה דעם אַייזען אַהער, דער בחור — קלאַב; אַייזיק אַ דרעה אַהין און דער בחור קלאַפּ־קלאַפּ, אַזש פונקען פליהען... ס׳איז דאָ פאַר שלמה׳לען וואָס צו זעהען, אַ מאָל עפּעס אַנדערש, ס׳איז דאָ פאַר איהם אויך וואָס צו הערען — די אַרבייט האָט ליעב אַ המצאָה, אַ ווערטעל, עס זאָל געטאָן ווערען לעבעדיג, פרעהליך. דאָרט ווערט אויך דערצעהלט שרעקליכע מעשיות, וואָס דאָס ליעב גרוילט הערענדיג זיי. אין מענשען צום רעדען איז, ברוך־השם, ניטאָ קיין מאַנגעל. ס׳איז דאָ גענוג, אי אייגענע, אי פרעמדע, וואָס קימען געבען אַרבייט: דער קימט מיט אַ שטימפּע האַק, יענער קומט מיט אַ צעבראָכען מילעכדיג קלינגעל, אַנ׳איבערגעדרעהטען שלאָס, איינער קומט פידקאָווען אַ פערד און דער אַנדערער אַרויפציהען אַנ׳אַייזערנע רייף אויף אַ ראָד. — אַייזיק אַליין איז בטבע געווען זעהר בערעדעוודיג, אַ צוגעלאָזטער מענש, מיט אַבי וועמען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ברייטען שמועס. בעזונדערס האָט ער ליעב געהאַט אַריינלאָזען זיך אין חקירות, געבען יענעם צו פערשטעהן דעם שפּיץ פון אַ זאַך, און דערקלערען, פאַר וואָס אוז יענס אַזוי און איז נישט אַזוי? פאַר וואָס נעזולעכער, אַ שטייגער, זענען אין דער נאָז אונטען, נישט אויבען, די לופט צו אָטעמען איז דאָך פון אויבען פרישער, ריינער ווי פון אונטען, מחילה? אַזאַ קשיא האָט ער זיך געקענט פרעגען, פערקנייטשענדיג זיך גאַנץ ערענסט, און דערנאָך פערענטפערן עס מיט אַ גוט שמייכעלע, אַזוי: דאָס איז, פערשטעהט איהר

מיך, גאַנץ שכל'דיג! כדי דער רעגען זאָל אַהין נישט אַריינרינען, און דער נאָז, פערשטעהט איהר מיך. נאָך און נאָך קשיות אַזעלכע פלעגט ער פרעגען, וואונדערענדיג זיך אויף דעם סדר־העולם, אויף די ווערק גאָטס און זיין פיהרונג אין דער וועלט, אַלץ: פאַר וואָס, פאַר וואָס, און לסוף אויסדרינגען על פי חקירה, אַז אַזוי ווי עס איז, אַזוי מסתמא בעדאַרף זיין, אַזוי מסתמא איז גאַנץ גוט, גאָט, ניש'קשה, איז גערעכט, די קאַץ האָט דעריבער שאַרפע נעגעל, כדי זי זאָל זיך קענען דראַפען אויף די גלייכע ווענד, דאָס פערד האָט דעריבער אַ ווידעל, כדי אַראָבשמייסען פון זיך די פליגען, און די פליגען ווידער האָבען דעריבער פליגעל כדי געשווינד טאַקי אַוועקצופליהען... לערנען האָט אייזיק דער שמיד דוקא גאָר ניט געקענט, פונדעסטוועגען האָט עס איהם כלל נישט געשאַדעט צו די חקירות זיינע, צו הייסען ביי'ם עולם: אייזיק דער חקרן, לערנען מיט חקירה זענען אַ פנים גאָר צוויי בעזונדערע זאַכען.

געגוג שען האָט דאָך אייזיק דער שמיד די גאַנצע וואָך זיך אויסגענומען, שטעהענדיג אין אַ צעלעכערטען לעדערנעם פאַרטוך, אָהן אַ קאַפּאָטע ביי זיך אין קוזנע און זאָגענדיג דאָרט חקירות, נאָר נאָך שענער אויסגעזעהען האָט ער שבת און יומדטוב פאַרנאַכט אויפ'ן שולהויף. ער שטעהט זיך דאָרט אָנגעטאָן אין אַ לאַסטיקענע זופיצע, אויפ'ן קאָפּ אַ שטריימעל, גלייך מיט אַנדערע בכבוד'יגע בעלי־בתים, און דרשה'ט פאַר אַ רעדעל מענשען אַרום איהם, אַריינשטעקענדיג איין האַנד אין דעם גאַרטעל ביז דעם גראָבען פינגער. אַלץ וואָס ווייטער פערגרעסערט זיך דאָס רעדעל, עס ציהט איטליכען עפּעס ווי אַ מאַגנעט צוגעהן נעהענטער, צולעגען איין אויער און האָרכען, וואָס זאָגט אייזיק דאָרט עפּעס אַזוינס. עס געהט דאָרט אַ שמועס איבער צימעס, דערנאָך אַ חקירה: וואָס צימעס? וואָס טייטש צימעס? מען קומט פון דעם ענין אַרויף אויף פאַסטערנאַק, און אייזיק נעהמט זיך דערקלערען על פי חקירה, פאַר וואָס פערלירט פאַסטערנאַק דעם טעם באַלד נאָך דעם ערשטען דונער. ער פערפּומעט זיך אין דער חקירה און פערקריכט אויף קראָפּיווע: פאַר וואָס קראָפּיווע זיהט מען נישט און עס וואַקסט? — הערסטו! טוט ער זיך אַ דרעה צוריק, הערסטו, אָט דעריבער טאַקי, וואָס מען זייהט עס נישט, וואַקסט עס אַליין. אויך די אייגענע מעשה, פערשטעהט איהר מיך, וואָס מיט נאַראָנים... גאָט. ניש'קשה, פערשטעהט, פערשטעהט איהר מיך, אַז אַזעלכע בעדאַרף אויף דער וועלט אויך זיין, פערשטעהט איהר מיך. אין דעם רעדעל ווערט פרעהליך, מען האָט משונה הנאה און מען לאַכט

חדוה אָבער איז נאָך גרעסער, ווען עס קומט אַמאָל אוים אַ שפּאַרעניש דאָרט צווישען אייזיק דעם שמיד און לייזקען, דעם צווייטען חקרן אין דעם שטעדטעל. לייזקע איז אַ געוועזענער אַרענדאַר, אַ ישוב׳ניק, וואָס אויף דער עלטער האָט ער זיך בעזעצט אין דעם שטעדטעל, כדי צוגעפינען זיך צווישען יודען, הערען אַ „ברכו“, אַ „קדושה“ און לעבען, ווי גאָט האָט געבאָטען. לייזקען איז די נאָז פערלענגט, עפעס אָנגעדראָלען, דער דיבער אַז ער רעדט, קומט אוים געפּאָנפעט און אַמאָל אויך עפּיס ווי געפייפט. לייזקע קען בעל-הבתיש לערנען, קוקט אַריין אין אַלטע יודישע חקירה-ספרים און צווישען איהם מיט אייזיקען איז תמיד אַ שפּאַרעניש. לייזקע פעררופט זיך אַלץ אויף אַנדערע חקרנים, אויף אַ ר י ס ט ו, אויף דעם „ספר-הברית“ וכדומה נאָך אַזעלכע, און ער אַליין איז נישט אַזאַ בעל-מוח; אייזיק דער שמיד אָקעגען שטעלט נור אויף זיין שכל, ווייסט נישט פון קיין אַריסטו און געהט אין חקירה אויף זיין אייגענעם דרך. בעזונדערענס בעריהמט איז זייער שפּאַרעניש איבער באַנקעס — פאַר וואָס שטעהט אַ באַנקע צו פעסט צום לייב און פאַלט נישט אַראָב? לייזקע זאָגט:

— אַזוי איז די מעשה, רבותי! דורך דעם שטעק מיט דער ברע־נענדיגער ליכט, וואָס מען טוט אין דער באַנקע ווערט זי, אַט אַ־פּנים, אויסגעלעדיגט פון דער לופט. היינט געדענקט־זשע, יודען! אַזוי ווי מיר האָבען אַ קיימא־לן, אַז די נאַטור האָט פיינד לעדיגקייט, בכן, רבותי, ציהעט זיך דאָס לייב, אַט אַ־פּנים, פערנעהמען דאָס לעדיגע אָרט אין דער באַנקע.

— וואָס מיר שטעק, וואָס מיר ליידיגקייט־שמיידיגקייט! — זאָגט אייזיק מיט אַ שמייכעלע גאַנץ רוהיג, נעהמענדיג זיך פאַר׳ן בערדעל — און פריהער וואָס איז דען, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, די באַנקע געוועזען נישט לעדיג? לופט האָט דען אַ ממשות? אדרבה, פּריוווט זיך אויסציהען אויבען אין דער־הויך אויף דער לופט, אויב ס׳איז אַזוי. און גאָר אַ־חוץ דעם, וואָס איז עס גלאַט פאַר אַ לשון — אויסגעלעדיגט דורך אַ שטעק מיט דער ליכט!

— דאָס איז נישט מיין לשון — פּאָנפּעט בייזליך לייזקע — אַזוי זאָגט אַריסטו. איהר הערט? אַריסטו!

— אָווא, אַריסטו! אַ קאַטאָוועס אַביסעל אַריסטו! אַ רב איז ער דען, וואָס פּסק׳ט שאלות, האַ!

— אָבער אַז אַזוי שטעהט דאָרט אין אונזערע יודישע חקירה־ספרים! זאָגט לייזקע שוין שטאַרק אויפגעבראַכט.

— וואָס טויג מיר, וואָס בײַ אײַך, זאָלט איהר מיר געזונד זײַן, שטעהט אַלץ דאָרט, דאָרט! איך אַליין שטעה, ברוך־השם, אַזוי פיעל יאָהר שטעה איך אין קוזנע בײַ׳ם אויבען. דאָרט ברענט אַ פײַער, אַביסעל אַ גרעסערס פון אײַער ליכט, און פונדעסטוועגען גאָרנישט, נישט דאָס וואָס די באַנקע... פאַר וואָס?

— ע־ע, וואָס האָט מען צו רעדען מיט אַ יונגעל! — טוט לייזקע אַ זאָג, אַ מאַך געבענדיג פאַר גרויס פערדראָס מיט דער האַנד, און געהט אַוועק, נישט אויסהערענדיג, ווי אײַזיק דערקלערט דעם עולם אויף זײַן דרך דעם שפיץ, וואָס אין דער באַנקע שטעקט.

אײַזיק דער שמיד, אַ יוד, אַ זיידע, ברוך־השם, וואָס האָט שוין דערלעבט אייניקלעך פון זײַן עלטסטער טאָכטער, בײַ איהם אויף קעסט מיט דעם מאַן אַ וואויל־לערנער, איז מיט אַלע פאַסטעמקעס זײַנע געווען טאַקי גור עפּים אַ יונגעל — אַיין אַלטער־יונגעל, וואָס איז אַ חידוש צווישען יודען. נאָך דער גרויסער מרה־שחורה, וואָס דערוואַקסענע יודען, בעווייבטע, מאַכען אָן מיט זייערע ערענסט־פינסטערע פנים׳ער, מיט זייער זאָרגען אַך־און־וועה, און ביטער־זויערען מוסר־זאָגען תמיד, איז אײַזיקס פריינדליכע־פרעהליכע צורה געווען שלמה׳לען אַזוי טייער גוט, אַזוי צום האַרצען, ווי די ליכטיגע זון בײַ׳ם בעווייזען זיך איהרם פון די פינסטערע װאָלקענס, און דער גאַנצער שטיגער שמועס זײַנער מיט אַלע זײַנע אגדתאָ׳ס איז איהם געווען אַזוי געשמאַק, גאָר אַ דערקוויקעניש, ווי אַ שטיקעל חקירות נאָך אַ משונה־פריקרע האָלב בלעטעל גמרא. דאָס יודיש קינד, וואָס קוים שטעלט זיך עס אויף די פיסלעך, יודעלט מען עס שוין, מ׳טבענדיג אוים איהם אַ קליין יודעל; וואָס זיין יוגענד פערשווינדט גיך ווי אַ חלום און ווערט, אַז־אַך־און וועה צו איהם, פעראומערט, געעלטערט פאַר דער צייט — אָט אַזעלכם נעבעך פיהלט זיך עפּים ווי ניי־געבאָרען אין דער געזעלשאַפט פון אַ מענשען, וואָס איז צו איהם צוגעלאָזט, ווײַזט איהם אַ גוטע מינע, וואָס איז אַליין אויך נאָך גאָר אַ קינד, וואָס רעדט מיט איהם איין לשון, און געהט איהם אַריין אין דער נשמה מיט זײַנע מעשיות. דאָס קינד לעבט נאָך אַזעלכען, נאָך זיינם אַוואָרט, ווי אַ דאַר ג[illegible] בשעת די גרויסע היצען נאָך אַ טראָפּען וואַסער, און ווערט צו איהם צוגעזאָגטען מיט לייב און לעבען. נאָר אַזעלכע יונג־אַלטע מענשען

אָבער איז זעהר שווער בײַ אונז צו געפינען, וואָס ווייטער=ווייטער וועט
פון זיי נישט זיין אפילו אויף קיין שהחיינו. אין שלמה'לעס צייטען איז
נאָך, אויף זיין מזל, געבליבען אַ פּאָר לייט אַזוינע אין זיין שטעדטעל —
אייזיק דער שמיד, איינער, און הערצעל קיילעס דער סטאָליער, דער
צווייטער. ביידע האָבען געווירקט אויף שלמה'לעס גייסט, דערהאַלטען אין
איהם דאָס יונגע פייערל, ביידע זענען איהם געוועזן זעהר טייער און צו
ביידע האָט איהם דאָס האַרץ שטאַרק געצויגען.

הערצעל קיילעס איז געוועזן, ווי אַייזיק, שוין אין די יאָהרען,
אַ טאַטע פון קינדער, אויך אַ דאַרער, אַ בלייכער, ווי ער, מיט דעם
אונטערשייד נאָר: אַייזיק איז אַ הויכער און הערצעל אַ קליינינטשקער,
נידריג געוואַקסען, אַייזיק איז געוועזן תמיד רוהיג, געלאַסען, גערעדט אויף
איין שטימע גלייך, נישט גערדעהט, געשריגען, זיך נישט געיאָגט, גע=
היצט און נישט אַרויס פון די כלים, אַזוי ווי עס פּאַסט טאַקי פאַר
אַ חקרן. אַקעגען=ושע הערצעל איז אַ שפּירט, ביי'ם רעדען בייט זיך
איהם די שטימע און ער גיט פון זיך אַרויס משונה'דיגע קולות, אַ מאָל
אויך מיט אַ קוויטש. דער שמועס זיינער איז געהאַקט, געבראָכען, לאָזט
זיך אויס, פאַר גרויס אַיילעניש, מיט אַ ווינק, אַ מאַך מיט דער האַנד.
נאָר עפּ'ס נישט אַזוי ווי ער וויל, קאָכט ער, זידט און צאַפּעלט מיט
אַלע גליעדער, איינגאַנצען טאַקי אַ פּאָעט מיט די ביינער, אַזוי משוגע,
אַזוי קאַפּריזנע, אַזוי אויפגעבראַכט ווי אַ פּאָעט. און באמת האָט אין
איהם טאַקע עפּ'ס אַזוינס געבורטשעט — עס האָט אין איהם געשטעקט
אַ גייסט פון אַ קינסטלער. דער דאָזיגער גייסט זיינער האָט אינווענינ
אין איהם ווי דער סמבטיון נישט גערוהט, זיך געריסען מיט אַלע
קרעפטען אַרויס, זיך צו אַרויסווייזען אין אַלערליי האַנדאַרבייט. די
סטאָלעריי איז בײַ איהם געוועזן נישט אַזוי וועגען דער פרנסה, ווי צוליעב
דעם פערגעניגען, וואָס ער האָט דרינען געהאַט — צו מאַכען אַ כלי.
ער האָט געקענט אַוועקזיצען איבער אַ שטיקעל אַרבייט מעהר ווי פיעל
מען בעדאַרף. פערציהרען עס מיט צאַצקעס, שניצעריי, האָטש יענער
האָט גאָר אַזוי פיעל נישט פערלאַנגט, נאָר צוליעב דעם אַליין, עס זאָל
זיין שען... ער האָט געזעהן ליפּאָ=ראובן'ס מאָלט „אושפיזין“, אויפ=
צוהענגען עס אין סכה, אַריינדרעהענדיג אַהין, ווי אין נח'ס תבה,
אַלערליי חיות און עופות, נעהמט ער און מאַכט „אַ רבי יוסי“ — אַ גע=
מעל אַזעלכס, וואָס שטעלט פיר אַ מעשה פון דער גמרא: ווי רבי יוסי
(אויסגעמאָלט מיט אַ גרוי שפּיציג בערדעלע אין טלית און תפילין)

ראווענט אין איינער פון די ירושלים׳דיגע חורבות און הערט דאָרט אַ בת=קול, וואָס ברומט ווי אַ טויב (שטעהט אויסגעמאָלט עפּיס אַביסעל משונה), זאָגענדיג: „אוי, וועה איז די קינדער, וואָס פאַר זייערע זינד האָב איך חרב געמאַכט מיין הויז, פערברענט מיין הייליגען פּאַלאַץ און זיי האָב איך פערטריבען אין גלות צווישען די אומות!״ מבינים אין דעם שטעדטעל האָבען זאַט אָנקוקען זיך נישט געקענט אויפ׳ן געמעל און גע־זאָגט, אַז עס איז איינס טאַקי אין דער וועלט. רבי יוסי איז נאָך יאַק רבי יוסי, אָבער די טויב, די ברומענדיגע טויב, רבונו־של־עולם, ס׳איז עפּעס גאָר אַ גוואַלד!... הערצעל האָט אויך געשפּילט פידעל, נישט אויף חתונות חלילה, דערויף איז דאָך געווען דער יודישער כלי־זמר, פייטעל, אויף די וואָכענדיגע טעג, און קאָנדראַט דער גוי׳אישער אויף שבת, ביי דער כלה אויף דעם „פאָרשפּיעל״ — נאָר גלאַט אַזוי זיך האָט ער זיך געשפּילט. זומער פאַרנאַכט, אַז די שטאָדט־בהמות זענען שוין געקומען פונ׳ם פעלד, ליגען זיך, שוין אויסגעמאָלקענע, אויף דער גאַס! אויס די קוימענס ציהעט זיך פאַמעליך עפּעס ווי פערשלאָפען העל־גרויע זיילען רויך, ווייבער שטעהען ביי די פריפּעטשיקעס, קאָכען וועטשערע: ערגעץ פון דערווייטענס, פון אַ טייכעל פערטראָגט זיך אַ קוואָקען פון זשאַבעס און זשוקלעך טראָגען זיך זשווזשענדיג אַרום אין דער לופט — דענסטמאַל צוגיסט זיך געוועהנטליך הערצעל אויף אַ פידעלע, שטעהענ־דיג אין דרויסען, ביי זיך אויפ׳ן גאַניקעל, באָרפיס, אין איינע תחתונים, מחילה. קינדער מיט שטיקער ברויט און האַלבע אייער פערזאַמלען זיך אַרום איהם; שטאָפּען אָן פולע מיילער, שטעלען אויף די אויערלעך, גאַפען און הערען. הערצעל פידעלט און זינגט אונטער, פידעלט און מאַכט זיך נאַריש מיט די קינדער, טוט אַ פידעל און שטעלט זיך אָב, עס אַרט איהם עפּיס, וויטער אַ פידעל און — הע־הע! ער איז שוין אין כעס. אין דער־ערד אַריין די פידעל, אוים שפּילען, הערצעל האָט זיך צושפּילט — און באַלד לאָזט זיך איבער דער גאַנצער גאַס הערען, חי אַ תקיעה־גדולה אַ לאַנגער, אַ משונה־ווילדער קוויטש!... הערצעל האָט אויך ליעב געהאַט אָבגעבען זיך מיט זייהען און פלאַנצען ביי זיך אין גאָרטען. עס האָט געהייסען, ביי איהם איז דאָ אַ ביכעל, אַ „ספר־הרפואות״, וואָס געהט אין דער משפּחה זיינער איבער בסוד־סודות פון טאַטעס צו קינדער, און וועלכען עס שטעהט בעשריבען די טבע פון אַלע מיני גראָזען און קרייטעכצער, מיט די סגולות זייערע צו איטליכער קראַנקהייט בעזונדער, אַ שאַד נאָר כ׳לעבען, וואָס איז שטאַרי פער־

באָטען מיט אַלע פּער'באַטעניִשען, אָסור־חי״, דערמיט זיך צו בענוצען זיסט, וואָלט ער פּשוט טאַקי געקענט מחיה־מתים זיין. אויף כפּרות פּעריל, אַלטע גוי'עס, טאָטערקעס מיט זייערע קרייטע_צער! הערצעלס שטייגער לעבען איז איבערהויפּט נישט געווען לייטען גלייך, ווי ביי אַנדערע יודען — קיין שיינקעל אין שטוב ביי איהם נישטאָ, חוץ קיה איז נאָך אין שטאַל דאָ אַ פּאָר אָקסען, אַ פּערד אויך, אַ פּויער, טראַחים, אויף שכירות, אויך אויף צו אַקערן, בעאַרבייטען די פּעלדער, וואָס זענען איהם איבערגעגאַנגען בירושה פון זיינע עלטערן, אַ הונט, עס פאַרשטעהט זיך, איז אויך געווען, דער איינציגער יודישער הונט אין דעם שטעדטעל. אין שול אַריין איז הערצעל געגאַנגען זעהר זעלטען, נישט דערפאַר וויל ער איז געווען איין אַפּיקורוס, האָט נישט מורא געהאַט פאַר גאָט, חלילה! אַדרבּה, ער האָט געגלויבט אפילו אין רוחות, מורא געהאַט, געציטערט ווי געוועהנטליך אַ יוד. נאָר וואָס דען? גלאַט אַזוי זיך, גאָר אָהן אַ שום טעם. דאָס איינענע טאַקי מיט עמיצען אַנדערש, ער זאָל פאַרפעהלען נור אַ מנחה, וואָלט מיט איהם געהאַט צוטאָן אַ וועלט מענשען — ס'טייטש, הולטיי, אָנזעצען אַ מנחה! הערצעל אָבער האָט זיך געמעגט אָנזעצען הונדערטער מנחות און גאָר־נישט, קיינער האָט זיך דערויס גאָר נישט געמאַכט, וויל ער איז פאַררעכענט געווען ביי איטליכען פאַר אַ יונגעל, אַ צוטראָגענע מין בריה, מ'שטן'ס־געזאָגט. הײנט טאַקי האָט מען נאָך מורא געהאַט, צו־וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַרען, פאַר זיין קוויטש אויך. איז ער געקומען אַ מאָל אין שול, איז זיין בעסט אָרט געווען צווישען יונגלעך ווייסע חברה, הינטער דער בימה, עס ווערט דאָרט אַ לעבען, אַ גערעדעריי, אַ גע־שטופּעריי, און דאַוונען נישט קיין וואָרט, דער שמש מעג זיך, פון יוצא ווענען, שרייען: שאַ! און שענע בעלי־בתים מעגען פּאַטשען אויף די שטענדערס, מיאוס־קרימענדיג זיך, און מאַכען. אי, אי!

הערצעל־קיילעס איז געווען פאַר שלמה'לען אַקוראַט ווי גע־ווינשען. די דאָזיגע צוויי, פערשיידען אין די יאָהרען, זענען געווען עפּים ווי איינס אין זייערע געפיהלען. דאָס וואָס שלמה'לען האָט עפּים אַלץ געמאָנטעט, אינעווייניג אין איהם געבורטשעט; אַזוינס וואָס לאָזט זיך נישט דערקלערען, אַ מין ציהעניש אַזעלכס, וואָס אָהן אַ נאָמען; עפּים אַזוינס, וואָס איז נישטאָ ביי אַלע פערזאָרגטע, שענע יודען אין דעם שטעדטעל, מיט וועלכע ס'איז איהם עפּים ענג, עס קוועטשט איהם,

שלמה די חיים'ס.

שטיקם אידם נור צום חלש'ן — אָט דאָס האָט ער, די נשמה זיינע, דערשמעקט, מעשה־שטן, אין הערצעל־קיילעס. און לויט ווי עס ווייזט זיך שפּעטער אַרויס, האָט דער יצר־הרע קיין בעסערן חבר פאַר שלמה'לע טאָקי נישט געקענט אָבזוכען.

וויזיק דער שמיד און הערציל קיילעס דער סטאָליאַר, וועלכע האָבען זיך גערעכענט ביים שטעדטעלדיגען עולם פאַר בכבוד'יגע בעלי־בתים, זענען דערמיט געווען אַ חידוש צווישען די אַלע אַנדערע בעלי־מלאכות דאָרט, און יענער צייט — דאָס אייגענע טאַקי, וואָס אַ יוד מיט אַ אויבער'דענסטמאָל, אָדער אַ יוד מיט אַ „פּאָטאָמסטווא" דערנאָך, און אַ יוד מיט אַ טיטעל „סאָוועטניק" היינט. ביי וועלכע „שרייבערלעך" איז אָנגעשטאַנען צו עסען פיש שבת, בימים ההם, און שררות צו טאַנצען אויף בעלער בזמן הזה. ס'איז דאָך באמת טאַקי אַ וואונדער: בעלי־מלאכות — און אַ פּנים פון מענשען! יודען — און אַזאַ כבוד!!...

יאָ, אַזוי טאַקי! ווי יודען ביי די אומות־העולם, אַזוי זענען בעלי־מלאכות געלעגען אין דער ערד ביי יודען. מעגליך, אַז היינט נאָך ליגען זיי אויך אין דער ערד, אָבער פאָרט ניט אַזוי טיעף ווי אַ מאָל. היינט זענען בעלי־מלאכות צווישען יודען דאָך נישט פערהאַסט. דער עולם פערהאַלט זיך אַקעגען זיי שען, פריינדליך, ווי עס געהער צו זיין. מיוחסים נאָר, צוויי־פּנים'דיגע, זענען אַקעגען זיי אין הארצען אַנדערש ווי מיט'ן מויל. אויך טאַקי ווי עס געהער צו זיין. נאָר אַ מאָל אָבער, און בפרט נאָך אין אַזאַ מקום תורה און יחוס ווי דאָס שטעדטיל ק.... זענען בעלי־מלאכות געלעגען אין דער ערד טיעף ניין איילען — זעהר שטאַרק דער־נידעריגט. האָבען אַ בעל־מלאכה אין דער משפחה, אַ שניידער, אַ שוס־טער, אַ שטיינער, איז געווען אַ פלעק, אַ שאַנדע. עס האָט זעהר אָנגעשאַרט צו אַ שידוך. איז בעלי־בתי'שען גראָד פלעגט מען אין שידוכים

זוכען יחוס, פלעגט אויסגראָבען פון דער ערד רבנים, לומדים, שוחטים, חזנים, בטלנים, און בעגראָבען דעם בעל־מלאכה, טאָמער האט ער זיך געפונען אין דער משפחה. דאס הייסט פארלייקענט זיין געביין: עס, וויים איך וואָס, גאָרנישט, פערדס פוס־פיטקעווע! אַ שענקער, אַ ארענדאַר, אַ בעל־אַכסניה, אַ קרעמער, אַ מלוה, זיי דאַגעגען זענען געווען נישקשה. אדרבה, זעהר פיינע מחותנים, אין שטאָדט געהייבענע בעלי־בתים מיט אַ ברייטער דעה אומעטום: אין באָד, אין שוהל, להבדיל, און אין קהל־שטיבעל. דערקלערען לאָזט זיך עס דערמיט, וואָס קיין אַנדערע נישקשה'דיגע פרנסות פאַר לייטישע יודען זענען אַ חוץ די ניט געווען. דערפון האָט מען געקענט לעבען פאַר זיך און אַ מאָל פאַר אַנדערע אויך — מיט אַ נדבה, מיט אַ טובה און אַ גוט וואָרט. האָבענדיג צוליב זייערע געשעפטען בעקאַנטשאַפט מיט פריצים, גרויסע לייט אין די הויכע פענסטער, איז מעגליך זיי געווען צו העלפען איינעם אָדער דעם כלל אין אַ נויטפאַל. ניט איין מאל נאָר איז די ישועה געקומען דורך אַ פריצישען בעל־אַכסניא, דורך אַ ארענדאַר און דורך אַ מלוה, אַ באַנקיר הייסט עס היינט. סתם ארענדאַרעס אין דערפער—איז זייער הויז אָפען געווען פאַר אָרעמע אורחים, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרען מיט עסען און טרינקען און מיט אַ נדבה אויך. מיינסטענס פלעגען ארענדאַרעס אויסוועהלען פאַר זייערע טעכטער חתנים די בעסטע בחורים פון די ישיבות. אָט אויף אַזאַ שטייגער זענען יענע געווען דאָס, וואָס יששכר און זבולון אַ מאָל אין זייער צייט. זבולון האָט געהאַנדעלט און אונטערגעשטיצט יששכר'ן, וואָס האָט בעגעהרט לערנען תורה.

קהל האָט געהאַלטען בעלי־מלאכות אין דער מורא, אָבגעזונדערט פון בעלי־בתים אין פיעל זאַכען פונ'ם שטייגער לעבען. אַ בעל־מלאכה האָט נישט געטהאָרט שבת אָנטאָן אַ זיידענע קאַפאָטע, טראָגען אויפ'ן קאָפּ אַ שטריימעל. אין בית־המדרש, אין קלויז, איז זיין אָרט געווען אויף דער לעצטער באַנק, הינטער דער בימה. צו דער תורה פלעגט מען איהם אויפרופען „החבר". נישט קיין „מורנו", אי דאָס זעהר זעלטען, צולעצט צווישען די געשטוקעוועטע עליות. דערפאַר האָט מען איהם אָבגעגעבען איינגאַנצען די ביידע „תוכחות" ווי גרויס זיי זענען. ביי איהם בלייבט עס. אויף אסיפות מיט די פיינע־בריות וועגען שטאָדט־זאַכען איז זיין פוס נישט געווען. זיין דעה האט מען ניט געפרעגט. פאַר עזות וכדומה עפּיס אַ פערברעכען, האָט מען איהם אויסגעשייגעצט, אויך אויסגעפאַטשט און אַ מאָל טאַקי מקיים פסק געווען אין קהל־שטיבעל. זיינע

קינדער פלעגט מען „חאַפּען”, „אָבגעבען” אין דער דינסט, אַ כּפּרה פאַר בית-מדרש'ניקעס, טאַטענס-קינדער. זעהר גוט מאַקי שיקט זיך דאָ צו זאָגען „טאַטענס-קינדער”, ווייל צו קינדער פון בעלי-הבתי'שען שטאַנד פלעגען אַמאָל שטעהן צוגעשריבען כּלומר'שט ווי ברידער, כּדי צו זיין פאַר זיי די כּפּרה-הינדלעך, אָרעמינקע, ווילד-פרעמדע, ניט זייערע קרובים, ניט זייער טאַטענס קינדער. —

אַליין פאַר זיך זענען די יודישע בעלי-מלאכות אין יענער צייט געווען, ניט היינט געדאַכט, געפאַלען. דאָס אויסלערנען זיך עפּיס אַ מלאכה איז פון אָנהויב-אָן זעהר שלעכט געווען אָוועקגעשטעלט. און דערפון איז אַרויסגעקומען זעהר פיעל נישט קיין גוטע זאַכען. אַ לערענ-יונגעל ביי אַ ליאַדע בעל-מלאכה'לע האָט בעדאַרפט יאָהרענלאַנג אָוועק-טראָגען פּאַמייניצעס, העלפען אין בעלי-בתיש'קייט דער בעל-הבית'טע און חאַפּען פּעטש און קלעפּ ווי האָלץ. אז געלערענט די מלאכה האָט ער מכּות, האָט ער זי מכּות טאַקי געקענט. ער איז געווען דערנאָך אַ פאַרטאַטש, אַ פערביטערטער, אומגליקליכער מענש. פאַר צרות ליעב געהאַט דעם טרונק. די האַנד זיינע איז געווען פריי אויף אַ קלאַפּ, מכּבד געווען אַמאָל אפילו דאָס אייגענע ווייב אויך. אַז אָך-און-וועה די לערענ-יונגלעך, נעבעך, וואָס זענען צו איהם, אין זיין צייט, אין די הענד אַריין! און ווער, משטיינס-געזאָגט, זענען עס געווען די יונגלעך, וואָס זענען אַריין צו אַזעלכען לערנען די מלאכה? יתומים, אָרעמינקע, פאַרוואָהרלאָזטע, ניט געלערענט אין קיין חדר, ניט געקענט קיין עברי— עם-הארצים; דאָך ווו שלעכט די לאַגע פון די בעלי-מלאכות איז געווען, האָט זיך צווישען זיי געפונען זעהר פיעל גוטע, פאַרשטענדיגע מענשען, אויך אַזעלכע מיט הארץ, געפיהל און לעבעדיגע פרעהליכע קבצנים.

ווי אָרעם, פעראומערט דעם בעל-מלאכה'ס דירה האָט אויסגעזעהן פון דרויסען, אַזוי לעבעדיג-פרעהליך איז דאָרט צייטענווייז געווען פון די פועלים בּשעת דער אַרבּייט. עס שטעהט זיך, אַ שטייגער, איציק דאָס שניידעריל מיט אַ פרעסיל אין דער האַנד איבער אַ שטיקעל אַרבּייט, הויבט-אָן אויף אַ קוויטש אַ מאַרש, צוקלאַפּענדיג צום טאַקט מיט'ן פרעסיל, און חברה פועלים, בחורים, אַרום טיש, אַרבּייטענדיג געשווינד מיט דער נאָדעל, העלפען אונטער, דער אויף'ן געליינקעל, יענער אויפ'ן ביי-קולכעל, איטליכער מיט וואָס ער קען, און עס שפּילט זיך אָב אַ „מלך-עליון” טשאַקענדיג לעבעדיג, אַזש מלאַכים מעגען זיך פרעהען. און

טאַקי באַלד דערנאָך פערקרימט זיך איינער, נאָכמאַכענדיג אויף אַ אומעטיג קול דעם בדחן, ווי ער זאָגט גראַמען צו אַ בעדעקענס. אַ טייל בחורים שפילען=צו ווי די כלי=זמר אַ שטיל טרויערדיג ניגון׳דיל, די איבעריגע פאַרגעהען זיך ווי ווייבער אין אַ געוויין. ס׳איז אַ יאָמער, אַ קלאָג — און פון דער קאַצען=מוזיק לאָזט זיך אויס אַ „כשר=טאַנץ״ ; חברה געהט, זיצענדיג ביי דער אַרבייט, מיט דער כלה אַ כשר=טאַנץ. אַנשטאַט „שבת״ טהוט איינער דעם אַנדערען אַ קניפּ, אַרוק=אַראָב פון הינטען דאָס היטעל און מען שרייט=אויס זינגענדיג: וויוואַט! די בעל=הבית׳טע, די שניידערקע, שטעלט אַנידער אויפ׳ן טיש אַ גרויסע פולע שיסעל אָבגעקאָכטע קאַרטאָפעל, הייסע=ווריגע מיט דער שאָלעכטס, און מען מעג געהן אָנקוקען אויף בילעטען, מיט וואָס פאַר אַ גיכקייט די קאַרטאָפעל ווערען אָבגעשיילט, אין מויל אַריין געהאַפּט און אַראָבגעשלונגען. מייסטערהאַפט! אַזעלכע בריה׳ס אויף קאַרטאָפלעם=עסען, ווי שניידער=יונגען וכדומה זענען, איז שווער אויף דער וועלט צו געפינען. זיי האָבען דרינען זיך אויסגעאַרבייט, בעקומען אַ ידיעה, ווייל דאָס, קאַרטאָפעל הייסט עס, איז זייער שפּייז, משטיינס=געזאָגט, טאָגטעגליך.

דאָרט ביי די פועלים ווערען אָפּט געזונגען לידלעך, אייגענע אַרבייט טאַקי, וואָס געהען דערנאָך אַרום אויף דער וועלט, צווישען עולם, פאַלען אַריין אין מויל צו מיידלעך, דינסטמיידלעך און בעקומען דעם נאָמען „פאָלקס=לידלעך״. פועלים, וואָס פלעגען וואַנדערוועןן, אַרבייטען ביי גוים אין די דערפער, האָבען אין זייערע לידלעך אַריינגעמישט גוי׳אישע ווערטער, אַזוי אַז ס׳איז אויסגעקומען האַלב יודיש, האַלב רייסיש. דער „תוך״ פון די לידלעך איז געווען זעהר פערשיעדען. ס׳איז געווען אַזוינע איבער ליעבעס. אַ דינסטמיידעל, אַ שטייגער, פאַרביינקט זיך אין דער פרעמד נאָך איהר געליבטען. דערמאָנט זיך וויינענדיג אָן די גוטע, זיסע מינוטען, ווי זיי פלעגען פאַרברייננגען צוזאַמען ווי אַ פּאָר טויבען אויפ׳ן שפּאַציר, אַ מאָל אין געדיכטע וועלדער און אַ=מאָל צווישען ווייץ און קאָרן, אָדער סתם אַ מיידעל גיסט אויס איהר האַרץ, ציהט זיך מיט דער נשמה צו עפּיס אַ חתן, ווי אַ קליין קינד מיט די הענטלעך צו דער שיינענדיגער לבנה. אויך לידעלעך פון אַ שנור איבער אַ בייזע שוויגער, פון אַ יתומה איבער אַ שטיפמוטער. לידלעך פון יודישע רעקרוטען, ווי זיי געזעגענען זיך מיט אַלע זייערע ליעבע פאַר׳ן אַוועקגאַנג אין דינסט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען. בעווייבטע געזעגענען זיך מיט

ווייבער און קינדער, יונגלעך, קליינעטשקע, נעבעך, ביים „דיאדקע“ אויף די הענד, אין ברייטע, לאנגע פעלצלעך, צוויי מאל אזוי פיעל ווי זיי, געזעגענען זיך מיט טאטע-מאמע, ברידער און שוועסטער. אזעלכע הייסען אין די לידלעך בידנע יתומים׳לעך, וואס ווערען, ווי פון א בוים אבגעריסענע בלעטלעך, פערוואָרפען העט-העט ווייט אין די קאלטע ערטער, ערגיץ אין א העק, צווישען פרעמדע, גראָבע פויערען, צו פאסען דאָרט ביי זיי חזירים, און גאָט ווייסט וואו זייער געביין וועט אהינקומען. טאטע-מאמע וועלען אפילו ניט זיצען „שבעה“. צווישען די לידלעך איז דאָ פיעלע איבער נגידים, קהלס-לייט און כלי-קודש, אין וועלכע זיי רעכענען זיך אָב מיט די אלע פיינע-בריות פאר די צרות און לייד, וואס זיי שטעהען פון די לייט אויס, און לאָזען אויס צו זייער קאָפּ אל-דאָס ביז מיט שארפע ווערטלעך און שפּיציגע שטעכווערטלעד. יענע הייסען ביי זיי: יאָלדען, שמעלקעס, דאָס אויבערשטע פון שטויסעל, צימעס, לאָקש. קאפּהאָהן-דאָס, שענע-ריינע-מורינו׳עס. מען קען מיט רעכט זאָגען, אז ביי די בעלי-מלאכות האָט געטליעט א פּאָעטישער פונק, זיך געלאָזט פיהלען א יונגע פרישע נשמה, און דערמיט טאקי לאָזט זיך דערקלערען זייער אומגאנג ווי חברים מיט קינדער, זייער ליעבשאפט עד היום צו שרייבער, פּאָעטען.

קינדער זענען פון דער נאטור אויך שטיקלעך בעלי-מלאכות, זיי האָבען ליעב צו מייסטערן, שניצען, בויען, מאָלען וכדומה. דאָס יודישע חדר-יונגעל, א שטייגער, נעהמט זיך מיט חשק שניצען פאָרמעס און גיסען דרעהדלעך אויף חנוכה, מאכען המן-קלעפּלעך אויף פורים, מאָלען רייזלעך און קלעפּען אויף די פענסטער שבועות. נאָר אָנשטאָט אונטערצוהאלטען דעם חשק ביי קינדער צו מייסטערן, דערשטיקט מען איהם נאָך באלד אין אָנהויב מיט שטרענגע מיטעל — לאָזען זיי בעסער לערנען, זאָגט מען, נישט פארנעהמען זיך מיט נארישקייטען. טרעפט זיך אָבער א מאָל, אז קינדער קומען צו בעלי-מלאכות, זענען זיי זיך פשוט מחיה פאר גרויס פארגעניגען צו זיצען און צוקוקען זיך, צוהערען זיך, ווי יענע ארבייטען, ווי יענע רירען, זינגען, זאָגען גלייכווערטלעך. נאָך דעם אומער, פינסטערע צורות, בייזע פנים׳ער און פארקלאָגטע נשמות, וואָס זיי זעהען פאר זיך שטענדיג אין חדר, אין בית-מדרש און אין דער היים איז א פרייע מינע, א פרעהליך פנים, א גוט וואָרט, פאר זיי גאָר א דערקוויקעניש. די אויגעלעך קוקען, די אויערלעך האָרכען און דאָס הערצעלע קוועלט, איז זיך מחיה

א. יונגלעך זענען בעלי־מלאכות, בעלי־מלאכות זענען יונגלעך. די אי יענע האלט מען אין דער מורא, זיי זאלען האבען תרבות, די — תרבות פאר טאטעס און יענע — תרבות פאר בעלי־הבתים!

אז אייזיק דער שמיד און הערציל קיילעס דער סטאליאר זענען אויסגענומען געווען פונים כלל דערנירערדיגע בעלי־מלאכות אין שטעדטיל, האבען זיי דערמיט געהאט צו פערדאנקען זכות אבות. זיי האבען געשטאמט פון א שענער משפחה, זיך גערעכענט פאר קרובים מיט די פיינסטע לייט אין שטעדטיל. די טאטעס זייערע, אנגעזעהענע, יוסטע בעלי־הבתים, האבען איבערגעלאזט זיי בירושה הייזער אויפ׳ן מארק, דער שענסטער פלאץ אין שטעדטיל, און שענע שטעט אין מזרח־וואנד, אין שוהל דארט.ביידע זענען געווען שכנים מיט רבי חיימ׳ן. אייזיק׳ס הויז איז געשטאנען אין דער רעכטער זייט פון זיינער, און הערציל קיילעס הויז — אין דער לינקער זייט. די דריי שכנים האבען געלעבט גוט צווישען זיך, פלעגען איינער צום אנדערען קומען אויף שמחות און גוט־יום־טוב ביטען. אייזיק׳ס זוהן, מאיר־איצע, א וואויל יונגעל, מיט א קעפעל צו מייסטרעווען שפילצייג, אויפטאן הסברות אין גראגערס, המן־קלעפלעך, האט געלערענט מיט שלמה׳לען אין איין חדר. און הערציל־קיילעס זוהן, בן־ציון, איהם האט רבי חיים גענומען אומזיסט פאר א חבר צו זיין עלטערען זוהן, מיט וועלכען ער פלעגט לעהרנען א שעה אדער צוויי שעה, ווען נאר ער האט צייט געהאט. פון א זיידענע קאפאטע און א שטריימעל שבת או ום־טוב, רעדט מען שוין ניט, אז זיי האבען געטראגען. די שאלה איז נאר, ווי קומט עס, אז טאטענס קינדער אזוינע זאלען זיין בעלי־מלאכות? לייט זאגען: „א קליפה איז אין זיי אריין, אין דער יוגענד, זיי אבגעריסען פון לערנען און פארדרעהט דעם קאפ מיט נארישקייטען, מיט יונגעלשע זאכען. יונגלעך זענען זיי געווען און יונגלעך זענען זיי געבליבען. עס האט אין זיי געבורטשעט די קליפה, געבורטשעט, געבורטשעט, און וואס איז פון זיי געווארען צום סוף? גארנישט, בעלי־מלאכות! נאר... פארט טאטענס קינדער״.

אט צו אזעלכע אלטע־יונגלעך האט שלמה׳לען דער יצר־הרע

צטראָגען, דאָס איז געווען דעם יצר-הרע'ס לעצטער שטויס
שלמה'לען, ביים אַרויסשטופּען איהם פון „יענעם עולם". אָצונד
וועט ער שוין, ווי אַ קוואָצקע, שטענדיג איבער „ביצה" נישט
זיצען!

13.

אמת טאַקי, ווי אַלטע יונגלעך זענען בײדע, אי אײַזיק דער שמיד אי הערציל קײלעם דער סטאָליאַר, פאַר שלמה'לען געווען ווי געוואוג־שען; נאָר, וואָס אָנבעלאַנגט אײַזיק דעם שמיד, האָט שלמה'לעם האַרץ געצויגען ניט אַזוי צו אײַזיקס פּערזאָן ווי צו זײַן קוזנע. די קוזנע האָט עפּיס גערעדט איהם צום האַרצען, געוועקט אין איהם זיסע־אַנגענעמענע געפיהלען אַ סך מעהר ווי אײַזיקס חקירות. אַקעגען־זשע הערציל קײלעם, איז ער אַליין טאַקי, ער מיט זײַן פּערזאָן, ווי ער שטעהט און געהט, מיט זײַנע תנועות, און אַלע זײַנע קאַפּריזען, אַלץ מיט־אַנאַנד, ווי בײ קײנעם ניט אין שטעדטיל, האָט שלמה'לעם האַרץ צו זיך געצויגען. הערציל קײלעם אַליין איז געווען, ווי זאָל מען עס זאָגען, עפּיס אַ מין קוזנע — עס האָט אין איהם געגליהעט, געברענט אַ פײַער.

די לײדיגע צײַט זײַנע פון'ם לערנען טײלט שלמה'לע, לויט דער נויטערונג און די פערשיעדענע צײַטען פון'ם יאָהר, צווישען אײַזיק דעם שמידס קוזנע און הערציל קײלעם. אָסיענצײַט, אַ שטײגער, אין די בלאָ־טעס, אָדער בשעת אַזוי אַ מיאוסע פּאָגאָדע, אַז ס'איז נאַס און קאַלט, בלאָזט פון אַלע זײַטען, דער הימעל איז אָנגעדרודעלט, שלעפּט אויף זיך אַרויף, מעשה־קבצן, אַ שטאַרק אָבגעבליאַקעוועטען מאַנטעל פון אַ מיתה־משונה־קאָליר, מיט פלעקען, מיט לאַטעס אויף לאַטעס פון גרויע, שוואַרצע, טונקעלע וואָלקענס און וואַרפט אָן אויף איטליכען אַ מרה־שחורה מיט זײַן פינסטערען פּנים — דענסטמאָל טרײַבט עס שלמה'לען אין קוזנע אַרײַן, ער פערקלײַבט זיך דאָרט צווישען אָנגעוואָרפענע געצײַג

אין א ווינקעלע, בלייבט זיצען פערשטארט שטיל, פערטראכט און קוקט, עס הידעט דער בלאזזאק, עס פלאמען די קיהלען, אייזענס גליהען, פונקען פליהען — שלמה'לע איז פערגאפט, פערצוויבערט. עס טראגט איהם דער קאפ, פערפליהט עס עט־עט אין די ווייטע עולמות אריין, עס מרעטען פאר איהם ארוים געטליכע בילדער, שענע געשטאלטען פון װאונדערליכע מעשיות, אלטע אגדתות — אלסדינג וואס דאס הארץ גלוסט. פון די פלאמענדיגע קויהלען אינ'ם אויבען, קוקען צו איהם ארוים שווארצבריענענדיגע אויגען. דער אויפגעבלאזענער זייל פייער דארט ווערט ביז אין הימעל אריין א הויכער לייטער, די פונקען — פליהענדיגע מלאכים ארויף און אראב אויף איהם. קלאפ־קלאפ, אויף דעם גליהענ־דיגען אייזען קלאפען די האמערס — און עס דאכט זיך, דארט, דארט ברעכען זיך פון פערצויבערטע פאלאצען די שלעסער און עס געהען ארוים פונ'ם לאנגען שלאף אויפגעשטאנענע בת־מלכות. שענע, שיינענדיגע און פון צווישען זיי לויכט ארוים ווי דער מארגענשטערען פראדיל, זיין פראדיל! דער בלאזזאק הידעט־הידעט — און שלמה'לע ווערט אנגעצונדען, רויט ווי פייער... אט אין אזא מרה־שחורה'דיגע פאגארע פלעגט שלמה'־לע, ער אליין מיט לייב און ביינער, זיצען אין קוזנע, פערשלאגען אין א ווינקעל, נאר די נשמה זיינע, זי פלעגט זיך אויפהויבען און פערפליהען אין אנדערע וועלטען, וואו ס'איז איהר ליכטיג, ווארם, שען, וואו עס שפראצט, עס בליהט און עס לאזען זיך זעהען זעהר גוטע, וואונדער־שענע זאכען. שלמה'לע, הייסט עס, איז א בורא, ער בעשאפט און לעבט אין זיינע, מיט דעם כח־הדמיון בעשאפענע וועלטען — און די נשמה זיינע האט הנאה.

איז אבער גאטס וועלט, דא ביי אונז, מילד, שען, דער הימעל לויטער, די זון שיינט — ציהעט עס, ציהעט שלמה'לען אבצוגעבען זיך איהר, אט אזוי ווי זי איז אינגאנצען מיט לייב און לייבען און אלע חושים מאקי. און דענסטמאל טרייבט עס איהם צו הערציל קיילעס, וואס איז מיט זיינע גיינג און זיין שטיינער לעבען איהם צום הארצען, מעהר פון אלע יודען אין שטעדטיל, וואס זיין הויז און דאס גאנצע בעל־הבתישקייט זיינס שמעקט עפים מיט דארף, מיט א פרישען ריח פון פעלד. דען וואו איז עס דערהערט געווארען, אז א יוד, א שטאדט־בעל־הבית, זאל זיך אבגעבען מיט עופות, מיט בהמות, האבען ביי זיך אקסען, פערד, א גוי, להבדיל, טראחים, צו בעארבייטען די פעלדער, און א הונט א צוגאב דערצו אויך? א יוד, וואס זיינע מבינות שמעקט אין

אַ אתרוג, אין הושענות, זאָל זיך נאַריש מאַכען, שטעקען ציעפּקעס אין עפּעל און באַרענבוימער ביי זיך אין גאָרטען! אַ יוד, אַ שטאָדט-בעל-הבית, וואָס בעדאַרף מעהר נישט וויסען דעם מאַרק, דעם בית-מדרש און שבת בייטאָג נאָכ׳ן טשאָלענט שלאָפען, זאָל מעשה קונדס, ער מיט זיין בחור׳ל, גאָר געהן אָפּט שפּאַצירען!

שלמה׳לע ווערט ביי הערציל קיילעס אין הויז אַ היימישער, מיט זיין זוהן, בן-ציון, רבי חיים׳ס אַמאָלדיגער תלמיד, ווערט ער אַ נאָהנטער חבר, ביידע האָבען זיך ליעב דאָס לעבען

בן-ציון האָט אין זיך געהאַט דאָס, וואָס אַ שטאָדט-יונגעל און אַ דאָרפס-יונגעל אינאיינעם. ער האָט געקענט אַריינקוקען אין די קליינע אותיות׳לעך, אָבלערנען אַ בלעטעל גמרא אין קיין חשק ניט געהאַט צום לערנען, אָבגעבען זיך מיט דעם בעל-הבתישקייט, אין הויז, אין פעלד מיט גרוים ליבשאַפט. בטבע איז ער געווען אַ גוטער, אַ שטילער, האָט מעהר געטאָן ווי גערעדט. שלמה׳לע פלעגט איהם פאַרשטעהן אויפ׳ן וואונק. עס זיצט זיך, אַ שטייגער, בן-ציון, אין אַ זומער-טאָג, ביי זיך אויפ׳ן גאַניקעל. די זון באַקט, אַ שרעק. דער הונט ליגט איהם צו די פיס, אויסגעצויגען אויפ׳ן בויך, מאַכענדיג מיט די זייטען פאַר היץ. צייטענווייז טהוט ער אַ הויב דעם קאָפּ, אַ עפען דאָס מויל — אַ לאַפּ-חאַפּ אַ פליג! איהם ביי דער זייט זיצט די קוואָצקע מיט צושפּרייטע פליגעל, פון אונטער וועלכע עס לאָזט זיך הערען אַ פּיסק פון קליינע הינדלעך. דאָס רוהעט מען דאָ פונ׳ם אָנלויפען זיך אין דרויסען ביז אַצינד. דער מאַרק איז אָבגערוימט, מען זעהט קיין לעבעדיגע בעשעפניש דאָרט ניט — בהמות זענען אין פעלד, קינדער, להבדיל, זענען אין חדר, און גרויסע געניצען אין שטוב, אין קלייט, לעכצענדיג נאָך אַ קאַלטען טרונק וואַסער. אויף דער גלייכער וואַנד ערגיץ דראַפּעט זיך אַ קאַץ, בלייבט אינדערמיט שטעהן, אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, קוקט, טראַכט, איז זיך מישב, וואָס זאָל זי טאָן, צו אַרויף ווייטער, צו אַראָב? שלמה׳לע רוקט זיך דענסטמאָל ווי אַ קעצעלע אַרוים פונ׳ם שטוב, נאָכדעם ווי ער האָט ווי ס׳איז אָבגע׳פּטר׳ט, צוגעגרייט דאָס שטיקעל לייענען פאַר׳ן פאָטער. עפּיס בייַנקט זיך איהם, ציהט עס איהם, די אויגעלעך קוקען, קוקען אַהין, וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָב, וואו עס ציהט זיך אַ טונקעל-גרינע ליניע פון שפּיצען הויכגעוואַקסענע בוימער. ער טהוט אַ בליק — אָ, עס זיצט בן-ציון! מיט איין שפּרונג איז ער נעבען איהם. ביידע שווייגען און איינער דעם אַנדערען פאַרשטעהט, וואָס ער וויל.

בן־ציון טהוט א וואונק, א סמאָרע מיט דער נאָז, הייבט זיך אויף און לאָזט זיך געהן, און שלמה׳לע מיט א שיינענדיג פנים׳ל נאָך איהם דאָס לאָזט מען זיך אַרויס פונ׳ם שטעדטיל וויט אויפ׳ן שפּאַציר.

אויפ׳ן וועג, הינטער׳ן שטעדטיל, געהט בן־ציון אַריין צו זיך אין שייער, געוואָהר ווערען צום אָנגעלעגטען פרישען היי דאָרט. ס׳איי פריש, קיהל מחיה, דער ריח פון היי צוגעהט זיך אין אַלע גלידער. די ביידע חברים טהוען זיך דערויף א וואָרף און גלייכען אויס די ביינער לינען און קוקען ווי די שוועלבעלעך פליהען אַרויס־אַריין, צרומדרעהענדיג זיך מיט א שווישטשער אַרום די נעסטען זייערע דאָרט אונטער דעם שטרוי־נעם דאַך. זיי אָקענען שטרעקען זיך אַרויס אָפענע געלע פיסקעלעך פון יונגעטשקע נאַקעטע פויגעלעך, וואָס ווילען עסען.

פונ׳ם שייער געהט מען און מען קומט צו א גלייכען פרייען פּלאַץ, וואו עס ציהען זיך אוועק וויט אין דער לענג, אין דער ברייט פעלדער מיט אַלערליי תבואות. עס זעהט זיך דאָרט פונדערווייטענס א געמעהל, וויס־רויטליך בליהענדיגע רעטשקע, איינגעפּאַסט אין א ראַם פון גאָלד־געלע ווייץ אַרום און אַרום. בלויע בלימעלעך צווישען קאָרן פאַרנעהמען די אויגען, און פליהענדיגע, שפּרינגענדיגע גאַטס בעשעפעניש דאָרט זושען אָן, פּולע אויערען. בן־ציון בעטראַכט דאָרט זייערס א פעלד מיט האָבער און איז העכסט צופרידען. לאָזט זיך פון דאָרט געהן ערגיץ אין דער זייט, שלמה׳לע נאָך איהם. ביידע רויט ווי א צוויק, ביידע פאַרגנינט, ניט צו רעדען קיין וואָרט און קומען צו א לאָנקע. דאָרט פּיטערען זיך פערד, געפענטעט אויף די פעדערססע פיס. דערביי ברענט א פייעריל אונטער א אַלטע ווערבע, וואו טראָחים בּאַקט קאַרטאָפעל און מאַכט אָן אונטערוואַרפענדיג דאַרע־צווייגלעך, א רויך, צו פאַרטרייבען די קאָמאַרעס. איין פערד, וואָס נאָהענט, דערזעהענדיג דעם בעל־הבית, הייבט־אויף דעם קאָפ הויך, שפּרינגט אַמאָל דריי מיט די פעדערסטע געפענטעטע פיס אין טהוט א הירושע — ברוך הבא! הייסט עס. בן־ציון געזעגענט זיך מיט איהם, א קלאַפּ געבענדיג עס הינטען אויף דעם רוקען, זאָגט א. ענגיט טראָחימען און געהט ווייטער, שלמה׳לע מיט איהם, און פאַרנעהען טיפליך אין א וואַלד.

נאָך פון דער ערשטער בעקאַנטשאַפט מיט׳ן וואַלד האָט שלמה׳לע בעקומען פאַר איהם דרך־ארץ. אי ליעב געהאַט איהם, אי מורא געהאַט האָט ער פאַר איהם. אין דער יוגענד נאָך האָט ער זיך אָנגעהערט טירעקליכע מעשיות: אין וואַלד זענען דאָ גזלנים, אין וואַלד זענען דאָ

חיות רעות — װעלף, בערען, שדים, נישט־גוטע זענען אויך אין װאַלד דאָ. מײדלעך זענען אַמאָל אין װאַלד געגאַנגען מיט פולע שיסעלעך אָנגעקליבענע יאַגעדעס, איז צוגעקומען אַ בער, זיך גענומען פרעסען די יאַגעדעס, און די מײדלעך זענען קוים מיט דעם לעבען אַנטלאָפען. הײנט איז גלאַט אַ סכנה פאַר יודישע קינדער דאָרט פון שקצים׳לעך מיט הינט.

דאָס ערשטע מאָל אַרײנקומענדיג מיט זײנע חברים אין װאַלד האָט איהם געטיאָכקעט דאָס האַרץ, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײטען אַז בײ אַ מינדעסטען שאָרך פערביסען די ליפּען און געמאַכט — שאַ!

שפּעטער, שפּעטער, אויף זײנע שפּאַציר־גאַנגען מיט הערציל קײלעס, מיט בן־ציונ׳ען און דעם הונט, להבדיל, איז ער צום װאַלד געװעהנט געװאָרען. אַז מען פלעגט זיך בעגעגנען דאָרט מיט שקצים, פלעגען אײנע די אַנדערע זאָגען: „זאַברי דען!“ און פון בײדע צדדים די הינט פלעגען אײנע די אַנדערע זיך בעשמעקען, בעלעקען. פאַר שדים איז אויך ניט געװען װאָס צושרעקען זיך. הערציל קײלעס האָט געהאַט צו זײ אַ שפּרוך. — „זײ“ האָבען אַ מאָל פאַרדרעהט אַ רעדיל דאָ אין װאַלד — אַזױ פלעגט הערציל דערצעהלען — געװאָלט צונעהמען, צוטראָגען מיט דעם דרײדעל־װינט אַ סטערטע הײ, האָט ער אינדערמיט רעדיל אַרײנגעװאָרפען אַ מעסער, געזאָגט אַ שפּרוך פון אַזאַ כתב־יד, װאָס געהט איבער אין זײן משפּחה פון עלטערען צו קינדער בשתיקה, און זײ צוטריבען אויף אײביג, לעולם ועד.

מורא, הײסט עס, איז שוין ניט געװען װאָס צו האָבען, דאָך דער דרך־ארץ פאַרין װאַלד איז בײ שלמה׳לען אויף תמיד געבליבען. איהם האָט זיך דער װאַלד פאָרגעשטעלט אין קאָפּ נאָר עפּיס אַ לעבעדיג בעשעפעניש. עפּיס אַ מין פאָלק אַזױנס. עפּיס שטעהען זיך אויף אַ גרויס שטיק לאַנד בוימער — אַלטע זקנים, זײדעס, עלטער־זײדעס, און יונגע, קלײנװאַרג. איטליכער, דאַכט זיך, שטעהט פאַר זיך בעזונדער, נאָר אין „גרונט“ גענומען זענען זײ דאָרט טיעף פאַרפּוטעט, פאַראײניגט מיט די װאָרצלען און ציהען די „יניקה“, װי אַזעלכע פון אײן שורש. זאָל װעהען פון ערגיץ עפּיס אַ װינטעלע, שושקען זײ זיך איבער, סוד׳ן זיך, אָנבױגענדיג די קעפּ אײנער צום אַנדערען. קײנער שװײגט ניט שטיל, עס „ריהרט“ אָן איטליכען און איטליכער לאָזט זיך הערען מיט זײנס, באַסע־װעט־צו, טהוט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ. אַ מינדסטער קלאַפּ בײ איהם דאָ, רופט זיך עס אָפּ בײ איהם העט װײט דאָרט. און זאָל אַ בלאָז טאָן אויף

איהם, ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַ פוילער, אַ בייזער ווינט פון צפון־זייט, האַפּט ער זיך־אויף מיט אַ כעס, אַ צאָרן, עס רעש'ט זיך, עס פּילדערט פון גרוים ביז קליין. עס רוישט און שטורמט ווי חוואַליעס אין ים. פערשטומט ווערט וואו אַ לעבעדיג בעשעפעניש אין איהם, בעהאַלט זיך אין אַ לאָך פאַר שרעק.

שלמה'לע קען דעם וואַלד, ווייסט זיין נאַטור, האָט אַליין שוין געזעהען איהם צושפּילענדיג זיך אין אַ שטורם מיט אַ ווילדער קראַפט, און דעריבער בעקומט ער תמיד ביים אַריינגאַנג עפּיס אַ אָבשיי פאַר איהם, אפילו ווען ער שטעהט זיך שטיל רוהיג. ווען ער לאַדעט איין צו זיך, ווי אַ גוטער מכנים אורח, צוקומען אויסרוהען זיך אין זיין שאָטען, איז מכבד מיט רויטע אי מיט שוואַרצע יאַגעדעס און לאָזט שפּילען אַ קאַפּעליע פון זיסע נגונים. מיד פון דעם שפּאַציר אויף די פרייע, פרעהליכע פעלדער, זיצט ער אַצונד מיט בן־ציונ'ען אָנגעלעהנט אונטער אַ צווייגהאַפטיגען בוים, הערט זיך־צו, קוקט זיך־צו צו אַלסדינג אַרום און אַרום מיט דרך־ארץ און האָט אין האַרצען שטאַרק הנאה.

פונ'ם וואַלד אַרויסגעהענדיג לאָזט מען זיך צוריק אין שטעדטיל, מען האַפּט זיך אַריין, שוין אַביסעל שפּעטליך, אין בית־המדרש, שאַ קיטש, גלייך ווי גאַרנישט געשעהען, און מען פערבייסט מיט אַ מנחה.

אָנזעהענדיג זיך וואָס עס טהוט זיך אין דעם בעל־הבתישקייט ביי הערציל־קיילעס, נעהמט שלמה'לע און ווערט אַ בעל־הבית אויך ביי זיך. זוכט אויס אַרבייט אין גאָרטען, וואָס אונטער'ן שטוב, קריכט צווישען די בייטען רייסען צובעלעס, רעטיך, אוגערקעס, רייסט אויס דאָרט די קראָפּעווע, און קוקט זיך־צו דערנאָך אַ מאָל צעהן אין טאָג צו דעם גרינ־וואַרג, זעהן, צי ס'איז שוין אויסגעוואַקסען!!.. פאַרנעהמט זיך מיט טויבען, פאַר וועלכע ער מאַכט פון שטרוי נעסטען אויף דעם בוידעם, האַלט אויך שפּילפויגעלעך אין שטייגלעך. זעצט אויך היהנער אויף אייער אין אַ קאָרב, אונטער'ן בעט, קריכט אַהין עפּטערס, ציקאַווע צו זעהן, ווי עס פּיקען זיך אויס היהנדעלעך.

גראָד מאַכט זיך, אַז אין שטוב דרעהט זיך אַרום אַ אינדעטשקע, זעהר אַ שענע, בעליבט ביים גאַנצען הויזגעזינד, און מען בעט זי אויס ביי דער מאַמע, ניט צו שעכטען עס. ס'איז דאָ אָהן איהר אויך אַ פּאָר־פאָלק — אַ אינדיק מיט'ן ווייב, אויף פּסח. לאָז זי לעבען און בלייבען אויף פּליד. די אינדעטשקע זעצט זיך למזל אויף אייער. פּיהרט אוים

אַ וועציל קינדערלעך, און שלמה נעהמט אויף זיך, אין אַ גוטער שעה, די גאַנצע מיה מיט דעם קליינוואַרג.

און דעם אמת מוז מען זאָגען, ער האָט געטאָן זיין זאַך געטריי, זיי געשיינקט געננוג צייט און זיך אָבגעגעבען מיט זיי אַ סך מעהר נאָך וויפיל טאַטע-מאַמע האָבען געוואָלט, אַזוי אַז ס׳פלעגט אַ מאָל צווישען זיי פּאָרקומען צוליעב דעם אַ ווערטלען-זיך אונטער פיער אויגען.

— דו! — מאַכט רבי חיים צום ווייב, וועלכע ער האָט, אויף דעם יודישען שטייגער, קיינמאָל ניט גערופען ביים נאָמען, נאָר סתם: דו — די אינדעטשקע איז דיין מלאכה. עס האָט זיך איהר פערגלוסט האָבען אינדעקלעך! דערווייל לערענט נישט דאָס בחור׳ל. האָט אין זינען שטענדיג אינדיצקע, אינדיקלעך. נ-נ-נו

— אָט האָסטו דיר שענם! — פאַרענטפערט זיך שרה מיט פערדראָס — מיר האָט זיך פערגלוסט אינדיקלעך! אַלע אין שטוב האָבען גע׳חלש׳ט: לאָז איבער די אינדעטשקע! און אַז ס׳מאַכט זיך עפּים-וואָס, געהט צו מיר אויס דער צאָרן. ווי אַ יודישע טאָכטער איך בין, מאָרגען שיק איך, בלא-נדר, נאָך דעם שוחט, אויב דו ווילסט, און לאָז ער קוילען פון מיינט-וועגען די אינדיטשקע מיט די אינדיקלעך אינאיינעם.

— אָהן כעס! — זאָגט רבי חיים שוין ווייכער, כמעט מיט אַ געבעט — מיט דיר טהאָר מען נישט רעדען קיין וואָרט. באַלד ווערט זי אין כעס. צו-וואָס קוילען בעשעפעניש, נעבעך? אַז זיי לעבען, זאָלען זיי זיך לעבען. געלעבט אַזאַ צייט און פלוצלים... אַ רחמנות, נעבעך, אַ צער-בעלי חיים!

— וואָס-זשע ווילסטו פון מיר האָבען? — מאַכט שרה נאָך אַלץ מיט אַ ברוגז-פנים — אַז דו ביסט אַ בעל-רחמים, וואָס-זשע זאָגסטו מיר, וואָס?...

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי — פאַרענטפערט זיך רבי חיים מיט אַ גוט שמייכעלע — איך זאָג עס מיר סתם אַזוי: אַז דער קאָפּ ליגט איהם צופיעל אין די אינדיקלעך, אַלץ אין דרויסען, אין דרויסען;

— איך וויים, אָסור, ניט, וואָס דו ווילסט — מאַכט שרה כלומר׳שט און טרעהרען שטעלען איהר זיך אין די אויגען — אַ קינד זאָל דעם גאַנצען טאָג, וויל ער, זיין פערשפּאַ״רט. איך האָב ניט קיין האַרץ פאַרוועהרען איהם אָנקוקען די ליכטיגע שיין. אדרבה, טאַטע, זיץ דו מיט איהם און

לעהרען פון פריה ביז נאכט, פאר וואס, טאטע, קוקסט־דו איהם נישט אן דעם גאנצען טאג?

— נו־נו־נו, גענוג! — טיטשעט רב חיים דאס ווייב מיט׳ן פינגער, שמייכלענדיג צו איהר אזוי פריינדליך ביז זי טהוט אויך א שמייכעל — און שלום, אלסדינג ווידער וואס פריהער.

שלמה׳לען ווילט־זיך נאכמאכען הערציל־קיילעס אין שענע האנד־ארבייט אויך. ער פערקוקט זיך מיט גרויס פערוואונדערונג אויף הערצילס „רבי יוסי מיט׳ן בת־קול ווי א טויב״, וויל אויך עפּיס מאכען און עס געהט ניט. נישטא קיין געצייג — פארענטפערט ער זיך פאר אנדערע און פאר זיך אליין. צום שניצען ברויכט מען א שארף מעסעריל. דאס מע־סעריל, אויף וועלכען ער האט געשטעלט א פלעט פאר א גאנצען האלבען גראשען און עס געוואונען, האט נישט געטויגט. די קלינגלעך זענען געווען פון בלעך. און צו מאלען, האט ער געזאגט, בעדארף מען פארב, בלויע, רויטע פארב. דעריבער איז ער טאקי ניט שולדיג. נאך גוט כ׳לעבען, וואס עס געהט איהם די האנד, אויסצוקנייטשען פון פאפיר לאמטערנעס, אויסצושניצען פון א שפענדיל א אויערלעפעלע און מאכען א „בעזרת השם״ מיט א צוק, א דרעה אזוי, אז ס׳קומט ארויס מיט א פויגעל!

14.

דער וועג פון שלמה׳לעס לעבען ביז אהער, ווען אפילו ער איז ניט אויסגעשאָטען געווען מיט בלומען, דאָך שלעכט האָט מען איהם נישט געקענט אָנרופען. לכל־הפחות האָט זיך דער וועג געצויגען גלייך ווי א סטרונקע, גלאַטאָהן גריבלעך. שפּעטער אָבער הויבט דער לעבענס וועג זיינער אָן זיך צוקרימען, ווערט גריבערדיג. ווייטער אַביסעל איז ער שוין בעוואַקסען מיט דערנער, נאָך ווייטער ציהט ער זיך שוין אַרויף און אַראָב איבער בערג, איבער טאָלען און טיפע אָבגרונטען. דער גאַנג אויף איהם ווערט שווער, וואָס ווייטער, ווייטער, אַלץ ערגער, ערגער, חאָטש נעהם און פאַל אַנידער, חאָטש טהו זיך שונאי־ציון, א מעשה זין —

די ערשטע שטיינער איהם אויפ׳ן וועג — זענען צרות הכלל, צרות פּורעניות, וואָס זענען כסדר איינע נאָך די אַנדערע אויף דעם שטעדטיל ק. אָנגעשיקט געוואָרען.

איינע פון די הויפּט־פּרנסות, וואָס דערמיט האָט דאָס שטעדטיל ק... אויסגעצייכענט זיך פון אַלע אַנדערע שטעדטלעך אין ליטא, איז געווען „אַסטראַחאַנקע“ און בעזונדערענס דער „שלייער־אַרטיקעל.

אַסטראַחאַנקע — דאָס איז געווען אַזאַ סאָרט ליינוואַנד, געפאַרבט טונקעל גרין, און צונויפגעלעגט אין שטיקלעך פון אַ געוויסער צאָהל אַרשין, וואָס פלעגט דינען מיינסטענס אויף אונטערשלאַק און אויך אויף קאָפּטענס פאַר אָרמעלייט. פאַר וואָס די ליינוואַנד האָט געטראָגען

אויף זיך דעם נאָמען אסטראַחאַנקע, דאָס איז אין ידי׳ ייִשיכטע פון׳ם שטעדטיל עד היום נאָך ניט דערקלערט געוואָרען.

שלייער האָט געהייסען זעהר אַ דין, געבליכט שטיקעל לייוואַנד, לאַנג און שמאָל ווי אַ האַנדטוך. אויך די שטעדטעלדיגע וועבערס מלאכה. מיט דעם מין האַנדטוך פלעגען ווייבער ־רומוויקלען דעם קאָפּ איבער דער קאָפּקע, אויסקנייטשענדיג עס אַזוי, אז הינטען אויף דער פּאָטיליצע לאָז אַראָבהענגען צוויי עקען, אין דער גרוים און דעם געשטאַלט פון מלינצעס און ווי ביי די זייטען צוויי קלענערע, מיט דעם נאָמען „פּאָכעס". דעם פאַרשלייערטען קאָפּ האָט ווי אַ רייף אַרומגענומען אַ צונויפגעלעגטע פּאַטשיילע, פאַרדרעהט מיט אַ קנופּ אויפ׳ן שטערען, און די עקען פּאַטשיילע פאַרשטעקט, אָדער צונעשפילעט, איין עק פון דער זייט קאָפּ, יענער פון דער אַנדערער זייט. ביי אַלטע כשר׳ע ווייבער איז דער קנופּ אויסגעקומען סאַמע פאָרענט, ווו אַ „של ראש" אויפ׳ן שטערען. ביי יונגע ווייבלעך, מאָדניצעס, איז דער קנופּ פעררוקט געווען אַביסעל אין דער זייט, שבת און יום־טוב האָבען ווייבער פון בעל־הבתּישען שטאַנד גע־טראָגען אויפ׳ן קאָפּ זיידענע, קאַשעמירענע אָדער טערקישע פּאַטשיילעס, אין דער־וואָכען וואָלענע מיט גרויסע קווייטען — עפּעל־פּאַטשיילעס. די דאָזיגע ביידע מיני פּאַטשיילעס האָבען מחותּנים פון חתן׳ס צד בעדאַרפט שיקען פאַר דער חתונה אַ מתּנה דער כּלה און מחותּנים פון כּלה׳ס צד האָבען געשיקט דעם חתן אַ שטריימעל.

אַט אַזוי האָבען אונזערע באָבעס אַ פּנים געהאַט אין שלייער!

דער שלייער האָט בעדאַרפט זיין ווייס ווי שניי, אָנגעקראָכמאַלט, אָנגעבלאָווט און אויסגעקויקעלט. די דאָזיגע מלאכה פון קויקלען־גלעטען אַ שלייער, איז געטאָן געוואָרען פון צוויי ווייבער, בעלי־הבּית׳טעס, בשותּפות, אַזוי: איינע האַלט מיט ביידע הענד ביי די שפּיץ־עקען שלייער פון איין זייט, די צווייטע טהוט דאָס אייגענע יענער אַקעגען פון דער אַנדערער זייט. אויף אַזאַ אופן בלייבט דער שלייער צווישען די ווייבער אויסגעצויגען ווי אַ לאַנגע שמאָלע רינווע, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ גרויסע, קיילעכדיגע, גלאַטע קויל פון גלאָז אָדער פון אייזען. ניט אַ הויב אַ יודענע די הענד אַביסעל העכער, לויפט די קויל אין דעם שלייער פון איהר זייט צו יענער וואָס אַקעגען. טהוט באַלד אויך אַזאַ הויב מיט די הענטלעך יענע, קויקעלט זיך די קויל אין שלייער צוריק צו דער ערשטער. אַט אַזוי לויפט די קויל הין־און־צוריק ביז דער שלייער ווערט גלאַט ווי אַ טאַק.

אָנצוקוקען בשעת מעשה דו ביידע ווייבער, ווי אַזוי ערענסט זיי שטעהען זיך וויטליך איינע אַקעגען דער אַנדערער, ווי אַזוי זיי הייבען די הענטלעך מיט אַ טרעסעל די אַקסעלעך, אויספוצענדיג די בייכעלעך, פאַרלעגענדיג אין דער זייט די קעפּעלעך; ווי אַזוי זיי קרימען זיך, פאַרדרעהענדיג די נעזעלעך, וואַרפענדיג מיט די אויגעלעך און שיקען איבער פונדערווייטענס איינע דער אַנדערער זיסע-גיפטיגע שמייכעלעך, גוטע דיידעלעך מיט שטעכענדיגע שפּילקעלעך — אַט דאָס אָנצוקוקען האָט מען, דאַכט זיך, שוין ניט בעדאַרפט מעהר קיין שענערעס דערפון אין דער וועלט. אַ כפּרה טעאַטער, אונזערע היינטיגע [טעאַטערס!

אַט די דאָזיגע שלייער פלעגען, ווי די „אַסטראַחאַנקע", אויסאַרבייטען גוי'אישע ווייבער אין דעם שטעדטיל, איטליכער אויף זיין וואַרשטאַט ביי זיך אין דער היים, און יודען זענען געווען די אָבנעהמער פון דער סחורה, פאַר וועלכע מען האָט געצאָהלט במזומנים, אויך מיט טאַלקעס פאָדים. יעדער האָט שוין געהאַט זיינע געוויסע ווייבער, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדעלט. געוועהנטליך האָבען דערמיט געהאַנדעלט בעלי-הבית'לעך, נאָך קעסט-קינדער, אָדער ערשט אַראָב פון קעסט, ביי וועלכע עס האָט זיך נאָך געפונען פונ'ם נדן אַ מזומען גראָשען. ר' חיים'ס אויסגעגעבענע קינדער האָבען אויך דערמיט געהאַנדעלט און געצייגען די פּרנסה. די דאָזיגע סחורה פלעגט דערנאָך דורך גרעסערע סוחרים, אויפקויפער, צופיהרט ווערען אין אַלע ליטווישע שטעדט, וואו עס האָט געהאַט אַ גרויסען אָבגאַנג. ק-ער שלייער האָבען זיך געריהמט אין דער וועלט. ס'איז געווען פּרנסה אין דעם שטעדטיל, אַ סך יודען האָבען דערפון געלעבט.

אַט אַזוי האָט זיך עס געצויגען יאָהרענלאַנג פון טאַטעס צו קינדער—
און פלוצלים נאָט אייך אַ גזרה
ס'איז אַרויס די גזרה פון די קליידער — ווייבער זאָלען ניט
טהאָרען גאָלען די קעפּ, יודען זאָלען זיך אָנטאָן דייטש!

אַז יודען ווערען דייטשען, פאַרשטעהט-זיך, ווערען יודענעס דייטשקעס. אמת אין שטעדטיל ק. איז נאָך מיט חסד. פּאות, שטריימעל, פאַרשלייערטע געגאָלטע קעפּ לעת-עתה נאָך ווי פריהער, אָבער ערגיץ אַנדערש אין דער וועלט איז פע!... יודען טהוען אָן קאַשקעטען, יודענעס וואַרפען אַראָב פונ'ם קאָפּ דעם שלייער און נעהמען אַרויף אויף זיך מיני שמאַטקעס — ליטווישע טשעפּטשיקעס, מחילה, אַזוינע. אוים שלייער, אוים האַנדעל, אוים פּרנסה! דאָס שטעדטיל ק. איז ווי דער'הרג'עט.

איטליכע דערפיהלט דעם קלאפּ. עס דערפיהלען אויך די וועבער, די שפּינער, די קליינע און גרויסע אויפקויפער. עס דערפיהלען אויך די שענקערס, ווארום אז דער וועבער האט ניט אויף ברויט, האט ער נישט אויף טרינקען. און אז די אלע ליידען מאנגעל, ליידען, עס פערשטעהט זיך, אויך די קרעמער, די בעלי-מלאכות, דער גאנצער קליינערער עולם. ווען איז עס אין קאפּ צוקויפען, עפּיס זיך צומאכען? עס קומען-צו נייע קבצנים, פרישצאפּעלדיגע אביונים. בעלי-הבית'לעך אבגעקומענע, בעפּאלענע מיט קינדער, נעהמען זיך צו מלמדות, כטלנים, מלמדים האקסען ווי קראפּעווע. נישטא אבער אזוי פיעל תלמידים, וויפיל רבי'ס. שלעכט! און אז מענשען איז שלעכט, ווערען זיי אליין שלעכט. גריזען זיך, קריגען זיך, איינער וויל ארויסרייסען דעם ביסען ביי'ם אנדערען און זענען צווישען זיך קידער-ווידער, אויף מעסער-שטעך. נישטא אין שטעד-טיל די מנוחה, דער פרידען וואס פריהער.

אויף רב חיים'ן האט דער געפאלענער האנדעל אויך זיך שלעכט אבגערופען. די אייסגעגעבענע קינדער זיינע זענען געבליבען ווי דערזואר-גען, אהן פרנסה. א שוואגער זיינער, וואס האט געהאנדעלט מיט טאל-קעס, האט אנגעזעצט און געמאכט פליטה, איבערלאזענדיג ווי אויפ'ן וואסער א ווייב מיט א קליין קינד, און זיי זענען געפאלען אויף רב חיים'ס קאפּ. איהם אליין אין די געשעפטען איז אויך געגאנגען שלים. אין דער טאקסע פון פלייש, וואס ער האט די לעצטע צייט געהאלטען, האט ער דערלעגט דעם קאפּ. דער עולם האט געגעסען ווייניג פלייש. אין שטוב איז געוועזען נישט פרעהליך, דאס הויזגעזינד צווישען זיך גאר ניט דאס וואס א מאל.

שלמה'לע הויבט אן דערפיהלען צרות, צופערזוכען די ביטערקייט פונ'ם לעבען. אוים קינדערשע רוהיגקייט!

נאר אז ס'איז בעשעהרט אומגליק, געהט עס פון אלע זייטען. פלוצלים אין א שענעם טאג, זומער, די רעכטע צייט פון שרפות אין יודישע שטעדטלעך, איז געקומען א שרפה, א העליש פייער אויפ'ן שטעד-טיל ק. מעהר ווי א העלפט הייזער זענען אוועק מיט'ן פייער, צווישען זיי אויך דאס הויז פון פראדעלס עלטערן. ס'איז געווארען א תל פון די הייזער, אויף בערגלעך אש האבען אומעטום ארויסגעשטרעקט נאקעטע, פערראויכערטע קוימענס, ווי אויף א בית-עולם די מצבות. מענשען הונגעריגע, אבגעריסענע, דארע, בלייכע, עפּיס נאר לעבעדיגע מתים, האבען זיך געוואל-גערט אין די גאסען. א טייל האבען זיך געבאברעט, גענישטערט אין די

הויפענס מיסט פון זייערע אָבגעברענטע הייזער, געזוכט, ווי מ׳גען זאָגט, פון אַ גע׳פגר׳ט פערד די פּאָדקעוועס, האָטש וואָס איז, אַ זכר פון זייער גוטס. און די שמחה פון איינעם אויף דער מציאה, משטיינס־געזאָגט, אַז ער האָט געפונען ערגיץ אונטער דעם אַש טשוואָק, אַ טאָפּ, עטליכע געבראָטענע קאַרטאָפּעל, האָט ביים צוזעהער עס פונדערווייטענס אויסגע־ריסען דאָס האַרץ נאָך פיעל מעהר ווי דער צער פון יענע אומגליקליכע, געבעך, וואָס זענען געזעסען פאַרלעגט די הענד, וויסט, בעטריבט מיט אויסגעצויגענע בלייכע פנים׳ער.

די עלטערן פּראַדעלס, וואָס האָבען אויך אָבגעברענט, האָט רב חיים זיי מיט דעם הויזגעזינד אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. ס׳איז דאָרט געוואָרען אַ ענגשאַפט, אַ דערשטיקעניש, איטליכער האָט געליטען. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? — אַ רחמנות!

נישט געליטען האָט נאָר איין שלמה׳לע אליין. אדרבה, עס האָט איהם אין האַרצען נאָך משונה הנאה געטאָן — ער איז דערוויל אינאיינעם, אונ־טער איין דאַך, מיט פּראַדלען. וואָס ענגער אַלץ בעסער. געלעגענהייטען אויף איהרע צוקוקען, מיט איהר זיך אָנצושלאָגען, צוהערען איהר זיס קול, צוזעהן איהרע בלויזע שנעע־געטאָקטע אַרעמס ביים אַרבייטען עפּיס, און צופיהלען איהר אָטעם — אזעלכע געלעגענהייטען זענען דאָ אין טאָג זעהר פיעל און מען פערשפּאָרט זיך גאָר צוזוכען. שלמה׳לע איז פון דער הויט געקראָכען צודינען פּראַדעלס עלטערן מיט דאָס, מיט יענץ, צוטראָגען זיי עפּיס, פאָלגען זיי אַ גאַנג, וואָס נאָר מעגליך. און בכדי צוגעפעלען, צומאַכען זיי אַ פאַרגניגען, איז ער אַלע טאָג מיט אַ קליין וועגעלע צוגעקומען צו זייער אָבגעברענט הויז, פּונקט אין דער צייט, ווען פּראַדיל פלעגט זיך באַברען דאָרט. שווייגענדיג, נישט צורעדען קיין וואָרט, פלעגט ער דאָרט זוכען, גראָבען, און וואָס איהם איז צו די הענד געקומען, האָט ער געלעגט אין וועגעלע, און דאָס וואָס פּראַדיל געפינט, אויך אַהין, אַרויסנעהמענדיג עס פון איהרע הענד שאַ, שטיל. איז דאָס וועגעלע שוין פול, פיהרט ער עס אַ היים, רויט ווי אַ צוויק, אין איין שוויים, און פּראַדיל העלפט איהם, שטופּט אונטער דעם וועגע־לע פון־הינטען. אָט אויף אזא אופן האָט ער צונומען אַ גאַנצען קוימען, אַ אויוון און אָבגעפיהרט די ציגעל אַ היים. די פרייד פון אַ גבור ביים צוריק־קעהרען־זיך פון דער מלחמה בעגראַנדע, מיט „זאַקרויב״, גאָלד און זילבער אַ סך, האָט זיך נישט געגליכען צו שלמה׳לעס פרייד דענסט־מאָל, בשעת שלעפּענדיג אינאיינעם מיט פּראַדלען דאָס וועגעלע פול אָנ־

געלעגט מיט ציגעל, שטיקלעך אייזענס און נאָך אַזוינע שירים פון דער שרפה. ס'איז אַ וועהטאָג אַ גרויסער איהם זיך מודה צו זיין, נאָר די מעשה איז פּאָרט אַזוי טאַקי, אַז די שרפה, אַזאַ אָנשיקעניש. אַזאַ אומגליק פאַר אַזוי פיעל מענשען, נעבעך, האָט איהם אין האַרצען שטאַרק הנאה געטאָן. אויך די אייגענע מעשה טאַקי ווי מיט אַ יורש, אַ שטייגער, פון רייכע ע׳לטערן. כלומר׳שט וויינט ער ביים אויסגעהן זיי די נשמה, [illegible] טאַקי האָט ער משונה הנאה ביי זיך אין האַרצען.

נאָר אוי־וועה! די שרפה האָט שלמה'לע דערפיהלט ערשט שפּעטער, אַז ער אַליין, קען מען זאָגען, איז אָבגעברענט געוואָרען, אַז איהם אַליין האָט דאָס גרויס אומגליק געטראָפען. פראַדילס עלטערן, מאָס האָבען, נעבעך, אַלע האָפנונגען פערלוירען, צוריק צו זייערע קרעפטען צוקומען דאָ אין שטעדטיל, האָבען זיך מיט איהם אויף אייביג אָפּגעזעגנט, פערנומען די קינדערלעך און ערגיץ וויט אַוועקגעפאָהרען. נאָכדעם ווי שלמה'לע האָט אַזאַ צייט פערבראַכט מיט פראַדלען אינאיינעם, זיך צו איהר שטאַרק צוגעבונדען, איז איהם איהר צוועקפאָהרען געווען אַ ריס פיג'ם האַרצען. פערשטערט איז איהם געוואָרען דאָס לעבען!

15.

און ווי די חוואַליעס אין ים, לאָזען זיך איינע נאָך די אַנדערע צרות פּורעניות אויפ'ן שטעדטיל ק. נאָר יודעלעך אַליין מאַקי, שלאַפינקע, ריהרעוודיגע, קענען, אָנבויגענדיג זיך ווי אַ טשערעטיל, לאָזען איבערגעהן איבער זיך אַזעלכע גרויסע חוואַליעס און צוריק אויפהייבען דעם קאָפּ! —

„האָב ניט מורא, יעקב, ישראל מיינער — זאָגט גאָט — אין טייכען וועסט־דו ניט דערטרונקען ווערען, אין פייער ניט פערברענט ווערען!"

איז אַרויס די גזרה אויף שלייער. אַוודאי איז שלעכט! נאָר יודען ווערען צו אַלץ געוועהנט. מילא וועט גאָט העלפען אָהן שלייער אויך. וועט מען זיך אַביסעל אַ קוועטש טאָן, אַביסעל ניט דערעסען, אַ ביסעל ניט דאָס, אַביסעל ניט יענץ. נישקשה!... קומט אויפ'ן שטעדטיל אַ שרפה — אוי, שלעכט, טאַקי זעהר שלעכט. אַ צרה איז עס אַ גרויסע! נאָר וואָס זאָל מען טאָן? גאָט איז אַ טאַטע, און ישראל זענען בני רחמנים. שרייבט מען כתבים, פאָהרען אַרויס משולחים. מען האָפט, מען וואַרט — און וואָס? גאָרנישט! משולחים זענען אויך מענשען, בשר ודם. מיט ווייבער און קינדער. בעדאַרפען, געבער, פיעל האָבען צום לעבען... טרעט־צו דער קאַלטער, נאַסער אָסיען, ניט שטאַרק אָנצוהערעניש, אַז אין דרויסען קען מען ניט זיצען, קליבט מען זיך אַריין ווי־ס'איז אין דירות. ענגליך אַביסעל? מאַכט נישט אויס, אַבי אינאיינעם. האַפט זיך אַריין, ניט־דאָ־געדאַכט, עפּיס אַ מין חולאת אַ זעלכער, מען שטאַרבט!

איז מען גוזר תענית — מען פאַסט! דער דלות ווערט אַלץ שטאַרקער, די נויט גרעסער. נו, לאָזט מען זיך, ווער עס קען, אַוועק. גאָטס וועלט איז גרויס, און וואָהלין איז אַ פּעט ווינקעל. מלמדים זענען דאָרט סחורה. מען קנעלט! איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? קומט פּלוצלים אָן גזרת-הכּלעט-לעך, אַז מלמדים טהאָרען ניט קנעלען אָהן אַ „שיין", אַ בּלעטיל הייסט עס. שלעכט! טהוט מען וואָס מען בּעדאַרף. העלפט גאָט — און מען קנעלט ווייטער!

אָט אַזוי האָט דאָס שטעדטיל ק., נעבעך, געלעבט און איבּער-געלעבט אַ שלעכטע, בּיטערע צייט!

ווי מיט דעם ווינד האָט זיך אין יענער צייט פערטראָגען אין דעם שטעדטיל א נייעס וועגען יודישע קאָלאָניעס — די רעגירונג, הייסט עס, גיט יודען ערד צוּבּעזעצען זיך אויף איהר און זי צוּבּעאַרבּייטען. די דאָזיגע נייעס האָט, ווי געוועהנטליך, קייקלענדיג זיך, ווי אַ קנויל, פון מויל צו מויל, אָנגענומען אויף זיך פיעל פערשיעדענע מימרות און לסוף זיך פערפלאָנטערט, אַזוי אַז ס'איז שווער געווען זי אויפצופּלאָנטען. וואָס קאָלאָניעס, ווען קאָלאָניעס; וואו געבּען ערד, ווי געבּען, ווערמען גע-בּען? — אָט דרינען איז עס דאָס גאַנצע פּלאָנטעניש און די מיינונגען דעריבּער זענען פערשיעדען. דאָס שטעדטיל איז דערמיט אויף. אומע-טום, אין מאַרק, אין בּית-המדרש, אויפ'ן שוהל-הויף שטעהען רעדלעך מענשען און מען רעדט, מען האַמפּערט זיך, שרייענדיג, זידלענדיג זיך אויף אַ קול.

— איך בּעט אייך, רב זעליג — טענה'ט חייקעל דער הינקעדיגער, וואָס איז שטאַרק פאַרבּרענט אין די קאָלאָניעס — זאָגט מיר, פילוסוף מיינער, וואָס בּע-קעט איהר מיר, וואָס עט-עט איהר מיר? וואָס זאָל אַזוינס אייער בּע, עט בּעדייטען? אַזאַ זאַך, וואָס פאַר יודען אַ גליק, איז מען מיט אַזאַ חקירה'לע, מיט אַ קנייטשעלע: עט, בּע! ניט מבטל!

— וואָס האָבּ איך מיט דיר, חייקעל, צו טענה'ן, אַז דו בּיסט... האָבּ קיין פאַראיבּעל ניט — ענטפערט רב זעליג מיט אַ קנייטשעל, אַ שמעק-געבּענדיג טאַבּאַק — אַז דו פאַרשטעהסט ניט דעם תמצית, דעם תוך, הייסט עס, פון אַ זאַך. מען גיט קאָלאָניעס! וואָס הייסט מען גיט? נאַ, חייקעלע, נאַ דיר און זיי אַ פריץ!

— אָט דאָס אייגענע טאַקי זאָג איך דאָך מיין פּייבּושקען אויך — טישט זיך אַריין אין שמועס יענקיל דעם מגיד'ס — אַ פריץ מיינסטו זיין?

א, ניין! עס שמעקט. מחילה, מיט... מיט, מיט וואס הייסט מען עס... חיים מע טהוט א פויער. נאך מעהר. מע זאגט פאקי, באשר פאר נישט גוט ארבייטען, צי ווייס איך וואס פאר עפיס וואס־ס׳איז, קומט אבגעבען פאר א רעקרוט אדער גאר פארשיקען קיין קליין ארץ־ישראל — סיביר, הייסט עס! פייבושקע, זאג איך, דו קנעלסט? קנעל טאקי ווייטער און רעד זיך נים צייו א קינד אין בויך! יעקב איז נים עשו.

— ניין! — הערט זיך א קול פון א צווייטען רעדיל — אין די היגע גובערניעס פאר קיין געלט נים! בעסער אהין, אין יענעם ווינקעל — אין יעקאטערינאסלאוו, אין חערסאן.

— יא, טאקי אהין. גאנץ גוט. אבער געלט, געלט, געלט? — לאזט זיך הערען נאך א קול.

— מע גיט געלט!... ס׳איז דא געלט!... ס׳וועט זיין געלט!... יא, וואס זאגט רבי חיים? רב חיים וואס זאגט?... לאז מען מאכען אסיפה, א אסיפה! — שרייען עטליכע מנינים העלזער מיט א מאל.

אויף דער אסיפה האט זיך דערקלערט, אז די מעשה דערפון איז אזוי: פיעל פון די טויזענטער יודען אין „ביעלארוסיא", ארויסגעטריבענע פון די דערפער, און פון אזוי דארטיגע יודען, וואס האבען אין יאהר 1806 דערלאנגט „פראשעניעס", אז זיי ווילען בעארבייטען די ערד אין „ניי־רוסלאנד", האט די רעגירונג בעזעצט דארט אויף איהר ערד, אונטערשטיצענדיג זיי מיט געלטמיטעל. באלד טאקי אין יאהר 1810 איז ארוים א „אוקאז", אזוי ווי עס האט זיך אויסגעלאזט געלד דערויף ביי דער רעגירונג, זאל מען מעהר קיין יודען נים שיקען אהין אין די קאלאניעס. אין ניין יאהר ארום האט מען ווידער צוגעלאזט יודען צובעזעצען זיך דארט, נאר אויף זייערע אייגענע מיטעל דערצו. אין א פיער יאהר ארום האט מען ווייטער קיין נייע קאלאניסטען אהין נישט צוגעלאזט. נאך לויט די געזעץ פון 1835 יאהר, און די ווייטערדיגע אין יאהר 1847 האבען יודען געמעגט ווערען ערד־ארבייטער אויף קאזיאנע ערד, אין אלע ערטער, וואו זיי מעגען וואוינען. בעזאנדערענס האט די רעגירונג זיי אנגעוויזען יעקאטערינאסלאווער און חערסאנער גובערניעס. מיטעל אויף הוצאות און אונטערהאלטען זיי האט מען בעדארפט נעהמען פון דער טאקסע, פונ׳ם „קעסטעל" הייסט עס. — ווי באלד אזוי, פון קהלים געלט, האט זיך קהל פערטראכט, און ס׳איז געבליבען — נאך א מאל מאכען א אסיפה.

פון די אַסיפות איז, ווי דער שטיינער איז, גאָרנישט אַרויסגע-קומען. מען האָט בעדאַרפט געלט, און געלט איז נישטאָ! לאַ-די וואָס ניטאָ, איז נאָך אויף דער שטאָדט דאָ חובות פון ניט-דערצאָהלטע „פּאָ-דאַטען“, מען מאָנט שטאַרק, מען שטעלט אַריין עקזעקוציעס. אויפ'ן עולם רוקט זיך אָן אַ וואָלקען מרה-שחורה, קליין און גרויס זענען פער-אומערט און מען פרעגט, ווען וועט נעהמען אַ סוף צו די צרות? יודען אין בית-המדרש, אונטער'ן אויבען, רעדען דאָרט צווישען-זיך פון משיח'ס צייטען. מען דערצעהלט פון אַ נייעם „קץ“, וואָס אַ געוויסער רב, אַ גדול בישראל, האָט געפונען אין אַ פסוק, עס ווערט בשעת-מעשה עפּיס גרינגער אויפ'ן הארצען און פון די אויגען שיינט אַרויס האָפנונג — נישקשה! „אַל יאבד ישראל“—גאָט איז אַ גאָט און זיינע יודעלעך וועלען ניט פערפאַלען ווערען!

די „פני העיר“ פערקלייבען זיך אָפט איינער צום אַנדערען, טישב זיך צו זיין וועגען כלל-זאַכען. מען שמועסט, מען טראַכט אַהין-אַהער, און אויסלאָזען לאָזט זיך עס אויס תמיד, גאַנץ געוועהנטליך, מיט אַ קרעכץ: אוי, „הושיעה את-עמך!“ העלף דיין פאָלק ישראל, גאָטעניו. עס שטעהט שמאָל, טע-טע-טע, מיט דיינע יודעלעך!

ס'איז אַ ווינטער-אָוועט. אין דרויסען אַ ברענענדיגער פראָסט אַ שיינענדיגע לבנה, העל-ליכטיג האָטש, ווי מען זאָגט, פערעל צוקליי-בען. אויף דער גאַס שטערירען טאַקי פערעל, נאָר ניטע! דאָס זענען אויסגעשאָטענע דאָ אין דעם זילבער-ווייסען שניי פון די פונקעלדיגע שטערען. ס'איז שען, ס'פאַרנעהמט די אויגען, אַ פאַרגעניגען צו-שפּאַצירען, נאָר ניט פאַר ק-ער יודען, נעבעך, אַזוינס געזאָגט געוואָרען— אויף דער גאַס איז שטיל. מען זעהט דאָרט ניט קיין לעבעדיגען מענשען! וואַרם, ליכטיג איז ביי רב חיים'ן אין שטוב. אויפ'ן „לוטשניק“ ברענט אַ פרעהליך פייעריל. אין דער זייט, ביים וואַרעמען קאַפעל-אויבען זיצט אַרום אַ טיש רב חיים מיט עטליכע אָנגעזעהענע מענשען אין שטעדטיל. און מען האַלט [אין אַ טיפען שמועס וועגען וויכטיגע ענינים פון שטעדטיל.

עס עפענט זיך מיט אַ מאָל אויף די טיר, וואָס צו דער גאַס-צו, אַ קאַלטער שטראָם רייסט זיך אַריין פון דרויסען און ציהעט זיך אַ ווייל ווי אַ טונקעל-העלער זייל פּאַרע איבער דער שטוב. עס לאָזען זיך הערען שווערע טריט מיט אַ סקריפּ און פונ'ם זייל פּאַרע ווייזט זיך אַרויס אַ גע-שטאַלט פון אַ מענשען.

— אַ, ליפאַ! — שרייען אויס אַלע מיט איין קול — שלום עליכם, ליפאַ!

ליפאַ איז פון בעל־הבתישען שטאַנד, אַלט אַ יאָהר עטל ע און דרייסיג. איז דורכגעטריבען קלוג, אַ ווערטיל־זאָגער, אַ בעהערצטער. תמיד פרעהליך, אפילו נישט אין די גוטע אומשטענדען, ווי עס גיט זיך אַ מאָל אוים אַ פרעהליכער אָרעמאַן, און איז בעליבט ביי איטליכען אין שטעדטיל. אַז ס׳איז אַרוים דער קלאַנג וועגען יודישע קאָלאָניעס, האָט זיך ליפאַ ניט אַריינגעלאָזט, ווי אַנדערע, אין טיפע חקירות. ער איז ניט פויל געווען אויפ׳ן גאַנג און זיך געלאָזט באַלד טאַקי געהן אין דער אויעזדנער שטאָדט, פון דאָרט אין דער גובערנסקער, צודערגעהן זיך וועגען דעם אַלסדינג ריכטיג און וואָס מען האָט צוטאָן.

ליפאַ פאַרטיגט זיך אָב גיך מיט איטליכען פונ׳ם „שלום עליכם". מאַכט עס בקיצור. צונעהמט דאָס טולאַבעל, טרעסעלט־אָב פונ׳ם בערדיל פערפראָזירענע שמיקלעך אייז. שטעלט זיך דערנאָך נאָהענט צום לוטשניק, וואַרמענדיג די הענד אַקעגען דעם פייעריל. דער עולם בעטראַכט איהם פריינדליך, און פלוצלים שיסען אַלע אוים אַ געלעכטער, טיטענדיג מיט די פינגער איהם אויף די פים:

— וואָס איז דאָס אַזוינס, ליפאַ?

— לאַפּטיעס! — ענטפערט ליפאַ גאַנץ קורץ, מאַכענדיג דער־בײ אַ ערנסטע מינע.

— צו פורים איז נאָך ווייט, און דו, ליץ איינער, מאַכסט שוין די שפּיל. פאַרשטעלסט־זיך בעצייטען — זאָגען אַלע נישט אויפהערענדיג צולאַכען.

און באמת איז טאַקי געווען פון וואָס צולאַכען. לאַפּטיעס, שיך אַזוינע, געפלאָכטענע פון אַווייכער קאָרע, מיט לאַנגע שנירלעך, וואָס דרעהען זיך ווי רצועות אַרום לייַנווענדענע שמאַטעס אויף די פים ביז די קניעס — דאָס טראָגען אין ליטא פויערען, פון גראָבען עולם. אַ יודען, דעם גרעסטען אָרעמאַן אפילו, קומט גאָר אויפ׳ן געדאַנק ניט אָנטאָן לאַפּטיעס, פונקט ניט ווי עסען חזיר, אָדער טראָגען שעטנז. ער וועט געהן בעסער מיט אויסגעטרעטענע פּיאַטעס, אָדער באָרפים ווינטער אין דיִם גרעסטען פראָסט, איידער איינוויקלען מיט „פּאַסטעלעס" די פים און דערויף אָנטאָן לאַפּטיעס. אַ יוד אין פּאַסטעלעס איז גאָר ניט געמאָלט, סיידען אפשר פורים. עפּים אַ שלאַק אַ פּורים־שפּילער, אָדער אַ בדחן, אַ ליץ אַ מאָל אויף חתונות.

— איך פאַרשטעל מיך גאָר נים פאַר אַ פויער, ווי איהר זאָגט—

מאכט ליפא מיט א קלוג שמייכעלע — איך בין עס היינט מאקי באמת, בכדי צופערשפארען איטליכען בעזונדער אין שטעדטיל עס צו וויסען געבען, מיט איטליכען בעזונדער איינצוטענה'ן, נעהם איך און טהו אן לאפּ־טיעס. נאט, זעהט, הייסט עס, גייסט אליין וואס איך בין און לאזט מין צורוה.

— אזוי, ליפא! — רופען זיך אן אלע — דו ביסט א קאלאניסט? דערצעהל־זשע אונז אלסדינג אקוראט, לאמיר וויסען.

ליפא האט קלאר געמאכט דא דעם עולם מיט דעם גאנצען עני‍ן פון די קאלאניעס און די אלע זאכען, וואס ווערען געפאדערט דערצו קורץ און שארף אויף זיין שטייגער. ער האט אויך דערצעהלט, וואס מיט איהם האט זיך פאסירט, די מיה, וואס ער האט געהאט ביז ער האט זיך צוגעשלאגען צו א קאמפאניע מענשען, וואס מיט זי אינאיינעם וועט ער זיך בעזעצען אויף א קאלאניע אין חערסאנער גובערניע. אויף איטליכס געזינד פון זעקס פערשריבענע נפשות רעכענט זיך צו געבען פער־ציג דעסיאטינעס ערד.

— און די ערד בעארבייטען ווער וועט? — רופט זיך אן איינער פונ'ם עולם — דו מיינסט, ליפא, אז דו ביסט אריין אין לאפּטיעס, ביסטו שוין א פויער און טויגסט צו דער ארבייט! מע בעדארף דערצו א רגילות

— זארגט זיך ניט! רש"י האט שוין בעוואהרענט — מאכט ליפא מיט א שמייכעלע — אין די יודישע קאלאניעס פיהרט איין די רעגירונג „שולצען" (סטאראסטעס) פון דייטשען, פון וועלכע מען וועט זיך לערנען די ארבייט.

— יא, רעכט, אלץ רעכט — רופט זיך אן נאך איינער — אבער געלד, אויף דער ערשטער צייט געלד? פון דער טאקסע? 170 רובל אויף א קאלאניסט, ווי מען זאגט, פון דער טאקסע? שווערליך! קהל איז ארעם און די הצטרכות זענען גרוים. מען בעדארף אויף דאס, אויף יענץ, אויף יענץ, אויף דאס און...

— שא, בערוהיגט זיך! — שלאגט ליפא איבער יענעם די רעד — אביסעל געלד האב איך פון פריהער, אביסעל האב איך דארט געהאפט פון שדכנות. אין איין וואך מאקי האב איך אויך אויסגעפיהרט א שידוך, היינט רעכען איך, פון מיין בעל־הבתישקייט, וואס איך וועל דא פער־קויפען, וועט מיר עפּיס אויך אריינפאלען. אפשר וועט מיר פעהלען

אַ קליינ׳גקייט, פאַרהאָף איך, מע וועט מיר דאַ בעהילפיג זיין. וואָס זאָגט איהר, רב חיים?

— איך זאָג, דו ביסט אַ מענש, ליפּא! הלואי ווי דו, מיט ליבּ־שאַפט צו ערד־אַרבייט, מיט מוטה, מיט אייגענע קרעפטען, אַ סך אַזעלכע בּיי אונז יודען!

שרה דערלאַנגט צום טיש כּבוד — גריווען מיט אייערבּייגעל, צו וועלכע מען בּעדאַרף זיך ניט וואַשען. און לאָזט בּעטען זעהר שען דעם עולם בּרכה מאַכען.

— אַז גאָט וועט געבּען — ווענדט זיך ליפּא צו שרה׳ן — וועל איך אייך, שרה, שיקען פון דער קאָלאָניע אַ מתנה גוטע געזועלעך. דאָרט איז, ווי מען זינגט היינט אומעטום אין דעם לידעל:

פון אַלעם גוטען, בּרויט נישט מיט
אַ פּי׳ם אַ ציג, אַ הוהן אַ דריישר

16.

יענער ווינטער, פון וועלכען דאָ איז געגאַנגען דער שמועס, איז געווען זעהר אַ שווערער פאַר רב חיים׳ן. דאָס האָט מען איהם אָנגעזעהן גלייך אין פנים. רב חיים איז תמיד געווען אַ ערנסטער מענש, אַ פער־טראַכטער, אָבגעזונדערט פיינסטענס פאַר זיך, זעלטען מיט עמיצען אין דער היים גערעדט אַ וואָרט. איטליכער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר זיינס אַ קוק. וואָס פאַר אַ רעש עס האָט זיך געמעגט זיין אַ מאָל צווישען די קינדער אין שטוב, נאָר קוים האָט ער זיך געוויזען אין טיר, איז געוואָרען שטיל, מען האָט פון קיינעם נישט געהערט קיין פּיפּס. דאָס איז אָבער נישט געווען דערפאַר, ווייל ער האָט, ווי אַנדערע בייזע טאַטעס, געהאַלטען איטליכען פונ׳ם הויזגעזינד אין דער מורא, מען זאָל וויסען ווער עלטער איז,—חלילה! ערענסט איז איהם דאָס פנים טאַקי געווען, אָבער בייז כמעט קיינמאָל נית. די קנייטשען אויף דעם הויכען, שענעם שטערען זיינעם האָבען בעוויזען, אַז ער טראַכט, ער איז פערטיפט אין די געדאַנקען. די אויגען זיינע בליצען — ווייל ער האָט אַ פייערדיגען קאָפּ, נית אויסען׳ חלילה, יענעם מיט דעם בליק צופאַרברענען. אדרבה, ער איז אין האַרצען צו גוט, עס קרענקט איהם די שטילקייט, וואָס ווערט בײ זיין געפינען זיך אין שטוב, עס רייסט איהם דאָס האַרץ, אַז עמיצען פונ׳ם הויזגעזינד טהוט עפּיס וועה, עס טריפט איהם דאָס בלוט, ווען עמיצען געהט עפּיס אָב. פיהרען דאָס הויז האָט געפיהרט אינגאַנצען דאָס ווייב. רב חיים האָט נאָר געגעבען אויף וואָס מען בעדאַרף און ווייטער האָט ער נישט געוואָלט וויסען פון קיין זאך. ער האט מעהר נית

געוואוסט ווי זיינע געשעפטען, שטעדטישע זאכען און לערנען אין בעשטימטע צייטען. אט דאס האבען אלע אין הויז געוואוסט, איהם זעהר געשעצט, געליבט, פאר זיין חכמה מיט איהם געשטאלצירט, און געהאט פאר איהם גרויס דרך־ארץ.

נאר אין יענעם ווינטער האט רבי חיים זיך שטארק פארענדערט; אנשטאט רוהיגע פערטראכטקייט איז איהם אויפ'ן פנים געלעגען אויסגעדריקט כעס, פערדראס, און ביים געהן, ווי דער שטייגער זיינער, הין־און־הער איבער דער שטוב, פארלעגענדיג אהינטער די הענד, פלעגט ער זיך אפט אבשטעלען, פערבייסען א ליפ, קוקען אין דער וועלט אריין ביין, אויסשטשירענדיג א אויג, און צופען דאס בערדיל, אין וועלכען עס האבען זיך בלוצלים געוויזען אסך גרויע האר, ער איז געעלטערט געווארען פאר דער צייט. אינגאנצען איז ער אלט געווען א יאהר צוויי, דריי און פערציג.

געעלטערט האט איהם די טאקסע. זינט דאס שטעדטיל איז פערארעמט געווארען, האט די טאקסע אנגעהויבען צו געהן שלעכט. דער עולם האט געגעסען ווייניגער פלייש. און וואס נאך? א טייל האבען אריינגעפיהרט „בשר־הוץ", דאס הייסט, פלייש, אריינגעפעקעלט בגנבה אין שטאדט פונ'ם ישוב, פערשפארט צוצאהלען טאקסע און קאסט וועלוועלער. דער חרם, וואס ליגט, געוועהנטליך, אויף בשר־חוץ, האט נישט געהאלפען. נויט, זאגט מען, ברעכט אייזען, א פשיטא שוין א חרם. ארעמקייט, הונגער איז קיין קאטאוועס ניט און „טאקסע" איז ניט מטיני. נישקשה! די שומרים אויף נישטערן, זוכען אזא פלייש, און אוועקצונעהמען עס מיט געוואלד, האבען אויך ווייניג־וואס געהאלפען. ס'איז תמיד נאר געווען געשרייען, טענות, אומצופרידענקייט, קללות, מרערען, און צונעצויגען האט עס רב חיים'ן שנאה, צארן, און הארצוועהטאג. נאר, ס'האט זיך נאך ווי־ס'איז געהאלטען — תרבית פאר רב חיים'ן! שפעטער אביסעל אבער וויזט זיך ארויס, אז רבי חיים צאהלט שוין ניט קיין ראטע, האט פערלארען דעם „זאלאג", דערצו נאך פערנומען פרעמד געלד אויך — און שונאים, עזות־פנים'ער האבען שוין געעפענט א מויל, געשריגען טאקי הויך אויף א קול.

רב חיים מיט זיין שארפען קאפ וואלט זיך נאך ניט מיאש געווען, געזוכט וועגען, אהין־אהער, ווי זיך ארויסצודרעהען, איבערהאלטען זיך די שלעכטע צייט. און זעהר מעגליך, עס וואלט איהם געראטען. א חכם איז ער באמת טאקי געווען, בעריהמט ווייט ארום און ארום. ס'האבען

איהם געקענט אפילו די ארומיגע פריצים; נאר ווי קלוג, אזוי שטאלץ איז ער געווען און ער האט נישט געקענט איבערטראגען לייטישע רעד-סטייטש, מענשלעך אזוינע, וואס פלעגן ציטערן פאר זיין בליק, נים די זכיה האבן מיט איהם צורעדן א ווארט, זאלן העזה האבן עפע-נען אויף איהם א מויל! ניין, ס'איז אוממעגליך אזוינס איבערצוהאלטען. ער האט זיך שטארק פארעסען, איז ארויס פון פנים, פערלוירען דעם געזונד און אינאיינעם דערמיט דעם קוראזש.

דערצו האט רב חיים געהאט נאך א אינוויינגסטע מכה, וואס האט איהם שטארק געשמארצט. דאס איז געווען די טאכטער זיינע, לאה. זעהר א געראטענע איז לאה געווען, א בריה, א קלוגע מיט א פעסטען כאראקטער. נאך דער מוטער איז זי געווען די פיהרערין, די עלטערע אין שטוב און אלע האבן זי געהערט. רב חיים האט מיט איהר געמאן א לייטישען שידוך פון דער פרעמד, פון א שענער משפחה, ווי איהם שטעהט-אן, און געהאלטען זי מיט דעם מאן ביי זיך אויף קעסט. דער יונגער-מאן, אייגענטליך, איז געווען א גאנץ פיינער, זיך אויפגעפיהרט, דאבט זיך, ווי דער שטייגער איז, און בעליבט ביי איטליכען אין שטוב. רב חיים האט אבגעגעבען א פאר שעה צייט אין טאג, צולעהרנען מיט איהם און זיינע עטליכע חברים, בעל-הבתישע איידעמס, צווישען וועלכע עס האבן זיך געפונען אזעלכע פון אנדערע, גרעסערע שטעדט, וואס ס'איז געווען צודערקענען אין זייער קליידונג און בענעהמונג, עפים גאר נים דאס, וואס אין דעם שטעדטיל ק. דענסטמאל. די דאזיגע קאמפאניע האט זיך געהאלטען איינס, ארויסבעוויזענדיג אמאל עפים אזעלכע „מאדנע" גענג, פאר וועלכע מען האט אויף זיי אין שטעדטיל געקוקט קרום, געמומעלט, אז זיי זענען אביסעל פון דער נייער וועלט. וואס מען האט אין ק. דענסטמאל פערשטאנען אונטער דער „נייער וועלט", וואלט היינט, פארשטעהט זיך, גאר אויסגעקומען פערשימעלט, אלט, אפיל ביי יענע פון דער „אלטער וועלט". נאר ווי די מעשה, מען האט גע-מומעלט. ס'איז דערפון ארויס „דרעהעניש", פארדרעהעניש ביז לסוף איז די קאמפאניע געווארען אויס. צווישען רב חיים'ן און זיין איידעם איז מיט דער צייט ארויסגעקומען עפים א רוגז, איינער אויפ'ן אנדערען האט זיך געבלאזען, און געהייסען פאר אנדערע האט עס: לאה דרעהט זיך מיט דעם מאן. נישטא צווישען דעם פאר-פאלק קיין גוט לעבען. ס'איז געקומען דערצו, אז מען האט דעם יונגען מאן אבגעשיקט צו זיינע עלטערן, זיהם מיט די בעבעכעס, און לאה האט אין דעם ווינטער טאקי גענומען גט.

לאה מיט איהר פעסטען כאראקטער האט, דאכט זיך, דארויס זיך נארניסט געמאכט. נאר רא חיים אבער האט דערפיהלט, אז בײ איהר אינעווענינג איז דא א וואונד, זי האט א געבראכען הארץ. איהר בראך האט איהם נישט געלאזט רוהען, איהם געשטאכען אין דער זיבעטער ריפ. האלטענדיג זיך פאר שולדיג אקעגען זיין מאכטער, וואס ער האט, ווי א געטרייער פאטער, אמת שטארק ליעב געהאט. ווען לאה זאל געווען ארויס מיט אווארט, זיך קלאגען, דענסטמאל וואלט ער זיך אויך אויסגערעדט, צו איינגענומען מיט א גוט ווארט און עס וואלט איהם געווארען אפשר גרינגער. לאה אבער האט געשוויגען און אט — איהר שווייגען האט איהם געשטאכען. לאה האט געהאט פאר איהם גרויס דרך־ארץ, גרייט געווען איהם פאלגען אין פייער, אין וואסער, געקוקט אויף איהם מיט ליעבשאפט, און אט — ערשט דאס מאקי איז איהם געווען ווי זאלץ אויף די וואונדען!

רבי חיים איז פאר יסורים שטארק פונ'ם פנים אראב. קוקענדיג אויף איהם איז איטליכען פונ'ם הויזגעזינד פארשטערט געווען דאס לעבען. מען האט געפיהלט, אז דאס איינציגע אנהאלטעניש זייערע ווערט שוואך, נאך עטליכע חוואליעס פון צרות־א־ים, פאלט עס אום — און זי אלע פאלען אין א טיפען אבגרונד אריין!

זעהר א שווערער, ניט קיין פרעהליכער איז יענער ווינטער געווען!

פורים בײ נאכט צו דער סעודה איז רבי חיים אינאיינעם מיט דעם הויזגעזינד געזעסען ביים טיש. ער האט זיך געשטארקט, געמאכט הארץ, ווייזען א פרעהליכע מינע, מקיים זיין אלסדינג, ווי דער שטייגער זיינער איז געווען אלע יאהר. נעבען איהם ליגט א בייטעל מיט מינץ אויף צו געבען נדבות. עס קומען אריין ארעמע לייט, רב חיים גיט מיט א פריינדליכען פנים, זאגענדיג זיי א גוט ווארט. עס קומען בעל־הבתישע קינדער מיט פאטשיילעס, וואס זאמלען פאר אנדערע — די בסוד פאר א געפאלענע פאמיליע, נעבעך, וואס ליידט שטילערהייד, און יענע פאר א לייטישען, שענעם קבצן, פאר א וויסטע אלמנה מיט ברעקלעך יתומים, נעבעך, — און רבי חיים גיט און איז מכבד מיט עפיס פורים'דיגעס. עס קומען אויך כלי־קודש, שמשים, כלי־זמר, באד־יונגען, פורים־שפילער, אלעמען נעהמט רבי חיים אויף מיט א „ברוך־הבא", מיט א כוסה און ניט

שרה פון איהר זייט איז בעשעפטיגט מיט דעם „שלח־מנות",

אָרעמע בחורים, יונגלעך, דינסטמיידלעך ברענגען פון קרובים, פון שכנים און בעקאַנטע איבערגעדעקטע טעלער, אין וועלכע עס געפינען זיך אַ פלעדיל, אַ מלכות-ברויטיל, אַ המן-טעשיל, אַ מאַהנדיל, אַ צוקער-פישעלע, אַ צוקערקעלע מיט אַ ושתי, אַ זרש, אַ אסתר המלכה דערויף אויבען מיט גע׳כתיבה׳טע אותיות פון צוקער. און אַרום די דאָזיגע שענע, גוטע זאַכען, וואָס נאָר צו אײנס, צו צווי אויף אַ טעלער, ליגען זיך אויסגעלעגט אין אַ שענעם סדר עטליכע טרוקענע, דאַרע פלוימען, אָדער עטליכע מאַנדלען מיט ניסלעך. אַ מאָל ליגט נאָר אויף אַ טעלער אַ אויסגעצוואָגענער הערינג. אין עסיג און האָניג — דאָס איז פון אַזעלכע, וואָס האָט ליעב אַלסדינג בפשטות, עס זאָל האָבען אַ ממשות, גאַנץ בעל-הבתיש...

און בשעת שרה איז בעשעפטיגט מיט צאָהלען יעדען פאַר דעם וועג, איבערגעבען איהרע ברכות און ווינשעניש צו דעם, צו-יענעם, וואַרפען זיך די קינדער אויף די געבראַכטע שלח-מנות, בעטראַכטענדיג מיט שיינענדיגע אויגעלעך איטליכם פיצעלע, וואָס רעדט, דאַכט זיך, ווערטער, קיצעלט בייַ דער נשמה, און צולעגען עס דערנאָך אויף טעלערלעך, אָבצושיקען איטליכען צוריק, פערבייטענדיג די יוצרות — דעם אנשטאָט זיין פלעדיל אַ המן-טעשיל, דעם אַנדערען אַנשטאָט זיין ושתי אַ זרש, און יענעם אַנשטאָט זיינע מאַנדלען אַ פייג, אָדער אַ רוזמען עפעל. עס פאַרשטעהט זיך, די מיינונגען דאַריבער זיינען פערשיעדען, עס קומט אַ מאָל אויך אַרויס אַ מחלוקת, מען האַפּט אַ מאָל אַ קניפּ, אַ פּאַטש אויך, נאָר גאָרנישט, מען שלינגט עס אַראָב, בשעת הדוה ווער מאַכט זיך דערוים, פון אַזעלכע קלייניגקייטען?

אַלסדינג, דאַכט זיך, ווי אַלע יאָהר, און פאָרט נישט אַזוי. די אייגענע אָרעמע לייט טאַקי, אָבער די נדבות ניט די וואָס פריהער. פון פיעל געסט, וואָס פלעגען תמיד צונויפקומען זיך צו דער סעודה, זיך וואויל-טאָן, פאַרברענגען פרעהליך די נאַכט, זענען היינט דאָ נאָר עפּיס עטליכע אָרעמע קרובים. רבי חיים זינגט „שושנת יעקב“, די קינדערלעך העלפען אונטער, אָבער ס׳איז ניט דאָס קול, וואָס אַ מאָל. אין דעם זינגען זיינעם הערט זיך עפּיס ווי אַ געוויין פון אַ צוקאָכטער, ליידענדער נשמה, אַ ניגון פון איכות. דער „שושנת יעקב“ איז ווי אַ אָבגעריסענע רויז, דאַכט זיך, זי איז שען, די פאַרב שטעהט איהר אין פנים, אָבער נישטאָ אינוועניג דער זאַפט, דאָס לעבען, קוים נאָר וואָס זי זשיפּעט. רב חיים טהוט זיך אָן כח, צוהיצט זיך, ווענדעט זיך צו די אָרעמינקע קרובים

מיט אַ טרייסט — נישקשה, יורען! מען בעדאַרף האָפען, ניט זיין בײ זיך אראָבגעפאַלען. אַז וואויל, איז דעם, זאָגט ער, וואָס האָט אויף גאָט אַ בטחון, לאָז ער זיך זאָרגען! — דאָס איז אָבער גע׳מלאכה׳ט, דער זאָרג ליגט רב חיים׳ן איינגעגעסען ווי אַ פּיאַווקע טיעף אין האַרץ. נעהמאָג און יסורים קוקען איהם אַרויס פון די בעטריבטע אויגען.

שרה בעמערקט עס זעהר גוט און עס חאַפּט זי אָן ביים האַרצען; זי נעהמט אַוועק אין אַ ווינקעלע, כלומר׳שט בעדאַרף זי דאָרט עפּיס האָבען, לעגט אַרויף די הענד אויפ׳ן פּנים און וויינט שטילערהייט.

לאָה פיהלט אויך דאָס אייגענע וואָס שרה, פאַרשטעהט דער מאַמעס אַוועקגעהן אַהין אין ווינקעל, נאָר זי האַלט אויס כאַראַקטער. זיצט ביים טיש, קוקט מיט רחמנות אויף די קינדער און רוקט אַריי איטליכען אין הענטיל עפּיס אַ צוקערגעבעקסעל — זאָלען זיי, נעבעך, עסען. דערפאַר ביי נאַכט אויף איהר געלעגער איז פייכט געוואָרען דאָס קיסען פון איהרע טרעהרען.

17.

ס'איז א טאג אכט נאך פורים. די זון קוקט פריינדליכער, טילדער־
גראב פונ'ם הימעל, שיקט דורך איהרע שטראהלען און דורך א גלעזערנער
וויגטעל די ערשטע התראה דעם ווינטער, אז עס ענדיגט זיך איהם דער
טערמין פון דער דירה דא, אויף דר'ערד, ער זאל מוחל זיין זיך ארויס־
קלייבען, זיך רוקען ווייטער. און ער טהוט דאס אייגענע טאקי וואס
א שלעכטער, איינגעשפארטער שכן — בריה'ט־זיך, מאכט פוילע
תנועות. ביי־טאג, דער זון אין די אויגען, געזעגענט ער זיך, פאר־
גיסענדיג ריקעס טרעהרען — טייכלעך וואסער רינען אויף די גאסען. איך
געה, געה, הייסט עס, לאזט מיך נאר זיך פאקען, פארנעהמען מיינע
בעבעכעס, דעם שני מינעם, „פערשווארצט" איז ער, נעבעך, געווארען!
קוים אבער מאכט די זון צו א אויג, נעהט פארנאכט אין איהר רוה
צריין, שטעלט ער מיט א פערחמורעט, בייז פנים איהר ארויס פייגען —
סוסולקעס פארגליווערטע און בלייבט ביי זיינעם טאקי, איינקאלט ווי
פריהער. נאר אז־אך־און־וועה איז צו איהם! ער איז שוין פארביי, מען
איז איהם שוין מבטל — ביי יודען איז שוין פאר פסח, די צייט פון
עפענען טיר און טויער, ארויסטראגען אויף דער גאס טיש און בייגק,
שייערן, וואשען און כשר'ן אלסדינג אויף פסח!

אין שטעדטיל ק. קאכט זיך, טאראראמט זיך א שרעק. אלע
האבען צוטאן מיט דעם ליבען פסח. יודישע קינדער, ווייבער און מאנס־
בילען לויפען ארום אויף דעם מארק צווישען פוהרלעך מיט ווייץ, קאר־
טאפעל, אייער און שאר ירקות. וואס עשו פון די דערפער ברייגגט

פ״ין אין שטאָדט קען׳ן אונטער א יום־טוב. אין דער מיהל, הינטער דער שטאָדט, פעררוקט צווישען סאָסנאָווע וועלדער, זענען שוין געקאַשער׳ט די שטיינער און יודען פון׳ם שטעדטיל פיהרען אהין זעקלעך ווייץ, צו־מאָהלען עס אויף מצה, אָנהויבענדיג דערביי איטליכער זיין „אָמשערעדע". די פאַבריקעס אויף מצה־באַקען שטעהען שוין גרייט צו דער אַרבייט, מיט קנעטערינס, גיסערס, וואַלגערינס, רעדלערס, זעצערס און טרעגערס מיט די גרויסע קוישען. אומעטום, אויף דעם מאַרק, אין די הייזער פיהלט זיך דער פסח, און פון די חדרים לאָזען זיך הערען קינדערשע קול׳כענס, לערנענדיג „שיר־השירים" אויף דעם גוטען ניגון, פון וועלכען דעם יודענס האַרץ ווערט צושמאָלצען פאַר מתיקות.

ביי רבי חיים׳ן אין שטוב, וואָס אין דער צייט פלעגט זיך אַ מאָל דאָרט קאָכען מעהר ווי אומעטום, איז היינט טרויעריג, וויסט, נישטאָ קיין סימן אפילו פון ערב יום־טוב. רב חיים ליגט אין־אנטאָן ביי זיך אין צימער אויפ׳ן בעטיל, אונטערגעלייגט ביידע הענד צוקאָפּענס קוקט שטאַרק צוטראַגען, אָטהעמט שווער און איז בלייך ווי די וואַנט. שרה זיצט אין שטוב פערלייגט די הענד, שטאַרק דערשלאָגען מיט אויגען ווי די באַנקעס פון טרעהרען. און זאָל עמיצער פון די קינדער מאַן אַ פּיפּס, מאַכט זי ווינקענדיג צו איהם: שאַ! דער טאַטע איז ניט געזונד זאָל זיין שטיל! די קינדער גהעהן אויף די שפּיץ־פינגער, פערשלאָגען זיך איטליכער אין אַ ווינקעלע, און קוקען שווייגענדיג, שטאַרק, נעבעך בעטריבט. אין לאָה דרעהט זיך ווי אַ געכמיגע אַרום, פאַרנומען עפּיס מיט דעם בעל־הבתישקייט. זי איז פינסטער ווי די ערד, און קעהרט אַוועק דאָס פּנים, אויף קיינעם אין שטוב קיין קוק נישט צוטאָן.

די טיר אין שטוב גלייך פון דער גאַס עפענט זיך רעש׳יג אויף. און עס קומט אַריין מיט ברייטקייט אַ פּריץ, אַ הויכער, אַ געזונטער, פון אַ שען אויסזעהען, מיט אַ פּאַר וואָנסעס, דיין צוגעשפּיצט ביי די עקען. צוויי לאָקייען טראָגען איהם נאָך פון הינטען — איינער עפּיס אַ קליין פּעקעלע, דער אַנדערער אַ ליולקע־ציבעק, אַ לאַנגע אַנטיפּקע מיט אַ מונדשטוק פון בורשטין. דער פּריץ וואַרפט אַ אויג אויף יעדען אין שטוב גלייך ביים אַריינגאַנג און בלייבט שטעהן אַ ווייליע אָהן ווערטער, אָנגעהטענדיג אַ טרה־שחורה׳דיג־ערנסט פּנים.

— אַ, וועלימאָזשנע פּאַן! — טהוט זיך שרה אַ חאַפּ פון׳ם אָרט און גיעהט דעם פּריץ אַקעגען.

— פּאַני ראַבינאָווא! — שרייט־אויס דער פּריץ, שטאַרק געריהר׳ט,

דערזעהענדיג אין שרה׳ס אויגען טרעהרען — וואָס האָט זיך אזוינס געטראָפען?

שרה הליפּיץ און קען ניט ארויסבריינגען קיין וואָרט פון׳ם מויל, אזוי האָט עס זי פאַרקלעמט ביים הארצען. דער פּריץ לאָזט זי צורוה, גיט איהר צייט צו זיך צוקומען, זעצט זיך ביים גרויסען געפּאַרבטען שטוב=טיש, דרעהעט, דרעהעט די שפּיצען וואָנסעס און פּייכטליך מיט א גלאַנץ ווערען איהם די אויגען.

— היי, אַנטאָסיאַ, ליולקי!

ווי פּיל אויסען בויגען טהוען זיך געשווינד א לאָז צו איהם ביידע לאַקייען. איינער מיט דער לאַנגער אנטיפּקע און פול אַנגעשטאָפּטער ליולקע, דער אנדערער מיט זיין פּייער=געצייג: א שטיקעל שטאָהל, א קרעמען מיט גובקע א שטיקעל, שלאָגט אויס פייער און ציגדט אונטער דעם טאַבאַק אין דער ליולקע. דער פּריץ רייכערט און הייסט די לאַקייען ארויסגעהן.

יאַן, דער ווא — ציצער פּריץ, האָט געשטאַמט פון א פּוילישער אוידעל׳ער פאַמיליע, צו וועלכער עס האָבען געהערט דערפער ארום דעם שטעדטיל ק. וואָס זענען פאַרטיילט געוואָרען צווישען עטליכע ברידער. בשעת זייערם א הגא, אָדער א מאָל אויך א זונטאָג, פלעגט יאַן מיט דער פּאָמפּע אין א קאַרעטע „נאַשפּיטץ" אריינפאָהרען אין שטעדטיל, ווי אַנדערע פּריצים פון דער סביבה, גלייך צום קלויסטער, וואָס אַקעגען דער שורה הייזער ביים עק מאַרק, נישט ווייט פון׳ם „אראָבבאַרג" דאָרט. נאָכ׳ן אָבפּאַרטיגען זיך אין קלויסטער איז דער שטייגעד זיינער געווען צו־צוגעהן צו=פוס צו רב חיים׳ס הויז, אַקעגען, וואו ער פלעגט פערבלייבען א פּאָר שעה, אויף אָבצוטאָן זיינע געשעפטען מיט בעלי=מלאכית, קרע־מערס וכדומה, וואָס פלעגען קומען אהין צו איהם. רב חיים איז ביי איהם געווען שטאַרק חשוב. ער האָט איהם זעהר געשעצט פאַר זיין קלוגקייט, זיין אָרענטליכקייט, און ליעב געהאַט ווי א געטרייען פריינד. איז איהם אויסגעקומען א מאָל שווערליך אין עפּיס א זאַך, האָט ער זיך געראַטהען מיט רב חיים׳ן. האָט ער געהאַט מיט עמיצען עפּיס א סכסוך, איז ביי איהם געווען איין וואָרט: „דאָ ראַבינאַ!" אזוי האָט רב חיים ביי איהם געהייסען. רב חיים איז געווען דער פערמיטלער. אויף איהם האָט ער זיך איינגאַנצען פערלאָזען, ווייסענדיג זעהר גוט, אז רב חיים וועט פון׳ם יושר ניט אוועק אויף א האָר. און גאָר ווען די אַלע זאַכען, האָט

ער גלאט אזוי ליעב געהאט צו פארברענגען אין א שמועס מיט רב חיים׳ן. פויליש האט רב חיים גערעדט, אויך געשריבן נישקשה׳דיג. ער פלעגט א מאל דערציילן דעם פריץ גלייכווערטלעך, משלים, שענע אגדתות פונ׳ם תלמוד, פון וועלכע יאן פלעגט הנאה האבן, זיי לויבן אין טאג אריין. איז רב חיים א מאל בעשעפטיגט געווען ביי זיך מיט מענטשן, האט יאן איהם ניט געשטערט, געראויכערט די ליולקע, זיצענ־דיג גאנץ היימיש אין שטוב, און איבערגעווארט ביז רב חיים וועט זיך אבפארטיגן. וואס מען וויל מעגען זיך אנדערע איבער פוילישע פריינד־שאפט מיט יודען זאגן, נאר דער פאקט, אז יאן איז באמת געווען רב חיים׳ס א פריינד בלייבט א פאקט. דאס האט זיך ביי פיעל געלעגנהייטען דערוויזען תמיד, אויך היינטיגס מאל אין זיין מרה־שחורה׳דיג פנים, אין זיינע פייכטע אויגן, בשעת שרה האט איהם איבערגעגעבן די שלעכטע לאגע זיינע און אז דער מאן איז פאר קרענקונג נישט געזונט

— קען איך איהם זעהן אצינד אויף א ווייל? — פרעגט יאן.

— אט וועל איך געהן א קוק טאן — ענטפערט שרה — אוז אויב ער שלאפט ניט, וועל איך איהם זאגען.

עס האט נישט געדויערט קיין רגע, האט שרה געבעטען דעם פריץ צום מאן אין צימער אריין.

— צא טאקעגא, פאן רבי?! — מאכט יאן, אבשטעלענדיג זיך א ווײַלע ביים אריינקומען נישט ווייט פון דער טיר, און שאקלענדיג מיט׳ן קאפ, ווי פערוואונדערט, מיט א שמייכעלע בלוטר׳שט — עפּיס איז פאן ראבין גאר צוטראגען, האט פערלוירען דעם קוראזש! וואו איז זיין פעסטער כאראקטער? וואו איז זיין חכמה?

— עס זענען דא צייטען, וואס העלפט נישט דעם מענשענס חכמה — ענטפערט רב חיים מיט א שמייכעלע, וואס ער האט עס געמאכט מיט געוואלד

— ס׳איז דאך אבער דא א גאט, וואס קען העלפען תמיד, אין אלע צייטען! בעדארף איך דעם פאן ראבין זאגען אזוינס, וואס ער ווייסט בעסער פון מיר? — מאכט יאן, זעצענדיג זיך רב חיים׳ן אקעגען. איך ווייס — שלעכטע אומשטענדען. אבער אזא מענש מיט קאפ, קען נישט ווערען פערלוירען. עפּיס א סך האבען יודען אזעלכע ווי פאן ראבין?

אקעגען א פערטיל שעה האט יאן פערבראכט ביי רב חיים'ן. דערנאך האט ער זיך געזעגנט און מיט א פארקלעמט הארץ זיך געלאזט צו זיין קארעטע, נעבען קלויסטער

אויף־מארגען פארנאכט איז צוגעפאהרען צו רב חיים'ס הויז א וואגען, און צווי לאקייען האבען אריינגעטראגען אין שטוב זעקלעך ווייץ, קארטאפעל, אויך הינער און א פאר אינדיקעס.

רב חיים האט געצאנקט ווי א ליכט. עס האבען זיך איהם אויסגעלאזט די כחות ביז ער איז געבליבען ליגען שלאף ווי א קינד, נישט קענענדיג רירען זיך פונ'ם ארט. אלע אין דעם הויזגעזינד זענען געווארען פינסטער ווי די ערד. מען האט נים געגעסען, געטרונקען, נים גערוהט, געשלאפען די גאנצע נעכט. קרובים און גוטע בעקאנטע זענען געקומען אימליבער מיט זיינע טרייסט־ווערטער, מיט זיינע רפואות. מען האט אויך אראפגעבראכט צו איהם א געוויסען דאקטאר פון דער סביבה. ער האט די קראנקהייט א נאמען געגעבען, פערשריבען רעצעפטען, גענומען פאר'ן חעג — און דאס אלטויינג האט אזויפיל געהאלפען ווי יענע אלע באבסקע מיטעל

שרעקליך איז געווען יענע נאכט, וואס אכט־טאג פאר פסח. רב חיים ליגט פערדולט מיט צוגעמאכטע אויגען. דאס מויל האלב אפען. די ליפען פארברענט, קוים וואס ער זיפעט, וואס איהם שלאגט זיך א אדער. און אין הארצען הריפעט, גלייך ווי מען זעגט. צייטענווייז פוהוט ער זיך א קרים מיט א שווערען זיפץ, ווי איהם איז שטארק נישט גוט. שרה בויגט זיך אן איבער איהם, רעדט צו איהם, נאר רעד צו דער וואנד — ער איז פערדולט, הייסט נים, וואס ארום איהם געהט פיר

שרה לאזט אראב דעם קאפ, זיצענדיג נעבען איהם, און וויינט שטילערהיט. לאה זיצט נישט ווייט איהם צוקאפענס און ווארגט זיך מיט טרעהרען, געבענדיג זיך צו־הויילען א וואך, א ציטער מיט אלע גלידער

אויף א לאנגען באנק אקעגען, ביי א טונקעל־ברענענדיג חלב'דיג ליכטיל שאקעלט זיך שלמה'לע איבער א תהילים'ל. א שטיל געפעט מיט זיינע געפיהלען, הייסע טרעהרען געהט איהם טיף ארים דעם הארץ, טראגענדיג זיך צום גנעדיגען, בארמהארציגען פאטער אין הימעל. ער

זיינט, ער בעט, טראכטענדיג אין זיך: א רחמנות, האב רחמנות, הייליגער פאטער! א, טהו א נס, אלמעכטיגער גאט, שיינק מיר און די קליינינקע קינדערלעך, וואס ליגען פערשמאכט, נעבעך, דא אין ווינקעל — א, שיינק אונז אונזער טאטען! דערפאר — זאגט ער צו גאט, בייז זיך אין הארצען — צוטאן זיין גיבאט און דינען איהם געטריי. שלמה'לע בעט, טענה'ט, און ווארפט צו-ווייליגע פונדערווייטענס א אויג אויף דעם קראנקען טאטען, האפענדיג — אט-אט טהוט גאט א נס און שיקט איהם א רפואה שלמה. ווייטער זאגט ער א קאפיטעל תהלים. ווייטער אזוי געטראכט, ווייטער אזא בליק — און א, א פרייד! די מאמע ווינקט צו לאה'ן, טאַ... נדיג דעם חולה ביי די פיס, ווינקט און מאכט צו איהר שטיל מיט ... פרעהליכער מינע:

— ער וויזט זיך שוויס!

— אום-ם-ם! מאכט שלמה'לע, צעוויפנעהמענדיג זיך מיט אלע קרעפטען, וואס האט געהייסען: א גאט, גוטער גאט!...

ס'איז שוין שפעט אין דער נאכט. א קרעהען פון העהנער, ביי שכנים ערגיץ, פערטראגט זיך אין שטוב. אויף דעם קראנקען ליגט ארויפגעווארפען א גרויסע איבערבעט. שרה דרעהט זיך ארום איהם אויף די שפיץ פינגער, דעקט איהם אלץ בעסער איין, ער זאל גוט שוויצען. לאה נעהמט די אנשלאפען געווארענע קליינע קינדער אויף דער הארטער באנק און טראגט זיי איבער אויף זייערע ערטער, הייסט שלמה'לען אויך געהן אויף זיין ארט שלאפען.

שלמה'לע איז מיד, צעבראכען פון אזויפיל פיין און יסורים אזא היבשע צייט. עס דרעהט זיך איהם דער קאפ, עס קלעבען זיך איהם די אויגען, ער געהט, טהוט זיך א ווארף אין דעם אנטאן אויף זיין געלעגער — און ווערט באלד אנשלאפען ווי א שטיין.

רב חיים איז אקעגען טאג געקומען צו די געדאנקען, זיך פלוצלים אויפגעזעצט, אנטהועענדיג זיך א כח, אנגעקוקט שארף דאס ווייב, די טאכטער, וואס זענען געשטאנען נעבען איהם, און מיט א זיפץ אויפגעהויבען די אויגען ארויף, קיום טאבענדיג מיט די ליפען: גאט, פאטער פון יתומים, דיין אלמנות!...

שרה און לאה לאזען ארויס א ביטער געוויין. רב חיים פאלט צוריק אויסציהענדיג זיך אויפ'ן בעט, טהוט א האָרכעל — און איז טויט

מענדעלי מוכר ספרים.

שלמה׳לע האט זיך געלעגט שלאפען ביי־נאכט מיט א גרינ־געטיט, פול האפנונגען, אז ער האט א געשיינקטען טאטען, און האט זיך אויפגעכאפט אין דער פריה — א יתום! דער טאטע ליגט אויף דער ערד איבערגעדעקט מיט א שווארצען שטיק געוואנד, און אין שטוב הערט זיך א קלאג! — — —

פערלאַג

וואַרשע

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

נײַנצעהנטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאַבע

בערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשע, נאָוואָליפּקי 7

1 9 2 8

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

שלמה ר׳ חיים׳ס

(צווייטעס בוך)

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשאַ

1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

אינהאַלט:

שלמה ר׳ חיימ׳ס

פון מיין ספר הזכרונות I

״ ״ ״ ״ II

״ ״ ״ ״ III

שטריכען צו מיין ביאָגראַפיע

שלמה ר' חיים'ס

(צווייטעס בוך)

אין דעם איצטיגען באַנד XIX געהט אריין דאָס צווייטע בוך דער ווייטערדיגער המשך, פון מענדעלע מוכר ספרים'ס לעצטען בוך „שלמה ר' חיים'ס", וואָס איז אַ קינסטלערישע בעשרייבונג פון מענדעלע'ס אייגענעם לעבען. דער אָנהויב פון „שלמה ר' חיים'ס", דאָס ערשטע בוך (אין 17 קאַפּיטלעך), איז אַריין אין פריהערדיגען באַנד XVIII. אין דער ביז־איצטיגער מענדעלע־אויסגאַבע האָט דאָס צווייטע בוך געטראָגען דעם נאָמען „מיין לעבען". אין דעם צווייטען בוך שילדערט מענדעלע מוכר ספרים דאָס ווייטערדיגע לעבען פון שלמה'לען. ר' חיים, שלמה'לעס פאָטער, איז געשטאָרבען, און פאַר'ן בחור'ל, דעם יתום, הויבען זיך אָן שווערע וואנדער־טעג. מיר טרעפען שלמה'לען אין שטעדטעל ט—ק, אין דער ישיבה, וואוהין עס טראָגט איהם די נויט. מענדעלע שילדערט דאָ פאַר אונז דעם בית־המדרש, די ישיבה, די ישיבה־בחורים, מיט וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו בעקענען זיך אין זיין אייגענער יוגענד. אַ בעזונדערער טרויער און אונבעהאָלפענקייט ליגט אויסגעגאָסען אויף די קאַפּיטלען. ווי זאָגט ש. י. אבראַמאָוויטש אין זיין הקדמה צו „שלמה ר' חיים'ס", אין זיין „אמר מענדעלע": „דער שרייבער זוכט, קלייבט־צו די פּאַסענדיגע ווערטער, זעצט זי, ווי פּערעל איינס צום אַנדערען מיט ישוב־הדעת, מיט דער כוונה, אַז דער גייסט און די צורה זאָלען ווי די נשמה מיט'ן גוף פּאַסען איינער צום אַנדערען, נישט־מעהר נישט ווייניגער וויפיעל מען בעדאַרף".

דאָס צווייטע בוך „שלמה ר׳ חיים׳ס״ פערמאָגט אין יודיש אַ
דייה קאַפּיטלען, וואָס מענדעלע האָט שוין נישט בעוויזען איבערצוזעצען זיי אין יודיש. דער העבּרעאישער טעקסט פון צווייטען בוך (אין העבּרעאישען הייסט עס ביי מענדעלען „בימים ההם״) ווערט פערענדיגט מיט דעם אָרט, וואו עס פערענדיגט זיך אין יודישען דער נייטער קאַפּיטעל. אַזוי־אַרום האָבען מיר מענדעלעס אויטאָביאָגראַפּיע־ערצעהלונג, אָנהויבענדיג פונ׳ם צעהנטען קאַפּיטעל, בלויז אין יודיש.

נאָך „שלמה ר״ חיים׳ס״ געהען אַריין אין דעם איצטיגען באַנד די צוויי שילדערונגען פון מענדעלע „פון מיין ספר הזכרונות״ און „פון ספר הזכרונות״ (איבערגעזעצט דורך ב. עפּעלבוים). מיר האָבען צוגעגעבען איצט די שילדערונג „פון מיין ספר הזכרונות״, וואָס איז דורך מענדעלע׳ן גופא פערקירצט און בעאַרבּעט געוואָרען און געדרוקט געווען אין „יודישע וועלט״ (פערלאַג ב. קלעצקין 1915).

צום סוף פון איצטיגען באַנד קומען אַריין מענדעלעס ביאָגראַפּישע נאָטיצען, וואָס זענען דורך מענדעלען אָבגעדרוקט אין העבּרעאישען זאַמעלבוך, אין נ. סאָקאָלאָוו׳ס „ספר הזכרון״ (ווארשא, תרמ״ט—1889) אונטערען נאָמען „רשימות לתולדותי״. די נאָטיצען זענען איבערגעזעצט אין יודיש דורך ב. עפּעלבוים.

נ. מ.

צווייטעס בוך

א.

אויף אַ גלייך פריי פעלד, אַ ניין, צעהן וויערסטליך פון ק... וואַרפט זיך אין די אויגען נאָך פון־דערווייטענס עפּיס אַ שטי־קעל ישוב, איינגאַנצען גרויס ווי אַ גענייץ. אַריינקומענדיג אַהין דערקענט מען באַלד, אַז דאָס איז אַ יודיש שטעדטיל. אַ סימן דערויף האָט מען אין דעם מאַרק מיט קלייטען, אין דעם שולהויף, וואו עס געפינט זיך אַ שולכען מיט אַ בית־מדרש׳ל און אין דער באָד להבדיל מיט אַ מקוה—דריי זאַכען אַזוינע, וואָס ווי באַלד אַ מנין יודען קלויבט זיך צונויף, וואויבען צוזאַ־מען, איז אוממעגליך צולעבען אָהן זיי ווי אַ פיש אָהן וואַסער.

ט—ץ הייסט דאָס שטעדטיל! עס זענען אין דעם דאָ עט־ליכע מנינים יודען.

און צו די עטליכע מנינים איז אין־אָנהויב זומער נאָך צו־געקומען נאָך אַ נפש — אַ בחור׳ל, אַ פרעמדער, וואָס זיצט דעם גאַנצען טאָג אין בית־המדרש און לערענט.

איז דען ט—ץ אַ מקום תורה? געפינט זיך דען דאָרט אַ ישיבה? — ניין, און נאָך אַמאָל, ניין! די יודען, וואָס געפינען

זיך דאָרט בעדאַרפען פּרנסה. קוים אָפּגעדאַווענט בלייבט דאָס בית־המדרש ליידיג. דער שולהויף אָפּגערוימט, נישטאָ קיין פוס פון אַ מענשען, גלייך ווי אויסגעשטאָרבען, דער עולם איז זיך פונאַנדער געגאַנגען, דער אַ היים, יענער אין מאַרק. איטליכער צו זיינע געשעפטען.

נישט דער תורה צליעב איז דאָס בחור'ל פון דער פרעמד אַהער געקומען — ער איז געקומען, גאַנץ פשוט, צוליעב דעם עסען, דאָס הייסט, ביי יעדען פון די שטאָדט בעלי־הבתים צו־עסען אַ באַשטימטען טאָג אין דער וואָך.

געקומען איז ער אַהער נישט מיט זיין אייגענעם ווילען, עס האָט געטריבען איהם די נויט. די מוטער זיינע, שרה, אַ אלמנה מיט קליינע קינדער, אָהן שום מיטעל צום לעבען, זי נעביך האָט זיך געמאַכט האַרץ און געשיקט דאָס ליבסטע קינד איהר'ס, דאָס עלטסטע צווישען די קליינע קינדער, אַהער אין שטעדטיל, רעכענענדיג אויף דער התקרבות פון אַ פּאָר בעקאַנטע דאָרט.

שלמה'לע הייסט דאָס בחור'ל, רב חיים'ס אַ זוהן — אָט צו־וואָס נעביך ער איז געקומען!

די ערשטע צייט נאָך רב חיים'ס טויט איז, ווי עס פיהרט זיך ביי יודען, געווען די צייט פון טרייסט, מנחם זיין, טרייס־טען, איז דאָך אַ מצוה און קאָסטען קאָסט זי קיין גראָשען, טאָ ווער־זשע זאָל נישט וועלען זי מקיים זיין? עס עפענט זיך ביי יעדען אין מויל אַ קוואַל פון טרייסט. אַפילו נישט קיין גרויס־סער בעל־דברן ווערט בערעדעוודיג. מען ווייזט־אָן אויפ'ן רבונו של עולם, פאַרזיכערענדיג אַז ער איז אַ בטוח, לי הכסף ולי הזהב, ער האָט און האָט גאָלד־און זילבער, ער איז בעגלויבט, נישקשה! אַלע ווייסען טאַקי, אַז די נחמות זענען נאָר פוסטע ווערטער, האָבען אַזאַ האַפט ווי די זיסע חניפה־ריידעליך; פונ־דעסטוועגען ווירקען זיי, מעהר אָדער ווייניגער, מען לאָזט זיך איינרעדען. ווי אַ האָניג־טייגעל צו אַ געשוויר זענען די טרייסט־ווערטער צו שרה'ס געשוואָלען האַרץ, עס עפענט זיך די וואונד און אַלסדינג, וואָס דאָרט האָט זיך אָנגעקליבען, וואָס האָט

געדריקט, געשטאָכן אַזאַ צייט, זעצט אַרויס אין בלוטיגע טרעה־רען איהר פון די אויגען. ביטערע זיפצען רייסען זיך פון דער אלמנה'ס האַרץ אַרויס און אַ שיין פון גלויבען, פון האָפנונג גנב'ט זיך אַהינצו אַריין.

טרייסטווערטער צו אבלים — דאָס זענען פאַרפאַרבטע, אין קאָלירען־שפּילענדיגע וואָלקענס ביים אָבשטאַרבען פונ'ם טאָג, וואָס איז אָבער נאָר אויף אַ ווייל'ע. באַלד טרעט אריין די נאַכט — און שטאָק־פינסטער ווערט אַרום און אַרום! שרה האָט אין אַ קורצער־צייט אַרום דערפיהלט דעם ביטערען טעם פון עלענד, פון דלות און נויט, ווי שלעכט ס'איז צו זיין איהר — אַ פערלאָזענע וויסטע אלמנה, און די קינדער — פערוואָהרלאָזטע יתומים. און אויסגעלאָשען איז אין איהר דער שיין פון האָפנונג געוואָרען!

ווי אַ פינסטערער וואָלקען ליגט דער יתום אויף שלמה'לען, ליגט אויף איהם און אין איהם איינגאַנצען. איהם איז אָבגע־שטאָרבען אי דער פאָטער, אי די וועלט מיט איהם אינאיינעם. איינגאַנצען די נאַטור, מיט איהר ערד און הימעל, מיט פעלדער און וועלדער, מיט זון, לבנה און שטערען — איז פאַר איהם טויט. עס רעדט נישט צום האַרצען, עס שמייכעלט נישט, עס קינצעלט נישט, עס ציהט צו זיך נישט, וועקט נישט קיין געפיהלען, גאָר נישט דאָס, וואָס פריהער. ס'איז נאָר עפּיס אַ גולם, פאַרביגע בעקעליך, בלויע אייגעליך — אַ גוף אָהן אַ נשמה.

שאָקלענדיג זיך איבער דער גמרא מיט אַ שטיל־אומעטיגען ניגון'דיל, פערברייננגט שלמה'לי אַליין די צייט אין דעם ליי־דיגען בית־המדרש. אַז עס ווערט איהם נמאס צו שאָקלען זיך זיצט ער דאָרט אויף דער באַנק פערגליווערט, אויסשטעלענדיג אַ פּאָר אויגען, קיין ריהר זיך נישט צוטהון. אָדער ער געהט אַרויס אויפ'ן שולהויף, וואו חוץ איהם איז נישטאָ קיינער, שטעהט, געניצט, קוקט פערגליווערט אין איין זייט, נישט צו־וויסען וואָס און וואו ער איז. אַ פערשייטע פליג, אַ זלידנע קומט זשושענדיג, שטעלט זיך איהם אויפ'ן שפּיץ נאָז — און עס זאָל דאָס איהם אַרען! אַ גאַנער מיט זיין פעקיל קליינוואַרג

טהוט זיך אַ ווייז אויפ׳ן שולהויף, שטרעקט אויס, באַלד ביים אַריינגאַנג, דאָס העלזעל, גאַגאַטשעט אָב אַ „מה־טובו״ בלשון ונוסח געגזעגש — און עס זאָל דאָס איהם אָנגעהען! בהמות, ציגען, געהן, לויפען שוין פון פעלד, אויפהייבענדיג זיילען שטויב, דאָס קול פונ׳ם בוהאַי לאָזט זיך הערען פון איין עק שטעדטיל ביז דעם אַנדערען, אויך דער קהלשער באָק לויפט אין זיין רוה אַריין, גלייך צו דער ווייבערשער שוהל — און ער זאָל זיך עס כאָטש אַ ריהר טהון! ער שטעהט, שטעהט ביז דער שמש קומט־אָן, גיסט אַריין וואַסער אין האַנדפאַס, הענגט־אויף דעם אויס־געטריקענטען, דעם גאַנצען עולם׳ס איינציגען האַנטוך און דער־מאָהנט איהם, אַ ציה־געבענדיג איהם פון הינטען ביי׳ם אַרבעל, אַז באַלד וועט דער עולם זיך פאַרקלויבען צו מנחה.

דאַוונען—דאָס איז געוועזן אַ ליכדיגער שטראַהל, וואָס האָט, דורכשלאָגענדיג זיך דורך די וואָלקענס מרה־שחורה, אַ שיין גע־טהון אין זיין פאַרפינסטערטער, פאַר׳יתום׳טער נשמה. פון ט—ץ האָט ער ניט געשעפט קיין תורה, דערפאַר אָבער איז איהם דאָרט אַריין אין טעם דאָס דאַוונען... דאָס איז געוועזן אַ חסידיש דאַוונען, מיט אַ ברען, דאָ, אין ט—ץ, האָט ער דאָס ערשטע מאָל געזעהן חסידים, פון וועלכע אין ק... איז קיין זכר נישטאָ, און איבער וועלכע עס געהען דאָרט אַרום מימרות, מיאוסע מעשיות, פון פאַרביסענע מתנגדים ווי איבער פושעי־ישראל, ווילדע ברואים, מיני בהמות, דער בעל־הבית, ביי וועלכע ער האָט געגעלטיגט און געגעסען שבת, דעם טאַטענס, עליו השלום, אַ גוטער פריינד, איז אַ חסיד און דאָך אַ יוד, און נאָך אַ הייסער יוד, אַ פיינער מענש־אַ יוד! שלמה׳לע האָט געדאַווענט וואו דער בעל־הבית, אין אַ חסידיש שטיבעל, און די גאַנצע הנהגה דאָרט אי דאָס דאַוונען איז איהם געוועזן צום האַרצען, דאָס שטעדטיל ט—ץ האָט זיך פאַרדינט ביי שלמה׳לען דערמיט, וואָס ס׳האָט דעם ערשטען שטויס געגעבען דעם שכל זיינעם אין דעם ענין פונ׳ם בעטראַכטען דאָס יודישקייט, וואָס איז שפּעטער מיט דער צייט זיך געגאַנגען ביי איהם אַלץ ווייטער, ווייטער, ט—ץ איז געוועזן פאַר שלמה׳לען אַ נייע ענטדעקונג, ווי אַ ענדעקטע אינזעל,

אַ שטייגער, אין ים איקינוס. חסידים זענען טאַקי אויך יודען! אָבער דאָך איז דאָ אַ הילוק צווישען זיי און מתנגדים, צווישען וועלכע ער איז אויפגעוואַקסען ביז אַ הער אין זיין שטעדטיל, אין אַ מתנגיד שטעקט אַ פאַרפרוירענע נשמה, ביי איהם איז גאָר קאָפ, האַרץ — אייז־קאַלט. זיין לערנען, זיין דאַוונען אין גאָר כּכתוב, ווייל אַזוי שטעהט געשריבען. ער איז ווי אַ ערליכער בעל־חוב, וואָס צאָהלט פינקטליך אויף אַ וועקסעל. על פּי דין בעדאַרף מען דאָס—גו, טהו איך מיין שולדיגקייט און פּטור. זיין גאָט איז אַ בייזער, ווי באַלד עפּיס ניט אַזוי, געפיגט ער זיך בעליידיגט, ווערד ברוגז, שטאַרק אָנגעצונדען און בעשטראָפט. דאָ, אויף דער וועלט, איז דער מתנגיד אַ קאַלטער, דערפאַר דאָרט אַ גיהנם האָט ער פלאַם־פייער, מלאכי־חבלה אָהן אַ צאָהל. מען ברענט, מען פייניקט, מען טהוט־אָן כּל־המיני יסורים אַ שרעק! אַקעגען־זשע דער חסיד, ווי שלמה׳לע האָט עס געזעהן אַ צינד דאָ, איז הייס. דער עיקר איז ביי איהם אין עבודת־הבורא — שמחה: ישמח ישראל בעושיו — אַ יוד בעדאַרף זיך פרעהען מיט זיין באַשעפער, מיט אַזאַ גאָט, מיט אַזאַ גוטען, דערבאַרעמדיגען פאָטער ווי ער איז. „בשעת דאַוונען טאָר מען קיין שום דאַגה נישט האָבען, אַפילו די דאַגה פאַר די עבירות, וואָס מען איז בעגאַנגען, אויך נישט״. אָט אַזוי זאָגט דער אר״י הקדוש. דאָ, אין שטיבעל, דאַווענט זיך מיט חשק, עס געהט אַרויס אַ „הודו״, אַ „כּגוונא״ אַ „ידיד נפש״ קנאַקענדיג, הויך לעבעדיג.

ידיד נפש אב הרחמן:

ליבהאַרציגער, דערבאַרמיגער פאָטער דו מיין!
נייג מיך, דיין קנעכט, צוטהון דעם ווילען דיין.
פאַר דיר אין מקום קדוש קניען, זאָל געשווינד
דיין קנעכט אַהין פלינק לויפען ווי אַ אינד.
זיין זיס זאָל איהם דיין ליבשאַפט מעהר אַ סך
פון האָניג און פון איטליכער געשמאַקער זאַך.
אָ, וועלט־בעשיינער, שענהייטסקוואַל אין איהר!
מיין זעל געהט אויס פאַר ליבשאַפט, לעכצט צו דיר.
אָ, גאָטעניו, אָ, הייל

איין לעבּעדיגע זעל!
דיין מילדען בליק איהר ווייזען וועסטו נאָר,
געזונד און שטאַרק און גליקליך ווערד זי גאָר.
באַרמהאַרציגער! אָ, שפּרודלען זאָל געלינד
ס׳רחמנות דיינס אויף דיין געליבט וואויל קינד.
פון לאַנג שוין טאַקי לעבּעט מיין זעל און שמאַכט
צוזעהן דערלעבען דיין גרויס־הערליכע מאַכט.
אָט דאָס איז טיעף פון האַרצען מיין בעגער,
דערבאַרם זיך זשע און נישט פערבאָרג זיך מעהר.
ענטפּלעק זיך, אָ, און שפּרייט, מיין ליבער
דיין פרידען, ווי אַ ביידעל אויף מיר אַריבער!
די וועלט די גאַנצע אומעטום,
וועט ליכטיג ווערען פון דיין רוהם.
און אַלע מיר דאָ וועלען
פון דיר גאָר אָנקוועלען.
טאָ גיכער־זשע דיין גנאָד! געקומען שוין די צייט,
פון אונז ווי פריהער מאַכען לייט.

דאָס דאַוונען אָבער — אָט דער ליכטיגער שטראַהל, האָט אַ שיין געטהון אין שלמה׳לעס נשמה נאָר אויף אַ ווילע, אַזוי שטאַרק בעטריבט איז זי געווען. די איבעריגע צייט איז שלמה׳לע געווען דערשלאָגען, תמ׳עוואַטע, פערשלאָפען, עפּיס נאָר טאַקי אַ גולם.

ס׳איז אָבער געווען צייטען, ווען שלמה׳לעס האַרץ איז געווען וואַך, אַ הייסער שטראָם פלעגט איהם דורכלויפען איבער דעם לייב און עס האָט איהם געפלאַמט דאָס פּנים. אַ פעטע רויטע באַק מיט אַ פערמאַכט בלינד אויג האָט זיך איהם גערטאַכט טראָגט זיך, שוועבענדיג אין דער לופט צו איהם אַקעגען. די דאָזיגע מיט דעם אויג האָבען געקעהרט דער טאָכטער פונ׳ם בעל־הבית, וואו ער פלעגט נעכטיגען — אַ געזונדע, אַ דיקע, אַ בעלייבטע, ברייטביינערדיגע בתולה. שלמה׳לען וואָלט די בתולת, ווי זי איז אינגאַנצען, לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. מילא איז זי אויף איין אויג אַ בלינדע, וואָס מאַכט עס אויס? די צרה איז

אָבער אָט וואָס — מען וויל, ווי ער האָט זיך דערוואוסט, זי זאָל
זיין פאַר איהם אַ כלה, און דאָס האָט איהם שוין טאַקי גוט
געאַרט. עס פלעגט זיך איהם פאָרשטעלען איהר געשטאַלט, און
פאַר גרויס פערדראָס איהם צעקאָכען — געה, האָב נאָך אַלע זאַ־
כען גאָר חתונה פאַר צרות! און נאָך מיט ווען? מיט אַ בלינ־
דער מויד! עפּיס נאָר ווי אויף צו להכעיס פלעגט איהם קו־
מען דענסטמאָל אויפ׳ן געדאַנק פראַדיל, די שענע, ליבע
פראַדיל. אַ פערגלייך אַביסעל צוזאַ היגרת און פראַדיל!... מעשה־
שטן פלעגט זיך איהם צעשפּיעלען די געבליטען און דאָס בלוט
איז איהם אַריין אין פנים.

ס׳איז אויך צייטענווייז אָנגעפאַלען אויף שלמה׳לען אַ ביינ־
קעניש נאָך דער היים, נאָך דעם שטעדטיל, נאָך אַלסדינג, וואָס
אַ מאָל דאָרט אין די גוטע יאָהרען. ער זיצט איבער דער גמרא
איינער אַליין אין בית־המדרש, ער בייַנקט, איז פערטיפט אינ־
ווענינ אין זיך און פערטראַכט. דאָס גאַנצע שטעדטיל ק... מיט
די הייזער, מיט די מענשין דאָרט און מיט דער גאַנצער נאַטור
אַרום און אַרום קריכען אַרויס ווי טויטע פון די קברים און
קומען איינע נאָך די אַנדערע צו איהם אין חלום. עס קומט די
„קוזניע” מיט אַ הידען, אַ בלאָזען און מיט זיילען פייער. עס
קומט אַ אויסמישעניש — מענשען בעקאַנטע, עופות און בהמות,
טראָחים דער פויער, די אינדיצקע, די קוואַצקע מיט הינדעלעך
אויך אינמיטען. עס קומען זאַנגען ווייץ און קאָרען, זיי שושקען
זיך און טראָגען איהם אונטער, בוקענדיג זיך מיט די קעפּליך,
זיסע פעלד ריחות. עס קומען האָפּערדיג דער אַלטער, בעיאַהר־
טער וואַלד, בעגלייט פון אַ קאַפּעליע שפּיל־פויגעליך, און איז
איהם מכבד מיט רויטע און שוואַרצע יאַגעדעס. אויך די זון,
די גרויסע פרינצעסען, ווינקט צו איהם ליבליך אַראָב פונ׳ם
בלויען הימעל, אונטערוואַרמענדיג, איינגעבענדיג איהם עפּיס
אַ חשק און ציהעט און ציהעט איהם, ציהעט ערגיץ צאַהין, אין
די שענע ערטער — אויף בערג און טהאָלען.

און בשעת אַזאַ בייַנקעניש, טהוט זיך שלמה׳לע מיט אַ מאָל
אַ כאַפּ־אויף, לויפט צעקאַכט אַרויס פונ׳ם בית־המדרש און לאָזט

זיך געהן געשווינד מיט דעם וועג אַ היים. נאָר אינמי־טען וועג קומט איהם אַרויף אויפ'ן געדאַנק די צרות אין דער היים. די מאַמע נעביך דאַרבט, אַרבייט איבער די קרעפּטען ווי ס'איז אַרויסצובריינגען דאָס טרוקען שטיקעל ברויט. די קינדער־ליך דאַרען־קוואַרען, קומען נעביך אָב. די ווירקליכקייט איז גובר, די פאַנטאַזיע זיינע נעהמט אָב ביי איהם דעם קוראַזש. ער שטעלט זיך פלוצים אָב, בעוואַשט זיך מיט טרעהרען און קעהרט זיך אום פאַמעליכען, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, צוריק אין בית־המדרש אַריין.

נאָר איינמאָל, סליחות צייט, איז דאָס בייגקעניש זיינס געווען גרויס אַ שרעק, און די פאַנטאַזיע האָט זיך איהם צו־שפּילט. עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט די דאָזיגע צייט מיט די אַלע ימים־טובים און דעם גאַנצען טהועכטס דענסטמאָל, ווי דער שטייגער איז תּמיד געווען אין דער היים. עס האָט איהם זיך פאָרגעשטעלט די ימים־נוראים טעג מיט ישובניקעס, וואָס פאָהרען אַריין אין שטאָדט און מיט דעם גאַנצען טאַראַראַמען זיך דענסטמאָל; דער פרעהליכער יום־טוב, סכּות, דאָס מאַכען און דאָס זיצען אין סוכּה; אויך די שמחת־בית־השואבה־נעכט אין בית המדרש אין קלויז, ווי מען איז מכבּד מיט אַ פּסוק פון אתּה־הראית, פון שיר־המעלות, און נאָך איטליכען שיר־המעלות זינגען און טאַנצען גרויס און קליין, אַלע אינאיינעם. מען איז זיך מתּיר אַפילו נעהמען דענסטמאָל אין מקום קדוש אַ קאַפּעלע משקה. היינט די הקפות מיט תּורות און פאָהנען אַרום בּימה. די עליות און לעקיך איטליכען — שמחת־תּורה. פאָרשטעלענדיג זיך דאָס אַלסדינג האָט ער זיך שטאַרק פערבייגקט, ווי קיינמאָל נישט אַזוי, און פאַר גרויס בייגקעניש איז ער אַ צעקאָכטער אַרויסגעשפּרונגען פון בית־המדרש, וואו עס האָט געהערשט אַ אומעטיגע שטילקייט ווי אין אַ לעדיג נישט בעוואוינט הויז, און די פיס זענען ווי פון זיך אַליין געלאָפען מיט אימפּעט אויפ'ן וועג, וואָס פיהרט אַ היים. די פאַנטאַזיע זיינע האָט אַצינד גובר געווען די ווירקליכקייט, זי האָט איהם אויף איהרע אָדלער־פליגעל געטראָגען און געבראַכט אין הויז אַריין, צו רער מאַמען,

פערשוויצט, פערסאפּעט, איין אָטהעם.

די מאַמע מיט דעם קינד האָבען ביים בעגעגעניש זיך אָנ־געקוקט און בעוואַשען זיך מיט טרעהרען. דאָס זענען געוועזען בי־טערע טרעהרען, וואָס אַ נויטבעדערפטיגע אָרעמע אלמנה און אַ הייס־געליבט, פערוואָגעלט קינד פערגיסען ביידע ביים צוריק־קעהרען זיינעם שוואַך, מיד, הונגעריג פונ׳ם פערוואָגלעניש, אָנ־קומענדיג צו איהר הילף, זי די מאַמע, וויינט — אָך און וועה איז דער מוטער, וואָס קען נישט האַלטען ביי איהר טיש איהר קינד, און דאָס קינד וויינט — אָך און וועה איז דעם קינד, וואָס קומט אויסרייסען דעם לעצטען ביסען ביי דער אָרמער מוטער!

בעהיט זאָל מען ווערען, רבונו של עולם, פון אַזאַ עלענד, וואָס שלמה'לע האָט דערפיהלט ביים צוריקקומען אַ היים, צו זיך אין שטעדטיל. עלענד איז דאָך בכלל אַ ביטערע זאַך, נאָר עלענד צו עלענד איז נישט גלייך. ס'איז דאָ אַ עלענדער צושטאַנד, וואָס גלאַט ער אַליין פאַר זיך גענומען, גאָר אָהן שום פערגלייך מיט דעם וואָס פריהער, איז גענוג ביטער. אָך און וועה איז נעביך דעם שלימזלדיגען, וואָס האָט קיינמאָל אין זיין לעבען קיין גוטע שעה נישט געהאַט; וואָס איז פון כל-ימיו עלענד ווי אַ שטיין, פרעמד אין דער וועלט. נאָר פון פרעמדקייט צו פאַרפרעמדקייט איז אַ גרויסער חילוק. חוץ דעם ביטערען טעם וואָס פרעמד-זיין האָט אין זיך, האָט דאָס פרעמד-ווערען נאָך אַ שאַרפערען טעם דערצו — אַ ביטערקייט אַ שרעקליכע, וואָס פאַרשאַרפט זיך אַלץ מעהר און דורך פאַרגלייכונג די שלעכטע אומשטענדען אינ'ם עלענד מיט די גוטע, וואָס אַמאָל, אין יענע גליקליכע יאָהרען. און אָט פון אַזאַ מין עלענדקייט איז שלמה'לעס געווען! איט-ליכע זאַך, איטליך בעגעגעניש האָט איהם דערמאָהנט אין דאָס וואָס פריהער. און אין פערגלייך דערמיט, וואָס אַציגד האָט איהם פערפינסטערט, פערביטערט דאָס לעבען.

אפילו גאָר אין גוטע אומשטענדען מאַכט זיך זעהר אָפט מיט מענשען, וואָס פערבייגעהענדיג, פאַר אַזאַ אָרט, וואו ער האָט אַמאָל געוואוינט, פערבראַכט די יאָהרען צווישען בעקאַנטע, אינאיינעם מיט די זייניגע, און דערזעהענדיג פאַר זיך דאָרט אַ גאַנצע פערענדערונג, עפּיס אַזוי אַז ער און אַלסדינג דאָרט קו-מען אויס איינע די אַנדערע ווילד-פרעמד — גיט עס איהם אַ ציפּ ביי דער נשמה, בעפאַלט עס איהם אַ מרה-שחורה און עס בלייבט ביי איהם, אויף ווייטער אויסצעווייכען יענעם אָרט. אָט אַזעלכער קען כאָטש אַביסעל זיך פאַרזעצען אין שלמה׳לעס לאַגע, כאָטש אַביסעל פיהלען שלמה׳לעס האַרץ.

די פאַנטאַזיע שלמה׳לעס, וואָס האָט איהם געטראָגען פונ׳ם שטעדטיל ט—ץ, וואו ער האָט אַזוי שטאַרק גענבייגקט אַ היים — איז באַלד ביי זיין קומען אַהינצו פערשווינדען געוואָרען ווי אַ רויך און עס האָט פאַר איהם זיך ענטפּלעקט די ביטערע ווירקליכקייט אין איהר שרעקליכער מאַכט. דאָס הויז, וואו עס האָט אַמאָל איהם זיך גוט געלעבט, האָט אויסגעזעהן פערוואָהרלאָזט, וויסט, דאָרט, וואו עס האָט ביים פאָטער׳ס לעבען געקאָכט, גערוישט פון מענשען; וואו עס פלעגט פאָרקומען פערזאַמלונגען, אַסיפות וועגען שטאָט-זאַכען; וואו אַ שבת, אַ יום-טוב האָט געלויכטען, גרזינגען אין איטליכס ווינקעלע! וואו עס האָט זיך געהערט דברי-תורה, געטליך-יודישע, האַרצריהרענדיגע זמירות — איז היינט שטיל, אומעטיג ווי אויף אַ בית-עולם. עס טרויערען די ווענד, עס וויינט איטליכס ווינקעלע, פעריתום׳ט איז דעם טאַטענס צימער, אַלסדינג דאָרט זעהט אויס עלענד. מען זעהט נישט קיין פוס פון פריהערדיגע איינגעהער, בעקאַנטע, גוטע פריינד, גוט-יום-טוב ביטער זענען ווי אויסגעטריקענט געוואָרען. עס זיפצט די מוטער, די אלמנה, עס דאַרבען די קליינע קינדער, יתומים׳ליך, און צוזייעט, צושפּרייטעט זענען די עלטערע, אויסגעגעבענע קינדער.

און אָט דאָס הויז, דאָס איינציגע שטיקעל ירושה, דאָס איינציגע אָנהאַלטעניש פון די יתומים, נעביך, איז אויך נישט זיכער געוועזען עס זאָל בלייבען זייערס — ס׳איז געשטאַנען פער-קויפט צו ווערען עפּענטליך פאַר׳ן פאָטערס חוב. ער, עליו-השלום,

האָט אין אַ שלעכטער צייט, נישט היינט געדאַכט, זיך געשטעלט, אויפגעהערט צאָהלען ראַטעס פאַר דער טאַקסע פון פלייש, וואָס ער האָט געהאַלטען. בייזע מיילער, וואָס פאַר רב חיים׳ס לעבען האָבען זיי געשטומט, געהאַט דרך-ארץ, זענען מיאוס אָנגעפאַלען אויף איהם דערפאַר נאָך זיין טויט. ווי דער שטייגער איז פון קליינע מענשליך, קאָכלעפעלעך אומעטום. וואָס קניען, בויגען זיך פאַר דעם שטאַרקערען, קריכען פאַר איהם ווי אַ וואָרם, לויבען, זינגען איהם מה-יפית כל-זמן ער איז דאָ, כל-זמן זיי פיהלען זיין מאַכט, און שטעלען זיך-אויף, פערדרייסען דעם קאָפּ, עפענען אַ מויל און בילען אַז ער ווערט אויס, שוין מעהר נישטאָ;

מען ווייסט, אמת, די נאַטור פון בילער. קיין סכנות אינ׳ם איז נישטאָ. דאָך וואָלט נישט געשאַדט ווייזען זיי אַ שטעקען — אַ זאָס! דאָס בילען גרילצט אין די אויערען, רייצט די נער־ווען. טפו!

אַ ראש־השנה, נאָך וועלכען עס האָט שלמה׳לען פונדערווייטענס זיך אַזוי שטאַרק געבעינקט, פאַרשטעלענדיג זיך ווי צו־ווען ער איז אַ מאָל — האָט שלמה׳לע אין דער היים געהאַט גע־ביך אַ פערשטערטען. געווענטליך האָט דענסטמאָל אין דער היים זיך געקאָכט, אויף געוועזן דאָס גאַנצע הויז. חנא מליניצער, דער פון דער מיהל, פלעגט אויף אכסניא ימים-נוראים קומען פונ׳ם ישוב מיט דעם הויזגעזונד, גרויס און קליין, אָנגעזעצט אין אַ היבשען וואָגען מיט די בעבעכעס, מיט זעק קאַרטאָפּעל, זעקליך גרויסע רויטע מעהרען אויף צימעס און מיט פריש־צאַפּלדיגע העכט, פונ׳ם טייך, פאַר זיך פאַר רב חיים׳ס גע־זונד. די אַלטע שקאַפּע, די זקנה, פלעגט זיך מטריח זיין שלע־פּען אָט דעם בייכיגען, פול אָנגעשטאָפּטען וואָגען, אָבשטעלענדיג זיך צו-ווײלען אויפ׳ן וועג, אין אַריינגעפאָהרען אין שטאָדט איז זי האָפּענדיג, בגראַנדע. זי הייבט פיסליך, העצקעט זיך, לויפט, און צוציק, דער הונד, יאָגט זיך, פערדרייסענדיג דעם ווידעל, איהר פאָראויס מיט דער בשורה: מען פאָהרט, מען פאָהרט, מיר זענען שוין דאָ! אַזוי איז געווען אַמאָל, דאָס יאָהר אָבער איז חנא מליניצער אויף אכסניא נישט געקומען. אַ ברודער זיינער

האָט פונ׳ם ישוב זיך בעזעצט אין שטאָדט, אין אַ אייגען הויז, איז ער ביים ברודער איינגעשטאַנען.

שטאַרק האָט זיך געלאָזט פיהלען חנא-מליניצערס נישט קומען מיט דעם גאַנצען פעקיל זיינעם, אומעטיג, פערלאָזען האָט זיך געפיהלט איטליכער אין שטוב אָהן דעם טאַראַראַם פון די אָנגעפּאָחרענע ישובניקעס ערב-ראש-השנה. קיין לעבעדיג בעשע-פעניש, אַ הונד אַפילו, האָט מען דעם טאָג אין די אויגען נישט געזעהן. נאָר אויף הונד אָבער איז קיין קשיא נישט: ס׳איז גאַנץ נאַטירליך. שטאָדט הונד האָבען, כדרך-הטבע, אַ שאַרפען חוש-הריח, שמעקען-אָן וואו עס קאָכט זיך, וואו מען קען טהאָן אַ לעק, כאַפּען אַ מנה-יפה, היינט צו-וואָס זאָלען זיי זיך יאָגען צו שרה די אלמנה׳ס הויז, אַז נישט מען פּרעגעלט, נישט מען בראָט, נישט מען קאָכט דאָרט קיין יום-טוב פיש? אומזיסט ריהרט זיך נישט קיין שטאָדט הונד פונ׳ם אָרט, אַזוי איז שוין זיין נאַטור. ער ווייסט וואו איין וואו אויס, וואו אַ ביל, וואו אַ שווייגט, און פאַר זיין „לא-יחרץ״ בעקומען צום אָבלעקען אַ ביין.

שלמה׳לע זוכט אויס דעם אַלטען מחזור, אין וועלכען דער פאָטער, עליו-השלום, האָט יאָהרענלאַנג געדאַוועֿנט און ביי געוויסע תפלות דאָרט פערגאָסען הייסע טרעהרען, פון וועלכע עס זענען געבליבען עד היום געלע פלעקען. ווי פון אַ גראַמעפאָן, היינטיגע צייטען, האָט פון די דאָזיגע פלעקען אַרויסגעשריגען שלמה׳לען אין די אויערען דעם טאַטענס וויינענדיג קול טיעף פונ׳ם האַרצען, בעזאָנדערס פון יענע וואָס אין „שמע קולנו״, עס הערט זיך איהם דעם פאָטער׳ס געוויין, אויפהויבענדיג די הענד מיט אַ געבעט צום אויבערשטען, ביי די ווערטער דאָרט: „אל תשליכנו מלפניך, זאָלסט נישט אָבוואַרפען אונז פון דיר, רבונו של עולם, ורוח קדשך אל תקח ממנו, און דיין הייליגען גייסט נישט אַוועק-נעהמען פון אונז״! און אָט דערביי טאַקי נאָך איינער, אַ גרע-סערער פלעק — ווידער אַ געשריי, אַ ביטער געוויין: „אל תשליכנו לעת זקנה, זאָלסט נישט אַוועקוואַרפען אונז, אָ גאָטעניו, אין די עלטערע יאָהרען, ככלות כחנו אל תעזבנו, ביים אויסגעהן אונ-זערע כחות זאָלסט-דו אונז נישט פערלאָזען״! שלמה׳לע איז

צעקאָכט. עס קלינגט איהם די אויערען, עס ריהרט איהם-אויף דעם מוח. ער פערמאַכט דעם מחזור, לייגט איהם אַרונטער אונטערען אָרעם, און וואַרפענדיג אַ בליק אויף דער מאַסע, וואָס פערשטעלט מיט ביידע הענד דאָס פנים חליפענדיג געבענטשט ליכט, זיך געלאָזט געהן אין שוהל אַריין.

שלמה׳לע געהט אַרויף אין בית-המדרש גלייך אויבענאָן, און ווי נאָר ער זעצט זיך אויפ׳ן פאָטער׳ס שטאָדט קומט אונטער איינער, אַ פעמפיק, און טרייבט איהם אַראָב. ריק זיך, בחור — זאָגט ער — ריק זיך, זיי מוחל, ווייטער, די שטאָדט איז מיינע, איך האָב זי געקויפט. שלמה׳לע בלייבט אַ ווײַלע שטעהן פערמישט ווי אַ דונער האָט איהם געטראָפען, און קומענדיג דערנאָך אַביסעל צו זיך זעהט ער ווי דער גראָבער יונג, וואָס איז נישט וועהרט דעם טאַטענס נאָגעל, זיצט מיט גדלות אויף זיין שטאָדט, קוקט בייז, בלאָזענדיג פון זיך אַ שרעק. די בנים זיינע רינגלען אַרום דעם שטענדער, שטופען זיך, דרייגגען מיט הענד און פיס און לאָזען איהם, שלמה׳לען, נישט איינשטעהן נעבען זיי אויף אַ שטיקעל אָרט. שלמה׳לע ווייסט נישט וואו זיך הינצוטוהן, פאַר חרפה, פאַר בושה, וואַרפט זיך דאָס בלוט אין פנים אַריין. ער וואָגעלט זיך נעביך ווי אַ בלינדער שלעפער אַרום, אַהער-אַהין, כאַפט פון אַלע זייטען בייזע גרויסע קוקען, ווי עפיס אויף אַ אַנשיקעניש, און ווערט לסוף פערוואָגעלט אונטער דער בימה, הערט אַראָב, ביי דער טהיר.

געקומען איז שלמה׳לע פון שוהל אומעטיג, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפ. דער גוט-יום-טוב זיינער איז אויסגעקומען עפיס תשעה-באָב׳דיג, שטיל אויף אַ פערדומפען קול. דער מאַמעס האַרץ האָט געפיהלט דעם טעם פונ׳ם קינד׳ס ביטער געמיטה, גוט פערשטאַנען וואָס זיין צעטראָגענקייט בעדייט, ווי פינסטער און ביטער איהם נעביך האָט געמוזט זיין זעהן אַ פרעמדען, אויפ׳ן טאַטענס שטאָדט, פערוואָגעלט צו ווערען פון אַזאַ הייליג, ליב אָרט, און צושפּאַרען זיך ערגעץ נעבען וועמען ס׳איז ווי אַנ׳איינגעבעטענער. יאָ, הייליג איז פאַר קינדער אַ פאָטער׳ס שטאָדט, דאָס אָרט, וואו עס האָבען געדאַוועט די עלטערען, פון וואַנען עס האָט

זיך געטראָגען זייער געבעט, האַרץ און זעעל צו גאָט ברוך-הוא אין הימעל אַ צייט מיט יאָהרען. וואָס אָבער האָט זי, וויסטע אַלמנה, געקאָנט טהון, אַז די נויט האָט זי געצווינגען פערקויפען די שטאָדט פאַר רחמנות אויף איהרע קינדערלעך, זיי זאָלען נישט אַזוי דאַרען, כאָטש האָבען אַ חיי-שעה. שלמה׳לע פון זיין זייט האָט אויך געפיהלט דער מאָמעס האַרץ, פערשטאַנען אַז דאָס האָט זי פערקויפט פאַר נויט. נויט ברעכט אייזען. און ווי ער האָט זיך געמאַטערט גובר זיין די מרה-שחורה, בעווייזען אַ פרעהליכע מינע, נישט צופערשטערען אין שטוב דעם יום-טוב, האָט נישט געהאָלפען. פערקעהרט, ס׳איז אויסקומען נאָך ערגער — אַ פריקרע לאַקריץ-זיסע מיט עסיג-זיסע צורה, אַ ראַנגלען זיך פון אַ זון שטראַהל ווינטערצייט דורכצושלאָגען זיך פון צווישען מיתה-משונה קאָלירענדיגע וואָלקענס אויף אַ גרוי-פערכמאַרעטען הימעל:

אין געזעלשאַפט פון בעקאַנטע, פון פריהערדיגע חברים האָט שלמה׳לע זיך געפיהלט נישט פריי, גאָר נישט דאָס, וואָס אַ מאָל. זייער פערהאַלטען זיך צו איהם איז געווען עפּיס משונה — אַזוי וויי־ניגסטענס האָט זיך איהם געדאַכט — עפּיס נישט דאָס, נישט יענץ, נישט קיין דערווייטערונג און נישט קיין צוגעלאָזענקייט פונ׳ם גאַנצען האַרצען. זיי האָבען אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ „נעבעכעל“, עפּיס ווי געזאָגט: אַ רחמנות נעבעך! אַ יתום! אַ יתום טאָר נישט... און דאָס האָט שלמה׳לע נישט געקענט איבער-טראָגען. אין דער פרעמד וואָלט עס איהם נישט אויסגעמאַכט, אָבער אין דער היים, צווישען אייגענע, האָט עס איהם שטאַרק בעליידיגט. ער איז דאָך פון דער נאַטור זייגער געווען שטאָלץ, ביי זיך אַ מיוחס. פון דער געפאַלענער „לאַגע“ איז „ער אַליין“ ביי זיך נישט אַראָבגעפאַלען. אַדרבה, ווייל די לאַגע זיינע איז געפאַלען איז זיין אייגענער ווערטה אין איהם, זיין שטאָלץ ביי איהם נאָך מעהר געשטיגען. אַזוי געהט עס שוין אין דער וועלט — מיוחסים אָבגעקומענע, וואָס זענען פון דער פינקציע אַראָב, פער-רייסען די נאָז נאָך שטאַרקער אַרויף.

אונהיימליך איז שלמה׳לען די היים, נישט צום האַרצען איז איהם דאָס שטעדטיל, אַלץ-מיט-אַנ׳אַנדער דאָרט, און ער

פערברייננט שעה'ן-לאַנג אָבגעזונדערט, איינער אַליין, אויפ'ן פרייען פעלד, אין אַלע ערטער, וואו ער פלעגט שפּאַצירען אַמאָל, דאָס וועטער איז גראָד געווען אַ שענעס, אַ בלויער, לויטערער הימעל, ווי עס גיט זיך אויף אַמאָל אין די וואַרעמע, געשענקטע טעג סוף זומער. ערטערווייז שטעהט נאָך פערברוינטע צייטיגע רעשקע, בעטענדיג זיך אין שייער אַריין. שטיקלעך אַרומגעכאַפּטע פון קלעטערענדיגע אויף זיי פּאַסאַליעס; קריביסען גרויסע. שווערע, צווישען זייערע ווייט פערקריכענדיגע ברייטע, שאַרסקע בלעטער; גרין-געלע אוגערקעס, קאַרטאָפלעס, קרויט האַלטען זיך נאָך אין גערטנער. זשמוטעס ביס קוקען אַרויס, ווינקען פון זייערע גע-שמיידיגע, צווייג-האַפּטיגע בוימלעך, צונויפגעפלאָכטענע אין גע-דיכטע וועדליך. בהמות, ציגען, צושפּרייט אין קליינע און גרויסע מחנות, פּיטערען זיך אויף העט-ווייט זיך ציהענדיגע, אָבגעשני-טענע פעלדער, און פערד, אויף די פאָדערשטע פיס געפענטעטע, פּיטערען זיך, אונטערשפּרינגענדיג, הירזענדיג, אויף די לאָנקעס. ערגיץ-וואו פון אַ צווייגעל לאָזט זיך הערען אויף אַ קול'כען דער דיזיג, און דער שטיגליץ מיט אַ קאָמפּאַניע משרתים צולאָזען זיך ערגיץ אויך אויף די העלזלעך אין זיסען שטייגער. עס שפּילט, עס לעבט — און אין דער לופט טראָגט זיך עפּיס אַ אומעט, עפּיס אַ פערטראַכטיגקייט, צוגעבענדיג דער נאַטור אַ בעזונדער מין חן, אַ ליבליכע, ביי דער נשמה ציהענדיגע שענקייט. דאָס איז דער געטליך-בעצויבערענדער, ערנסט-שענער, ביים האַרץ-אָנגענעהמענ-דיגער אומעט, וואָס ליעגט אינ'ם אויסגעשפּרייטען שאָטען ווי אַ גאַזענער שלייער אויפ'ן סאַמעט-גרינעם גראָז אין פעלד זומער פאַרנאַכט, ביים אָבשטאַרבען פונ'ם טאָג. דאָס איז דער גוטער, דערבאַרמדיגער אומעט, וואָס טרייסט, רעדט צום האַרץ פונ'ם ליידענדען נאָכ'ן אויסגיסען ביז נאָכ'ן אויסוויינען זיך. דאָס איז דער אומעט פון רוח-הקודש, וואָס רוהט אויף דער בתמימות-פּראָסטער דערצעהלונג „רות", וואָס בעצויבערט, כאַפּט אָן ביים האַרצען, ביים לייענען נעמי דער אלמנה'ס געשפּרעך מיט איהרע שנוהר, די אלמנות, געהעגדיג פון די פעלדער מואב'ס אויפ'ן וועג צוי בית-לחם. דער אומעט, אָט דער אומעט איז עס, וואָס

גיט־צו „רות״ אַ טעם גן־עדן, אַ זיס שמעקענדיגען ריח פון תבואה, פון פעלד בלומען, אייביג פריש, ליבליך אין אַלע צייטען. דאָס איז דער אומעט, וואָס קומט פון דער אין נעפּעל פערטראַכטער, פערבאָרגענער, „שכינה״, און ציהט זיך ווי אַ סטרונע איבער דער גאַנצער נאַטור שטיל, אָהן ווערטער און לאָזט זיך פיהלען דעם פּאָעטס פערטראַכטע נשמה. דאָס איז די נשמה, די אייביגקייט, דער סוד פון שענקייט.

די נאַטור, אין וועלכער שלמה׳לע האָט געזעהען פריהער פשוט אַ יפהפיה מיט דעם פוטץ, מיט אַ שען פּניט׳ל, זי האָט זיך אַצינד ענטפּלעקט ווי אַ שענע ערנסטע דאַמע מיט אַ פערטראַכט־אומעטיגער מינע, ווי איהם טאַקע צום האַרצען — אין דאָס האָט פערדאָפּעלט איהר שענקייט, געלינדערט זיינע שמערצען, געוועקט זיין גייסט, איינגעגעבען איהם אַ חשק צו טהון, צו אַרבייטען מיט אַלע זיינע קרעפּטען, צו דערגרייכען אַ תכלית און אַ פּנים האָבען אין דער וועלט פון אַ מענשען.

ג.

אונ צודערגרייכען אַ תּכלית אין לעבען האָט ביי שלמה־לען געהייסען נישט אַנדערש ווי גריבּטעווען זיך אין די טיפע־נישען פונ׳ם „ים־התלמוד״, אויסלערנען איהם, ווי ווייט מעגליך, מיט אַלע אויפטהוענישען פון זיינע מפרשים. און האָבען אַ פּנים פון אַ מענשען האָט ביי איהם געהייסען—אַ פּנים פון אַ יודען. און נאָך פון וואָס פאַר אַ יודען? פון אַ יודען אַ למדן. אַ בקי בע־האַווענט אין גאַנצן ש״ס — אַ רב! גרעסערס און בעסער׳ס און „תּכלית׳דיגער״ דערפון איז איהם נישט געקומען, און נישט געקענט גאָר קומען איהם אויף דעם מוח. אין זיין צייט און אין זיין אָרט, אין זיין ווינקעל, איז ביי יודען דאָך געווען „תּורה די בעסטע סחורה״. מיט די ווערטער האָט אַ מאַמע פער־וויגט איהר קינד, זינגענדיג איהם: „תּורה וועסט־דו לערנען, דרשות וועסט־דו זאָגען״, מיט אַ זיס־ריהענדיגער שטימע. פון פיער־פינף יאָהר אַ יונגעלע, נישט קענענדיג נאָך רעכט ריידען, האָט שוין געלערענט אין „חדר״, אָפּזיצענדיג דאָרט געוועהנטליך דעם גאַנצען טאָג. אַ שוואַכס, אַ איינגעשפּאַרטס האָט דער

בעהעלפער אויף די פלייצעס אַהינצו געטראָגען, און אָפט עס־ליכע פיצעלעך קינדער מיט אַמאָל ווי יונגע שעפעלעך אויף זיך געטראָגען. אין אַ פריהמאָרגען אַמאָל פלעגט אינאיינעם מיט דעם מעקען פון די שטאָדט־בהמות, געטריבענע אין איין פעלד אַריין, זיך לאָזען הערען ווייט איבער די גאַסען אויך ביטער־שרייענדיגע קולות פון געפיהרטע און געטראָגענע, מיט הענטלעך און פיס, עך צאַפּעלדיגע „צאן־קדשים״ — קינדערליך פונ׳ם זיס־געשמאַקען מאָרגענשלאָף אויפגעוועקטע, ערשט פון קינדער בע־טעלע פייכטענגע, אויסגעפריעטע, מיט בעקעלעך פעררויטעלטע אַרויסגענומענע. ביים אָנהויבען חומש האָט שוין אַ יונגעלע, גאָטס אַ קליין יודעלע, געהאַלטען אַ אויסגעלערנטע דרשה פאַר אַ עולם בעסט אויף דער סעודה, וואָס גליקליכע טאַטע־מאַמע האָבען צו־ליעב־דעם געמאַכט. צו דער בר־מצוה ווידער אַ סעודה, ווידער אַ דרשה.

מיט די אַלע זאַכען איז דאָך געפּריווט געוואָרען שלמה׳לע אַליין, איבערגעלעבט יונגעלוויז האָט ער דאָך דאָס אַלסדינג גיט אַלע יודישע יונגלעך גלייך. די טעג און די קינדערשע יאָהרען זייערע זענען פערגאַנגען אין לערנען, אַלץ אין לערנען.

און אַ בחור, וואָס? — אַ בחור, אין בעל־הבתישען גראָד, האָט איידער אַ חתן־ווערענדיג געמוזט די ערשטע זאַך אויסהאַל־טען אַ עקזאַמען — מען האָט איהם, הייסט עס, פריהער פאַר די תנאים פערהערט, געפּריווט אין לערנען, געשיקט צו איהם, אויב ער איז געזעסען ערגיץ אין אַנדער שטאָדט, רעכט גוטע פער־הערעס. צו דער חתונה למזל האָט דער חתן אַרויסגעוויזען זיינע לומדיש, זאָגענדיג פאַר׳ן עולם אַ שאַרפע, אַ מוח־ברעכעדיגע דרשה, און דערפאַר בעקומען מתנות — דאָס געוויסע „דרשה־געשאַנק״. אַ בחור, אַ עלוי האָט זיך געצאָהלט אין טאָג אַריין. האָט ער נישט קיין געלד — נישקשה, ער אַליין איז געלד! איז ער נישט אַזאַ מיוחס — אויך נישקשה, איז דאָ יחוס עצמו, איי־גענער יחוס!

שלמה׳לע האָט זיך געגוג אָנגעהערט דערציהלענדיג, וואָס ס׳האָט געטראָפען בחורים, וואויל־לערנער, און דער מוסר־השכל

פון אַזוינע מעשיות איז תמיד געווען, אַז אַ בחור'ל דאַרף בע־ גערען לערנען, אין זינען האָבען־זאַכען, יוסטע בעלי־הבתים, נגדים רייכע אַרענדאַרעס, יושבניקעס האָבען זעהר אָפט פאַר זייערע טעכטער, פאַרשוינען, געזונטע, בעלייבטע, אויסגעזוכט חתנים אין די ישיבות פון די אָרעמע בחורים דאָרט, גרויסע שאַרפע לומדים, דאַרע, בלייכע, מיט אויסגעווייקטע פנים'ער פונ'ם שטענדיגען זיצען איבער דער גמרא. אָט די גענומענע איידעמס, „זיידענע בעלי־הביתליך", ווי זיי האָבען געהייסען, פלעגען זיצען אויף קעסט, אַמאָל אויך אייביג־צוגעזאָגטע קעסט, עסען, קינדלען ביים שווער אין הויז כל־זמן עס האָט זיך געלאָזט. ביים אַראָבגעהן לסוף פון קעסט פלעגען די ווייבער זייערע זיך איינשפאַנען אין יאָך, ווערען אשת-חיל'ס — קרעמערענס, שענקערענס, מאַרק־אידענעס וכדומה נאָך אַזוינע פרנסות. די מאַנען פלעגען זיך זיצען על-התורה ועל־העבודה מיט אַ פרייען, רוהיגען קאָפּ, און די ווייבער, די בריות, האָבען זיי געשפייזט, געשוכט, האָפענענדיג דערפאַר, איבער הונדערט יאָהר, אַ חלק, אָדער אַ העלפט פון זייער עולם־הבא, לויט אָבמאַכונג. דאָס ווייב, הייסט עס, האָט געאַרבייט, געזאָרגט פאַר עולם־הזה און דער מאַן פאַר עולם־הבא ביידע האָבען געאַרבייט, איטליכער אין זיין זאַך, און כשר זיך פערדינט די ביידע וועלטען. ליתר בטחון האָט אַזוינער זיך געפלייסט, אַוועקוואַרפען ווייב און קינדער, זיך געלאָזט ערגיץ אין דער פרעמד און געלערענט יומם ולילה ווי אַ פרוש אין קלויז דאָרט! אַ קאַטאָוועס עפּיס אַ פרוש, און נאָך אַזוינע ווילד־מורא'דיגע פרושים, וועלכע שלמה'לע האָט געזעהן ביי זיך אין שטאָדט טאַקע, אין בית־המדרש! זיי האָבען קיינמאָל נישט מפסיק געווען פונ'ם לערנען, נישט גערעדט קיין דברי־חול, אַלץ אויפ'ן וואונק — אי־אי! ע־ע־ע! פון קיין צורת מטבע איז שוין קיין רייד נישט אַז זיי האָבען נישט געוואוסט, נאָר אַפילו וויפיל דער בית־המדרש־זייגער האַלט, אויך נישט געוואוסט. האָבען עס אַמאָל געוואָלט וויסען, האָט איין האַנד זייערע אַ ציה געטהון עמיצען ביים אַרבעל און אַ פינגער פון דער אַנדערע געטייטעלט אַקעגען דעם ציפערבלאַט, מאַכענדיג

מיט די ליפּען: נו־מע־או־הא? און כּבוד האָט מען זיי אָבגעגע־בען אָהן אַ שיעור!

אָט אַזוי האָט געהייסען דינען דעם בורא, און פאַרדינען גרויס כּבוד אַמאָל, אין יענע גוטע צייטען!

רייכקייט אַליין איז נישט גענוג געווען פאַר אַ יודען אין יענער צייט צו געבען איהם אַ נאָמען, מאַכען איהם בעליבט, מאַכען געשעצט ביים עולם, האָבענדיג דערצו אַ יודיש האַרץ און תּורה, בּפרט נאָך אי קינדער און איידעמס לומדים, אָט דערמיט איז מען געוואָרען אַ שענע־מורנו, אַ פּאַ־נעהם, שטאַרק אָנגעזעהן ביי אַלעמען. דערויף האָט דאָך שלמה׳לע געהאַט אַ בעוויז דעם פאָטער זיינעם, עליו־השלום. נישט פאַר רייכקייט, וואָס איהם האָט אייגענטליך געפעהלט, נאָר פאַר זיין תּורה, פאַר זיין גוט האַרץ און קאָפּ, וואָס ער האָט געהאַט, איז ער געווען אַ בעל־דעה, אַ פיהרער, אַ חשוב אין שטאָדט.

און ווער שמועסט נאָך אַ רב? עפּיס אַ קלייניקייט אַ רב! ער איז דאָך געמו־כט, געקרוינט, דער ערשטער, דער בעסטער צווישען דעם גאַנצען עולם. דער רב, וועלכען שלמה׳לע האָט געזעהן פון קינדוויי־אָן פאַר זיך אין שטעדטיל, איז גע־ווען עפּיס אַ אַנדער מין מענש, גאַר פון אַ הויכע מדרגה. ווי אַלע, דאַכט־זיך, אַ בשר־ודם מיט איינערליי בעדערפענישען, און דאָך נישט ווי אַלע, נישט אַריינגעטהון אין הבלי־העולם גלייך ווי אַלע. טאַקי נאָר עפּיס אַ תּנא־קמא, אַ רבי יוחנן, אַ רבי יוסי, ווייסט אַלסדינג. איז קלוג ווי די וועלט, שטענ־דיג איז ער פערטראַכט, פערטיעפט אין הויכע געדאַנקען. די אויגען זיינען אַ פּאָר בריליאַנטען, קוקען פריינדליך, ליב־ך ווי אַ ריין־אומשולדיג קינד. די שכינה ממש רוהט אויף זיין ליכטיגען פּנים. געהאַלטען האָט זיך דער רב תּמיד במעלה, ווי איהם און דער קהילה־יודען פּאַסט, קיינמאָל נישט אַראָבלאָ־זענדיג זיך, חלילה, צו אַזוינע מעשים, וואָס שמעקען מיט אַ פערדינסטעל. נישט געגאַנגען איז ער אויף קערמעשליך, אויף סעודות, נישט געקראָכען אַהין, אין די הויכע פענסטער, נישט געחנפ׳ט גבירים, נישט געבויגט זיך און בטל געוואָרען פאַר

פיינע-בריות, נישט צו-פערשוועכען דורכדעם דעם כבוד פון דער תורה, אי זיין כבוד און אויך דעם כבוד פון דער יודישער קהילה זיינער. ביי עפיס א וויכטיגערע זאך, וואס איז נוגע דעם כלל איז מען נישקשה געקומען צו איהם, געפרעגט זיין עצה און געהערט זיינס א ווארט.

וואס פאר א עולם-יודען אין יענע צייטען אזא רב האט ער בעדארפט, און אזעלכען איז מעגליך געווען צווישען יודען דענסטמאל טאקי צו געפינען. דער עולם און דער רב האבען בעדארפט און זענען ווערט געווען איינער דעם אנדערען!

און דער בטבע שטאלצער שלמה-לע, וואס דער חורבן פונ'ם פאטערס הויז איז איהם געווען ביטער ווי דער טויט, דאס עלענד, ביי זיך אין שטעדטיל, און די געפאלענקייט דא, וואו ער איז געהויבען געווען — שווער איבערצוטראגען, ער דערפיהלט פלוצים אין זיך א אויפגעוואכטע קראפט. וואס טרייבט איהם, גיט איהם אונטער חשק אנצונעהמען מיטעל, צודערגרייכען א תכלית, אז ער און די זייטיגע זאלען אויפגערעכט ווערען. עס נעהמט איהם אן יצר-הרע צו-פערשאפען זיך א נאמען און אויס-וויזען דא, אין זיין שטעדטיל זיין גרויסקייט, אז אלע זאלען וויסען, ווער שלמה רב חיים'ס איז, און פאר איהם גרויס דרך-ארץ האבען, נאר דערצו, צו אזא תכלית, קען מען אבער נישט אנדערשט קומען, ווי דורך אריינטהון זיך אין דער גמרא מיט אלע כלים.—און עס נעהמט איהם אן א חשק, א יצר-הרע צום לערנען!

יא טאקי א יצר-הרע — עס האט אין איהם גערעדט טאקי דער יצר-הרע! אט אין דער הייסער מינוט, וואס שלמה'לע האט זיך געמאכט צום זאטץ — תכלית, איז אין איהם פירגעגאנגען א פארענדערונג צום ערנסטען. טראכטענדיג, ווי צודערהויבען זיין דערנידעריגטע לאגע בגשמיות, גאנץ פראקטיש, האט ער דערמיט טאקי דערנידעריגט זיין געהויבענעם גייסט, זיין נשמה. ס'איז גאר נישט דער פריהערדיגער קינדיש-ריינער שלמה'לע מיט הארץ און געפיהל און ליבשאפט צו דעם, וואס שען, וואס גוט, אהן שום פניות, נאר גלאט אזוי זיך, ווייל ס'איז שען און גוט — ווייל פשוט עס

געפעלט! אַצינד פערלירט עס ביי איהם דעם אייגענעם ווערט. דער עיקר אין אַ זאַך איז דער תּכלית, דאָס וואָס איז נוצליך. אין לערנען איז אויך דער עיקר דער תּכלית — דאָס רבנות, אַ שטייגער, עושר און כבוד, וואָס איהם גלוסט זיך אַצינד אַזוי שטאַרק, תּורה איז טאַקי „די בעסטע סחורה"!

עלענד, דלות, דערנידערונג, שווערע, נישט אויסצודער־האַלטענדיגע קריינקונגען און פאַרדראָס האָבען עס אמת געווירקט, צומאַכען שלמה'לען פאַקטיש קלוג, ווי זעהר פול אַנדערע פּראַק־טישע לייט ביי אונז, אין אַלע פעכער, סיי סוחרים, סיי גע־לערנטע, סיי וועלט־מענשען, סיי קלויזניקעס. מען קען זיי, אמת, נישט איבעל נעהמען פאַר דעם פעהלער, וואָס די פּראַקטיק געהט ביי זיי אַמאָל צו ווייט, וואָס דער מוט זיינער אַרבייט, קליגט זיך צו פיעל. מענשען ווילען דאָך לעבען, ווילען אַ־ויס פון דער קלעם, האָבען אַ מענשליך פּנים און וויסען פון אַ וועלט צוזאָגען. אַ רחמנות איז טאַקי, נאָר אַ פעהלער אָבער בלייבט אַ פעהלער!

ווערטה צו בעדויערען איז שלמה'לע געווען אין יענער הייסער מינוט, ווען פון אַזעלכען ווי ער, מיט אַ וואַרים־פיַלען־דיג האַרץ, מיט אַ קינדעש־בתמימות'דיגע נשמה שפּרינגט פּלוצים אַרויס אַ קלוג־פּראַקטיש, פעראונטערעסירט יודעל! פערגליווערט בלייבט ער פּלוצים שטעהן אין־מיטען פעלד, וואו ער האָט שפּאַ־צירט, דער שטערען איז איהם פערקנייטשט, דאָס פּנ־ם פער־נעפעלט פון פריש־אַרויפקומענע אויפ'ן מוח געדאַנקען. די נשמה ליגט עפּיס ערגיץ אַנדערש, ווייט פון דאַנען, וואו פעלדער, וואו וועלדער, וואו חן, וואו שענקייט, גאָטס וואונדער דאָרט, וואָס ערשט נישט לאַנג איז עס איהם געווען אַזוי נאָהענט צום האַר־צען! ער קלערט איצט פון תּכלית און בעדויערט שטאַרק, וואָס ביים פאָטערס לעבען האָט ער זיך אונטערגעפוילט אינ'ם לער־נען, פערברייענגענדיג די צייט מיט אַרומשפּאַצירען אָהן אַ שום נוצען, און אַרומפיהרען זיך ווייסט דער גוט יאָהר מיט וועמען. וואָלט ער קלוגער געווען, אָנשטאָט שפּאַצירגענגליך געזעסען אין בית־המדרש און געלע‍נט — בע־הע, וואו ער וואָלט אַצינד

אָנגעשפּאַרט! ער וואָלט ווייט אַריינגעפּאָהרען אין ש״ס, און וואָס דער עיקר איז — ער וואָלט געווען נעהנטער צום תּכלית, שוין געשטאַנען הנכער פון זיינע חברים און וואָלט אַראָגגעקוקט אויף זיי, אויף אַלע אין שטעדטיל מיט גדלות. פון היינט אָן, קלערט ער ביי זיך, בעדאַרף מען שוין קליגער זיין... די שענע נאַטור, די געליבטע זיינע, ביז אַהער זיין טרייסט זיין לעבען, בלייבט פון איהם אַצינד פערשטויסען, ווי ער וויל זיך מיט איהר שיידען, איהר חן — אַ פאַלשער פּוטץ, איהר שענקייט — אָהן אַ ממשות. ער קלערט, קלערט און טהוט זיך פּלוצים אַ לאָז — אַוועק, אַוועק...

צי וועט די פאַרענדערונג אין דיר אַ דויער האָבען? צי ווערסט דו נאָך וואָס דו יאָגסט זיך דערגרייכען? דאָס איז אַ פראַגע. דעראייל איז — אַך, אַ גאַנץ רחמנות, שלמה׳לע, אויף דיר!

ד.

איינע פון די שטעדט אין ליטאָ, וואָס דער אויבערשטער האָט געבענשט מיט אַ ישיבה, איז די געוויסע שטאָדט ס—ק. קיין אַנדער זאַך, מיט וואָס זי זאָל זיך אויסצייכענען און וואָס זאָל איהר געבען אין דער וועלט אַ נאָמען האָט זי נישט. חוץ דער ישיבה, וואָס איז בעקאַנט ווייט אַרום און אַרום, אין די יודישע מקומות. זאָגען אַ שטייגער, אַז די ישיבה ברייננט דער שטאָדט איין, גיט ס—ק פרנסה, ווי „זייערער" אַ אוניווערזיטעט. פון וועלכען די שטאָדט, וואו אַזוינע געפונט זיך, האָט גרויס שפע — חלילה! דאָס וועט זיין נישט אמת. פערקעהרט, די ישיבה ברייננט דער שטאָדט נאָך אויס. די פראָפעסערס איהרע זענען געמיינע לייט, נויטבעדערפטיגע מלמדים, מעגען זיי זיך היי־סען „ראשי־ישיבות", די סטודענטען דאָרט — אָרעמע בחורים, אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה. זיי קומען מייסטענס צוגעהן אַהינצו צופוס, ליידיג און בלויז. קוים אַראָבוואַרפענדיג פון זיך דאָס פעקעל — אַ צוויי אַלטע, אויסגעלאַטעטע העמדער מיט אַ פּאָר אויסגעטרעטענע פערמאַרעזשעטע זאָקען, געבראַכטע פון דער היים,

וואַרפען זיי זיך אָן אויף דער שטאָדט מיט זייערע בעדערפע־נישען. און שטאָדט, ווי געפּאַלען זי איז און בעפּאַלען פון איי־גענע אָרעמע־לייט, טראָגט אויף זיך אַזעלכע פון דער פרעמד. אויסהאַלטענדיג זיי מיט וואָס נאָר מעגליך. דער אָרעמסטער יוד איז גרייט, אויב ער האָט נאָר, מיט דעם ביסען זיך צוטיילען צוליעב דער תּורה!

די ישיבה ס — ק׳ער בעשטעהט פון איין גרויסען צימער, אויסגעשטעלט מיט טיש און ביינק, אינגאַנצען ווי אַ בית־המדרש. פונ׳ם צימער, ביי דער זייט, עפענט זיך אַ טהיר אין אַ קליין צימערעל, עפּיס ווי אַ מין קאַנצעלאַריע אַזוינע, וואו עס פלעגט זיצען דער גרינדער פון דער ישיבה רבי ג... נאָך זיין טויט איז זי געבליבען ליידיג, נאָר וואָס אַמאָל דער איידעם זיינער, אַ יוד אַ סוחר, צו וועלכען די פיהרונג איז איבערגעגאַנגען בירושה, קוקט אַמאָל אריין אַהינצו, ווען ער קומט כמעט אַלע פריהמאָר־גען אין דער ישיבה דאַוונען, איינגעטהיילט זענען די ישיבה־בחורים אין צוויי כּתּות. אַ קלענערע און אַ העכערע. וואָס לער־נען ביי צוויי בעזונדערע מלמדים, איטליכע כּתּה ביי איהר בע־זונדערען טיש. פון דער עלטערער כּתּה דער מלמד ער איז דער הויכּט ראש־ישיבה, און פון דער קלענערער איז אַ אונטער־ראש־ישיבה, ער זאָגט אַלע אין דערפריה נאָכ׳ן דאַוונען אַ שיעור גמרא מיט תּוספות און מפרשים, על־פּי פּשט, זיצענדיג ביי זיין טיש, אַרומגערינגעלט פון זיינע תּלמידים, און בשעת מעשה טאַקי טהוט ער אַ פריוו דעם, יענעם פון זיינע צוהערער, צי האָבען זיי געמאַכט דאָס „לייענען״, וואָס ער האָט נעכטען אויף היינט פערגעבען און צי פערשטעהט דער, יענער, וואָס מען רעדט דאָ צו איהם. איז ער נישט צופריעדען מיט איינעם, מוסר׳ט ער איהם אויס און איז איהם מכבּד אַמאָל מיט אַ פּאַטש. נאַ! זאָגט ער, זאָלסט וויסען, אַז אַהער קומט מען לערנען. געוועהנטליך קומען־אָן צו איהם, צו זיין טיש די נייע, פריש־אָנגעקומענע בחורים. דער גרעסערער ראש־ישיבה זאָגט זיין שיעור אַרום האַלבען טאָג, ווייזענדיג גרויסע חריפות — עס פליהען פון איהם צו די תּלמידים, פון די תּלמידיב ווידער צו איהם קלאָצן קשיות,

ברעכענדיג אַ מוח. עס דונערט מיט הילכענדיגע, שטאַרקע קולות, עס בליצט מיט פייערדיגע שפּיצליך, פינגער, גראָבע, און הענד אַרבייטען מיט אַ דרעה ביי איטליכען רעכטען קוועטש, ביי יע־דען שכל׳דיגען אויסדרינגעניש. נאָך דעם שיעור זענען די על־טערע בחורים פרייע מענשען. ווער עס וויל מעג זיך אויסלערנען דעם שיעור וואו איהם איז נויטיג. די קלענערע אָבער זענען שוין נישט אַזוי פריי... זיי גרייטען-צו דאָס לייענען מיינסטענס אין דער ישיבה, און דער רבי זייערער קומט עפּטערס אַריין אַכטונג געבען וואָס זיי טהוען. קומט ער אָן גראָד, ווען חברה, מיעד-ווערענדיג פון קנייטשען די גמרא, טהוט אַביסעל אַ שטיף, זאָגט ער זיי מוסר, אויפווייזענדיג פון יענע און יענע מוסר־ספרים ווי גרויס די עבירה פון בטול תורה איז, און צולייגענ־דיג אויך זיינס, אַז יודישע קינדער האָבען נישט קיין רעכט צו־שטיפען. וואָס איז אויף זיי, אַזוי די שמחה?... נאָר אָבער אין חכמה ואין מוסר אַקעגען יונגע בחורים׳לעך, וואָס זענען נעביך בשר-ודם, פליייש און בלוט, און ווי פערוויסט דאָס לעבען זייערס איז, גלוסט זיך פאַרט ביי עפּיס אַ געלעגענהייט כאָטש אַ ווײלע טהון אַ לעב, כאָטש אַביסעל עטהמען פריי. און די בעסטע גע־לעגענהייט פאַר הברה-לייט צו אַרבייטען מעשים איז דער אָנהויב זמן, איידער די „שיעורים" אין דער ישיבה הויבען זיך אָן און די מורא פאַר דעם רבי׳נס השגחה אויף זיי איז דערנסטמאָל נישטאָ.

ס׳איז די ערשטע וואָך נאָך סכות — דער אָנהויב „זמן" ביי קליין און גרויס פון יודישע קינדער אומעטום. אין דער ס—ק׳ער ישיבה ווימעלט פון נייע, פרישׁ אָנגעקומענע בחורים, אויך פון אַלטע צוריקגעקומענע, וואָס זענען אַוועק אַ היים אויף יום-טוב, און פון בחורים אַלטגעזעסענע, וואָס ריהרען זיך נישט פונ׳ם אָרט און דאָ איז זייער שטענדיגע היים. אַצינד איז אין דער ישיבה דער גרויסער יריד, ס׳איז אַ פאָדערונג אויף „ט ע ג" — יעדער בחור, הייסט עס, זוכט ראשית חכמה זיך בעשטעלען אַ בע־שטימטען טאָג אין וואָך אויף צועסען ביי יעדען פון די בעלי־הבתים. ס׳איז אַ לויפעניש, אַ זוכעניש, אַ ראַנגלעניש אַ טומלעניש

וועגען די בעשטעלונגען, און נישט אַלעמען דינט דאָס מזל אָנ־צוטרעפען די ערטער, וואו מען קען בעקומען טעג, און נאָך אַזויפיל, וויפיל אין דער וואָך זענען טעג דאָ. אַז וואויל איז דעם בחור, וואָס האָט זיינע זיבען טעג אין וואָך! גליקליך איז אויך דער, וואָס ס'איז ווייניגער מיט אַ פּאָר טעג זיין וואָך! און אַז־אָך־און־וועה איז יענעם שלימזל, וואָס כמעט תמיד איז אָהן טעג זיין וואָך!...

פעסט, משטיינס־געזאָגט, אויפ'ן יריד, ווי די געוויסע סוחרים, קאַפּיטאַליסטען, שטעהען די אַלטגעזעסענע ישיבה־בחורים. מיט „טעג", מיט נאָך אַנדערע הכנסות, ישיבה־בחור'שע פערדינסטליך, זענען זיי, הייסט עס, מעהר־וועהניגער פערזאָרגט, קענען אין זיי־נען האָבען אַנדערע, פריש־אָנגעקומענע, אָבגעבען זיי זייער צייט, זייער טרחא, פיהרען זיי אויף אַ וועג מיט זייערע טובות און אַמאָל טאַקי ביד־רמה, מיט דער האַנד — אין באַק, אין ריקען, ווי עס לאָזט זיך, זאָלען זיי וויסען ווער עלטער איז!

ראשית, הייסט עס ביי חברה־לייט, בעדאַרף מען די נייע בחורים ווי ניי־געבוירענע אַ נאָמען געבען. זאָלען זיי פון איצט־אָן פערגעסען ווי זיי האָבען אַמאָל געהייסען אין דער היים. פערגעסען זאָלען זיי זייערע חפציות און אַלע פריהערדיגע געגנ־זייערע דאָרט. דערצו איז אַ מיטעל דער שנעל, וואָס דער מלאך גיט דעם קינד אין דער נאָז ביים געבוירען־ווערען און פון אַלטגעזעסענע מתעסקים'ס אַ שנעל שטעלען זיך אין די אויגען טרעהרען, אַזוי שטאַרק איז ער. איטליכער פון די נייאָנגעקומע־נע הויבט־אָן בכן צוהייסען אויף דעם נאָמען פון זיין שטאָדט: לעכעוויצער, קאַידענאָווער, סטאָראָבאָנער, סלאָנימער, בעקומענדיג נאָך דערצו אויך אַ צונעמעניש, ווי אַ שטייגער: פּיפּעק, לעמעשקע, צעפּיל, טרעמפּאַטש, וכדומה. איטליכער ווי איהם פּאַסט, און ווי־ער פערדינט זיך ביי חברה־לייט, כלל־טהוער.

מילא אַ נאָמען. דאָס איז פון די קלייניקייטען. מען גיט עס אומזיסט. אָבער „טעג", נאַראייען אַ פּריץ טעג צוזעסען — דאָס איז שוין אַ עסק. מיט ברויט האַנדעלט מען שוין אויף דער בערזע. עס שמעקט שוין מיט אַ פערדינסטעל. — „הערסטו, בחור־

זאָגט חברה — עסען קענסטו, „טעג״ ווילסטו און אַ פּריץ ביסטו, ווייז-זשע די מטבע וועט מען דיר אָנווייזען „טעג״! אָדער עס ווערט געמאַכט אַזאַ קאָמבינאַציע, אַזאַ דרעהדיל: „דער באַבּרויס-קער טראַכט אוועקצולאָזען זיך אין דער-מירער ישיבה, עס פעהלט איהם דערצו עטליכע גראָשען. געהן וועט ער, עס פערשטעהט זיך, צופוס, גיב-זשע איהם, בחור, פּערוויינטע-נשמה, ווי דו הייסט היינט, גיב איהם צושטייער אויף הוצאות, אונז מעקלעריי, וועט ער דיר איבערגעבען זיינע טעג. שבת. זיי וויסען, האָט ער שוין פערקויפט״! — עס ווערען אויך אָבגעמאַכט חילופים — מען בייט-אויס צווישען זיך די בעלי-הבתים, אָבשאַצענדיג זייער ווערטה לויט די טעג, גוטע צי שלעכטע, וואָס מען עסט ביי זיי. פאַר אַ גוטען בעל-הבית גיט מען אוועק אַנדערע צוויי, נאָך מיט אַ „ברוך-שפּטרני״ אויך דערצו.

עס איז דאָ עסקים מיט „ב ײ נ ק״ — אויף צו שלאָפען. עסקים מיט קויפען און איבערגעבען חזקות אויף טיש און אויף ביינק. וואָס מעהר אַ באַנק איז נעהנטער צום אויבען אַלץ מעהר ווערטה. ביים אויבען איז פּרימא, דאָ צו ליגען בעדאַרף מען האָבען זכות-אבות, און אויפ׳ן אויבען — דאָ איז פּשוט דער גן-עדן. נישט אַזוי גרינג אָבער קומט עס אָן אויפצוהויבען זיך אויף אַזאַ הויכער מדרגה!

עס ווערט נישט געמאַכט קיין עסקים אויף דעם יריד נאָר מיט אַ פּאָר פון די ישיבה-בחור׳שע פּרנסות, נעמליך: מיט דעם „מ נ י ן״ און מיט דעם „ב ײ ט ע ל״, מ נ י ן הייסט — עטליכע, אָדער טאַקי גאַנצע צעהן בחורים, ווי עס קומט אויס, געהן דאַוונען פּריה און פאַרנאַכט צו עמיצען אין הויז אויף דער צייט נאָר, ווען ער איז אַ אבל, זיצט שבעה, אָדער אַ גאַנץ יאָהר, פאַר אַ געוויסע בעלוינונג, וואָס זיי בעקומען. „ב ײ ט ע ל״ הייסט — צו-זאַמען מיט׳ן אונטער ראש ישיבה געהן צוויי טעג אין וואָך, דאָנערשטאָג און פרייטאָג, איבער די הייזער, צונויפנעהמען אין בייטעל אַריין די נדבות אויף דער ישיבה, וועלכע מען גיט דאָרט, ווי אַ חוק, אַלע וואָך, און דערפאַר בעקומט דער בחור, חוץ דעם כבוד פונ׳ם אַרומגעהן מיט אַ רבי׳ן איבער די הייזער, טאַקי ח״י

גראָשען אויך. אויף דיביידע שענע בפבוד׳יגע פרנסות האָבען דאָס רעכט נאָר עכטע, אויסגעריבענע אַלטגעזעסענע, אָדער די בעסטע, גאָר די וואוילע ישיבה־בהורים. ניי־אָנגעקומענע, פריצען, ווערען דערצו נישט צוגעלאָזט.

פאַר דעם ניי־אָנגעקומענעם נפש איז די ישיבה עפּיס אַ נייע וועלט — אַ „יענע וועלט״! ער ליידט נעביך חבוט הקבר־קלעפּ פון הינטען, פון פאָרענט, אַ ציפּ, אַ ריס פון אַלע זייטען. ער ליידט פון מלאכי־הבלה — חברה־לייט, קונדסים, וואָס מאַכען איהם אַ „ברוך הבא״ מיט ווערטליך, שפּילען איהם אָב אַ „קבלת־פּנים״ פריהער כלומר׳שט מיט גוטע ריידעליך, כלומר׳שט מיט רחמנות, דערנאָך געהט עס איבער אין חוזק־מאַכען, פון חוזק — אין אַ שטופּ, פון אַ שטופּ — אין אַ קלאַפּ, אַ זעץ, אַלץ הינטענ־אַרום, הינטענאַרום ביז עס דערגרייכט לסוף צו פּאָנפּעס און פליהענדיגע איהם פון הינטען נאַסע שמאַטעס. ער פיהלט דעם טעם פון גיהנם. האָט נישט קיין רוה, נישט קיין „טעג״, נישט קיין נאַכט — נישט קיין עסען, נישט קיין נאַכטלעגער, צעברעכט זיך די ביינער אויף אַ האַרטער באַנק, געהט אַראָב פונ׳ם לייב, רייבט זיך, וואַרגערט זיך און ליידט זיך אָן געגוג גלגולים ביז ער רייבט זיך אויס, „לייטערט״ זיך אויס, ווערט אַ רחמנות, אַ „שפּירט״, געקניפּט און געבונדען מיט׳ן פּעקעל חברה־לייט, איין קניפּעל, איין נשמה מיט זיי. די יסורים און די צייט פונ׳ם אויסלייטערען זיך איז נישט ביי אַלע ניי־אָנגעקומענע נפשות גלייך. אָבגעפיינטע, ביי זיך געהויבענע מענשלעך זיי האָבען זיי־ער עהרליך אויסקומעניש מיט דער פולער מאָס. זייער פּיין איז גרעסער און דויערט לענגער ווי ביי יענע, וואָס מאַכען זיך נישט וויסענדיג, און שלינגען די בעליידיגונגען שטיל, שווייגענדיג אַראָב. שטאָלצע, מיוחסים, האָט חברה פיינט. אַ זעלנער, זאָגט מען, שמעק פּולווער מיט אַלע גלייך!

געוועהנטליך ירידעוועט זיך אָנהויב זמן אין דער ישיבה אַמשטאַרקסטען אָוועט־צייט, דענסטמאָל ווען די נייע און אַלטע בחורים קומען זיך צונויף דאָרט פונ׳ם לויפעניש, יאָגעניש זיי־ערען דעם גאַנצען טאָג, איטליכער פאַרטהון אין זיינע געשעפטען.

עס שטעהען דאָרט פעקליך-ווייז בחורים איינמאָל אין אזא אָוועגט, האָבען צוטהון און שמועסען צווישען זיך. א טייל גיבען-איבער איינע די אַנדערע ווי זיי האַלטען מיט די „טעג״. איינער האָט א האָפנונג צו האָבען, אם-ירצה-השם, אַלע טעג, דעם פעהלט נאָך לעת-עתה צוויי טעג, יענעם דריי דערפאַר האָט איהם גאָט צו-געשיקט א פרייטאָג מיט אַ שבת, וואָס מען מעג איהם מקנא זיין. ער קאָכט פיש, רייבט חריין פרייטאָג אין קיך, און די קעכנע, זעהר א גוטע, אַ וואוילע יודענע, גיט איהם מיט-זיך א פריש-גע-באַקענע בולקע. ווידער אַ טייל שמועסען וועגען דער „מסכתא״, וואָס מען וועט דאָס יאָהר לערנען, זענען צופרידען און יענע וואָלטען געוואָלט אַ אַנדערע. נאָך אַ טייל האַמפּערען זיך, מיטשען איינער דעם אַנדערען מיט די פינגער, שרייענדיג מיט א גמרא-ניגון. חברה-לייט פירען דאָס רעדעל, מישען זיך אומעטום אַריין, זאָגען זייערע מיינונגען, גיבען אַרויס פסקים און טהון וואָס זיי ווילען. אין אַ ווינקעלע דאָרט אין דער טונקעלניש, ליגט אויס-געצויגען, ווי אַ מלך, איינער אויף די באַנק און טראַכט זיך אַפּנים אַזוי איינצושלאָפען.

—„פיפעק״! — לאָזט זיך הערען עמיצענס אַ געשריי, וואָס קומט צו און שטופט יענעם אַראָפּ פון דער באַנק — פיפעק אַראָב, אַראָב! אויף דעם אָרט האָב איך אַ חזקה.

—אַ געשריי אַביסעל! אויף די ציין, אויף די ציין, „גער-געלע״! דעם מאָרזירעס אָרט איז עס דאָך.

—איך האָב עס ביי איהם אָבגעהאַנדעלט. אַ מיטוואָך, מיי-נעם אַ טאָג, איהם אָבגעטרעטען האָב דערפאַר איך!

—וואו מאָזירער, דער מאָזירער וואו?

—דער מאָזירער? — מישט זיך אַריין עמיצער פון דער זייט — ער נעכטיגט וואו ער „טאָגט״. וואו ער עסט שבת.

—פיפעק!

—גערגעלע!

עס פליהען פעטש. פון איין צד אַ פּאַטש, פונ׳ם אַנדערען אַ פּאַטש. עס מישען זיך באַלד אַריין חברה-לייט, די רעכטע רעדעלפיהרער. זיי מאַכען אַ פשרה — אַ קניפּ דעם, אַ פלעם יענעם.

ביידען געהערט נישט די באַנק, פון דיין אָבמאַך, גערגעלע, מיט דעם מאַזירער, זאָגט חברה, ווייסען מיר נישט, גיט-זשע איהם, דברה, וויפי׳, אין איהם געהט אַריין!

פי! מאַכט איינער פון די בחורים מיט אַ ערנסטער מינע, שטאַרק פערקרימענדיג זיך.

—קוקט אָן דעם ק—ער, דעם יחסן, דעם שענעם נפש!— האָט זיך צושריגען דער עלטסער פון די רעדעלפיהרער, דער „פינסקער״, אַ בחור אַ קורצער, מיט אַ מויל אויף שרויפען און געלע שיטערע ברייטע ציין לאָפּעטעס — עס געפעלט איהם נישט, דעם יחסן! אַ קאַטאָוועס אַזאַ „תכשיט׳ל״, ערשט אָנגעקומען, פונ׳ם איי ערשט אַרויסגעקראָכען און זאָגט שוין דעות, שוין זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם „מנין״!... וואַרט נאָר וואַרט „תכשיט״, עס וועט דיר דאָס באָקים אויספּאַלען!... היי, חברה גיט איהם נאָר דעם „תכשיט״, דעם ק—ער, אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש.

—ודי לחכימא ברמיזה, פאַר אַ חכם שלמה מק״ק... וועט געננג זיין אויפ׳ן ווינק — טהוט אַ זאָג מיט אַ גלייכווערטיל, דער צווייטער פון די רעדעלפירער, דער „קעלצקער, אַ בחור אַ דאַרער, מיט דעם צונעמעניש „חאָרט״. פון דער נאַטור אַ גוטער, אָבער זעהר אַ פערשייטער, דורכגעטריבען-קלוג, און טאַקי ווי ער רעדט פליהט פון איהם מיט אַ געוויש אַ פּייכטע שמאַטע.

החכם שלמה (שלמה׳לע רב חיים׳ס איז עס, הייגט דער ק—ער, דער „תכשיט״ ביים צונעהמעניש) האָט בעצייטענס זיך אַ כאַפּ געטהון אין דער זייט. באַלד געעפענט די טהיר און אַרויס שטאָלץ. גישט צוזאָגען אַ וואָרט.

ה.

אלה ברכב, די אין קאַרעטעס, ואלה בסוסים, און יענע אויף פערד רייטענדיג ווי פּריצים — און שלמה'לע רבּ חיים'ס, האַלבּגעהענדיג צופוס, האַלבּ אונטערפּאָהרענדיג, האָט מיט זכות אבות זיך פערשלעפּט קיין ס—ק, דאָרט אין דער ישיבה אַריין.

יאָ, מיט זכות אבות, מיט גרויסע זכות אבות טאַקי! גאַנץ פּשוט, זוכען אַ פיהר, אַ פּראָסט וועגעלע אַפילו און בּעצאָהלען — האָט דאָך שלמה'לע בּיי זיין לייבּ נישט געהאַט נאָר עטליכע האַרטע דרייערס, צודערהאַלטען די נשמה אויפ'ן וועג אין די ערשטע צייט אין ס—ק בּיז גאָט בּרוך-הוא וועט איהם דאָרט צושיקען „טעג". אַרויפכאַפּען-זשע אַזוי זיך אויף דער קעלניע, אָדער ערגיץ הינטער אַ בּעל-עגלה'ישער יאַזדע, ווי אַ פאַרשווינדעל, גאַנץ יודעשליך, כּמנהג פּוילין ווריסין — עט! דאַרויף וואָלט מען בּיז משיח ווּעט קומען זיך נישט געקענט דערוואַרטען. דאָס שטעד-טיל ק..., ווי איטליכען איז בּעקאַנט, ליגט העט אין אַ אָפּגעלע-גענעם ווינקעל. ווייט פונ'ם טראַקט, מען זעהט נישט קיין פּאָטשט, מען הערט נישט קיין גלעקעל, סיידען אַמאָל גלינג-גלאַנג פונ'ם

מסעסאָרס אָנפאָהרענדיגע בריטשקע מיט אַ גלאָק. בכלל איז עס
נישט קיין נאַרעש שטעדטיל, אַ שטילס, אַ רוהיגס, אַ „געזעצטס״—
זיצט על התורה ועל העבודה! על התורה—אין קלויז, אין בית-
המדרש, פאַרברייננענדיג דאָרט די צייט גאַנץ געמיטהליך אין
לערנען, אין שמועסען, פיל בעסער אפשר ווי אַנדערע אין די
קלובען, להבדיל. ועל העבודה מיינט מען שענקליך, קרעמליך,
קלייטליך — געשעפט הייסט עס. נישט פליהען, קעהרען וועלטען,
הו-האַ, טראַסקען מיט דער בייטש אין די ווייטע מקומות: מאָס-
קווע, לייפציג, קראָקוי, לעמבערג, חלילה! נאָר שענקליך, קלייט-
ליך פאַר אייגענע, פאַר בעלי-הבתים שטעדטעלדיגע, אָדער פאַר
בעלי-גוף'ן, פויערים פון די אַרומעדיגע דערפער, וואָס קומען גע-
וועהנטליך זונטאָג צעפאָהרען אויף אָקסען אין שטעדטיל מיט זעק-
ליך קאַרטאָפעל, בעריקעס. הייפטליך קרויט, אויך מיט אַ געפּעג-
טעטען האָהן, שוין אַ אויסגערויכערטער, אַלטער תרח. הערבסט-
צייט, אַרום חנוכה אַ-שטייגער, ברייננען זיי אַריינצופיהרען גענז.
שעפסענע פעלכלעך, אויסגעאַרבייטע שמייסלעך וכדומה. טהוען
אַ טרונק בראָנפען אין די שענקען, מאַכען איינמאָל אַ כוסה, עט-
ליכע מאָל אַ כוסה, פערבייסען מיט אַלטגעבאַקענע בייגעל און
לאָזען זיך אויפגערייזמט, אַ ביסעל פאַר'כוסה'ט, צווישען די קראָ-
מען, איינצוקויפען דאָרט, דער זאַלץ, יענער סמאָלע, שוועבעליך,
טיטון-מאַכאָרקע; איינער אַ רויטע פאַטשיילכען מיט גרויסע קוויי-
טען פאַר זיין ווייבראָ, און דער אַנדערער אַ פאַמסענע סטענגע,
איינצופלעכטען אין צאָפּ, פאַר זיין טאָכטערלאָ — קורץ און גוט,
אַ שטעדטיל, הייסט עס, וואָס פיהרט אַ אינוועניגסטען האַנדעל,
אַליין מיט זיך, צווישען זיך, שטיל, פאַמעלעכין, גלאַט אַזוי זיך,
אַז קיין האָהן זאָל נישט קרעהען!... אויסגענומען נאָר, עס פאַר-
שטעהט זיך, די עטליכע זומערדיגע ירידלעך, וואָס דער האַנדעל
אין זיי איז שוין אַ ביסעל ברייטליך רעש'דיגער. דענסטמאָל טהוען
זיך אַ ווייז עפּיס נייע מיני פנימער, יאָלדען קליינשדטעטילדיגע,
אין דער זייט קאָפּ און אַ הינטען פעררוקטע היטלען, קאַרטוזען,
קאַטערוכעס פון משונה ווילדע פאַסאָנען. עס לאָזען זיך זעהען
הענד, טאַפּענדיגע דאָס-יענץ אין די פיהרליך, אויגעליך קליגעטשקע

און נעזער פערדרעהענדיגע, דאָס־יענץ בלומרשט צונישט־מאַכענדיגע; אויך טשאָפּרינעס, קוטשמעס. נייע. סקריפּענדיגע ליאַפּטעס, שמעקענדיגע, געדיכט־אָנגעשמירטע טשאָבעטעס פון דאָרפס־פויערים מיט ווייבערעס מכוועראַסען, מיט שנירלעך פּאַטשערקעס בעהאָנגענע נאַקעטע העלזער אין גראָב־לייווענטע, אויסגענעהטע העמדער, זיצענדיג דאָס־רוב, נישט צוריהרען זיך פונ׳ם אָרט, צווישען קרענצליך ציבעלעס, קערבלעך אייער און אַ יונג־געבוירען, אויף אַלע פיער געבונדען, נאָך דער ברוסט לעכצענד, שטאַרק פערשמאַכט קעלבעל, אין אַ פול־געפּאַקטען וואָגען, צו וועלכען עס שטעהט צוגעבונדען פאַר די הערנער אַ פעריסטע קיה, די געווינערען נעביך, וואָס איז אַרויסגעפיהרט צום פערקויפען: זי — אויף צומעו׳קען זיך ערגיץ און דאָס קינד איהר׳ס — אויף דער שחיטה נעביך. פון אונטערען באַרג טהוען ראַפּטאָם אַ לויף, אַ יאָג אַרויף, פעררייסענדיג די וויידלען, בריקענדיג מיט די הינטערשטע פיס און אונטערהויבענדיג דעם הינטען, אַ „מאַבון״ פערד מיט אַ געשריי, אַ געפילדער, אַ קנאַלען מיט בייטשען פון שקצים, שמייסערס ביי די זייטען, און שטעלען זיך אויס אויפ׳ן פערדמאַרק. עס טהוט זיך, עס ווימעלט אַרום זיי. ליוּוענראַנטען, מבינים אַזוינע, קוקען די פערד אין די ציין, שאַטצען, דינגען זיך, האַמפּערען זיך, פּאַטשענדיג דעם־יענעם פערד איבער׳ן ריקען, אַ פּאָהרגעבענדיג מיט דער האַנד איהם איבער׳ן הינטען. — דאָרט דרעהט זיך אַרום, שטאַרק פערפלאַמט, פערטראָגען גרישקאָ דער צעגיינער מיט זיין פערד, אַ הויכגעוויקסיגעס מיט אַ פעט־קיילעכדיג בייכעל, אַ ברוינגלאַנצענדיגע פעל און פייער־ברענענדיגע אויגען. לייזער־בער, דער שטאָדט־וואַסער פיהרער, דערזעהענדיג די סחורה ווערט פערצאַפּעלט, בעקומט שיער נישט די נכפה. אַי — לאַכט ער — אַי אַ פערד, אַ פערד! אוי, קבצן, קבצן! זאָל זיך דיר לייזער־בער קבצן נישט גליסטען, אַזוינס איז נישט פאַר דיין קעשענע. נאָר האַ, ווי זאָגט עפּיס די גמרה דאָרט, פּריוועען מעג מען זיך, ניין — ניין, און אפשר טאַקי יאָ?... היי, גרישקאָ! זאָג נאָר ברודער! מה יקר? אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער, דער שפּיץ איז — אַ גוט

מענשעל, גרישקא דער צעגיינער! ער זעצט זיך־אויף רייטענדיג, פאָהרט זיך דורך פאַר איהם פלינק הין־און צוריק. דאָס פערד לויפט, דריגעט מיט די פיס, שטעלט זיך דיבאָם, טאַקי נאָר אַ מחבל. מען דינגט זיך, מען בעט זיך איינער צום אַנדערען מיט תחנונים, מען שווערט זיך מיט טויטע קללות, מען פּאַטשט זיך אין די הענד, מען שטעקט איינער דעם אַנדערען כמעט אונטער דער נאָז מיט אַ עק־פּאָלע—נאַ, אַרויף נאָך אַ קערביל! זאָל זיין צו אַ גלייכען חשבון נאָך אַ קערבעל! אַי. אַ עקשן! אַ עק אַ סוף, נו צוגעשלאָגען, אָבגעמאַכט זאָל זיין מיט מזל! בעשפּריצט מיט בראָנפען, לייזער־בער נעהמט די מציאה און געהט אַהיים מלא שמחה.

די זומערדיגע זון דערוויל באַקט, רופט אַרויס אויף די פערהיצטע פנימער דעם גוטען שווייס, מען נעהמט זיך צום טרינק. קיין טראָפּען וואַסער אין די אויסגעזיגטע פעסליך! עס טומעלט טאַראַראַמט זיך אומעטום, דאָ אַ צונויפלויפעניש ווי אויף אַ בייז וואונדער. אויף אַ דעכעל פון אַ באַלאַגאַן מיט אַרויסגעשטעלטע משונה־ווילדע געשטאַלטען, פון אַ מענשענפרעסער, שרעקליכע־בעפליגעלטע חיות, מכשפות, שוואַרציאָהרען. שטעהט אַ קאָמעדיאַנט אין ברייטע תחתונים מיט פליטערליך פון אַלערליי קאָלירען. ער טרובעט, רופט צו זיך אינוועניג, זעהען די שפּיל — מאַריאָ־נעטקעס־שפּיל. ער קוליעט, קויקעלט זיך, זאָגט ווערטליך פאַר אַ געזעמעל שקצים, שיקסעס, קינד־און קייט, וואָס גאַפען, שטו־פּען־זיך און האַלטען זיך ביי די זייטען לאַכענדיג, דאָרט, ביי יענעם עק מאַרק הערט זיך אַ געשריי, אַ געשלעג — מען שלאָגט, מען פּאַטשט אַ צעגיינער! הערט אַ מעשה: לייזער־בער קומט זיך אין אַ פּאָר שעה אַרום צום פערד און הויבט עס נישט אָן צודערקענען. וואו פערד, וואָס פערד, עפּיס גאָר אַ רוח — אַ רוח אין דעם ממזר, אין דעם צעגיינער אַריין!... וואו בייכעל, ווען בייכעל, ס'איז אַ אַלטס, אַ דאַרס, הויט און ביין. אָט וואָס אַ צעגיינער קען! ער האָט דאָס פערד אונטער'ן פעל אָנגעבלאָזען, ווי מען בלאָזט־אָן אַ פענחער, אויך צוגעפיילט איהם די ציין און איינגעגעבען איהם אַזאַ מין קרייטעכץ אַזעלכס — טשעמע־ריצע אין בראָנפען, האָט עס זיך דערהיצט בעקומען אַ געשטאַלט,

געהייבען פּיס — אַ שפּירט אַ ברען!... און גאָר אין דער־מיט מאַרק זאַמלען זיך צונויף אַ רעדעל מענשען אַרום אַ פריש־אָנגעקומענעם פאַרשוין מיט אַ קאַטערינקע, ביי זיך אַ גאַנצער יש, אַ מוזיקער, גיט קאָנצערט! ער דרעהט־דרעהט די קאַטערינקע און עס קאַטערינקעט זיך, טראָגען זיך העט־ווייט לידער. אַ מאַלפּעלע אין אַ קליידעל טאַנצט אויף הינטערשטע פיסלעך. אַ קליין מיידעלע אין הייזליך שפּרינגט, מאַכט מיט דער רייף, און אַ שטום אינגעל, אַ בלייכס, ברעכט זיך, געהט מיט'ן קאָפּ אַראָב, מיט די פיס אַרויף. דער עולם צאַפּעלט, שטאַרבט פאַר גרויס וואונדער — אוי, געוואַלד אַזעלכע קונצען מען האָט אַזוינס נאָך נישט געזעהען, אַזוינס נישט געהערט!

די צייט דערווייל שטעהט נישט, געהט. אַ שעה נאָך אַ שעה ביז עס הויבען ביסליכווייז אָן זיך צושפּרייטען די פאַרנאַכטיגע שאָטענס. דער מאַרק זאָגט שירה! ערגיץ אין אַ וואָגען, פון אַ זאַק אַרויס, גרילצט אַ געבונדענער חזיר. ער איז הונגעריג, מיד צוליגען אַ גאַנצען טאָג אָהן עסען. איהם ענטפערט אָב פונדערווייטענס אַ קיה, וואָס איהר האָט זיך אויך צוגעגעסען שטעהען אַזוי לאַנג צוגעבונדען פאַר די הערנער. העהנער געפּענטעטע, וואַרפען זיך אין די וואָגענס, קרעהען שטאַרק אין כעס — אַזאַ צייט אָבגעוועזן צושיידט פון זייערע ווייבער! און זיי אַלע האַלט־אונטער אַ קאָהר פון אויסגעשטרעקט־ליגענדיגע קעלבליך מיט אַ מעקען אויף דינע, גראָבליכע און גראָבע קולות, לויט דעם עלטער פון יעדען קעלבעל בעזונדער. די זון פאַרגעהט אין איהר רוה אַריין. און דער עולם הויבט זיך אָן צופאָהרען. — אויס יריד!.. אויפ'ן מאַרק דרעהען זיך אַרום הינד, נישטערען, זוכען וואָס עס איז אין מויל אַריין. שטעדטילדיגע קיה, פרעסערענס, תמיד הונגעריקע, כאַפּען, שפּאַצירענדיג דאָרט, שיריים: אַ הויפען שטרוי, אַ לעק היי. און בחורים'ליך, מיט שטעקליך, אַרויסגעשיקטע פון דער היים בכיון צו זוכן מציאות, שאַרען אין מיסט, טאָמער האָט עמיצער עפּיס פערלוירען וועלען זיי עס אוי'פהייבען. אויף די פריפּעטשיקעס אין די הייזער ברענט אַ פייערל. עס קאָכט זיך וועטשערע. מאַנסבילען אין די

שוהלען דאַווענען מנחה. עס פאַלט־צו די נאַכט — שאַ רוהיג, שטיל!
צו אַ טרוקען שטיקעל אָרט ערגיץ אין די סטעפּעס ביסט־
דו געגליכען שטעדטיל ק...! אַ גאַנץ יאָהר איז עס וויסט, עלענד,
טויט, קומט די רעגענסצייט ווערד עס בעלעבט. עס שטעהט
דאָרט אַ קאַליזשע. עס פערקלייבען זיך אַהין און קוואַקען זשאַבעס!
טריקענט די קאַליזשע אויס — איז שטיל, טויט ווי פריהער!...

אָט אַזאַ שטעדטיל איז ק... געווען אַמאָל, אין שלמה׳לעס
צייטען. צי היינט איז עס אויך אַזוי? ווייסט דער גוטער יאָהר
עס. נאָר ווי די מעשה דאָרט איז, דערווייל, אַז מען האַלט אין
פאָהרען פאַרביי, האָט דאָס אמת׳ע יודישע שטעדטיל מיט זיינע
מעשים טובים ביי יודישע קינדער זיך עס פערדינט, אַראָבצו־
נעהמען זיך אַביסעל אין דער זייט מאַכען איהם אַ „מלא“, אַ
„הזכרה“ פון זיין כבוד־וועגען. זאָל דער עולם יודען הערען —
און וויסען!...

אַצינד, רבותי, צו שלמה רב חיים׳ס אויף זיין וועג קיין
ס — ק.

מילא קיין שטענדיגע בוידען, יאַזדעס הייסט עס, ווי ער־
גיץ־וואו, אין כמעלניק אַ שטייגער, איז אין ק... , ווי געזאָגט,
נישט געווען בנמצא. אַ שטעדטיל אַ אָבגעלעגענס, די מענשען
כמעט אַלע היימזיצערס. צו דער פרנסה האָט מען קיין סך נישט
בעדאַרפט. אַ קרופּניק, אַ רעטיכעל, אַ ציבעלע גאַנץ גענוג. איינ־
מאָל נאָר געדיינקט דאָס שטעדטיל אַ יאַזדע מיט פיער פערד,
אָדלער, לייבען, ווי ביי לייטען — דאָס איז געווען משה אלעזר׳ס
יאַזדע. ער אַליין — אַזוי דערצעהלען זקנים, אַלטגעזעסענע —
איז אַ צייט לאַנג אַוועקגעווען אַ מדרש־זאָגער, אַ שטיקעל מגיד
אין דעם שניידערשען שוהלכען, איז איהם, משה אלעזר׳ן, דער־
נאָך געפעלען פון אַ בעל־דרשה׳ער בעסער אַ בעל־העגלה צו־
ווערען. ער האָט אָבער גאָר נישט געמאַכט. ווי פריהער טאַקי
אַ קבצן געבליבען, און די פערד זיינע זענען גע׳פגר׳ט פון הונגער.

אָט אַזוי דערצעהלען אַלטגעזעסענע.—אין אַ צייט שפּעטער
אָבער האָט דאָס שטעדטיל אין אַ נויטפאַל זיך בעדינט אָט מיט
דעם, אַמאָל מיט יענעם, ווי ס׳איז אויסגעקומען. איינער פון

די צווי, מענדיל מלכּיִאָן פלעגט זיין אַ שליח, געהען וואָהין מען האָט איהם געשיקט מייל̈ענווייז צו־פוס. היטץ קעלט, בלאָטעס שנייען — ער איז געגאַנגען, נישט געהערט קיין וועלט. כלה־מתנות ווער האָט אָבגעטראָגען ווייט ערגיץ אין דער פרעמדער? דעם חתן צוריק אַ שטריימעל פונ׳ם מחותן ווער האָט געבראַכט? מענדיל! אַ בהמה, אַ יאַלעווקע אויף ברייע צום פריץ אין ברויז ווער האָט אָבגעפיהרט? מלכּיִאָן! אינגאַנצען איז מענדיל מלכּיִאָן געווען אַ דאַר־אויסגעדייווערט יודעל, געהאַט אַ טויט־בלאַסע הויט אָהן אַ שום קאָליר, בלאַסע האָר און רויטע אויגען—אַ חידוש נפלא, וואָס טרעפט זיך אַמאָל ביי אַנדערע בעשעפענישען, און הייסען הייסט עס ביי די געלערענטע מיט דעם נאָמען אַלבינאָס, קאַרקעלאַק (Albinos, Karkelak). נאָר וועגען איהם אין אַ אַנדער אָרט, דער צווייטער, אַ בעפערדעלטער, אַ יוד הייסט עס מיט אַ פערד און וועגעלע, איז געווען מיכעל חנה־דאָבעס. מיט אַ פליכּעוואַטען קאָפּ און אַ לייטעשע געלע־ברייטע באָרד. מיט איהם פלעגען זיך בענוצען אין געוויסע צייטען, אונטער אונזערע, אָדער „זייערע” ימים טובים אַ שטייגער, די קרעמער—שיקען איהם אין דער גרויסער שטאָדט איינקויפען דאָרט פאַר איטליכען אַביסעל סחורה, מיני צעלניק, בשמים: לאַקריצע קו־בעבע, קאַנדעלצוקער וכּדומה, לויט דעם צעטעל, וואָס מען האָט איהם מיטגעגעבען. חנוכּה־צייט פלעגט דער שטאָדט־שוחט און חזן מיט דעם שמש אַרומפאָהרען מיט איהם איבער די אַרומדיגע ישובניקעס און צונויפנעהמען ביי זיי זעקליך קאַרטאָפעל, מעהרען און שאר ירקות, וואָס האָט געהייסען חנוכּה־געלד, מיט איהם פלעגט זיך אָפט בעדינען אויך רב חיים, עליו השלום אויף אָבצושיקען דורך איהם אַהין „וואו־געהעריג” די ראַטע פאַר דער פלייש־טאַקסע און אַמאָל אויך נויטיגע פאַפירען — פראָשע־נעס, בריעף, אַז מען האָט בעדאַרפט. מיט דער פאָטשט האָט מען עס נישט געקענט, ווייל פון איהר איז דאָרט אין שטעדטיל קיין זכר נישט געווען. בריווליך האָבען שטאָדט־לייט געוועהנטליך ערגיץ נישט געשיקט און אויך פון ערגיץ נישט דערהאַלטען. אַמעריקע איז אין יענער צייט געווען ווי דער גיהנם און

גן־עדן אַ אַגדתא, אַ מדרש־פּליאה. מען האָט זיך אַלץ גע׳חקר׳ענט, געוואָלט דערגעהען מיט׳ן שׂכל ווי אַזוי מענשען געהען דאָרט אויף יענער זייט ערד, פאַרקעהרט פון אונז און פאַלען נישט אַראָב!!

אָט מיט דעם מיכל חנה־דאָבעס איז שלמה׳לען זכות אבות בייגעשטאַנען, ווי עס ווערט געזאָגט ווערען ווייטער, אַרויפכאַפּען זיך צו איהם אין וואָגען און אונטע[illegible]ן קיין ס—ק!

ו.

נאָך יענעם סוכּות, ווען שלמה׳לע האָט זיך געקליבען אין ס—קער ישיבה, איז פירגעגאַנגען אין דער פּאָגאָדע זעהר פיל פאַרענדערונגען — אַ טאָג וואַרם, שען, אַ בלויער לויטערער הימעל, און אַ טאָג קאַלט, נאַס, וואָלקענדיג, אָט — אָט גיסט אַ רעגען, און עס וועט ווערען אַ דערטרינקעניש, אַ בלאָטע ביז דעם האַלז. שלמה׳לע וואָס אַריינגעהמענדיג דענסטמאָל זיך אין קאָפּ תּכלית; וואָס אין מוח פּיקט איהם פּיקט אַלץ תכלית און תּכלית רייסט זיך מיט לייב און לעבען, אַהין אין דער ישיבה אַריין — און געוואַלד, רבונו של עולם, ווי אָבער קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער?! דאָס שטעדטיל איז דאָך ווי יריחו פערשלאָסען אין יוצא ואין בא, מען זעהט נישט קיין משוגענעם הונד. דער עולם פערזעהט זיך שוין בעצייטענס מיט שפּייז, שטעלט בּאָרשטש, שאַטקעוועט, האַקט, אין קרויט. מען קריכט אַריין אין אַלטע וואַרמע לייבליך, אין צוהאַקטע, פערלאַטעטע וואַטאָווע קאַפּטענס און האַלט אין פערקריכען ווי אַ בער ווינטער אין דער בערלאָ־גע. פון פאָהרען איז אַפילו קיין געדאַנק נישט. וואָס־זשע טהוט

מען? לאָזען זיך גיהן צופוס? — איז שלמה׳לען דער וועג קיין ס — ק נישט רעכט בעקאַנט. דערצו נאָך איז אַ מורא, עס זאָל איהם נישט בעפאַלען אַ שלאַקס־רעגען, אָדער אַ נאַסער שנעע און עס זאָל איינגאַנצען אויס־וועג ווערען. לאָזען־זשע זיך איינרעדען און וואַרטען, אפשר וועט זיך ווער אונטערכאַפּען? דאַכט זיך איהם אַ שרעק, ער קען חלילה פערזאַמען, מען וועט די ישיבה אויסכאַפּען, און געוואַלד וואָס איז עס פאַר אַ תכלית, וואָס וועט זיין דער תכלית??!

גאַנץ פריה איינמאָל, אַז די זון האָט ווי איינער מיט אַ אונטערגעבונדען־פערשוואָלען פנים, לא עליכם, אַרויסגעקוקט, קרימענדיג זיך, פון צווישען צעריסענע, קלאָטשקאָוואַטע גרויע שטיקער וואָלקענס; אַז דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז נאָך געלע־גען אין די בעטען אונטער די וואַרמע קאָלדרעס, איז שלמה׳לע שאַ־שטיל אַרויס פון שטוב און זיך געלאָזט אויף גאָט׳ס בעראָטה געהן אונטער דער שטאָדט, אויפ׳ן וועג קיין ס — ק. דאָס פּע־קעלע זיינס אונטער׳ן אָרעם, איז בעשטאַנען פון אַ תפילין־זעקיל מיט קליינינקייטען פון דער הלבשה, משטיינס־געזאָגט. דער וועג איז געווען שמוציג, גריבערדיג. די שיך, אָננעהמעהנדיג זיך מיט וואַסער, האָבען געפייפט, מיאוס פערדריפּעט די קאַפּאָטע ביז העט אַרויף היטעל. נאָר דער תכלית האָט פאַר זיינע אויגען געשוועבט, ווי דער עמוד־אש איהם געפיהרט אַלץ ווייטער ווייטער, ביז די כחות זענען איהם אויסגעגאַנגען און ער האָט קוים־קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס.

אָט דאָ הויבט זיך אָן אַרויסווייזען בעשיינפערליך פאַר איהם זכות־אבות — עס ריקט זיך אָן איהם פון הינטען עפּיס ווי אַ פיהר; עס לאָזט זיך הערען אַ פּלוכען, אַ שעלטען, אַ שמייסען מיט דער בייטש. ער טהוט אַ קוק און דערזעהט עפּיס אַ געשטאַלט פון אַ מענשען — אַ יוד מיט אַ הויכאויפגעשטעלטען קאָלנער, אַרומגעוויקעלט מיט אַ אויסגעדריפּעלטער, ווי אַ טשאַ־לענט־שמאַטע אויסגעריבענע פעטשיילע פון אַ אשה. דאַכט זיך אויך אַגעשטאַלט פון אַ פערד, ווי אַ שוואַרץ־יאָהר אויס־געשמירט אין בלאָטע. און אַ קול אַ פערדומפּט׳ס ווי פון אַ

פּאַס רופט צו איהם: „שייגעץ איינער! ווי קומסטו אַהער, רב חיים'ס זוהן"? — „אוי, רב מיכל"! — טהוט אַ געשריי נישט מיט זיין קול שלמה'לע, אויסשטרעקענדיג די הענד, און בלייבט ווי דערוואָרגען אָהן יווערטער... און צום צווייטען מאָל לאָזט דאָס קול צו איהם זיך הערען: „היידאַ בחור, אַרויף אויפ'ן וואָגען"! — יאָ, דאָס איז געווען טאַקי מיכל חנה־דאָבעס מיט זיין פערד און וועגעלע. אַ וואָרט פּאַר אַ וואָרט און עס לאָזט זיך אויס, ווי מיכל זאָגט, אַז אויף זיין מזל, אויף שלמה'לעס, הייסט, עס, איז נעכטען אין אָוועכד, פערשלאָפּט געוואָרען דער ק—ער נגיד, אַ יוד פון אַ פּאָר „זעקליך" און אפשר טאַקי דריי. עס האָט איהם אַ פּנים פערשאַדט דאָס לייגען זיך מיט אַ פולען בויך אין בעט אַריין באַלד נאָכ'ן עסען. אונזער נחום'צע דער רופא איז געקומען מיט דעם קליפּערגעציייג, איהם געשטעלט באַנקעס, געזאָגט, נישקשה, עס וועט איבער'געהן, מען ברויכט איהם מאַ־כען אַ... און ער, דער נגיד, שרייעט: ניין! נאָכ'ן פעלדשער שיקט, נאָך מיין הערשעלען, ער איז אַ מומחה! נישט אַנדערש, ווילט זיך איהם, ווי הערשעלע, אונזער געוועזענער שטאָדט רופא אַמאָל. — און אָט דאָס פאָהרט עס אַצינד, אין אַזאַ וועטער, קיין ס—ק מיכל חנה־דאָבעס, און ס'איז ביי איהם שטאַרק אָנ־געלייגט, שווערט ער זיך מיט שבועות, פאַרוואָהר זאָל איהם גאָט אַזוי העלפען ווי אָנגעלייגט ס'איז איהם, וואָס ס'האָט זיך גראָד אַזוי בעדאַרפט מאַכען, יענער זאָל קראַנק ווערען, און איהם, מיכל'ן, זאָל בעשעהרט זיין, אונטערצופיהרען דערוויייל אַהין אין דער ישיבה אַריין, רב חיים'ס עליו השלום, אַ זוהן, אַ בחור'ל. סטייטש, ס'טייטש, רב חיים, פששש! מיכל, זאָגט ער. האָט אַזוי־פיל האָר אין קאָפּ נישט, וויפיל ער האָט איבערגע־פּאַרדינט פון רב חיים'ן עליו השלום, ביי זיין לעבען! מיכל איז ביי איהם שטאַרק חשוב געווען, געוואוסט האָט מיכל פיל שטעדט'ישע זאַכען, ווי טאַקסע, אַרענדע, דאָס יענץ און דעס־גלייכען. און מניה־וביה טאַקי טאַפּט ער אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע אַ בריף. זעהסטו, זאָגט ער, דאָס פיהר איך פון איינעם צו צוויי ברידער, יונגעלייטליך, שרייבערליך, גאַנצע מאַכערס,

אין מאַגיסטראַט, אין די סאָנדען דאָרט, אַרום קהל׳שע זאַכען. נאַ! קענסט איבערלייענען מיר, אַז דו ווילסט עס, נישקשה. עס שאַדט נישט גלאַט אַזוי זיך, צו וויסען. דער בריעף איז געווען צונויפגעלייגט, נאַר אַזוי פערמאַכט, נישט פער׳חסמ׳עט, אויבען אָבער אויף איהם איז געשטאַנען בחדר״ג און בחדר״ג איז געווען אַמאָל ביי יודען שטאַרקער ווי טײַזענט חתימות פון טריפוואַקס מיט׳ן אָדלער. שלמה׳לע, עס פערשטעהט זיך, וויל נישט לייענען — און דער בריעף איז אַריין צוריק אין מיכל׳ס קעשענע.

זכות-אבות האָבען, ווי עס ווייזט זיך דאָ ווייטער אַרויס, פאַר שלמה׳לען זיך געמיהט, נישט ווענען דעם אָנקומען זיינעם, בשלום קיין ס—ק אַליין, נאַר אויך ווענען בעקומען „טעג״, ווענען געפינען לייטזעליגקייט און חן און נאָך אַנדערע גליקען דאָרט. ס׳איז דאָ אַפילו אַ סברא צו גלייבען, אַז דרינען האָט איהם אַביסעל געהאָלפען די סגולה פון איינעם אַ בעל-שם. די מעשה דערפון איז אַזוי געווען: מיט אַ קורצע צייט צוריק, בשעת שלמה׳לע האָט זיך אויפגעהאַלטען אין ק—ער בית-המדרש, איז אַראָבגעפאַלען אַהינצו אין שטעדטיל איינער פון די געוועהנטליך אַרומפאָהרענדיגע בעלי-שמות — אַ יוד נאָך אין די מיטעלע יאָהרען, אַ הדרת-פנים, אַ בלייכס, מיט אַ רבניש בייכעל און אַ קוק פון אַ פערטראַגענעם אין די עולמות העליונים. געגאַנגען אָנגעטהון איז ער אין אַ זיידענע קאַפּאָטע אויף אין דערוואָכען, אַריינגעשטעקט די הענד טיף אין ביידע קעשענעס הינטען, וואָס איז אַרויסגעקומען מחילה זעהר בולט. און דאָס גיינגעל זיינס אַזוי, הין-און-הער ווי אַ קאַטשקע, האָט געהאַט דעם זיבענטען חן. געהאַט האָט ער יריעות פאַרמעטענע, לאַנגע, געראָלטע ווי מגילות מיט אויסגעמאָהלטע גלגלים און משונה׳דיגע קבלה׳שע צייכענס, פון וואַנען ער פלעגט אַרויסזאָגען איטליכען זיינס ווי פון אַ ספר גורלות, געהייסען האָט עס, אַז אַ בריה צו „זיי״ איז ער, זיינס אַ קמיע ווירקט. פונ׳ם מיידעל אין יענעם שטעדטיל דעם גלגול אַרויסגעטריבען, ווי דער וועלט איז בעקאַנט, דאָס האָט ער, טאַקי ער! פאַרברייננענדיג ווי אַ כלי-קודש, עפּטערס די צייט אין בית-המדרש איז ער אויפגעטראָגען געוואָרען מיט שלמה׳לען, און איהם

געבדו־בט אמאָל ווי אַ שטיקעל משמש. שלמה׳לע האָט איהם גע־פּאָלגט, איהם געקוקט אין מויל אַריין מיט גרויס אָבשיי. אַזוי האָט זיך עס געצויגען אַ פּאָר וואָכען. פאַר דעם אָבפאָהרען האָט דער בעל-שם זיך געלאָזט דערקענען צו שלמה׳לען מיט אַ מתנה— געגעבען איהם אַ סגולה נושא-חן צו זיין אין מענשענס אויגען, און אויך געהייסען איהם דערצו, זאָגען תמיד דאָס קאַפּיטעל כ׳ אין תהלים. — אָט — אָ-דאָס האָט שלמה׳לע גענאַשט פונ׳ם בעל-שם פאַר זיין טרחה מיט איהם. און מען וואָלט אפשר געמעגט גלוי־בען, אַז דאָס איז איהם אַצינד בייגעשטאַנען דעם בעל-שם׳ס סגולה. נאָר, עט! גיכער טאַקי לעגט זיך אויפ׳ן שכל זכות-אבות. עס פּוז דאָך פּאָרט זיין אַלץ מיט אַ גאַנג, על־פּי דרך-הטבע!

ז.

פערפיהרט האָט מיכל חנה-דאָבעס שלמה׳לען, ווי דער שטייגער איז, אויף ק—ער אכסניא, און דאָרט — איז בעשיינפערליך שלמה׳לען בייגעשטאַנען זכות־אבות. דער בעל-אכסניא און זיין פרוי,ביידע גוטע, כשר׳ע נשמות, האָבען זעהר גוט געקענט רב חיים ק—ער, פאַר אַ געהויבענעם, לייטעשען מענשען, און דעריבער איז, אין זיין זכות טאַקי, ביידען איינגעפאַלען געבען דעם זהן זיינעם, דעם יתום, צוויי טעג: פרייטאָג און שבת!... פעהלען, הייסט עס, שלמה׳לען נאָך פינף טעג — העלפען דערצו ווידער טאַקי זכות-אבות! יענע יונגעלייט, צוויי ברידער, שרייבערליך, פון וועלכע ס׳איז דערמאָהנט געוואָרען פריהער, פלעגען זעהר אָפט אַריינשמעקען אין דער אכסניא, צו־זעהן זיך דאָרט מיט אורחים פון די שטעדטילדיגע מאַכערס. דערוויסענדיג זיך דאָ פון רב חיים׳ס בחור׳ל האָבען זיי איהם גאַנץ פריינדליך אַרויסגעוויזען ברייטווילליגקייט, איהם בייצושטעהן אין זיינע נויטען מיט וואָס נאָר מעגליך, איינמאָל טאַקי צוליב זיין פאָטער, ער, עליו השלום, האָט עס ביי זיי כשר פערדינט; והשנית, ווילען זיי דער-

פילען די בקשה פון דעם און דעם געוויסען שטאָדט-מענשען וועגען איהם טאַקי, צווישען נאָך אַנדערע ענינים אין דעם בריף זיינעם דורך מיכל-חנה-דאָבעס, וואָס ער האָט זיי ערשט נישט לאַנג עס אָבגעגעבען. דער שפּיץ פון דער הבטחה איז געווען — מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, צוויי טעג ביי צוויי זייערע בעקאַנטע. אין שטאָדט אָנגעזעהענע מענשען. אייגער גאָר אַ נאָהענטער זייע-רער. אויך אַ נאָכטלעגער, אַ אָרט אויף נעכטיגען. שלאָפען הייסט עס, ביי זייערען אַ גוטען ברודער. מילא איז גוט. אַי, איז דאָך די קשיא - „וכי תאמרו מה נאכל״? — איז דער תירוץ: נישקשה, גאָט איז אַ טאַטע! בעדאַרף זיך שלמה׳לע דערמאָהנען גראָד אין יענטען—זיינעם אַ קרוב׳ס אַ קרובה, הייסט עס שטיקלעך מחותנים. דערפרעגט ער זיך צו איהר און טרעפט זי זיצען אין מארק ביי אַ טישעל מיט געבעקס און נאַשערייען — עפּעס מיני בארלעך, ארץ-ישראל-עפּעלעך אַזוינע וכדומה. נעהמט זי איהם אויף, דאָרט טאַקי, נעבען טישעל מיט די מולטערס, ווי אַ אייגענעם מיט אויס-פרעגען זיך אויף איטליכען פון דער משפחה בעזונדער, מיט אַ גדולה, אַ פריידן און מיט אַ אויסריידען פּאַר איהם איהר שווער-ביטער הארץ, מיט אַ רחמנות-פּנים און לסוף מיט אַ זיס-פריינדליך שמייכעלע: קיין טאָג, בחור׳ל, קען איך דיר נישט געבען, אז שטענדיג ווי דו זעהסט, היגע איך דאָ ביי די מולטער, אין דער היץ אין דער קעלט, זומער און ווינטער. טאָמער ווייסטו וואָס? קוים-קוים וואָס מען דערנעהרט זיך, וואָס מען זיפּעט. נאָר וואָס דען? אַלע מיטוואָך קום צו אַהער, צו מיר, וועל איך דיר געבען אַ ברויטעל ווען איך גוט, טאָגטו האָבען צועסען דעם טאָג. און איך וועל זאָט זיין מיט דער מצוה. דו הערסט? — אַלע מיטוואָך!... ביי מיינעם אַ בעקער, אָט ביי דעם, וואָס איך נעהם דאָס גע-בעקס, וועל איך פריוועז אַ שמעק טהון. ער אַליין איז אַ יוד, אַ אָרימאַן, אַרבייט מיט שווייס פּאַר צוויי, און טיילט זיך מיט דעם ביסען מיט אָרמע לומדים, קלויזניקעס, ישיבה-בחורים, איטליכען טאָג מיט אַ אַנדערען. איז אויב נאָר איז ביי איהם דאָ איין טאָג אַ פרייער, אָך, מעגסטו זיכער אויף איהם רעכענען. קו-ראַפּאַטעס ווערסטו ביי איהם נישט עסען, ער האָט נישט, אָבער

ברויט מיט קרופניק יאָ. ער וועט נאָך מיט גרויס הנאה דיך אונטערטרייבען, אַלץ עס, עס! — איז וואָס-זשע זאָג איך? יאָ, געדיינק-זשע, אַלע מיטוואָך! דערווייל טאַקי נאַ אַ ברויטעל אפשר, וועה איז מיר, ביסטו הונגעריג, נעהם נאַרעלע, בישקשה, שעהם זיך נישט!...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז שלמה׳לע געוועזן פער-זאָרט מיט אַלע טעג. טאַקי ווי מען זאָגט: טאָג — לרבות הלילות, אויך נעכט, און דאָס איז זעהר אַ גרויסע וויכטיגע זאַך, וואָס לאַו כל הישיבה בחורים זענען זוכה דערצו. וואַלגערען זיך דאָרט אויף טיש און אויף ביינק מיט קולאַק צוקאָפּענס, נישט האָבען קיין רוה פּיי נאַכט פון אָנליידען זיך, אָנעסען זיך אַמאָל אַ טאָג מיט צרות; נישט אויסשלאָפען זיך גענוג די נעכט נאָך גענוג שווערע תעניתים, זעהר אָפט הונגעריגע טעג, און כאַפּען נאָך אַ פייכט, נאַס קישעלע אין קאָפּ. אויך אַ אונטערגעלאָזטע „פּאָנפּע״ אונטער דער נאָז פון בחורים שטיפערס, קונדסים — דאָס איז אַזאַ אָבקומעניש, וואָס ערגערס דערפון האָט אויך דער גיהנם נישט. היינט ווי גליקליך איז דעריבער שלמה׳לע געוועזן נישט געפּריווט צו ווערען דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט אַ אָרט צו נעכטיגען, גערוהט און געשלאָפען ווי אַ פּריץ.

ווי אַ פּריץ מיינט מען פונדעסטוועגען נישט אַ הויז אַ פּאַ-לאַץ, אַ שלאָפצימער מיט טייער בעטגעוואַנד און נאָך אַנדערע שענע גוטע זאַכענישען דערצו, ניין! דאָס הויז, וואו שלמה׳לע האָט געהאַט נאַכטלעגער, איז געוועזן דוקא אַ קליינס פון אַ דריי צימער מיט אַ ברייטער „לעזשאַנקע״, אַ באַנק-אויבען הייסט עס, ווינטער וואַרם, מחיה דערויף צושלאָפען, און געשטאַנען איז עס פּערריקט, דוקא אין אַ הינטערגעסעל, וואָס נישט צו-צוטרעטען אַהין בשעת אַ בלאָטע. נאָר ווי רוהיג, נחת׳דיג איז געוועזן דאָרט אינווענינג, ווי פריידליך צווישען זיך האָט געלעבט דאָס גוטע-ליב-הארצדיגע, קליינע הויזגעזינד! דער בעל דבית פּונ׳ם הויז אַ הערצליך גוטער אָרענטליכער, וואָס ווייט זיין-גלייכען צו געפינען, אַ מענש אָהן אַ גאַל און פון גאָט געבענשט מיט אַ לאַנגער נאָז, וואָס דערפאַר האָט ער אין שטאָדט געהייסען „ש... דער נאָז״

נישט צו קריינקען איהם דערמיט חלילה, נאָר גלאַט אויס ליב־שאַפט — אַלע האָבען איהם ליב געהאַט און ער אַלעמען. ש... איז בטבע געווען אַ ריהרעוודיגער. דער שטייגער גאַנג זיינער אין גאַס פלעגט זיין גיך־געשווינד, ווי ער לויפט אין איין אָטהעם עמיצען נאָך. איינער אַ לץ, אַזוי דערצעהלט מען, קומענדיג אַמאָל איהם אַקעגען כאַפּט איהם אָן ביים נאָז מיט אַ זאָג: רב ש... איהר יאָגט זיך אַוודאי נאָך אייער נאָז? נאַט אייך זי!

דאָס הויז ש — ס איז געווען אָבגעטיילט מיט אַ בעזונדער קאָרידאָר און מיט אַ ווענטיל פון נאָך אַזאַ הויז, ביידע טאַקי אונטער איין דאַך. יענץ הויז איז בעשטאַנען פון צוויי היבשע צימער, אין וועלכע עס האָבען געוואוינט ווייבער — ש... ס אַ שוועסטער מיט קרובות, אין דער צווייטער — אַ שכנה, פון וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען פיל צו ריידען שפּעטער. דערוויילע מוז געזאָגט ווערען, אַז אין דעם הויז איז געווען, אַ יאָהר־מנין מיט אַ ספר־תורה פאַר אייגענע געצעהלטע מענשען, צווישען וועלכע עס זענען אריין פאַר אַ בעלוינונג יעדען חודש עטליכע געהויבע־נע בחורים פון דער ישיבה, אַריסטאָקראַטיע, קען מען זאָגען, די סמעטענע פון זיי. ווי באַלד די גאַנצע זאַך האָט זיך געווענדט אין ש... האָט ער צווישען די בחורים אַריינגעדרעהט אויך שלמה׳־לען. אַזאַ עליה, טיטעל הייסט עס, אַזאַ שענע בכב׳דיגע פרנסה פאַר אַ ניי־אָנגעקומענעם נפש האָבען די אַלטגעזעסענע, אויסגע־ריבענע ישיבה־בחורים נישט געקאָנט פערדייען — און דעריבער טאַקי האָט דער עלטסטער פון די רעדעלפיהרער, דער „פינסקער״ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט זיך אַזוי צושריגען, אויסגעלאָזט דעם כעס אויף שלמה׳לען, און דעריבער האָט „חאַרט״, דער צווייטער פון די רעדעלפיהרער, דער „קלעצקער״, מכבד געווען שלמה׳לען מיט אַ פייכטע שמאַטע!...

ח

ברצות ד׳ — זאָגט דער פּסוק — אַז דער אויבערשטער בּעוויליגט דרכי איש, די וועגען פון אַ מענשען, גם אויביו, איז אויך זיינע פיינד, ישלים אתו, מאַכט ער פרידליך מיט איהם נישט דוקא פלעה, הינד, ווי די חכמים זאָגען, ווערען שלום מיט דעם בעגליקטען, זיי בּעפאַלען איהם נישט, בּייסען איהם נישט, נאָר אויב אַפילו, אָדער בעסער צו זאָגען — אַ פּשיטא שוין מענשען. דעם אָרימאַן — איז דאָ אַ ווערטעל — האָבּען אַלע ברידער פיינט, און פיל זענען דעם רייכענס פריינד. געהט עמ׳צען פון טויער און טהיר קריכט מען פאַר איהם אויף אַלע פיער, שלמה׳לע, וואָס דאָס מזל האָט איהם געשפּיעלט צו בּעקומען טעג מיט נעכט אויף עסען און שלאָפען, האָט אויך מיט דער צייט בּעקומען חן און לייטזעליגקייט, אין די אויגען פון אַלע ישיבה-בּחורים, אַפילו די אַלטגעזעסענע דאָרט האָבען זיך געלאָזט איבערבעטען און איהם אין חברה אַריינגענומען. „חאָרט״, אַ ווייס-חברה׳ניק, אַ מזיק אויף נאַסע שמאַטעס צו-וואַרפען, ״פאָנפעס״ אונטערצולאָזען, איינער אין דער וועלט, האָט זיך קאָמפּאַנייעט מיט שלמה׳לען — לערנען

ווי אַ חבר מיט איהם צוזאַמען, האָט עס געהייסען. „חאָרט״ איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, געווען בטבע אַ דימענט, אַ גאָל־דענער כאַראַקטער מיט הייסע טיף אין־זיך פערבאָרגענע געפיהלען פון רחמנות, פון ליעבשאַפט, וואָס פלעגען אָפט אַרויסשפּרודלען אין אַ פּערעל־ציטערדיגע טרעהר אויף די אויגען, און אַ שטיל־אומעטיגען קרעכץ אויף די ליפּען — אַ גאַנץ וואויל בחור׳ל נאָר אַנ׳אָרעמס, אַ עלענדעס נעביך. אָט פון די דאָזיגע גליקען, פון עסען און טרינקען אין געזעלשאַפט, האָט זיך שלמה׳לען נישט געלערענט. עס האָט איהם פערפיהרט אין דער זייט וועג פון דער תורה, וואוהין ער האָט פריהער געוואָלט און האָט בעדאַרפט קומען, אמת טאַקי, אַזוינע גליהען משטיינס געזאָגט, אויף אַלע שונאים געזאָגט געוואָרען, דאָך אָבער זענען „טעג״ — אַפילו אין קיך, אין גלות ביי אַ בייזער קיך־יודענע, פּאָרט בעסער ווי פּת במלח, ברויט מיט זאַלץ, אַ שיטערער קרופּניק בעסער ווי מים במשורה, וואַסער אַביסעל, שלאָפען אויף אַ וואַרימער „לעזשאַנקע״ פיל בעסער ווי ועל הארץ תּישן, ווי אויף דער הוילער ערד שלאָפען, און ליידען אַמאָל דאָס יענץ, צו־וואָס אַ זאַטער זינדיגער מענש האָט חשק, איז אַלץ בעסער ווי איידער, אַ ביטער לעבען פון אַ הונגעריגען, אַ נויטבעדערפטיגען.

פון שלמה׳לעס לעבען אין ס—ק, וואָס האָט זיך געצוי־גען אינאיינעם אַ פּאָר יאָהר לערך מיט אַ הפסקה און דערמיט, לוינט זיך צו פערהאַלטען מעהר־ווייניגער אַביסעל נאָר אויף גע־וויסע שטעלען. די איבעריגע זענען עט ו נישט געלעבט נאָר עפּיס אַ שפּראָצען ווי אַ געוועקסען — אַ אָטהמען אַ מאַכען מיט די זייטען, מיט די אויגען און אַ קאָכען, אַ פערדייען פונ׳ם מאָגען, אַ לעבען גלאַט אַזוי זיך אָהן אַ שוט בעוואוסט־זיין, וואָס לאָזט נאָך זיך נישט איבער קיין זכר פון אָרט און צייט, נישט אָנחויבענדיג גאָר צו ליגען אינ׳ם געדעכטעניש.

שלמה׳לע געדיינקט יענע ווינטערדיגע פּאַרנאַכטען אין דער ישיבה. די זון האָט, נאָך איהר מרה שחורה׳דיגער קורצער רייזע, זיך געזעצט אין אַלערליי קאָליערען־שפּילענדיגע, איהר אויפן וועג זיך גראָבליך אויסציהענדיגע וואָלקענס. די לעצטע שטראַהלען

איהרע רייסען זיך אריין אינעווייניג אין דער ישיבה דורך די דיק-פערפרוירענע פענסטער און פלאטערען א קעגען אויף דער וואנד מיט דעם גאנצען אבגעסטעמפעלטען אבגלאנץ פון צוויי-פערטילדיגע און פון פראסט מיט עפיס מיני געצאצקעטע, פער-מאהלטע שויבען. אין דרויסען ברענט, סמאליעט דער פראסט. אינעוועניג אין שטוב איז קאלט-טונקעל. די פונאנדערגעגאנגענע בהורים הויבען ערשט אן איינציגוויז זיך צענויפקומען. איטליכער רייבענדיג די הענד און מאכענדיג א-א! אין אויבען הייצט זיך. צוויי בחורים — פון די פערבליבענע, איינער עפיס א שלימזול, גאר אהן א „טאג", און דער אנדערער פונ׳ם „טאג" האט מיט זיך גע-בראכט אויף וועטשערע עטליכע קארטאפעל, זיצען אויף די קניה ביים אפענעם טהירעל, א קעגען דעם פייער, אכטונג געבענדיג איטליכער צו זיין זידענדיגען טעפעל, וואו עס יאגט זיך א גרויס נאך א גרויס, ארויף-אראב מיט א רוגזא, א טיאכקען; טיאך, טיאך, ט אך! דאס פייער קנאקט, בעלויכט זייערע פנים׳ער און פון די, וואס ארום זיי. א שטארק זיך-צעפלאקערענדיגע שייט-האלץ שטעקט ארויס פונ׳ם אויבען דעם עולם לאנגע פלאם-פייערדיגע צינגלען, אויסשיסענדיג האפערדיג, הארט ביים טהירעל, מיט גליהענדע קויהלען, און אויסבלאזענדיג לסוף פיפ-פ-פ א תקיעה גדולה! עס ווערטווארעם, דער עולם האט הנאה. פערברייגגט די צייט מיט מעשיות, מיט זאגענישען, מיט גלייכווערטלעך, די בחורים פון די טעפלעך נעהמען זיך צום עסען — שטעהט אויף, יודען! — ווערט א געזאגעריי — קריאת-שמע יודען, אין א גוטער שעה! די כהנים געהן אריין עסען תרומה, זופען זייער קרופניק!... און די בחורים זופען, ארבייטען געשמאק, בעגלייטען איטליכעס לעפעל פונ׳ם טעפעל צום מויל מיט א שיר פון די לעפצען, אנמאכענדיג אויף די צוקוקער א וואלפישען אפעטיט. מען קראצט זיך, מען בע-לעקט זיך פאר גרויס חשק, מיטוואך געוועהנטליך זיצט דא שלמה׳לע אויך, אין דערמיט, און עסט תרומה פון ברויטעל, וואס יענטע די מארק-זיצערין פלעגט איהם דעם טאג געבען, ער עסט עס זעהר ערנסט, בכונה, עפיס מיט א „לשם יחוד", היטענדיג זיך, ווי א שמורה׳ניק, עס זאל חלילה נישט אראבפאלען קיין ברעקעל—

אָט דאָס ברויטעל איז באמת טייער, עס דאַרף בעווייזען זיין כמנחה על מחבת ווי אין פוטער אַ געפּרעגעלטער פּאַנקוכען, טהייערער פונ׳ם בעסטען „טאָג״, בעטראַכטענדיג זיך, מיט וואָס פאַר אַ הייסע ליעבשאַפט צו גאָט און צו זיין תורה, דאָס דאָזיגע ברויטעל איז געגעבען געוואָרען. אַ פּאָר טויבען. אַ קרבן פון אַ אָרימאַן, איז ביי גאָט אָנגענומען ווי דאָס פעטע רינד פון בשן—דאָס לעצטע האָט דער אָרימאַן געביך איהם אַוועקגעגעבען!...

ט.

און צום לערנען איז אַפּעטיט ביים עולם בחורים דוקא ניט אַזאַ גרויסער געווען. דער מאור־התורה האָט פון שיעורים, פון די בלעטליך גמרא, ניט אַזוי העל אַרויסגעלויכטן, אַזוי געוואַרעמט ווי פון די טרוקענע שייט־העלצליך, פלאַמענדיגע אין אויבען. עס האָט געראויכערט, געשפריצט, געבלעזעלט, ווי נאָסע האָלצאָוועשקעס, פון אייז־קאַלט חריפות און וואַסערדיגען פלפול. דער למוד איז ניט געווען און טאַקי גאָר פון לכתחילה נישט געגאַנגען מיט אַ פּלאַן פון אונטען אַרויף שטופּענווייז, בהדרגה. די בחורים, נישט זיי זענען געווען אַ גוטער אויסגעאַרבייטער מאַטעריאַל, צוגעפּאַסט צו דער זאַך, וואָס מען האָט געלעהרענט, נישט זיי האָבען זיך גערייימט צווישען זיך איינער מיט דעם אַנדערען. ס׳איז געווען אַ אויסמישעניש פון פערשידענע שטאַנדען און כאַראַקטערען, אין מענשליכקייט, אין פערשטעהן וואָס גוט, וואָס שלעכט—אַ ערב־רב פון חדרים, תלמוד־תורות, ישיבות און קלויזען. קיינער פון זיי האָם קיין געדאַנק געהאַט נישט פונ׳ם תנ״ך און אויך נישט אַפילו פונ׳ם חומש,

פון וועלכען מען האָט אַמאָל העכסטענס געלערענט די ערשטע פרשה פון יעדער סדרה. היינט ווי אַזוי־זשע, פרעגט זיך. איז אַ מעגליכקייט געווען שטעלען אַ אויבערשטען עטאַזש — די מינד־ליכע תורה שבעל פה, תלמוד הייסט עס, אַז דער אונטערשטער עטאַזש — די שריפטליכע תורה, תורה שבכתב, הייסט עס, הויבט זיך נישט אָן און האָט זיך גאָר נישט אָנגעהויבען צו זיין? און אָט דערפון האָט זיך גענומען פיל זעהר נישט קיין גוטע זאַכען: דרעהדליך, פאַלשע פשטליך, מאַטערניש, קאָפּברעכעניש, קווע־טשעניש, נישט־פערשטעהעניש און פערלירעניש דערנאָך איינגאַנ־צען דעם חשק צום לערנען, אַרויפוואַרפענדיג זעהר אָפט די שולד אומזיסט־אומנישט אויף דער אומשולדיגער גמרא, אַז זי פערדרעהט אַ מוח, שווער צו פערשטעהן וואָס זי וויל! ביי אַזאַ צווייגאָרענדיגען דת, נעמליך: פון דער שריפטליכער און מינד־ליכער תורה, ווי די יודישע איז, וואָס די ביידע זענען צווישען זיך געקניפט און געבונדען. איינע אָהן דער אַנדערער שווער צו פערשטעהן, בעדאַרף מען זיין, אויב נישט משוגע, אַ ווילדער שוטה צו בעהויפטען, אַז דער גאַנג לערנען אין אונזערע צייטען איז אַ גלייכער, און דער חדר, ווי ער איז איצט און געווען אין שלמה׳לעס צייטען — איז דאָס יודישע פאָלקס־שול, — ניין! שוין בלויז דער נאָמען „חדר” ווייזט ווי פונקט פערקעהרט ער איז פון די פאָלקס־שולען גאָר אין די פריהערדיגע דורות. די פאָלקס־שולען דענסמאָל ביי זיי האָבען געהייסען בתי־ספר, לעהר־הייזער. הגם ווי די בתי־ספר זענען איינגעריכטעט געווען, איז דייטליך מיט אַלע איינצעלהייטען אין תלמוד נישט אָנגעוויזען, נאָר פון זעהר פיל צעוואָרפענע שטעלען דאָרט, ווי אויך פון דער פראָגראַמע זייערער, איז זעהר גרינג זיך עס פאָרצושטעלען. די פראָגראַמע זאָגט: בן־חמש שנים למקרא, פון פינף יאָהר־אָן זאָל דאָס קינד לערנען פסוק, די הייליגע שריפט ביז דעם על־טער פון צעהן יאָהר, און לויט די פוסקים, זיין אַ בקי אין זיי מיט די אַלע דקדוקים. בן־עשר שנים למשנה, פון צעהן יאָהר אָן זאָל ער לערנען משניות, ביז׳ן פיפצעהנטען יאָהר, פינף יאָהר הייסט עס. בן־חמש עשרה לגמרא, ערשט דערנאָך פונ׳ם פיפצעהנטען

ביז דעם צוואַנציגסטען יאָהר זאָל ער זיך בעשעפטיגען מיט דעם לערנען גמרא. הייסט עס אַ פּנים אַזוי: די צייט פונ׳ם לערנען בכלל איז געווען אַ פּיפּצעהניעהריגע, צו פינף יאָהר אויף איט־ליכען קורס. די שולען זענען געווען צווייערליי 1) אָנפאַנגס שולען פאַר קינדער — תינוקות של בית רבן, דרדקי. די דאָזיגע שולען האָבען געהייסען בתי ספר, די מלמדים — סופרים, ספריא, ווייל זיי האָבען געלעהרענט דאָרט תורה שבכתב, די הייליגע שריפט אין „ספרים", און 2) הויכשולען פאַר תלמידי חכמים, צורבי מרבנן. אַזוינע שולען האָבען געהייסען ישיבות, בתי מדרש. די מלמדים — ראשי ישיבות, חכמים, חכימיא. געלערענט דאָרט האָט מען תורה שבעל פה, משנה און גמרא, די מינדליכע תורה, און דוקא אויסוועהניג, קוקענדיג דעם רבין אין מויל אריין, נאָכזאָגענדיג אַלץ אין זיין נאָמען, מיט זיין לשון, און אויך אין דעם נאָמען פון אַנדערע חכמים.

לויט אזאַ פּראָגראַמע און אַזוינע לעהר־הייזער האָט גע־מוזט געפאָדערט ווערען א) אַז די תלמידים זאָלען איינגעטיילט זיין, כפי דעם גראַד קענטעניש און דעם יאָהר פונ׳ם לערנען זייערס, אין כתות, אָדער קלאַסען אין איין שול־הויז, און אויב עס איז נישט מעגליך איז אין בעזונדערע שול־הייזער; ב) אַז מחיוב צו גרינדען אַזוינע לעהר־הייזער, פאָלקס־שולען, איז די געמיינדע, איטליכע שטאָדט, הייסט עס — זי האָט געזעצט מלמדים, וועלכע האָבען געטויגט צו זייער זאַך. נישט יעדער, ווער עס וויל ווערט אַ מלמד, נאָר אַזעלכער, וואָס ער איז אַ „בעל יראה, מהיר לקרות ולדקדק", אַ גאָטספאָרכטיגער, אַ געשיקטער, אַ וואויל־לעהרנער. אַכטונג צו געבען אויף די מלמדים און די לעהר־הייזער האָט די געמיינדע געהאַט דערויף אַ סופר דמתא, אַ שטאָדט מלמד, אַ אַרט אינספּעקטאָר, אָדער אַ אויבערלעהרער, וואָס האָט געלעהרנט, געעפענט די קורסען פאַר מלמדים. ג) גע־האַלט דעם מלמד און דעם בעהעלפער זיינעם, ריש דוכנא, וואָס די שטאָדט האָט צוגעזעצט צום מלמד, אין פאַל אַז ביי איהם אין שול איז געווען מעהר פון פינף און צוואַנציג תלמידים, ווי אויך דעם סופר דמתא, איז גענומען געוואָרען מקופת הקהל,

פון קהל׳ס געלד. אָט דאָס איז אין קורצען די געשיכטע פון די פאָלקס־שולען, לעהר־הייזער, ביי אונזערע עלטערען אַמאָל אין יענע צייטען פאַר יודישע קינדער. אָרים און רייך אַלע גלייך. פונ׳ם נאָמען „חדר״, וואָס הייסט אייגענטליך „קאַמער״, „צימער״, וואו היינט קנעלט, זיצענדיג אין ענגשאַפט, מ׳שטיינס־געזאָגט אַ מלמד — איז אינ׳ם גאַנצען תלמוד אַפילו קיין זכר נישטאָ. „חדר״ — אַ קעמעריל אויף קנעלען, גלאַט אַזוי זיך אָהן אַ פּלאַן, ווי אונטער׳ן פריפעטשעקיל פאַר היהנער אויף קוואָקען, איז באַלד ביים אָנהויב זיינעם געווען אַ ירידה, אַ צוריקפאַל צום ערגסטען. עס האָט זיך געמוזט אָנהויבען שפּעטער ביים צוזייעט־צושפּרייעט זיין אין גלות, ווען די ליכטיגע זון פונ׳ם יודישקייט האָט זיך פערטונקעלט פון פינסטערע וואָלקענס; ווען דער בונד פון יודישע אַחדות האָט אָנגעהויבען שוואַך צו ווערען; ווען די ערציהונג איז מכמה טעמים אַרויס פונ׳ם רבים, פון דער געמיינדעס הענד, אין די הענד פון יחידים. דענסטמאָל האָבען בעהעלפערס, (ריש־דוכנאָ, חזניא) אָנגעהויבען ווערען ספריא, מקרי־דרדקי מלמדים, מקרי דרדקי. ספריא ווערען חכימיא, גמרא־מלמדים. אין דער אַלטער יודישער פּראָגראַמע ווערט אַ תהו־ובהו, פון בתי־ספר, לעהר־הייזער ווערט אַ „קעמעריל״, אַ חדר. מלמדות ווערט אַ געשעפט, איטליכער מלמד מיט זיין חדר. אויס השגחה, אויס קאָנטראָל, קיין סופר דמתא, אַ אויבערלעהר־רער איז נישטאָ. רייכע, פערמעגליכע בעלי־הבתים, הויבען־אָן צונויפשטעלען, מאַכען אַ חדר בעזונדער פאַר זיך, און אָרימע — יתומים, עלענדע, ווערען אָבגעזונדערט אין תלמוד־תורות, פונקט ווי אָרימע קראַנקע אין הקדשים —ביידע מיט אַ ווירדיגען, היי־ליגען נאָמען און מיט אַ אומווירדיגען, מיאוס־פערשוועכטען תוכן, ביידע פערוואָהרלאָזט, פערשטויסען, אַזוי אַז זיי זענען געוואָרען צום געשפּעט אָון צו חרפּה ביים עולם. אַ תלמוד־תורה׳ניק, האָט מען געוואוסט, מוז ווערען אַ טויגעניכטס, און אַ קראַנקער אין הקדש מוז שטאַרבען. די האָפנונג פאַר זיי איז פערלויר[ע]ן, קיין לייט פון זיי וועט שוין נישט ווערען. ערשט היינט, אין דער לעצטער צייט, האָט מען זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען. אַ היבשע

טהייל תלמוד־תורות, איבערהויפט אין די גרויסע שטעדט, שטעהט שוין, ברוך־השם, אויף אַ גוטער מדרגה, מיט אַ סדר־הלמוד, אַ פלאַן, ווי נאָר מעגליך איז, אָבער דער פלעק — די אָפּטהיילונגען אָרימע קינדער פון רייכע, איז נאָך אַלץ טאַקי געבליבען. אַ טהייל מלמדים ווידער, אַרומקוקענדיג זיך היינט, ווי ס'איז נישט אויסצושטעהן ביי זיי פון דער קאָנקורענץ; ווי פיינליך דאָס לערנען איז מיט פערשידענע כתות, דערצו נאָך דער גרויסער חסרון פון זייערע אייגענע קליינע קענטעניסען פאַר אַ גרעסערע כתה; ווי שווער די מלחמה איז אַ קעגען די פאָדערונגען פון דער צייט; און ווי מיאוס ס'איז נישט יוצא צו זיין, נישט פאַר גאָט, נישט פאַר לייט, נישט פאַר'ן פאָלק ישראל — אויך זיי, די מלמדים אַזוינע, פאַלען אַצינד אויף אַ שכל, צו מאַכען פון עטליכע חדרים, וואָס יעדער פאַר זיך איז אַ פערמישטער, ערבוביא־חדר, איין לעהר־הויז בשותפות, גוט איינגעריכטעט ווי ווייט מעגליך, און צו לערנען מיט אַ פלאַן, איטליכער מלמד מיט זיין כתה, אין זיין חדר, קלאַס הייסט עס, צו־וואָס ער טויג. סימנים פון לעהר־הייזער הויבען, אמת, זיך אָן צו בעווייזען, אָבער מיט שוועריגקייטען, מיט שטערענישען פון אינווענינ און פון דרויסען. דאָך בעדאַרף אונזער עולם דערצו זיך צוקוקען, און זיך נעהמען מיט זיינע מיטעל, אונטער זיין השגחה, איינאָרדענען ווידער יודישע פאָלקס־שולען מיט תורה און חכמה, אַלגעמיינע, פאַר אָרים און רייך אַלע גלייך, האָבענדיג פאַר די אויגען דעם דאָזיגען אייזערנעם כלל, אַז איטליכע נאַציע, איטליכע צייט, איטליכס לאַנד האָט צו איהרע בעדערפעניש, צו איהרע פרנסות גוט־צוגעפּאַסטע פאָלקס־שולען.

אין דער ישיבה מיט די ישיבה־בחורים אינגאַנצען ווי זיי זיינען, מ׳שטיינס־געזאָגט, האָבען ווי אַ גרויסער מיט גרינגראָז בעדעקטער זומפּ ביסליכווייז, ביסליכווייז טיף אין זיך אַריינ־געצויגען שלמה׳לען ביז צום פערלירען דעם קאָפּ, דעם ווילען, דעם חשק צום לערנען און דער תּכלית זיינעם. פונ׳ם קומען אין פערבינדונג מיט דעם גאַנצען פּעקעל חברה־לייט ווערט ביי איהם אין האַרצען געבוירען פרישצאַפּעלדיגע תּאוות—פערשוועג־דען מיט זיי איבאַייעם די צייט מעשה־יונגעל אין אָפּטע אונ־טערהאַלטונגען, פּלוידערייען, גערייידערייען וכדומה יונגעלשע זאַכען אַזוינע, צו וועלכע ער האָט זיך מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען.

געזעלשאַפט איבערהויפּט, אַ כלל מענשען הייסט עס—האָט ווי אַ מטבע צוויי זייטען. איין זייט איהרע ווירקט אויף דעם פּרט, אויפ׳ן יחיד נישט צום בעסטען דערמיט, וואָס זי איז אויסען אויף זיין פּערזענליכקייט—בערויבענדיג איהם די זעלבסט־שטענדיגקייט זיינע. זי נעהמט ביי איהם־צו דעם יושר, דאָס

געוויסען, מאַכט פון זיין צונג אַ לעדערנעם דישעל און ברייננט איהם דערצו, מבטל צו זיין זיין ווילען פאַר יענעמס ווילען, אין דער איינבילדונג פון עפּעס אַ טובה, עפּעס אַ הנאה, וואָס איהם דאַכט זיך דורכדעם צוהאָבען. די תאוה פון חניפה פון, צביעות וואַקסט אויס אַזוי גרויס, אַז ביי איהם ווערט רעכט, צו מאַכען פון זיך אַ שמאַטע, צובאַסטווען דער כנופיא און צו־פאַרקויפען דעם פאַרשטאַנד פאַר אַ טאָפּ לינזען, וואָס איהם חלומ'ט זיך דערפאַר. אַנדערש איז דער מענש פאַר זיך אַליין, אַנדערש איז ער כמעט תמיד אין געזעלשאַפט. דאָרט איז ער נאַטירליך, ווי ער איז, ווי גאָט האָט איהם בעשאַפען, און דאָ איז ער אַ צווייפנימדיגער, פאַרשטעלט און פאַרמאַסקירט. די שלעכטע זייט פון דער געזעלשאַפט איז, קען מען זאָגען, דעם יצר־הרע'ס. אָט דאָ זיצט ער עס זיך אין זיין פערבאָרגעניש, ווירקט ווי אַ פאַרפיהרער אויף דעם מענשען, איינגעבענדיג איהם שאַרפע רייצענדע מיני תאות אין גרויסע פאַרציעס עס זאָל איהם ריהרען, בריהען, צוקאָכען דאָס בלוט, און עס זאָל זיך איחם גלוסטען־גלוסטען האַנדלען, ריידען פון זיין הנאה וועגען, לויט איהם דאַכט זיך אין דער הייסער שעה. מעשה־שטן נעהמט איהם אָפּ דאָס מויל, דער שכל, ער בעצויבערט איהם פאַרבלענדט איהם, נישט צוקוקען אין דער זייט פון זיין געג־נער. פונ'ם יצר־טוב, וואָס שרייבט איהם פאָר זיינע מיטעל וואָ־סערדיגע, אָהן טעם, אָהן ריח, פון „באַבסקי אַלט־פעטערישע" מוסר־קוואַלען אויף אָפּצוקיהלען איהם און שטילען זיינע געבלי־טען, דער אמת אָבער קומט אַרויס פון זיי ביידע אינ'איינעם. תאות פון כל־המינים פון דער וועלט, דאָס זיינען די בעווע־גונגסקראַפט אין דעם מענשען. די טרייבפעדער, די פּרוזשינע צו אַלע זיינע אונטערנעהמונגען. אַ מענש אָהן תאות אָהן אַ יצר־הרע, איז אַ שיף אָהן רודער, אַ גולם, אַ נבלה. דער יצר־הרע היצט, היפּעט און גיט אונטער דעם חשק, און דער יצר־טוב איז דער רעגולאַטאָר, ברעכט און שטעלט דעם צופיעל היצי־גען חשק אין דעם ריכטיגען גראַד, אין דער געהעריגער מאָס.

נישט קיין מלאך, נישט להבדיל קיין בהמה איז דער

מענש, דעם זינדיגען מענשען׳ס גרויסקייט בעשטעהט אין תאות
און ברעכען די תאות!

נאָר דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרען ביי אַ דערוואַקסע־נעם מענשען, אַ גרויסען וואָס דאָס לעבען האָט איהם אויסגע־אַרבייט, אָפּגעהאַרטעוועט אין דער מלחמה מיט אַלערהאַנד אומ־שטענדען און אַלערליי אָנשיקענישען. אָבער ווי קען עס אַזוי שטרענג געמאָלט זיין ביי אַ זעלכען ווי שלמה׳לע אינגאַנצען נאָך אַ הייסבלוטיג יונגעל. וואָס שטעהט עם כל־הנערים, מיט ווייסע־חברהניקעס ביי דער שוועל פונ׳ם לעבען און האַלט ערשט ביי „מה טובו״... אז ער זאָל שוין זיין אַ כובש את יצרו, ברעכען דעם יצר־הרע פון הבלי העולם, וואָס מאַכען איהם פאַרגעניגען, האָבענדיג אין זינען נאָר די גמרא און תכלית זאַכען.

נאָך גאָר אין־אָנהויב, האָט דאָס אַריינטרעטען שלמה׳לעס אין דער ישיבה אָבגעהאַקט די פליגעל פון דער פריהער פליה־ענדער פאַנטאַזיע זיינער, דערזעהענדיג פאַר זיך דאָרט דעם ערב רב פון נאָהענט און ווייט צונויפגעלאָפענע בחורים, פאַר־וואָהרלאָזטע, פאַרשידענע אין זייער אויפפיהרונג און אין דעם שטייגער לערנען, נישט מיט קיין סדר, נישט מיט קיין פּלאַן. ער איז געקומען אַ הער אין דער דעה צודערגרייכען דאָ אַ הוי־כען גראַד אינ׳ם לעבען;

אין דער האָפנונג צוגעפונען דאָ נייע, גוטע חברים, צווישען וועלכע ער וועט זיך נישט פיהלען אַזוי געפאַלען, פאַריתומ׳ט ווי צווישען די זייניגע ביי זיך אין שטעדטיל. עס האָט איהם זיך פאָרגעשטעלט גרויס נחת, פיל פרייד און פריינד־שאַפט מיט בחורים-מתמידים, וואוילע, בעגערענדיגע לערנען, זיי וועלען איהם אויפנעהמען ברידערליך, לעקען די פינגער פון זיין קענען פסוק, קלאָהר ווי אַ וואַסער, און ער זיי וועט ליעב האָבען פונ׳ם גאַנצען האַרצען. שלמה׳לעס נשמה בטבע איז דער עיקר איחרער בעשטאַנען פון ליעבע און פריינדשאַפט. זי האָט ווי דאָס פייער צום קנויטעל זיך געצויגען און בעדאַרפט אין עמיצען זיך צו־צוקלעבען. קוים זיך צוגעקלעבט [illegible] זי געוואָ־

רען אַ טייל פון יענעם, האָט געבּרענט, געשיינט, דאַכט זיך געלעבּט מיט זיין לעבּען. נאָך אַזאַ עלענד, נאָך אַזאַ פאַרפרעמד־קייט אין דער היים איז ביי שלמה׳לען אָנקומענדיג מיט אַזאַ געבּראָכען האַרץ, שוין רעכט געווען דערנאָך אָנצוכאַפּען זיך אין די ישיבה־בחורים וועלכע ס׳איז, נישט איבּערצוקלייבּען.

אָבּער אומזיסט די מיה—זיי האָבּען פאַר איהם זיך געהיט, אַזוי ווי פאַר פייער. פאַר וואָס? פשוט ווייל רויע האָלץ וויל זיך ניט אָנבּעהמען! אָט דאָס איז ביי אונז מענשען די שנאה פון אַ עם־הארץ צו אַ למדן... שלמה׳לעס גוטע מעלות זיינען ביי זיי געווען פאַררעכענט פאַר חסרונות. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז ער נעהמט זיך איבּער דערמיט, ער איז אַ אָפּגעפּייפּט מענ־שעל, אַ שענע מורנו און קוקט אויף זיי אַראָפּ מיט גדלות. אַ חוץ דעם נאָך האָט זיי געשטאָכען זיין גליק—וואָס דער אוי־בּערשטער האָט איהם בּאַגליקט מיט „טעג", צוגעשיקט איהם אַ נאַכטלעגער, אַ מנין, אָהן קיינעמ׳ס הילף. אַנ׳אויפגעקומענעם איז מען אַזוי טאַקע מקנא, נאָר אין האַרצען האָט מען איהם פיינט, מען רעדט־אָפּ פון איהם צווישען זיך אַלדאָס־בּייז. בּעזאָנדע־רען׳ס פיינט האָט שלמה׳לען געהאַט דער רעכטער רעדעל־פי־רער, דער „פינסקער" בחור, מיט די געל גרין בּרייטע ציין ווי די לאָפּעטעס. איהם האָט זיך אין שלמה׳לען געדאַכט עפּעס ווי פריקרע, עפּעס נישט געפּאַסט צו, עסק זייגעם. אין שלמה׳לעס געגענוואַרט האָט ער זיך געפיהלט, ווי דער פעסט־זיצענדער טשוואָק אין וואַנד, וואָס ריקט זיך, קריכט, נישט ווילענדיג, פּאַמעליכען אַרויס פון זיין שטעלע, קומענדיג אין בּעריהרונג מיט אַ מאַגניט. אָט אַזוי האָט עס געהאַלטען תחילת צווישען שלמה׳לען מיט דעם פעקיל חברה־לייט. נאָר די צייט טהוט זיך איהר׳ס, מאַכט צלע איבּערקעהרענישען אין דער וועלט.

9.

שלמה׳לעס פערליהרען אַלץ וואָס ווייטער די אַכטונג זיינע צו דער פיהרונג, צו דעם שטייגער לערנען אין דער ישיבה; אויך דאָס שטאַרקע לעכצען זיינס נאָך פריינדשאַפט, דאָס זוכען חברים און צוגעלאָזענקייט פון זיין זייט; ווידער־זשע די אַלץ שוואַכער־שוואַכער, אויסגעוועפט געוואָרענע שנאה ביי חברה פון דער אַנדערער זייט — האָט מיט דער צייט צונויפגעפיהרט, דער־נעהנט די דערווייטערטע. חברה נעמט אַריין שלמה׳לען צו זיך! „חאָרט״ כאַפט זיך אָן, ווערט מיט איהם חבר. איינער צום אַנ־דערען ווערען זיי צוגעקאָכט, נפש־אחת,ביידע אַרבייטען מעשים צוזאַמען. ביידע געהן שלינג־און־שלאַנג צוזאַמען און ביידע טהוען דעם רצון פונ׳ם „בחורץ״ דעם גרעסטען אין דער כנופיא! שלמה׳לע ווערט ביי חברה אַ חשוב, מען לויבט איהם אין טאָג אַריין: ס׳איז נאָך אַזאַ חברה־מאַן גאָר נישטאָ, אַ שטיל וואַסעריל, דאַכט זיך, און גראָבט טיף! עס געהט אַזוי ווייט שלמה׳־לעס חשיבות, ביז ער דערגעהט העט־העט אַזש צו דעם „בייטעל״, צום קהל׳שען בייטעל! דאָס הייסט, דאָנערשטאָג און פרייטאָג

לאָזט זיך געהן צונויפנעהמען נדבות אינעם ליינוועטענעם בייטעל דער רבי מיט שלמה׳לען איבער די הייזער. נישט אומזיסט חלילה, נאָר פאַר ח״י גראָשען, אַ קאַסע געלד ביי ישיבה־בחורים! הייסט עס אַפּנים, שלמה׳לע פערדינט, ברוך־השם, חברה לאָזט איהם־צו אַ פערדינסטעל. היינט ווייטער: אויף די „זיצונגען" ביי דעם וואַרימען אויבען און פאַר׳ן פייערעל ביי די זידענדיגע טעפּלעך קרופּניק, ביי געבאַקטע און געקאָכטע קאַרטאָפּלעס די ווינטערדיגע פאַרנאַכטען — פערנעהמט שלמה׳לע דאָס שענסטע אָרט. ער רעדט אַליין, רעדט ער, און האָרכט זיך־צו צו חברה־לשון: צו די מיינונגען, מעשיות און שמועסען דאָרט. עס פאַלען המצאהלעך, גלייכווערטלעך איבער בעלי־הבית׳טעס, קיך־אידענעס, דינסטמיידלעך, איבער דער אכילה און קוגלען, נאָך וועלכע זיי זענען אַזוי שטאַרק להוט, אויך איבער די שיעורים און דעם לימוד וואָס זיי נעהמען עס אין מויל נישט, איבער לומדים, ראשי־ישיבות, משולחים, משגיחים, מאַכענדיג פון זיי אַלע אַשפּה. קורץ און גוט, שלמה׳לעס לעבעדיגע נאַטור, נאָך פריינדשאַפט לעבענדיגע נשמה לאָזט זיך וואָס ווייטער־ווייטער אַריינציהען פונ׳ם יצר־הרע אין חברה. ער פיהלט זיך שוין נישט עלענד צווישען זיינע נייע חברים און ווערט ווי זיי אַ עכטער „פּאַטראָן! פּאַטראָן — דאָס האָט געהייסען פּטור פון פיל זאַכען אין דרך־ארץ אין יודישקייט. שלמה׳לע ווערט פּטור פונ׳ם פלייסיגען לערנען, אויך פונ׳ם תנ״ך, וועלכען ער האָט אַזוי געקענט נאָך פון דער יוגענד; פּטור אויך פונ׳ם דאַוונען, וואו ס׳איז דאָ אַזויפיל הערצליכקייט, אַזויפיל טרייסט, הימעלשע ליבליכקייט, אַזעלכע גייסטיגע ביינקונגען, פייערדיגע פערבינדליכקייט מיט קודשא־ברוך־הוא און זיין שכינה, ווי ער האָט עס דריגען פריהער געפונען בשעת׳ן אויפהאַלטען זיך אינ׳ם שטעדטיל ט — ץ, דאָס ערשטע מאָל צווישען חסידים. ער ווערט פּטור פון נאָך און נאָך זאַכען, נישט מאַכענדיג זיך דערויס אַזאַ וועזען. מיט אַזויפיל קניפּלעך, נישט מיט אַזויפיל קניפּלעך ציצית, מיט מעהר פעדעם מיט ווייניגער פעדעם — עט! איז עס ביי אַ פּאַטראָן, אַבי ציצית. יאָ געוואוסט, נישט געוואוסט וואָס מען דאַוונט —

מילא נו, בע, נישקשה! עס געהט ווי אַ מזמור, גיך־געשווינד. גישטאָ קיין צייט. אַ טאַפּ דעם של־יד, אַ קוש די פינגער און — פּותח את ידך! אַ בויג דעם קאָפּ און — ברכו! מיט אַלע פינף פינגער די האַנד אויף די אויגען און אֶחָ־חָד! אַ שפּרונג, אַ העצקע און — קדוש, קדוש! אַ קלאַפּ אין האַרצען און — אשמנו! אַ שפּיי־אויס — און פּטור. חאַסיה גיטע, גיט פּאַר אַ נראָשען צע־קאָכטען אַרבעס! חאַסיה גיטע — דאָס איז געווען אַ היכל בע־טאָגטע יודענע, זעהר אַ גוטע, וואָס פלעגט אַלע אין דער פריה נאָך דעם דאַוונען קומען אין דער ישיבה, שטעלענדיג זיך ביי דער טהיר, מיט אַ הייסען, אין אַ שמאַטע איינגעוויקעלטען טאָפּ, ווי אַ טייג צוקאָכטען אַרבעס, אויף וועלכען די אָרעמע בחורים פלעגען זיך מיט אַ הייס־הונגער וואַרפען ווי די בינען אויף האָניג.

אַ חוץ די אַלע אויבענדערמאָהנטע תאוות שלמה׳לעס, וואָס מיט חברה, איז די תאוה פון „בעכטיגען" געווען אויף דער קוואַרטיר ביי איהם, אויך זעהר גרויס. עס האָט פּאַר איהם, אין די גרויסע פרעסט כמעט זומערדיג־געקליידעטען, געוואַרט אַ מחיה־וואַרעמע „לעזשאַנקע", דערויף צושלאָפען דאָרט. דערצו נאָך פלעגט זיך איהם גלוסטען זעהר שטאַרק הערען די שמועסען און די שענע מעשיות פון די בני בית, וואָס אויסטהוענדיג זיך, איטליכער פון זיינע טאָג־געשעפטען אין שטאָדט, פלעגען זיך צולאָזען אַביסעל תענוג אין אַ שמועס איבער דעם, איבער יענעם פּאַר׳ן שלאָף, מיט אַ ממרא, אַ פזמון און קונדייסקע שטיק־לעך צווישען זיך. ווי אַ יוד אין אַ תענית גלוסט צו דערלעבען נאַכט און נעהמען אין מויל אַריין עסען, אַזוי האָט שלמה׳לע זיך געצויגען צו דער וועטשערע אויף זיין „טאָג", אָבעסען דאָרט און געהן אַהין, אין זיין רוה אַריין. תחילת הלילה, ווען די ישיבה־בחורים האָבען געוועהנטליך זיך אויסגעזעצט אַרום די לאַנגע טישען, אויף וועלכע עס האָבען געברענט טונקעל מיט אַ רויטליך פייערעל דינע, זיך שמעלצענדיגע חלב׳נע ליכטלעך — האָט שלמה׳לע און „חאָרט" זיין חבר פון יוצא־וועגען זיך גע־שאָקעלט איבער דער גמרא קידושין (מען האָט דענסטמאָל אין

דער ישיבה געלערענט קידושין) מעהר גערעדט ווי געלערענט, אונטערזינגענדיג מיט דעם גמרא־ניגון און דרעהענדיג מיט'ן גראָבען פינגער, פערטיפט אין אַ שמועס און כלומרשט אין דעם מאָרגענדיגען „לייענען" אַזוי: „אין ארוסה בת ישראל אוכלת"— אַ ארוסה, זאָגט־נאָך „חאָרט", אַ ארוסה, אַ בת ישראל אוכלת עסט— ניין, עסט נישט! וואָס זאָגסט דו, גוי איינער? אין, שטעהט פרי־ער, אין אוכלת בתרומה.—אַהאַ! טהוט זיך חאָרט אַ כאַפּ, אַ בת ישראל אוכלת עסט נישט... אַ ביסעל ווייטליך אַפילו דער „אין".— ווי מיינסט־דו, „חאָרטיקעל", נאָך ווייט צו וועטשערע?... זאָג־זשע, זאָג עד שתכנס לחופה ביז זי וועט, מיין איך, אַריינגעהן אויף דער לעזשאַנקע שלאָפען, מיין איך... נאָך אַמאָל: אוכלת בתרומה, מיין איך, אין אוכלת, עסט נישט—אַי, וויל איך עסען, ווילט זיך מיר אָבעסען... און אויסגלייכען, ווילט זיך, די ביינער"!

אָט אַזוי האָבען די חברים האַלב ווי געלערענט, האַלב געשמועסט—און באַלד טאַקי טפררו! אויס שאָקלען זיך. אויס־געשמאָלצען, אויסגעגאַנגען זענען די ליכטלעך, פערמאַכט ווערען די גמרות, און—אַ גוטע נאַכט, הישיבה־בחורים נכנסים געהן אַריין אויף די „טעג" לאכול וועטשערע!...

דאָס הויפט־אָרט אָבער דעם יצר־הרע'ס, וואו ער האָט, ווי אַ געניטער יעגער אין פערבאָרגעניש, „געלוגט פון זיין האַרבריג" אויף שלמה'לען, אַריינצוציהען איהם אין זיין נעץ, איז געווען— הערט אַ מעשה—אין דעם הויז, וואו שלמה'לע, אַ אָרים-בחור פונ'ם שטענדיגען מנין האָט דאָרט געדאַוועט!

דאָס הויז אינגאַנצען, אַ אַלטס, אַ נידעריגס, איז בעשטאַנען פון אַ פּאָר-הייזעל און צוויי היבשע ליכטיגע צימער, פונאַנדער־געטיילט דורך אַ בשותפות'דיגען גרויסען אריוועך, צו קאָכען און באַקען אין איהם, און געהאַט גענוג אָרט פאַר צווייען צו שלאָפען אויבען אויף איהם. איין צימער פון די ביידע, ביסעל אַ גרעסערס, האָט פערנומען אַ פאַמיליע פון פיער פּאַרשוין, לויטער ווייבער— אַ מוטער מיט צוויי טעכטער. איינע אַ יונג ווייבעל, די צווייטע אַ אַלט מיידעל און אַ שנוהר, נאָך אין די יונגע יאָהרען. אָט דאָ האָט עס דער מנין געדאַוועט. נאָך ווען? דאָס מאַכט איבער־

הויפט קיינעם פון בעשטעלטע דאַווענערס נישטאויס. מען צאָהלט— גו, זאָל זיין געדאַוונט. וואָס פאַר אַ דאגה זיי האָבען? מען צאָהלט פאַר אַ קדיש — זאָגט מען. מען וויל אַ פרק משניות — לערענט מען. אפשר פערלאַנגט מען נאָר תהלים — אָך, אויך סחורה! משוגה האָט אין פלונק אויסגעזעהען נאָר דאָס, עפּיס ווי געדאַוונט נאָר אין אַ ווייבערשער שול — אַ שטוב מיט ווייבער! און וואו, רבונו של עולם, זענען עס די מאַנען? אָט דאָס גראָד האָט זיך יאָ געוואָרפען אין די אויגען, און די ערשטע צייט נישט געלאָזט שלמה׳לען רוהען, דעם גאַנצען דאַווענען אַלץ געטראַכט, געטראַכט, אויסגעשפּיגען, געמאַכט אַ פרום פנים׳ל — און ווייטער טאַקי גע־טראַכט. מיט דער צייט אָבער האָט עס איהם זיך אַרויסגעוויזען גאַנץ פשוט: די מוטער האָט נישט קיין מאַן — איז אַ אלמנה. דאָס יונגע ווייבעל, איהר טאָכטער, האָט אַ מאַן, נאָר ער האָט זי אַוועקגעוואָרפען — זי איז נעבעך אַ עגונה. די שנוהר, איהר זוהנס ווייב, האָט־און־האָט־נישט קיין מאַן, ער דרעהט זיך אַרום, צי ער קנעלט ערגיץ־וואו אין וואָהלין, אין די ווייטע מקומות דאָרט — איז כמו אַזוי ווי אַ עגונה, און דאָס מיידעל איהרס נישט קיין געראָטענע נעבעך, פּונקט ווי די אַלע ווייבער דאָ זענען חנ׳עוודיגע, פון אַ שען אויסזעהן פיין געשטאַלט, אַזוי איז עס באַבקוואַטע, צעקראָכען, אָהן אַ געשטאַלט — אַ מויד, אַ בגורות אָהן אַ מאַן. די שנוהר אין דער דאָזיגער פאַמיליע האָט אָנגע־הערט שואל דעם נאָז אַ שוועסטער, בכן זענעןביידע פאַמיליעס געווען נאָהענטע מחותנים, און טאַקי געלעבט צווישען זיך פריינד־ליך ווי אייגענע און ווי גוטע שכנים. שלמה׳לע, ווי אַ בעשטענ־דיגער „נעכטויער״ אויף שואל׳ס „לעזשאַנקע״ איז ממילא אויך געווען אַ שטיקעל מחותן מיט דער ווייבערשער פאַמיליע, וואו ער האָט ליב געהאַט צו פערברייינגען אַ מאָל די צייט און אַריינ־צולאָזען זיך אין אַ ווייטען, פערשטעלטען שמועס מיט זיי, און אָנהערען זיך מעשיות איבער דאָס, איבער יענץ, איבער ביטערע געמיטער און שווערע הערצער, אַממיינסטענס האָט איהם אינטע־רעסירט די אלמנה. דאָס איז געווען אַ בעלייבטע, אַ בעטאָגטע, נאָך גאָר קיין מעשה נישט פון אַ יודענע, מיט אַ קלוגען קאָפּ

און אַ ערענסט אויסזעהן ווי אַ מאַנסביל — אַ מירעלע אפרת! אין זיטא זענען דאָ, ווי ס'איז בעקאַנט, פיל ווייבער בריות, אשות-חיל, פרנסה-געבערענס, פיהרען געשעפטען, האַנדלען, זיצען אין קראָמען, און די מאַנען זיצען אין קלויז און לערנען. נאָר אַזוינע ווי די אלמנה איז אויך דאָרט אַ זעלטענהייט. זי איז אַ מאָל, אין איהר צייט געווען, קען מען זאָגען, אַ לאַנד-סוחר'טע, אויסגעווינען אַ וועלט, אָנגעשפאַרט אויף די גרויסע ירידים, ווי אַ שטייגער: זעלוועט, באָריסעווער, פאַלטאַווער, אויך האַרקאָווער יריד אַפילו וכדומה. זי האָט איבערגעהאַנדעלט מיט דעם, מיט יענעם פון די בעריהמטע סוחרים מאַנופאַקטוריסטען, אַ מבינ'טע געווען אויף צעלניק, אויף וועבעל, אויף מאָסקווער און דעם דייטש'ע שניט-סחורה. אויף איהר'ס אַ וואָרט האָט מען געשטעלט, האָט זי געזאָגט איז געזאָגט, געזאָגט: קויפט — איז געקויפט! טאָמער ניין! — איז ניין! פריווען אפשר אונטערקויפען זי, ווי געוועהנליך צווישען סוחרים — חס-ושלום!... דערצעהלען פלעגט זי עס אַמאָל ביי אַ געלעגענהייט שטיל-געלאַסען, אויף אַ הייזעריקליכער שטים, אין אַ רוהיגען-גלייכמעסיגען טאָן, אַזוי אַז איהרע ווערטער האָבען זיך געשאָטען ווי פערעל, נישט מיאוס-ווערענדיג שעה'ענלאַנג זי צוהערען. געוועהנטליך אָבער פלעגט זי זיצען שווייגענדיג אין איהר ווינקעלע, אַרויינקוקען אין איהרע ספרים — אין טייטש-חומש, אין קב-הישר, מנורת-המאור, מיט אַ פאָר אַלטע שפאַקולען, אָנגעריקט אויף דער שפיץ נאָז, און צייטענווייז פלעגט זי, אָברייסענדיג די אויגען פונ'ם ספר, אַריבערקוקען איבער די שפאַקולען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, פערטראַכט, ערנסט, און דער שטאַרער בליק איהרער האָט מעהר ווי גערעדט געלאָזט הערען, וואָס געהט פיר טיעף אין איהר נשמה, דאָס פערטראַכטקייט איהר'ס פלעגט אָנשטעקענד איבערגעהן אויף שלמה'לען. עס האָט איהם זיך געדאַכט, אין דעם „אויגענבליק" לעבט זי איבער איהרע פאַסירונגען אַלץ-מיטאַנאַנדער, און פערטראַכטערהייט זיך געלאָזט אין די ווייטע ערטער, אין די רוישענדיגע האַנדעלפלעצער נאָך איהר, ווער לערנען, וואָס לערנען. וואו ישיבה? אַהער-אַהין — אויפ'ן הימעל אַ יריד!...

יב.

דאָס אָבער איז נאָך ניט אינגאַנצען, ס'איז נאָך דאָ עפּיס אויך אַ צימער פאַר אַ שכנה — אַ שענע יודענע אין די מיטעלע יאָהרען, אויך איינע אַליין, אָהן אַ מאַן, ניט אַ אשה, וואָס דער מאַן איז אַוועק למדינת הים, זי געמאַכט פאַר אַ עגונה; אויך ניט אַ אשה, וואָס דער מאַן קנעלט ערגיץ אין וואָהלין. חלילה! ער איז דוקא דאָ, אין שטאָדט, ער האָט זי דוקא ליב און איז, דאַנקען־גאָט ניט קיין מלמד, וואָס־זשע דען? ער איז אַ „מענש"— אַ משרת הייסט עס ביים ס—קער גביר! נישקשה, ניט אַזאַ בושה. אַ סך בעל הבתים, וואָס האָבען דאַכט זיך הייזער, וואָלטען זיך געמעגט ווינשען זיין „מענשן", אַזאַ שטעלע פון אַ משרת. עפּיס אַ קאַטאָוועס אַזאַ גביר, אַזאַ פאַרנעהם מיט אַזאַ נאָמען, וואָס הערט זיך ווייט אַרום און אַרום!—און אָט דאָ, ביי דער דאָזיגער שכנה אין קאָרב פון שפייז, איז עס דעם יצר־הרע'ס בעהעלטעניש, דאָס בעסטע אָרט צוליגען אויף שלמה'לען, אַריינצונאַרען איהם צו זיך!... די מעשה פאָדערט צוליב פיל וויכטיגע זאַכען אַ ביסעל אַרומגערעדט צו־ווערען.

מען זאָל זאָגען היינט אַ שטיינער—אַ גביר, אַ פּאַרנעס, מיט וועלכען עס קלינגט די וועלט, קען מען גאָר אנדערש ניט מיינען ווי אַ גרויסער באַנקיר, וועלט בריהמטער פאַבריקאַנט, אַ מיליאָנער, וואָס פאַרמאָגט שרפ״ט מאָל שרפ״ט אלפים. דאָס הויז זיינס איז אַ פּאַלאַץ מיט אַ מחנה בעדינטע, אַ שווייצאַר מיט גילדענע קנעפּלעך און טרעסטען ביי דער טהיר, קיין אָרימאַן, נישט נאָר ער איז ניט זוכה אַריבערצוטרעטען די שוועל אַהין, עס קומט איהם אַפילו גאָר שוין ניט אַרויף אויפ׳ן געדאַנק שמעקען אַהינצו, אָנווענדענדיג אויף איהם און זיין גלייכען דעם פסוק, בשעת מעשה אַ מאַכגעבענדיג מיט דער האַנד—אל תבטחו בנדיבים, קוקט ניט אַרויס אויף די דאָזיגע לייט! אין קאַרגשאַפט, פונדעסטוועגען, קען מען זיי בשום אופן ניט חושד זיין, אדרבה, פאַרקעהרט, ווער נאָך אַזוי ווי זיי וואַרפט אויף וואָס און וואו אַפילו מען בעדאַרף ניט פולע הויפענס מיט געלד. בעלי־צדקות זענען זיי גרויסע. דער עיקר אָבער איז אויף כלל־זאַכען—אַ שפּיטאָל אַ שטייגער, עטליכע בעטליך דאָרט, אַ צוים אַרום בית־עולם, אַ קלייזעל, אַ בעדעל להבדיל ולדומה, עס זאָל איבעררעש׳ן. ווערען בעוואוסט, דערגעהן וואוהין מען בעדאַרף, צדקה אויף כלל־זאַכען האָט אַפילו מעלות—ס׳איז מסוגל צו אַ נאָמען, צו אַ טיטעל, מען ליגט אין מויל פון אַ רבים, אַפילו ביי אַזעלכע, וואָס זיי איז דערפון ניט קאַלט ניט וואַרעם. מיט יחידים אָבער טהון חסד—אונטערהאַלטען אַ געפאַלענעם, אַ נויטבעדערפטיגען, אַ מטופל מיט קינדער, איז אַ אַרויסגעוואָרפענע זאַך. קען מען דען—זאָגען זיי, האַלטענדיג זיך ביי אַזאַ פרינציפּ—קען מען דען איטליכען קבצן בעזונדער פאַרזאָרגען, אויף איטליכען בטלן רחמנות האָבען? מיט דעם רחמנות וועט מען איהם, אדרבא, נאָך מעהר פערדאַרבען, זאָל ער ניט זיין קיין טויגעניכטס, קיין מיוחס ביי זיך; זאָל ער ניט קינדלען אויף יענעמס קאָפּ! אפילו צו אַזעלכע, וואָס האָבען אַוועקגעלייגט דאָס געזונט, טאַקי אין זייער געשעפט, איז אויך ביי זיי דער אייגענער פרינציפּ—זאָלען אַזוינע קבצנים, אַזוינע מענשליך ניט זיין קיין עזות־פנים׳ער!

און וואָס אַזוינס צו גאָט, צו זייער פאָלק! דערפון איז

דאַכט זיך איבעריג צוריידען. גאָט בעדאַרף דאַנקען פאַר דעם מענטליק, וואָס אַזעלכע גרויסע ווי זיי, טהוען איהם אָן, צודער־מאָהנען אַ מאָל פון יוצא וועגען זיין נאָמען. דאָס פאָלק מעג זיך איבערנעהמען, זיך בעריהמען, פויקען אין די בלעטער, וואָס אַזעלכע־געהויבענע לייט, קאָזערען, טויזען, שמעקען צו איהם אַ מאָל, שטעהן אין געוויסע צייטען אין זיינע ד׳ אמות!...

וואָלט אַ יוד פון אפשר אַ ק״ן, רי״ש אלפים אַדומים; אַ יוד אָהן אַ שום טיטעל, אָהן אַ זילבערנעם מעדאַל אַפילו, ניט קיין באַנקיר, ניט קיין פליהער, ניט קיין מאַכער, ניט קיין זועלטענקעהרער; אַ יוד, וואָס דער האַנדעל זיינער איז בעשטאַנען פון חלב אַ שטייגער וכדומה אַזוינע אַרטיקלען, און נישט ווייטער דאַכט זיך געגאַנגען ווי ביז קרעמנטשוק; אַ יוד, וואָס די נעשעפטסלייט זיינע, יודען מיט בערד און פאות און לאַנגע קאַפּאָטעס, האָבען געהייסען „מענשען״, „משולחים״, „נאמנים״— וואָלט אַזעלכער, פרעגט זיך, גאָר כדאי געווען היינטיגע צייטען, מען זאָל פון איהם ריידען?—געוויס ניט!... אַזאַ ענטפער וואָלט אויסגעקומען הערען לויט יענע פאָרשער, וואָס בעהויפּטען, אַז אַלסדינג אונזערס פון פאַרצייטענס ביז אַצינד איז בסך־הכל אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, און ווען מען זאָל זיך ניט געווען חס־ושלום כאַפּען היינט, בעצייטענס צוהויבען מיט יודען „אלף־בית״ פון־דאָס־ניי, ריידען מיט זיי דבורים, פשוט מיט׳ן לשון „ברחל בתך הקטנה״ קוקט ניט אַהינטער, רב יוד, געהט, רוקט זיך, זייט מוחל, ווייטער־ווייטער, אייער דאָברע־מזל ליגט דאָרט אין־פאָראויס — ווען נישט דאָס, הע־הע וואָלטען זיי ניט ווערטה געווען, וואָס זיי לעבען גאָר אויף דער וועלט!

דאָ אָבער ביי אונז איז ניט קיין מאָדנער מאַגאַזין מיט ניי־מאָדנע חקירה־ספרים פאַר היינטיגען געהויבענעם עולם, נאָר אַ אַנטיקוואַריש קלייטעל פאַר דעם אַלטפּעטע, אין יודישען עולם; אַ מין מוזעאום מיט אַלטוואַרג פונ׳ם אַמאָלדיגען לעבען, ווי אונזערע עלטערען האָבען געלעבט, געהאַנדעלט צווישען זיך און געפירט־זיך אין דער היים ביי זיך. זייער בליק אויף מענשען און מענשליכקייט, זייער יראת־שמים און זייער גאַנג אין

צדקה־זאַלען, און צווישען די אַלע אַנטיקען דאָרט פאַרנעהמט מיט רעכט דעם ס—קער גביר, רב יונה, זעהר אַ שען אָרט.

קוקט איהם אָן אינגאַנצען מיט זיין הויז, מיט זיין פיה־רונג. בעטראַכט איהם און מאָלט איהם!

אַ הויז אַ הילצערנעם, איינגאָרענדיגעס, מיט אַ גאַניקעל אויף עטליכע טרעפליך די הויך ביי דעם אַריינגאַנג, און אַ שורה מיטעל־הויכע פענסטער, גלעזערנע אויגען, איהם פון ביי־דע זייטען קוקט אַרויס, אין אַ גרויסען, אַרומגעצוימטען הויף. און אַזוי טאַקי, מיט דעם נאָמען „רב יונה׳ס הויף", הייסט אין דער שטאָדט די וואוינונג זיינע. אין איין זייט הויף שטעהט זיך אויסגעבויט זעהר אַ שענע שול, אַ בית־מדרש הייסט עס. דאָרט דאַווענט אַ גרויסער עולם—די פון דער משפחה און אויך זייטיגע יודען. דאָרט זיצט אויך יונג און אַלט און לערענט טאָג ווי נאַכט. אַזוי איז עס געוועזען בחייו, און אין זיין זוהנס צייט שפעטער — אַ מנין יודען לומדים, זקנים און יונגע לייט, זענען אויף שכירות געזעסען שטענדיג און געלערענט. שכירות האָט אויך בעקומען אַ ראש־ישיבה פאַר דעם זאָגען דאָרט אַלע פריה מאָרגען נאָכ׳ן דאַווענען אַ שיור גמרא מיט מפרשים פאַר׳ן עולם לומדים.

פרייטאָג־צו נאַכט בעקומט דער הויף עפיס גאָר אַ ניי אויס־זעהן, אַ יום־טוב׳דיג פנים, אַ גרויסער אַ לאַנגער עמוד־אש פון פיל ברענענדיגע ליכט אין שול, אין הויז, שטראַהלט אַרויס דורך די פענסטער און בעלויכט, צושפרייטענדיג זיך איבער׳ן הויף, אין איטליכס ווינקעלע. עס פיהלט זיך עפיס ווי די גוּ־טע מלאכים, דעם אויבערשטענס דינער, געשיקטע פון הקדוש־ברוך־הוא אין הימעל, שוועבען אַרום דאָרט, אָבוואַרטענדיג דעם גביר מיט זיינע קינדער ביים אַרויסגעהן פון שול, צובעגלייטען זיי אַהיים. דאָרט אין שטוב, אין אַ ליכטיגער גרויסע סאַליע שטעהן פאַר דעם הויזגעזינד און נאָך פאַר צעהנדליגער אורחים, אָרימע לייט, שענע יודען, שבת׳דיג געדעקטע טישען מיט אַל־דעם־גוטען — מיט בענש־ליכט אין דריי, אין זיבען־רערעדיגע זילבערנע לייכטער, מיט טהייערע קרעדענצען פון פאַרפיר. ווײַן

פינקעלט, פערעלט־זיך אין געשליפענע, בייכּעגע, לאַנגהאַלזיגע פלעשליך, אָבשיינענדיג זיך מיט אַלערליי רעגענבויגענדיגע קאָלירען אין קריסטאַלענע קידוש־גלעזלעך. פאַר יעדען פון די שפּייזענדע בעזונדער ליגט אויף אַ שניי־ווייסען טישטוך אַ פּאָר פריש־שמעקענדיגע, ווי יונגע היהנדעליך, ערשט פונ׳ם איי, פּילענקע, געלענקע קוילעטשליך — לחם־משנה, אָנקוקענדיג דאָס אַלסדינג קומט־צו, דאַכט זיך, אַ נייע נשמה — די נשמה יתרה, מען פיהלט, אַט איז שבת, אָט קומט די ליבע כּלה, אָט געהט מען איהר אַקעגען, מקבל פּנים זיין אין שול מיט אַ „בואי בשלום״, זינגענדיג דעם „לכה־דודי״ הויך אויף אַ קול מיט אַ ברען!

אויף אַזאַ אופן איז דער גביר יוצא געוועזן פאַר גאָט, און פאַר זיין תורה. ער איז אָבער, ווי אַנ׳איינוואוינער און ווי אַ יוד, אַ זוהן פון זיין פאָלק, אויך יוצא געוועזן אַקעגען דער שטאָדט און דעם כּלל־ישראל. ער איז דריגען בעטייליגט געווען. גאַנץ געוויס, מיט זיינעם אַ גרויסען חלק. די צדקה זיינע פאַר׳ן כּלל האָט, פונדעסטוועגען, ניט מוציא געוועזן דעם פּרט, ווי מען איז מוציא ביי אונז יענעם אַ שטייגער פון ברכה־מאַכען אויף ווייך וכּדומה. דאָס הייסט, מיט די נדבות פאַר׳ן רבים האָט ער ניט אָפּגעפּטרט יענע נויטבעדערפטיגע יחידים, זיי האָבען געגומען ביי איהם די מטבע איטליכער בעזונדער, קבצנים פון אַלערליי מינים, דלפנים אַזוינע און אַזוינע, מיט טאָרבעס, אָהן טאָרבעס, נשרפים, עגונות, שלעפּערס מיט געשריפטסען פון רבנים, אָהן געשריפטסען — אַלץ איינס, יעדער האָט בעקומען זעהר פיין זיין גראָשען. ווער רעדט פאַר אייגענע, פאַר שטעדטישע ובלא יודעים, שטילע, „מתן בסתר״ הייסט עס, מיט עסען און טרינקען, גאַסטפריינדליך אויף אברהם־אבינו׳ס שטייגער.

אָט איז אַ בילד, ליבע יודען, אַ אַנטיקוואַריש בילד! הייגטיגע צייטען אַ זעלטענהייט... קוקט עס, זייט מוחל, אָן!

דאָרט אינ״ם הויף, גלייך אַקעגען דעם גביר׳ס הויז — איהר זעהט — איז אַ היבש געביי, אַ לאַנגס, אָהן פענסטער מיט אַ פּאָר גרויסע אָפענע, אָפּגעלעגטע טויערען, וואו איינער אונטערגעגאַרטעלט, די פּאָלעס פאַרשטעקט די אַרבעל פאַרוואָרפען, מיט

אויסגגשטרעקטע הענד, נעהמט עפיס אין זעקעליך פון אינווענינ און דערלאַנגט אַ צונויפשטופענדיגען עולם אין־דרויסען, מאַנס־בילען, ווייבער בעלאָדענע מיט פעקליך, ליכטליך און פלעש־ליך—דאָס איז—איהר הערט ליבע יודען—דאָס איז אַ שפייכלער, וואו עס געפינט זיך עסענוואַרג, אויך נאָך אַנדערע נויטיגע זאַכען, און פון וואַנען דעם גביר׳ס אַ „מענש", אַ אויפזעהער דע־רויף, גיט אַרויס אַלע דאָנערשטאָג געוויסע אָרמעלייט אויף שבת. און געפאַלענע, אָבגעקומענע נעביך, אַזוי וואָס שעהמען זיך אָנשטעלען די האַנד, שיקט מען זיי אָב שטילערהייט אַ היים בכבוד.

קוקט אָן, יודען, ווייטער אַ ביסעל!

אין דער זייט הויף פאַרנעהמט דאָרט פלאַץ אַ גרויסער פליגעל, פון די קוימענס איהען זיך זיילען רויך, משרתים, ווייבער, מיידלעך אין ווייסע פאַרטיכער, מיט טיכלעך ריינע־ווייסע בעדעקטע קעפ, דרעהען זיך שטאַרק בעשעפטיגט, מיט כלים, טישצייג אַהין־אַהער, אַ מאַנספערשוין אַ חוכער, אַ גע־זונטער—קוק איהם אָן—אַ יונג מיט ביינער, שטעהט אין דער טהיר. ער קאָמאַנדעוועט און לאָזט אַריין מענשען, וואָס קומען און געהען איינער נאָכ׳ן אַנדערען—הערט אַ מעשה, וואָס אַ פער־צייטיגער גביר קען—איינפיהרען ביי זיך אַ קיך אויף קאָכען, באַקען און געבען דאָרט אַלע טאָג עסען הונגעריגע, מיט פער־מעגליכע, בית־המדרש׳ניקעס עלענטע אָרימענקע, שוואַכענקע נעביך!...

יאָ, דאָס איז דעם ס—קער גביר׳ס פאַר אָרימע, הונ־געריגע אָפענע קיך! נישט צו מיינען דערמיט חלילה פאַר זיך קיין כבוד, קיין שום בעלוינונג; נישט צו־דענקען אַפילו, אַז מען וועט מאַכען פון איהם אַ מאָל אַ בילד—אָט־אָ דאָס בילד!

און אָט יענער, וואָס קאָמאַנדעוועט דאָרט — דאָס איז דער שכנה׳ס מאַן, יענע יודענע, וואָס וואוינט אין צווייטען צי־מער אינ׳ם הויז פונ׳ם מנין. דער מאַן איהרער, נישט קענענדיג זיך אָפרייסען פון דער קיך, אַזוי פיל אַרבייט ליגט אויף איהם שטענדיג דאָרט, קומט נאָר איין מאָל אין דער וואָך אויף אַ

פאָר שעה אַהיים און ברענגט אָן פון כל־טוב. דער קאָרב איז פול און פול מיט גוטע געשמאַקע זאַכען, וואוהין דאָס האַרץ און די אויגען שלמה׳לעס ציהען זיך, וואָס מעהר ער פערזוכט דערפון, אַלץ שטאַרקער שטאַרקער. און דער יצר־הרע, דער אונ־דערהיטער, זיצט אַם־מיינסטען פערבאָרגען דאָ אין קאָרב צווי־שען די נאַשערייען, גיט פונדאַנען אונטער שלמה׳לען חשק צו־זיין דאָרט, וואו ער דאַוועגט אַ שכוב מענש, אָבהאַלטענדיג איהם דערוייל פון לערנען.

י״ג.

הייסט עס אַ פּנים אַז דער יצר־הרע האָט שלמה׳לען אַראָב־
געפיחרט פונ׳ם וועג. פונ׳ם תּכלית זיינעם; ער האָט עס איהם
אָנגערעדט צום שלעכטען, צו־פאַרברייגגען פאַר נרויס פריינד־
שאַפט די צייט מיט גאָרנישט—מיט חברים און חבר׳טעס, די
און יענע... צוגליסטען און עסען פונ׳ם קאָרב די ליבליכע,
גלוסטיגע נאַשערייען! און וואָס נאָך? ער האָט עס איהם אַרויס־
געשלאָגען פונ׳ם זינען די היים, דעם גן-עדן זיינעם קינדווייז,
די מוטער זיינע, אַ וויסטע אַלמנה מיט קליינע קינדער, יתומים
נעבּיך. בכן איז־עס דאָך טאַקי עפּיס גאָר אַ מיאוסע מעשה!

אָט אַזוי וואָלטען, גאַנץ זיכער, געזאָגט און גוט אויס־
געמוסר׳ט שלמה׳לען די נאָהענטע, געטרייע קרובים זיינע. נאָ־
הענטע—אויף מעגען שיטען זאַלץ אויף די וואונדען; געטרייע—
אויף שטעכווערטליך, מוסר־זאָגען. נישט תּמיד אָבער טרעפען
די מוסר־זאָגער, נישט תּמיד טרעפט אויך דער יצר־הרע. אַלע
בענאַרישען זיי זיך אַמאָל—עס קומט נישט זעלטען אויס פּונקט
קאַפּויר; פערקעהרט ווי זיי האָבען געמיינט.

דאָס פאַרפיהרט־זיין שלמה׳לעס פונ׳ם יצר־הרע איז פאַר איהם, ווי עס דערווייזט זיך, גאָר אַ גליק געווען. עס האָט איהם דערהאַלטען ביים לעבען!

דאָס לעבען שלמה׳לעס באַלד נאָך דעם פאָטער׳ס טויט הויבט־אָן גרויען ווי נאָכ׳ן זונען־אונטערגאַנג ביים אָבשטאַרבען פונ׳ם ליכטיגען טאָג. אַלץ וואָס ווייטער גרויער, טונקעלער ביז דער שוואַרצער, אַלסדינג אין דער וועלט איינשלינגענדיגער פינסטערניש. עס ציהט זיך פאַר איהם אַ גרויסער, בעטריבטער מדבר מיט אַלע זיינע שרעקענישען—צרות, לייד, אַנגסטען און מאַנגעל אין די נויטיגסטע בעדערפענישען, איינגעבילדעטע נע־בעל־בילדער, פאַלשע הילפס־מיטעל, וויסטקייט, פרעמדקייט אַרום און אַרום. עס שטורמט, עס וואַרפט, עס טראָגט אַהין־אַהער נישטאָ קיין וועג! די נויט שטופט און שלמה׳לע, וואָס זאָל ער טהון, וואַנדערט און געהט. די לאַגע זיינע דאָ, פאַרוואָרפען, פערלאָזט איינער אַליין, אָהן הילף, אָהן טרייסט, אָהן עמיצענס אַ גוט וואָרט; אויך די לאַגע פון די היימישע—פון דער מאַמען און קינדער, זיינע ברידער און שוועסטער, דאָרט; זייער אַלע־מענס לאַגע אַצינד אין פערגלייך מיט דעם, וואָס אַמאָל—דאָס אַלסדינג נעהמט־צו ביי איהם די לעצטע קרעפטען, ער איז טויט מיט אַלע אברים! ווען דער יצר־הרע זאָל נישט געווען זיך אונטערכאַפּען, ווי אַ מלאך־הגואל, מינטערען איהם מיט זיינע שאַרפע רייצמיטעל—אונטערהיצען איהם, אויפבלאָזען דעם כמעט אויסגעלאָשענעם פונק פון זיין פייערדיגער, פיהלענדיגער נשמה, אָנגליהען אין איהם דאָס געפיהל פון פעסט־קלעבעדיגע פריינד־שאַפט און אונטערגעבען איהם חשק צום לעבען—ווען נישט ער מיט זיינע מיטעל, וואָלט שלמה׳לע שוין לאַנג אויף דער וועלט נישט געווען, און ממילא אויך נישט זיין איצטיגע לעבענס־בע־שרייבונג. וועניג דען ביי אונז אַזעלכע ווי שלמה׳לע מענשען, יונגע לייט בעגאַבטע, בלאָנקען זיך ווי פעראירטע שאָף אַרום? זייער מיה איז אומזיסט. זייער רופען, בעטען הילף איז אַ קול אין דער מדבר. זיי פאַלען און מען ווייסט אַפילו נישט וואו ערגיץ איז הינגעקומען זייער געביין. דער יצר־הרע האָט געמיינט

צום שלעכטען, דורך אויפרייצען שלמה׳לעס אין־חלשות־פאַלענ־דיגע, פון דער נאַטור פייערדיגע נשמה, כדי איהם אין שאול תחתיה צו פערפיהרען, און אויסלאָזען אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט גאָר צום גוטען!

שלמה׳לע האָט אמת טאַקי, ווי אַ הייס בחור׳ל, ווי אַ לע־בעדיגס, מיט האַרץ און געפיהל, זיך געלאָזט פערפיהרען וואוהין דאָס האַרץ ציהט, וואוהין די אויגען טראָגען. האָט איהם אין עפּיס־וואָס־ס׳איז זיך געפיהלט אַ פערגניגען, איז איהם געוועזען שווערליך דערפון, ווי פון האָניג, זיך אָבצורייסען. ער האָט עס מיט חשק געגנאָסען, נישט איבערצוטראַכטען דערביי, טאָמער כאַפּט ער אַ ביס און דער האָניג וועט איהם באָקום אויספּאַלען. אַזוי געהט עס געוועהנטליך מיט אַ הייס יונגעל ביים אָנמעסטען אַ שטייגער אַ נייעם בגד, הגם עס ציהט, עס קוועטשט, מאַכט ער זיך דערוויל פאַר שמחה נישט וויסענדיג, און איז מקבל באהבה דעם קוועטש. ביי אַזעלכען פערנעהמט דאָס „חיי־שעה" אַ לאַנגע שטרעקע אָרט און צייט, ציהט זיך העט־ווייט, אַזש נישט אַרויס־צוזעהן פאַר ווייטקייט דעם סוף, דעם „שפּעטער". אַ טראָפּען פערגעניגען דאַכט זיך איהם—אַ ים; אַ שעה עולם הזה—אַ יאָהר; אַ יום־טוב—אַ אייביגקייט.

נאָר אַלסדינג אָבער אין דער וועלט איז מיט אַ צייט. גוט און שלעכט, פרייד און טרויער, פערגעניגען און יאָמער געהען פוס־טריט איינע נאָך די אַנדערע. נאָך דעם יום־טוב מיט זיין ליבליכען „אתה־בחרתנו" און זיינע פרעהליכע אונטערהאַלטונגען קומט די גרויע פערזאָרגטע וואָכעדיגקייט, מיט איהר אומעטיגען „והוא רחום", מיט איהר קלאַפּען זיך אין האַרצען אָשמנו, אַראָב־לאָזען דעם קאָפּ, און תחנון־פאַלען!

אויך שלמה׳לעס לויגען האָבען זיך געביטען. אַוועק איז די פרעהליכע גוטע שטימונג זיינע—און ער בלייבט נישט צופרי־דען מיט זיך, מיט דער לאַגע זיינער, מיט אַלסדינג אַרום און אַרום!

די ערשטע בייזע שעה איז אויף שלמה׳לען אָנגעקומען אויפ׳ן „טאָג" ביי אַ יוסטען בעל־הבית, דאָרט אין קיך, וואוהין

ער איז געקומען, ווי דער שטייגער פון אַ ישיבה־בחור איז, עסען וועטשערע.

אין קיך, אין אַ ווינקעל האָט געצאַנקט אַ חלב׳דיג ליכטעל. די קיכנע, אַ יודענע מיט אַ רויטע פערקרימטע נאָז, מיט פעטע ליפען, אַ ברייט מויל, אָהן צוויי פאָדערשטע ציין, האָט זיך געבאָברעטביים אויבען, געברומט, געמורמעלט ביינזלעך, גלאַט אַזוי־זיך אין דער וועלט אַריין, נישט צוקוקען אין שלמה׳לעס ווינקעל, גלייך ווי ער איז נישטאָ. שלמה׳לע זיצט ווי אויף שפילקעס, די נשמה געהט איהם אויס וואַרטענדיג. די טהיר פון דער קיך עפענט זיך אַלע מאָל מיט אַ סקריפּ. אָט־אָט, מיינט ער, קומט די גאולה, די וועטשערע—און גאָרנישט, די שטוב־מענשען אַריין־אַרויס! ער זיצט און ווערט שיער נישט צוזעצט וואַרטענדיג. ס׳איז שוין שפעטליך, צייט געהן אין זיין רוה אַריין, וואו ער נעכטיגט. מען קוקט שוין דאָרט אויף איהם אַרויס מיט נעכטיגע, נאָך נישט געענדיגטע, און אויך מיט נייע־פרישע מעשיות. ער לאָזט זיך מערקען מיט ישיבה־בחור׳שע תנועות—אַלע ווייל׳ע אַ הייב, אַ קראַץ, אַ זיפץ, אַ היסט, אַ סמאָרע מיט דער נאָז—און זי, גאָרנישט! זי האַלט אין איין מורמלען, עפּיס ווי זי טענה׳ט זיך מיט עמיצען אויס, פּרעה׳ס מכות אויסלאָזענדיג צו זיין קאָפּ. אָט דענסטמאָל איז מיט אַמאָל ווי פון דער ערד, אַרויסגעקראָכען פאַר שלמה׳לעס אויגען אין העלע פאַרבען אַ בילד פון זיין לעבען, פון דעם וואָס פריהער און וואָס אַ צינד. און בשעת־מעשה טאַקי, אינאיינעם דערמיט הערט זיך אַ בת־קול ברומט ווי אַ קיכיודענע, רופט און זאָגט: געה, בחור׳ל, געה וואַש זיך. בחור׳ל!—בעוואַשענדיג זיך מיט טרערען וואַשט זיך שלמה׳לע, הייבט־אויף בייז, פאַרדראָסיג די הענט מיט אַ „שאו־ידיכם" נישט חלילה אַקעגען גאָט, נאָר אַקעגען דעם פינסטערען מזל זיינעם און דער יודענע מיט דער רויטע נאָז. ער איז מקיים, ווי עס פירט זיך, דעם גאַנצען סדר: זעצט זיך, מאַכט המוציא, אַ ביס ברויט, אַ זופּ קרופּניק, בענשט, מאַכט עס אָפּ בקיצור, זאָגט אַ גוטע נאַכט די פיער ווענט און געהט אַרויס געשווינד, צעטראָגען, נישט קושענדיג די מזוזה, שטאַרק אויפגע־

בראַכט, פּערזאומערט, נישט צופרידען מיט זיך, מיט קיינעם ניט, אַז־אָך און וועה—טראַכט זיך איהם אויפבּרויזענד און די געדאַנקען—צו איהם, צו זיין מזל, צו־וואָס ער איז איבּערגע־קומען! אַ פּאַטראָן, אַ ישיבה־בחור, איז ער, עסט „טעג", מ'שטיינס־געזאָגט... אַז־אָך און וועה צו זיין געהויבּענקייט בּיי חברה־לייט, אָרימע בּחורים... אַז־אָך און וועה צו דער זכיה זיינער, אַרומצוגעהן מיט דעם רבּין איבּער די הייזער צונויפקבצ'נען נדבות אין דעם בּייטעל, אויך צו דער זכיה, וואַלגערען זיך, שלאָפען אויף דער וואַרמער לעזשאַנקע... גליקען. תכליתים—שענע תכליתים...

פון זינט דענסמאָל איז שלמה'לע עפּיס גאָר צודרעהט. עס קומען־אָן עפּעטערס אויף איהם די בּייזע שעה'ן. חברה דער־קענט אין איהם נישט יענעם שלמה'לען וואָס פריהער.

יד.

ראש־חודש אדר. און אַז אדר קומט—מרבין בשמחה, הייסט די גמרא פרעהליך זיין. ס'איז שמחה וששון—ליהודים אין שטעדטיל! אפשר דעריבער, וואָס חודש אדר איז דער אָנזאָגער פון דעם ביאת הפריהלינג—דעם דערלייזער פונ'ם שווערען־ביטערען ווינטער, אָט־אָט הערט מען בלאָזען תקיעות דאָס וואַרמע, מילדע ווינטעלע; עס טריפט דער הימעל, בענשט טל—און אַ אויפשטעהעניש תחית־המתים אין דער וועלט, אין פעלדער אין אומעטום?—חלילה! ווער פריהלינג, ווען שטילינג, וואָס געהר זיך עס אָן מיט יודען, מיט ס—קער יודען?—נאָר פאַרוואָס דען איז עס ליהודים? נאַנץ פשוט—עס שמעקט מיט פורים, אומעטום מיט גאָלע נסים, מיט פורים! השומשמנים, די מאָהנדליך נתנו ריח, גיבען די שמוכט, און אויף די שטעלען: טישליך, ביינקלעך אין מאַרק ליגען אויסגעלייגט געצוויקעלטע קישעליך, פלעדליך. פון די מולטערס דאָרט ווינקען אַרויס, רייצענדיג דעם אַפעטיט כל־המיני געבעקסען אין פורים'דיגע געשטאַלטען: ברוכים הבאים המן־טאַשען! סקאָציל־קומט אסתר המלכה, זרש און אויך הרבונה אין־מיטען! אַלע רייטען זיי אויף צוקער־זיסע משוגה'דיגע פערד־

ליך, אויף געלע, גרינע פישעליך וכדומה אזוינע ווילדע בעשע־פענישען. די בלאָטע אַפילו דענסטמאָל שמעקט אויך מיט פורים, גאָר נישט די, וואָס אַ גאַנץ יאָהר. ס׳איז עפּעס שען, גוט, יו־דעשליך!...

עס שמעקט מיט פורים אויך אין דער ישיבה! דאָס לערנען אין דער זייט. עס שטעלט זיך אַ יריד, דער גרויסער פורים׳־דיגער יריד. געשעפטען, ברוך־השם, זענען דאָ, אַבי געזונד, אַבי נאָר דאָס פיצעלע מזל. בחורים, בעטראַכטענדיג זיך בעציי־טענס, וואָס וועט זיין מיט זיי ווייטער, זומער, אם־ירצה־השם— צי בלייבען דאָ, צי פּרובען זיך ערגיץ אַנדערש, און געהן דערווייל אויף פסח אַ היים, הויבען־אָן זיך אַרומצוזעהן, וואָס זיי פעלט, וואָס געהט זיי אָב אין דער הלבשה וכדומה נויטיגע בעדערפע־נישען. זיי הויבען־אָן דענקען וועגען פערדינסטליך פון לייענען. די מגילה פאַר בעלי־הבית׳טעס, פאַר דינסטען, קיך־יודענעס, און אויך פון שלח־מנות טראָגען. אַ שטוב מיט ווייבער, מיט פיל קרובים, קיין עין־הרע, איז אַ ריין גליק. אַז וואויל דעם בחור, וואָס איהם איז באַשערט צו האָבען אַזוינס! ער וועט האָבען, הייסט עס, צו זינגען און צו זאָגען און צו טראָגען און צו מאַכען אַ גראָשען. עס הויבען־אָן בחורים זיך צוגרייטען, פריי־ווען־זיך פערהערען זיך אין־לייענען די מגילה מיט דעם טראָפּ, מיט דעם ניגון, מיט׳ן קוועטש. איין בחור שטעלט די כלי, הויבט־אָן „ויהי בימי אַחשורוש״, ציגעלט זיך גאַנץ פיין, בעל־הבתיש, נישט געיאָגט. צוויי חברים פערהערען זיך, איינער פאַנ־פעט אַביסעל, מאַכט עס בקיצור, געשווינדליך: „עשה המלך״, דער אַנדערער איקעט: אי־אי־אי ציפּאָדערט פון איהם אַ פּזר, אַ דרעה, כאַפּט זיך טאַקי לייענען ווייטער און דרעהט אויס אויף דער גראָבער סטרונע אַ פּזר מיט אַ תלישא גדולה—צוויי שטאַר־קע דרעהען מיט־אַ־מאָל, פערבייסענדיג מיט אַ דרגא תביר. און בשעת אַ בחור דאָ צולאָזט זיך אין „איש יהודי היה בשושן הבירה״, גאַלאָפּ־גאַלאָפּ, לעבעדיג, פרעהליך, לאָזט־אויס יענער דאָרט ווי צו קינות „והעיר שושן נבוכה״ אויף אַ פערדימפּפען, ש־ויעריגען קול!

אַ געטליך־שעפּפערשע קראַפט און אַ מילד לופטיג ווינטעלע, בלאָזענדיג פונ'ם שענעם־ריינעם הימעל, שוועבט ווי דער „כוח־אלהים", גאָטס גייסט פּאַרצייטענס איבער דער אינ'ם ווינטער־שלאָף פאַרזונקענער נאַטור, גיט איהר, ליבליך־שטיל, בעריהרענ־דיג זי, דעם ערשטען, צאַרטעסטען פריהלינגס קוש, און עס נעמט זי אָן עפּיס אַ חשק, אַ ציהעניש, אַ בענקעניש! זי דערפיהלט אַ וואַרעמען שטראָם, איבערלויפענדיג איהר אין אַלע גלידער, עפּיס אַ ניי לעבען, גאָר מחיה! עס ציהט זי, ציהט, נישט לאָזענדיג רוהיג איינליגען. זי וואַרפט באַלד פון זיך אַראָפּ די שנעה־ווייסע, ווי „וואָל" ווייכע ווינטערדיגע קאָלדרע—און כאַפּט זיך אויף ניי־געבוירען, שטאַרק פערליבט, פערבענקט! יאָ, עס בענקט־זיך, עס ליבט־זיך אומעטום, ביי אַלע בעשעפענישען אין דער גרויסער נאַטור! איטליכע בעשעפעניש—פונ'ם קלענסטען ביז דעם גרעסטען; פונ'ם פּיציקען ווערעמיל ביז דעם גרויסען וויזעלטהיער אין דעם פיי־נעם מענשען פיהלט עפּיס אַ מין ציהעניש, אַ בענקעניש. פייגעל אין די ווייטע פרעמדע לענדער, פערבייַנקענדיג זיך נאָך זייערע אַלטע פערלאָרענע נעסטען, קומען צופליהען פון דאָרט צוריק אַ היים. אַ קאַרטאָפעל אַפילו אין דעם פינסטערען קעלער רייסט זיך, ציהט זיך. ווי ווייט נאָר מעגליך, כאָטש פון ערגיץ אַ שפּאַלט דאָרט אַ קוק טהון דענסטמאָל אויף גאָטס ליכטיג וועלטעל!...

און די אָרימע בחורים אין דער ישיבה—אויך ביי זיי דאָרט האָט מיט דער פער'פסח'דיגער לופט זיך געשפּירט עפּיס אַ מין בענקשאַפט, פערטראַכטקייט. דאָס האָט זיך געלאָזט מערקען אין זייער ערנסט פּנים אין זייער ריידען פון תוך־זאַכען, פון „בין־הזמנים", אין דעם בעטראַכטען די זאַכען, די קלימקעס, אין דעם מאַכען קלאָרע חשבונות, וויפיעל גילדען סך־הכל זיי האָבען; וויפיעל זיי קענען פון דעם געזעגענען־זיך „אויף די טעג" נאָך האָבען; וויפיל און אויף וואָס פון די נויטיגסטע הצטרכות זיי קענען דער־וויילע אויסגעבען אַ טהייל האָבען געשמועסט, גערעדט פון דער היים זיך געצויגען געריסען אויף יום־טוב אַ היים; אַ טהייל האָט עס געצויגען ערגיץ אַנדערש־וואו, אַבי נישט דאָ אויף איין אָרט,

אַבי אַ ענדערונג; און אַ טהייל אָרטיגע, געבליבענע און אזעלכע, וואָס האָבען געמוזט בלייבען, האָט זיי גלאַט סתם אין דער וועלט אַריין געצויגען, גאָט דער ליבער ווייסט צו וואָס און נאָך וואָס?...

די ישיבה האָט אויסגעזען דענסטאָל כמלונה במקשה, ווי אַ פערלאָזען ביידעל און אַ באַסטאָן פון אוגערקעס!

אַ גוט מאָרגען, אַ פער׳פסח׳דיגער פריהמאָרגען אומעטום אין דעם נאַטור! די ליכטיגע זון הויבט שוין פריער אָן אַרויסגעהן אין מזרח-זייט פון איהר געצעלט, אָנצוקוקען גאָטס ווערק אין זיין וועלט. יונג און אַלט, געוויקסען אַלערליי, און לעבעדיגע בעשעפענישען, אין פעלד, אין וואַלד, וואַכען־אויף, ריהרען זיך איינס נאָך דעם אַגדערען כסדר, וואַשען זיך אָפּ מיט פרישען הימעלשען טוי און שפּיגלען זיך אין טייכען, טייכלעך איבערגע-פילטע, צונויפגעזאַמעלטע פונ׳ם רינענדיגען, זיך שמעלצענדיגען שנעה און פונ׳ם רעגען. נאָר אין איין העמד, נישט אָנגעטהון נאָך, שטעהט דער טענענבוים, די אַנדערע בוימער—מוטער־נאַקעט מיט אָנגעקוואָלענע ווי בריסט, שטייפענקע, נישט צופיקטע, נישט צולאָזטע, נאָך פערפאַקטע בלעטלעך. פון פאָרענט, פון הינטען, אַרום און אַרום, קוקען אויף זיי די אַלט־געזעסענע פונ׳ם וואַלד פימסענבוימער זקנים און פאַריאָהרדיגע, אויסגעריבענע, אָפּגעבליאַקעוועטע גרינע שובעס שווענצלעך—שישקעס אַזוינע. אַרויסשטעלענדיג די קעפּליך פון צווישען ערשט אַרויסשפּראָצענ-דיג גראָז אויף די לאָנקעס, ווינקען, מאַכען חן גריבעלעך פרישענ-קע בלומעליך, מאַרגאַריטקעס, מיט פייכטענקע, דורך-און-דורכנעהמענ-דיגע אויגעליך. אויף אַ שטיק פעלד, ציהענדיג זיך ווייט-ווייט, אַז מיטן אויג נישט צו-פערוואַרפען, איז פון איין זייט הויבען זיך קאָ-רענע, ווייצענע יונגוואַרג פון די געלעגערס. געגוג געשלאָפען אַ קאַלעכדיגען ווינטער, שוין צייט אויפשטעהן, אָנטהון די היי-טעליך אויף די קעפּ און טראַכטן ערנסט, פערזאָרגען מיט ברויט די וועלט! און פון דער אַנדערער זייט קאָכט די אַרבייט פון מענשען און בהמות, צו-וואַרפען אויף אַ גרויסען שטח, ווייט איינער פון אַנדערען. דאָ אַקערט אַ פויער אויף

אַ פּאָר אָקסען אויפריהרענדיג לאַנגע פּאַסען ערד. פּיס־טריט הינטער איהם שפּאַצירט זיך אונטער שפּרינגענדיג אַ ראָב, קוקט זיך גנבהש צו אויסציהענדיג דאָס קעפּעל, צו איטליך שטיק פרישע ערד, און כאַפּט אַריין אין פּיסקעל אַ צאַפּעלדיגען וואָרים. און דאָרט געהט עמיצער מיט אַ קאָרב און אַרויסנעהמענדיג דערפון פולע הויפענס לייגט ער עס אַריין פּאַמעליכען, שטיל אין ווייכער פוכקער ערד, ווי מען לייגט שלאָפען אין קישעליך אַ ברעקיל קינד. „לערכע״—דאָס פויגעלע די בעריהמטע זינגערין, מאַכענדיג אַרום דעם אַ הקפה, אויפהויבענדיג זיך הויך, פערוויגט עס מיט אַ זיס ליד...

אַ גוטען אויפשטאַנד אויף אַלע, אַלע גאָטס בעשעפעניש׳ען: אויף קליינע און אויף גרויסע; אויף קריכענדיגע, שפּרינגענדיגע! אַ גוט מאָרגען בהמות אין די „טשערעדעס״! ברוכים הבאים פון ברעמד אָנגעקומענע פויגעל—טהייערע, ליבע, אָנגעלייגטע געסט!...

מיט אונטערגעהויבענע פּאָלעס, פערשטעקטע אין גאַרטעל, מיט קלימקעס אויף די פּלייצעס און מיט שטעקענס פון אָפּגעבראָכענע צווייגען אין די הענד, שפּאַנען אויף אַ זייטענוועגעלע דורך אַ שיטער, נישט רעכט נאָך בעבלעטערט וועלדעל, דריי פערשוינען פון נישט קיין גלאַטער וואוקס—איינער אַ דיקער, אַ עלטערער, האַלט אָנגעבויגען דעם קאָפּ, קוקענדיג ווי אַ קורצזיכטיגער און בלייבט אָפּט הינטערשטעליג. דער צווייטער אַ דאַרער. „זשוואַוועער״ לויט די יאָהרען נאָך אַ לאַנגער, און דער דריטער, אַ אינגערער, עפּיס נישט קיין איינגעל, און דאַכט זיך אויך, נישט נאָך קיין בחור, דרעהט זיך הין און הער, בלייבט אַמאָל הינטער דער קאָמפּאַניע, בעטראַכטענדיג, דאָס־יענץ אין וועג, און אַמאָל לאָזט ער זיך געהן זיי פאָראויס.

איבערהויבט איז אין דעם גאַנג זייערען צו דערקענען, אַז קיין וועג מענשען זיינען זיי נישט; מאַרשירען גוט, גלייך, ווי עלנער אַ שטייגער, געלערענטע אין טכסיסי־מלחמה, קענען זיי נישט. גאָרנישט, געדראָלעט הייסט עס. ווי אַ יוד אַ שטייגער אויף אַ שמחה טאַנצט! ס׳איז אַ מוז טאַנצן—מילא וואָס מאַכט עס אויס, מהיכה־תיתי טאַנצט מען... צוקומענדיג צו אַ בערגעל ביי אַבי־אָט

אַ דאָרפס בריקעל איבער אַ טייכעל, בעוואַקסען פוןביידע זייטען מיט הושענות-בוימלעך, נישט ווייט פון גרויסען שליאַך האָבען זיי, פאַלענדיג פון די פיס, געזעצט דאָרט, אָפּרוהען, כאַפּען דעם אָטהעם. אַראָפּגעוואָרפען פון זיך, איטליכער זיין פּעקיל, נעהמען זיי אַרויס פון דאָרט ברויט מיט הערינג עסען געשמאַק, ווי נאָך אַ תענית, פערטרינקען מיט וואַסער פונ׳ם טייכעל און ציהען זיך אויס ווי די פּריצים אויפן ערשט זיך בעווייזענעם יונגען גראָז, מיט דער בויך אַרויף שמעסענדיג צווישען זיך.

—מילא וואָס, האָב איך אויפן וועג געזאָגט, אַז וואָס?...

אַז רש״י האָט עס, אַזוי געזאָגט, זעהר גוט בעוואָהרענט מיט זיין „כלומר״ דו הערסט?—זאָגט דער דיקער פערשוין, שטערכענדיג מיט דעם עלענבויגען דעם אינגערען בחור׳ל וואָס ליגט אַרויסגעשטרעקט צווישען איהם אין דעם דאַרען פּאַרשוין—מילא עט. ס׳איז זיך גאָרנישט!... אַ איינפאַל איז עס אַפּילו אַ שענער, יום-טוב און יוצא השם, אין דער היים, וועל איך אַ בעקן זיין דיר ווייזען מיין אויפטהו מיט אַ שפּיצעל און „שירא-פרנדא״... אַ האַרב שטיקעל...

—וואו, האָ ביסטו עס שלמה׳לי! דו הערסט!

—פּטור נו, אַ שאלה אַביסעל!—מאַכט דער אינגערער, וואָס איז טאַקי געווען שלמה׳לי, ער מיט זיין כבוד אַליין אָברוקענדיג זיך פון דיקען אַלץ ווייטער, נישט צוכאַפּען פון איהם אין זייט אַ שטערך—וואו דאַווענט מעלתו—אין בית-מדרש הי פריהער, צי אפשר אין קלויז?

—היינטיגס מאָל גאָר אין דער גרויסער קאַלטער שוהל נעבען מיין מחותן.

—הייסט עס געוואָרען אַ חתן?... וויפיעל נדן, וויפיעל קעסט?

—הונדערט גילדען מזומן געלד, דריי יאָהר קעסט.

— אַך מזל טוב דיר, גימפּעל-פייוויש! — ענטפערט-אָפּ בתמימות לעקעשיוואַטע, גימפּעל-פייוויש.

— און וואָס טראַכסטו נאָך דער חתונה עפּעס טהון? — פרעגען איהם יענקל און שלמה׳לי,ביידע אין איין קול.

— איך טראַכטען וואָס וועל?.. גאָרנישט! נאָך דער חתונה

די צייט פונ׳ם קעסט וועל איך מיר פאָהרען לערנען ערגיץ אין א שטעדטיל, זיין א פרוש דערנאָך... צו וואָס טראַכטען וואָס דערנאָך?.. דערנאָך זאָל גאָט טראַכטען. מאן דיהיב חיי, ווער עס גיט לעבען, יהיב מזוני, גיט צום לעבען...

אָט די דריי פערשוינען, ווי זיי זענען מיט די קלימקעס, מיט דער גאַנצער הלבשה, האָבען זיך געפאָדערט אַרויסגעהן פון ס-ק מאָרגען פריה און וואַנדרעווען עס בקומפּאַניע א היים — שלמה׳לי און גימפּעל-פייפיש צו זיך גלייך קיין ק... און „כאַרט״ שלמה׳לעס חבר, אַראָבנעהמענדיג זיך עטליכע ווירסטליך וויי-טער, פונ׳ם וועג, צו זיך אין זיין שטאָדט.

און האַלטענדיג אַזוי אין אַזא שמועס, ליגענדיג אויסגעצויגען ווי די פריצים אויפ׳ן בערגעל, כאַפּען זיך מיט אַמאָל אויף אַלע דריי וואַנדרעווער פון עפּיס א שאָרך—דאַכט זיך א בילען ערגיץ פון א הונט, און קוקען זיך דערשראָקען, נישט טויט, נישט לעבעדיג, אין אַלע זייטען אַרום. עס טהוט זיך א וויַיז פון דערווייטענס א קוימען, א רויטער דאַך, א אַלייע בוימער — א וועג אין א פריצישען הויף.

—נישקשה, נישט געשראָקען זיך, יודישע קינדער! — בערוהיגט שלמה׳לי די קומפּאַניע און אַליין טהוט ער טיעף פונ׳ם האַרצען א זיפץ—אוי דאָס איז דער הויף פונ׳ם וואָס—דער פּריץ, דעם טאַטענס מיינעם, עליו השלום, א גוטער פריינד. גענוג זעקליך ווייץ, גענוג אינדיקעס האָט ער אַלע יאָהר אויף פסח אונז איבערגעשיקט!

—לאָמיר געהן, לאָמיר געהן!—טרייבט גימפּעל-פייפיש אונטער מיט א ציטערדיגען קול—די זון זעצט זיך. שפּעטער וועט מיר שווער זיין זעהן די וועג. איך האָב „קוריצא-סליעפּאַטאַ״ האָב איך א קשיא אויף א מעשה, וואָס קען זיך נאָך טרעפען. לאָמיר געהן!

צוקומענדיג אין א שעה אַרום צום אָרט, וואו דער וועג שיידט זיך פונאַנדער אין פערשידענע זייטען, האָבען אונזערע צוויי חברים פעסט אַרומגעהמענדיג איינעם דעם אַנדערען, זיך געזעגענט. טרערען ווי די באָב זענען זיי געשטאַנען אין די אויגען.

דאָס מויל—קיין וואָרט, נאָר די הערצער האָבן גערעדט; איינער פונ׳ם אַנדערען זיך געשיידט, נאָר די נשמות האָבען זיך צונויפ־געגאָסען. עס האָט זיך געבענקט, געפיהלט, גערעדט, זיך געטראָ־גען צום הימעל אַ געבעט:

אָ, רחמנות׳דיגער גאָט, אָ, רבונו של עולם! אַ רחמנות נעביך אויף דיינע פערוואָגעלטע צאן־קדשים—אויף דיינע בלאָנ־קענדיגע, אָרימענקע, עלענדע, בידנע שעפּעליך!..

פון מיין ספר הזכרונות

פון מיין ספר הזכרונות.

נאָך היינט אין די עלטערע יאָהרען לעבט אין מיין זכרון יענער פרייטאָג פון די פאַרגאַנגענע יוגנדטעג מיינע. פרייטאָג איז בכלל אַ טאָג, וואָס ווירקט זינט יונגעלווייז דערפרישענדיג אויף מיין געמיטה. נאָך אַ אָפּזיטצען אין חדר די גאַנצע וואָך, פון פריה ביז פאַרנאַכט, פערשפּאַרט ווי אַ גאַנז, נישט וויסען פון אַ לעבען צוזאָגען, האָט ביים אַרויסגעהן פריי פונ׳ם רבּ׳נס הענד לעבעדיג, פרייטאָג פאַר פריה, זיך געפיהלט אַזוינס, וואָס דער ערשט־בעשאַפענער מענש, אין דעם פרייטיגדיגען טאָג טאַקי, האָט געמוזט פיהלען, אָנקוקענדיג פאַרגאַפּט אַ ליכטיגע וועלט פלוצלים פאַר זיך. ער האָט געמוזט, אַזוי ווי איך מיט מיינע חברים, איבערקוליען־זיך, מעשה־קונדעס, אַמאָל צעהן און אַ שפּרונג טהון דערנאָך ווי אַ קעלבעל אין דער הויך פאַר גרויס פרייד! יענער פרייטאָג אָבער, פון וועלכען די ריידע איז דאָ איצט, האָט געהאַט דערצו נאָך גאָר אַ בעזונדער טעם אויף אַריינצושניידען־זיך טיף אין מיין נשמה.

אַ פריהמאָרגען איז יענעם פרייטאָג געווען איינער פון די

זעלטענע שענע, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל אין דעם ליבען חודש מאַי. דורך שפּעלטליך פון׳ם לאָדען האָבען זיך אַריינגעריסען צו מיר אין שלאָפצימער פערשייטע שטראַהלען פון דער גילדענער־ליכטיגער זון, קריכענדיג מיר אויפ׳ן קאָפּ, אין די אויגען, דראַפּענדיג־זיך אויף די גלייכע ווענדט און נישט לאָזענדיג מיך איינליגען אין בעט. מאַך איך נישט פיל שהיות טהו מיך באַלד טאַקי אָן, נעהם צדה־לדרך, דאָס שטעקעלע אין דער האַנד, געה אַרויס שטיל אויף די שפּיטץ פינגער, נישט צושטערען מיין ווייבס שלאָף, און מאַרש אויף מיין שפּאַציר!

אויפ׳ן האַרצען איז מיר גוט. ס׳איז ערשט אַ קורצע צייט נאָך מיין חתונה. דער קאָפּ איז מיר פריי פון דאגות–איך זיטץ מיט מיין ווייב, אַ בת־יחידה, אויף קעסט. יונג בין איך, כח האָב איך, לערנען בעגעהר איך, ספרים שרייב איך, שירים אַמאָל מאַך איך–האָב איך ליב די נאַטור, „געה־אויס״ נאָך איהר... אין די ווייטע פעלדער, אין די געדיכטע וועלדער־שפּאַצירען איז מיין לעבען!

איך ווייס נישט, אויב נח, אַז ער האָט געעפענט די תבה נאָכ׳ן מבול און דערזעהן, די ערד איז טרוקען–אויב ער האָט אויך אַזוי געטאַנצט, ווי איך האָב פאַר שמחה געטאַנצט, געשפּרונגען אויף רידעס פון אויסגעטריקענטע שמאָלע סטעזשקעליך און אויף די שפּיטציגע ברוק־שטיינער, וואָס האָבען שוין, ברוך־השם, זיך אַרויסגעוויזען פון די גרויסע, נאָך פון פאַר־פּסח׳דיגע גלופסקער בעריהמטע בלאָטעס. גלופסק איז געוועין וואַך! ווייבער זענען מיט דעם בעגין אויפגעשטאַנען, ווי געוועהנטליך, צו דער „חלה״. עס האָבען זיך ערטערווייז געלאָזט זעהן נאָך אין די קאָפּקעס, נישט רעכט נאָך אָנגעטהונענע ווייבליך, איבערלויפענדיג, אין־דער ברייט, די גאַס פון די אַקעגענדיגע הייזער מיט גליהענע, אָפּגעטראָגענע לאָפּעטעס, פענדליך, ריבאַייזענס, לאָקשענטעפליך, און איבערוואַרפענדיג זיך פונדערווייטענס מיט ווערטליך, שטעכווערטליך אויף קוויטשענדיגע, האַרחלענדיגע, הייזעריגליכע, צוגעלעגערטע שטימעס.

— —

עס שיטען זיך אַרויס אויף דער גאַס בעלי־הבית׳טעס אַקעגען טעקלע, דער שטאָדט־גוי׳ע, ווילענדיג זי פאַרנעהמען, איטליכע צו זיך, מיט איהר פּאָר פולע עמער, און אַלע אין איין קול: געוואַלד־ מיט רב לייב דעם וואַסער־פיהרערס פערד האָט אַ אומגליק זיך געטראָפען. נאַ-נאַ! שרייט העכער פון אַלע איינע, גראָד ערב שבת קומט איהם אויס, דעם שענעם פערד, וועלען פגר׳ן! אַלטע יודען, בעלי-מלאכות, בעלאָדען מיט טלית־און תפילין־זעק, לויפען צעשפּילעט אָפּחאַפּען אַ דאַוונען ותיקין צום ערשטען מנין. עס פאַרטראָגט זיך פון ערגיץ אַ סמאַליענעס פון אָפּגעפּליקטע עופות און קעלבערנע פיסליך און פון אַ גאַניקעל טהוט זיך אַ גאָס אַ ווייק־שעפּטעל און עפּיס אַ צעבערעל מיט כל־טוב. אויס די קוימענס ציהען זיך פויל אין דער הויך ווי פאַרשלאָפען העל־גרויע, כמעט דורכזיכטיקע, אַפּנים שוין די לעצטע, זיילען רויך. פון הייזער לאָזט זיך הערען אויף אַ קלינגענדיג קול דאָס אויבערשטע פון שטויסעל, און דאָס האַק־מעסער אַרבייט—האַק־האַק אויף אַ ברעטעל. דער צימערינג צום קוגעל האָט געגעבען די שמולט. פיש פון די פענדעליך זענען מיט זייער ריח פערגאַנגען אין דער נאָז. עס האָט אויך גע־שמעקט מיט פריש־געבאַקענע חלה און מיט דעם אמת יודישען טעם דאָס ראָסעל־פליישעל!

שטאַרק אָנגעלייגט ביי מיר אָט דאָס אַלסדינג, וואָס גלופּסק האָט מיך געלאָזט הערען, זעהן און שמעקען, בין איך געווען זעהר צופרידעןביים אַרויסגעהן פון איהר.

נישט ווייט פון דער שטאָדט, אַביסעל אין דער זייט, האָט זיך מיר ענטפּלעקט די גלופּסקער יפהפה—די פּיאַטאָגאָני־לעווקע, אָנמאַכענדיג מיר אַ חשק זיך „געגנעהנען" צו איהר. גאָר נישט געווען זי צו דערקענען—אַזוי שען איז זי. איך שטאָדט זעהט זי אויס ווי אַ שוואַרציאָהר, פאַרדאָסט, פאַרדרי־פּעט מחילה, דער גאַנצער שמוטץ פון די הייזער ליגט אויף איהר, אַזוי אַז ס׳איז פּשוט נישטאָ ביי איהר אַזוי פיל וואַסער אויף אָפּוואַשען זיך. און דאָ איז זי איינגאַנצען עפּיס ווי אי־בערגעביטעז געוואָרען. זי איז אָפּגעוואַשעז—וואַסער גענוג, וויפיל

מען וויל. אָנצושפּיגלען זיך אין איהר פּנים, אַזוי קלאָהר־לוי־
טער איז עס! אויסגעפּוצט ווי אַ פּריצטע אין אַ זומערדיג־
הימעל־בלויען מאַנטעל, בעגילט מיט גילדענע פליטערליך. שפּי־
לענדיג אין אַלערליי קאָלירען אַקעגען דער זון, געהט זי זיך
געלאַסען, נישט געיאָגט, אינ׳ם שענעם טהאָל צווישען גרינבע־
יואָקסענע בערג, וואָס טראָגען איהר אונטער אויפ׳ן וועג בו־
קעטען פון שמעקענדיגע בלומען, בוימער פונדערווייטענס בע־
גריסען זי, שאָקלענדיג מיט די קעפּ, און פון צווישען צווייגען
הערט זיך, איהר לכבוד, אויף די העלזער אָפּשפּילען אַ וויוואַט
גאָר „פויגעלדיג״! נישט לאַנג געטראַכט מאַך איך מיך גרייט,
און מיט העמד און פיס פוץ... אין איהר!

פריש און קרעפטיג נאָכ׳ן אָפּבאָדען־זיך בין איך אַרויף
אויפ׳ן גרינעם־באַרג—און, רבונו של עולם! וואו נעהמט מען
ווערטער איבערצוגעבען דאָס גרויסע פאַרגניגען, די הייסע גע־
פיהלען, וואָס האָבען זיך דערוועקט אין מיר פונ׳ם ווימלענדי־
גען ניי־פריש לעבען דאָרט? די ערד דאַכט זיך אַ גראָב־
מגושם׳דיגער קערפּער, בייזע רוחות—ווינטען, קעלט, פרעסט,
האָבען ערשט נישט לאַנג געווילדעוועט אויף איהר—פונוואַנען־
זשע, רבונו של עולם, האָבען זיך צו איהר גענומען די אַלע
יונגע גראָזען דאָ, די קרייטעכצער, בלומען און שאר ירקות
פון אַלערליי געשטאַלטען און כל־המיני קאָלירען? עס ציען זיך
ווייט, מיט׳ן אויג נישט צו פאַרנעהמען, קאָרן, ווייץ, האָבער,
גערשטען, נאָך אין דער פריהער־יוגענד, קוים וואָס עס פּיקט-
זיך זיי אַרויס די זאַנגען. לאָנקעס בעדעקען זיך מיט פריש-
אויסגעוואַקסען היי, און גערטנער—מיט יונגע בלעטער פון מיני
געוועקס. פערזונקען מיט׳ן קאָפּ טיף אין דר׳ערד איז דער
רעטיך, די מעהרען. און פאַרריסען־אַרויף די לאַנגע פיסלעך,
גרינע הויזלעך, שטעהט עזות׳דיג די ציבעלע, דער קנאָבעל.
פערקלייבענדיג זיך אויף אַ בעזונדער אָרט שפּילען זיך אין
בעהעלטעניש יונגעטשקע בלימעליך, פעלדרויזעליך, נאָך פייכ־
טינגע פונ׳ם טוי, אַרויסקוקענדיג פון צווישען געדיכטע גראָז,
איינע צו די אַנדערע שאָקלענדיג מיט די קעפּלעך לעבעדיג,

דירעווידיג. און דאָרט אין־מיטען פעלד שטעהט זיך ביחידות אַ עלענד בוימעלע פון כל־נדרי בארלעך און בליהט... אַקעגען — אַ וואַלד בוימער, גרין־בעבלעטערטע, מיט גדלות פאַרריסענע קעפּ הויך אין הימעל אַריין. אָט די אַלע שפּייזט די ערד — די מוטער, וואָס האָט זיי געהאַט, איטליכען מיט אַ בעזונדער זאַפט, מיט אַ בעזונדער טעם און מיט אַ בעזונדער ריח. זי שפּינט, וועבט און פיהרט איהרע קינדער אַרויס אין דער וועלט בעגאַנגען, בעפּוצט, איטליכען ווי איהם פּאַסט. ס׳איז אַ פרייד, אַ לעבען — למזל־טוב עס שפּראָצט, עס געהט־אויף, עס וואַקסט, עס לעבט! און ביי גאָטס לעבעדיגע בעשעפענישליך דאָ טהוט זיך ווי אויף אַ חתונה. עס צימבעלט די גריל, עס טאַנצט דער היישרעק; עס זזשעט די פליג, עס שפּרינגט משה רבינו׳ס פערדעלע; עס ריקט־זיך, אויסגעפּוצט ווי אַ מחותן, דער זשוק, אין דער נייער גרינער זופּיצע און עס דרעהען זיך טאַנצענדיג, ניט מיד צו־ווערען, באַבעצקעס, מיקען. די מילב ווייזט קונצען — בעלאַדענדיג־זיך מיט אַ שטרויעלע קלעטערט זי אויף אַ דין, זיך־שאַקלענדיג גרעזעלע. און די ביהן, די נאַשערין, מאַכט ברכה, זופּט פון אַ בלומענבעכערעל.

לחיים ביהנעלע! לחיים די גאַנצע משפחה ברואים׳לעך דאָ! עפּיס זענען מיר דאָך שטיקליך מחותנים, שטיקליך קרובים — ששי בחמישי׳ס... פון איין „לעבענסקוואַל״ טרינקען מיר, איך מיט אייך. אין אייער פריהלינגס־לוסט פרעהט זיך אויך מיר דאָס האַרץ!

אָט די ווערטער רייסען מיר זיך אַליין אַרויס פון׳ם מויל. און שכור, בערוישט פאַר גרויס פאַרגניגען בלייב איך אַ היבשע צייט ליגען אויסגעשטרעקט אויפ׳ן גרינעם גראָז.

אַרויסגעשלאָגען פון מיין זיסער בערוישונג האָט מיך אַ שאָרך פון טריט. איך טהו אַ בליק — עה, אַ הונד! איך מיט אַ הונד בין אַ קנאַפּער מחותן. אַ הונד האָב איך ליב פונדערווייטענס. דערווייטער איך מיך טאַקי אַ היבשע שטרעקע פון איהם און זוך מיר אויס אַ שען בעוואָקסען אָרט אונטער אַ בוים, פונאַנגען עס זעהט־זיך אַרויס ווייט אַרום און אַרום דאָס פרייע

פעלד. באַלד דערזעה איך דאָרט נאָך אַ צווייטען הונד; אין אַ ווײלע אַרום—אַ דריטען; שפּעטער אַ ביסעל—אַ פערטען, אַ פינפ־טען, אַ זעקסטען, אַ גאַנצע טשאַטע. זיי שלעפען זיך פון דער שטאָדט איינציגווייז, אונטערהעצקענדיג־זיך, מיט אַרויף־פאַר־ריסענע ווײדלען, אַרויסגעשטעלטע צונגען, האַלטענדיג דעם קאָפּ עפּיס אַזוי, ווי עס געהט זיי איצט ניט אָן מעהר ווי נאָר איין זאַך. וואָס זאָל עס בעטייטען? וואונדער איך מיך. גלאַט אַ שפּאַציר?—שטאָדט-הינד אָבער זענען דאָך צופּראַקטיש, זיי זאָלען אָהן אַ שום נוטצען גלאַט אַרויס אין פעלד אַריין שפּאַ־צירען. בפרט ווען ס'איז דאָ אין שטאָדט אַ אויסזעהן אויף אָפּ־צולעקען אַ ביינדעל, ווי היינט, פרייטאָג, אַ שטייגער, וואָס ביי יודישע קינדער טהוט זיך, „קאָכט" זיך... זאָל דאָס אפשר זיין ביי זיי אַ אסיפה?—ניין! וואָלטען זיי דאָך געבילט, זיך געביסען, ווי דער שטייגער איז, געריסען איינער דעם אַנדע־רען ביי די האָר, נישט זיטצען דאָרט אַקעגען אָנגעשפּאַרט אויף די פעדערסטע פיס, שווייגענדיג שטיל און בעלעקענדיג זיך, עפּיס נאָר טאַקי זוי מקבלים־קבצנים זיטצען און וואַרטען, קראַטצענדיג זיך, אויף דער פאַרצויגענער שפּעט אין דער נאַכט אַריין חופּה־וועטשערע.—נאָר וואָס האָט מען זיך צו־וואונדערען אויף כּלבים און וואָס געהן זיי מיך אָן? טראַכט איך ביי מיר, אַוועק־קעהרענדיג דעם קאָפּ, נישט צוקוקען אין זייער זייט.

צוריק אַהיים האָב איך מיך געלאָזט געהן מיט אַ סטעזש־קעלע פאַרביי אַ וואַלד, אויף אַ גרויסען פרייען פּלאַטץ דאָרט, וואו אויפ'ן גרונט פון נידעריג, סאַמעט־גרינעם גראָז ריסעווען זיך ערטערווייז, ווי אויף אַ טהייערען דיוואַן, זאַפטיג־יונגע בוימלעך, איינע אין די אַנדערע פערצווייגטע, און פרישענקע ערשט פונ'ם טוי אויסגעצוואָגענע בלומענקעפּלעך אויף פעטע־קלעבעדיגע סטענגליך. אַ פריהמאָרגען־ווינטעלע וועהט, פאַרטראָ־גענדיג פון נאָהענט און פון ווייט געשמאַקע ריחות און זיסע לידער, וואָס צעגעהן זיך אין אַלע גלידער. פון זיך אַליין עפענט זיך מיר דאָס מויל און עס זינגט זיך פסוקים פון שיר־השירים מיט'ן טראָפּ, מיט'ן ניגון, ווי מען לייענט פסח אין

שוהל. געהענדיג אַזוי לעבעדיג, זינגענדיג, בּו וו…׳ען זיך אָפּ־שטעלענדיג אָפּצורייסען דאָ אַ בלומעל, דאָרט אַ בלומעל און אַריינעהמען עס ביי מיר אין אַ בוקעט אַריין, וואַרפט זיך מיר, אין די אויגען עפּיס ווי אַ פּעסעל אויפ׳ן פעלד פונדערווייטענס.

צוקומענדיג אַ ביסעל נאָהענטער ווערט פונ׳ם פּעסעל אַ גוף, פון אַ בעשעפעניש עפּיס אַ קערפּער, נאָך נאָהענטער—ווייזען זיך אויסגעשטרעקטע פיס. שוין גאָר נאָהענט—עס ליגט אויסגעשטרעקט אַ פערד! דער בויך איז איהם אָנגעפּוישט ווי אַ פּויק, קוים וואָס עס מאַכט מיט די זייטען. איך שטערכע עס מיט מיין שטעקעל—עס ריהרט זיך ניט. אפנים געפּגר׳ט. ניין, עס זיפּעט. עס טהוט אַ דריגע אַ פּוס. עס טהוט זיך אַ הייב, אַ שטעל־אויף אַ לאַנגער, אויכגעדייווערטער האַלז. אַ פּאָר פאַר־לאָפּענע אויגען שטעלען זיך אויף מיר אויס. עס ליגט אין זיי עפּיס אַזוינס, וואָס חאַפּט מיך אָן ביים האַרצען, און איך בלייב שטעהן ווי צוגעשמידט צום אָרט, נישט קענענדיג אַוועק פון איהם. איך קוק מיך גוט צו, און דערקען אין איהם רב ליב דעם וואַסערפיהרערס פערד!

אמת, אויף איטליכס גאָטס בעשעפעניש, וואָס ראַנגעלט־זיך נעביך מיט׳ן טויט, איז אַ צער בעל־החיים, בפרט נאָך אויף רב ליבס פערד וואָס האָט אַ צייט־לאַנג ביי אונז אין שטאָדט אַוועקגעאַרבייט צוצושטעלען, דעם עולם וואַסער פונ׳ם טייך. און אַ אַרבייט איז דאָס זעהר זעהר אַ שווערע. פּיאַטאָגנילעווקע איז דאָך, כידוע, נישט אַזאַ נותן׳טע וואַסער. מעלקט זיך ניט, ווי מען זאָגט, אַזוי גרינג, זומער, אין די הייסע טעג פערלאָזט זי זיך אינגאַנצן ווי אַ יאַלעווקע. מיט גרויס מיה איז אָנגעקו־מען דעם פערד נעביך אַרויסשלעפּען דעם וואָגען מיט דער פולער פאַס פון דער שטעהענדיגער בלאָטע ביים טייך און קריכען דערנאָך דערמיט באַרג אַרויף. עס האָט געקייכט, גע־שוויצט, זיך געשטרעקט אין דער לייַנג, אין דער ברייט, איינ־רייסענדיג זיך דאָס געזונט. נאָר אַחוץ דעם, וואָס ס׳איז אַ צער בעל־החיים און אויך אַ וועהטאָג צוצוזעהן דער וועלטס שענעם יושר, אַז נאָך אַזויפיל יאָר אַוועקדינען געטריי ליגט עס אין

די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען אויסגעשפרעקט דאָ, אויפ׳ן פעלד, אומברחמנות אַרויסגעוואָרפען פאַר הינד–איז דאָ נאָך עפּיס אַזוינס, וואָס האָט מיט אַמאָל מיר אַ שטאָך געטהון אין האַרץ, און נישט אָפּגעגעבענדיג זיך נאָך קיין קלאָהרע רעכענונג פאַר וואָס, בין איך געבליבען שטעהן צעקאָכט.

די הינד האָבען דערשמעקט אַ מת–און דאָס אַפּנים, זענען זיי פון דער שטאָדט געקומען, אין דער האָפנונג חאַפּען אַ מנה יפה, אָפּלעקען דאָ אַ ביינדעל.

דאָס פערד ליגט אויסגעצויגען, קוים־קוים וואָס עס זיפּעט. די הינד פונדערווייטענס רוקען זיך פּאַמעליכען־צו אַלץ נעהענטער. גרויסע בייזע פליגען, גרינליכע מיט אַ גלאַנץ פון קופּער, דרעהען זיך ווי די מלאכי־חבלה, שטעלען זיך איהם אויף דעם אָנגעריבענעם ריקען, בייסען, זויגען דאָס בלוט, און איהם בעשעגט זיך נישט דער עק זיי אַוועקצושמייסען. באַלד אָבער נעהמט זיך עס צונויף מיט די לעצטע קרעפטען, פערדרייסט אַרויף דעם האַלז, אויסדרעהענדיג צו מיר דעם קאָפּ, טהוט אַ שנאָרך, אַ זיפץ און קוקט, קוקט מיר אין פּנים אַריין נאָר עפּיס ווי אַ מענש אַ גוסס, ווי עפּיס טאַקי מיט א פּאָר מענשליכע אויגען. זיין זיפץ האָט ווי אַ דונער מיך געטראָפען; זיין בליק האָט ווי אַ שפּיז מיך געשטאָכען–און איך האָב שוין געוואוסט, זעהר גוט געוואוסט פאַר וואָס. אוי וועה! דאָס איז דער זיפץ, דאָס חאָרהלען, דער בליק פון מיין קינד, אַ יונגעלע פון אַ יאָהר צוויי, בשעת עס האָט געגוס׳ט, געפּאָכט מיט דער נשמה. די מוטער האָט מען פון איהם דערווייטערט, זי זאָל נישט צוזעהן דעם קינדס ליידען. זי וואָלט עס נישט געקאָנט איבערטראָגען. איך איינער בין געשטאַנען ביים קינדס בעטעלע. נאָכדעם ווי ס׳איז געלעגען פאַרדולט, האָט זיך עס אויפגעחאַפּט. געהאָרחעלט, געזיפצט, געמאַכט מיט די ליפּעליך, וואַרפענדיג הין־הער מיט׳ן קעפּעלע און זוכענדיג מיט פאַרגלאָצטע אויגעליך. דערזעהענדיג מיך, דעם בעטריבטען, מיט פאַרבראָכענע הענד שטעהענדיגען טאַטען, האָט עס געקוקט צו מיר מיט אַ בליק, וואָס האָט גערעדט, אויסגעדריקט עפּיס אַזוינס, וואָס איז

בלל נישט פאַר אַ געזונט־קינדס מוח עס אויסצודריקען. עס האָט געערדט נישט אַ קינדס, נאָר אַ מענשענס נשמה–אַ גייסט, אַ יינער, אַ אומפאַרענדערטליכער, וואָס ווייסט ניט פון קיין עלטער–יונג און אַלט. עס האָט אויסגעדרוקט אַזונס, וואָס קען האָבען פיל טייטשען, און יעדער מיט אַ געבראָכען האַרץ, וואָס האָט איבערגעלעבט דאָס און דעסגלייכען וואָס איך, ווער פיהלען און פאַרשטעהן, ווי איך האָב געפיהלט, ווי מיר, שטאַרק בעטריבטען פאָטער, האָט זיך אויסגעטייטשט מיין קינדס בליק. „אַך, רבונו של עולם, צו־וואָס האָב איך בעדאַרפט גאָר געבוירען ווערען, אַז איך שטאַרב אַזוי יונג? צו־וואָס אָזויפיל יסורים ביים קומען אויף דער וועלט און אַזויפיל צער ביים אַוועקגעהן פון איהר? און דאָס גאַנצע אויביגע געדרעה פון לעבען און טויט–הכל היה מן העפר, אַלע בעשעפעניש בעהמען זיך פון דר׳ערד והכל שב אל־העפר, און אַלע געהן־צוריק אין דר׳ערד–אָט דאָס אייביגע איבערחזר׳ן, מאַכען און אויסמאַכען, בעלעבען און בעגראָבען, אָט דאָס גאַנצע „כי הני כחומר״, צו־וואָס, רבונו של עולם, צו־וואָס?!״... אוי, טאַטע!–האָט דעם קינדס בליק צו מיר זיך געבעטען–אוי, עס טהוט וועה, טהוט וועה, טאַטע!... אָך-און־וועה איז דעם טאַטען!–וויינט אין מיר דאָס האַרץ–אויף צרות נאָר בין איך אַ טאַטע און דו אַ קינד, מעהר נישט טאַקע ווי אויף צרות. אויך די אייגענע מעשה טאַקי וואָס אַ פּריץ מיט זיינע פויערים אַמאָל. דער פּריץ האָט מיט זיי געטהון וואָס ער וויל: געפייניגט, פאַרקויפט, צושיידט גאַנצע הויזגעזינדען. אַ טאַטע איז ניט קיין טאַטע, אַ מאַמע ניט קיין מאַמע, אַ קינד ניט קיין קינד. אַלע דערפיהלען זיין געבאָט... טהוען וואָס ער הייסט! – – –

אַך דיין בליק, דיין בליק, בידנע, שלימזלדיג פערד! איין בליק, איין אויסדרוק און איין אָנבליק ווי ביי מיין גוססדיג קינד, נישט צוזאָגען אַפילו קיין להבדיל. דער טויט גלייכט־אויס קליין און גרויס, מענש און בהמה, קיין אונטערשייד. ווי דאָס אָנהויב לעבען די ערשטע צייט אין דער מאַמעס בויך איז ביי אלע מיני ברואים–פון איין שניט, איין

פּאָרט, אַזוי אויך ביים סוף לעבען זענען אַלע בעשעפּענישען גלייך. „דאָס וואָס מיט דעם מענשען–זאָגט קהלת–איז אויך מיט די בהמות, אַלץ איין שלאַק. איין טויט פאַר די און פאַר יע־נע, און איין גייסט ביי זיי אַלע".

דאָס פערד האָט פאַרלייגט מיט אַ קלאַפּ אין דר'ערד דעם קאָפּ צוריק, און איך האָב מיר פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביי־דע הענד. נישט דעריבער, כדי ניט צוזעהן דעם ביטערען טויט, נאָר פיל מעהר צוליב דעם, נישט אָנצוקוקען דעם גע־מאַכטען חן מיט דער לעבעדיגקייט פון דער נאַטור, וואָס האָט דענסטמאָל, אין דער שווערער מינוט, אויסגעזעהן ביי מיר ווי אַ פּרוי אַ יאָלדאָווקע, וואָס אַליין איז זי אַ אַלטע סקראַבע, און דער גאַנצער פּוטץ אויף איהר, פון קאָפּ ביז די פיס, מיט די אַריינגעשטעלטע ציין, ווי די פּערעל, און רויט־געפאַרבטע באַ־קען, איז נאָר אַ גענאַרטע זאַך.

אַוועקגעהמענדיג די הענד מיר פון'ם פּנים האָב איך שוין געזעהן ליגענדיג פאַר מיר אַ נבלה. הינד האָבען געקנורט, גע־שאַרפט די ציין און צוגעקומען שוין נאָהענט. דערביי טאַקי האָט זיך געלאָזט אויך הערען אַ געזאַנג–לידער פון פויגעל אויס דעם וואַלד אַקעגען. איך טהו אויף זיי אַלע אַ מאַך מיט דער האַנד און לאָז מיך געהן סטראַקס־געשווינד, איבערלאָזענדיג די הינד צו טהון דעם פּגר זיין רעכט!

פון מיין ספר הזכרונות

דער טאָג, פון וועלכען איך דערצעהל דאָ, איז געווען איינער פון די שענע זומער-טעג, ס'איז געווען אַ קלאָרער ליכטיגער טאג. דער הימעל איז געווען לויטער און בלאָה, אונזער ערד איז אויך געווען שען און אָנגענעם, זי איז געווען אויסגעפוצט, ווי אַ כלה צו דער חתונה. איז געווען צוגעדעקט מיט אַ גרינעם שלייער פון קווייטען און בלומען און אַ ליבער חן איז אויף איהר געווען אויסגעגאָסען. דאַכט זיך אַלץ גוט — שען און ליכטיג, פרעהליך און אויפגעלעגט, יום-טוב און גליק! פונדעסטוועגען, קען איך ביז היינט נישט געדענקען דעם טאָג, נישט אָפּצוזיפצען ביטער אויף איהם. ס'זעהט אויס, אַז גאָט האָט איהם מיר אומישנע צוגעשיקט, ווי אַ שענע בייזע פרוי, ער זאָל מיר פאַרביטערען דאָס לעבען.

נישט פאַר איך געזאָגט, אַזאַ שלעכטע ביטערע צייט, ווי עס איז דעמעלסט געוועזען! ס'איז געווען אַ צייט פון מלחמה.

*) איבערזעצט פון העברעאישען.

פון אַ בייזער מלחמה מיט אַ שטאַרקען פיינד אויפ'ן ווייטען מזרח.ביידע מלוכות, וואָס האָבען געפיהרט די קריעג זענען געווען זעהר שטאַרק,ביידע האָבען זיך העלדיש געשלאָגען, פון ביידע זייטען זענען געפאַלען אַ סך גע'הרג'עטע און בלוט האָט זיך גענאָסען ווי וואַסער. אין יענער צייט זענען נאָך נישט געווען קיין עראָפּלאַנען און אונטערוואַסער-שיפלעך ווי היינט, אָבער די כלי-זין, וואָס זענען דעמעלסט געווען, האָבען אויך בעוויזען אויסצוהרג'ענען און אומצוברענגען אַ סך מענשען אין איין טאָג, חרוב צו מאַכען שטעדט און לענדער און מאַכען פון בעוואַקסענע פעלדער, גערטענער און סעדער—אַ וויסטע מדבר. ס'איז געווען אַ צייט פון צער און וועהטאָג, עס זענען אָפּגעריסען געוואָרען קינדער פון עלטערען און עלטערען פון קינדער און זענען פערטריבען געוואָרען אין ווייטע לענדער אין מיליטער אריין.

מיין איידעם, אַ יונגער געניטער דאָקטאָר, איז גערופען געוואָרען צו דינסט אין מיליטער ווי אַלע דאָקטוירים. ער פערלאָזט זיין היים, זיין ווייב און קינדער און זיין פרנסה און ווערט פערטריבען קיין מאַנזשוריע, דאָרט וואו עס דינערען די האַרמאַטען און עס קאָכט די מלחמה, ער זאָל דאָרט פערבונדען די וואונדען און אָפּשניידען אברים פון לעבעדיגע מענשען. און זיין ווייב, דאָס איז מיין ליבע טאָכטער, האָט צוריקגעקעהרט צו מיר אין שטוב, אַ היים צו איהר פאָטער, זי מיט איהרע צוויי קליינע קינדער, צו וואוינען ביי מיר איבער דער שלעכטער צייט. זיי האַלטען כסדר אין איין וואַרטען און אויסקוקען, זיי וואַרטען אויף בריעף פון זייער ליעבען, האָפען זיך צו דערוויסען, וואו געפינט זיך זייער טייערער און וואָס ער מאַכט, בענקען נאָך איהם, האָבען עגמת-נפש און טראַכטען פון איהם שטענדיג אפילו אין חלום ביינאַכט—ס'איז דאָך מלחמה-צייט, וואָס משטיינס געזאָגט איז אַ מענשליך לעבען?—שפּינוועבס! אַלע זענען גלייך, יעדען קען טרעפען די קויל!

און אין דער שלעכטער צייט האָט מיין טאָכטער גענומען געהן צו קינד און האָט געבוירען—און צוזאַמען קומען צוויי קאָנטראַסטען: אַ געפיהל פון טרויער און אַן אָנגענעם געפיהל;

אַ מזל טוב כּהלכה און דערבּיי יגון ואנחה. אױסערליך אַ שיינע־דיג פּנים, אַ גדולה און אַ פרייד, און אין האַרצען—טרויער און לייד, און דאָס האָט נאָך מעהר פערגרעסערט מיין צער. דער צער האָט געבּראַכט צו רחמנות. און דער רחמנות האָט פער־גרעסערט די ליבשאַפט צו דער געווינערין, די געליעבטע און פערשעהמטע און אויך צום פערשעהמטען קינד, צום לעבּעדיגען יתום אָהן אַ טאַטען.

כ'האָבּ נישט קיין נחת אין שטוט און האָבּ נישט קיין שלום, ברודערשאַפט און גוטפריינדשאַפט אין דער גאַנצער שטאָדט. עלענד און אַליין בּין איך דאָרט. אַלע זענען דאָרט מענשען נור לויט זייער לאַנד, רעליגיע, מיינונגען און פּאַרטייען. יעדער פּאַרטיי וויל צוריקדרעהן דעם גלגל פון דער געשיכטע לויט איהר ווילען. די—דערנענטערען ווייטע און די—דערווייטערען נאָענטע מיט שנאה, קנאה און נישט פערגינערײ. יעדער חברת האָט זיך פאַרן אויבערשטען פון שטייסעל, פאַר'ן עיקר אויף דער וועלט און פאַר'ן תכלית פון דער וועלט. און די מיטגלידער פון יעדער חברה בּוצען אויס איינער דעם אַנדערען ווי די זונות—אַלע זענען „מאַכערס" גרויסע וױיסערס, אָרדענער און גרויסע קעפּ. דאָס לאַנד איז זייער, און דער ישוב איז זייער, און די פּראָסטע יודען, וואָס געפונען זיך נישט אין זייער חברה, צו זיי, זאָגט מען ווי צו די פּאָעטען בּיי דער „ערד צעטיילונג" פון שילערן, אייך קומט גאָר נישט, גאָט איז אייער פּאַרמעגען!

ווען נישט דאָס שפּאַצירען אין פעלד, און די זיסע נאַ־טור מיט וועלכער איך פּאַרבּרענג, וואָלט איך אומגעקומען פון צרות. איך האָבּ געקענט אַ בּעקאַנטען אַ דאָרפסמאַן, וואָס האָט געוואוינט אַרויס פון שטאָדט, אין וועמענס שכנות איך האָבּ פּאַר־יאָהרען זומער געוואוינט מיט מיין הויגעזונד. דאָס איז אַ מענש אַנ'ערד אַרבּייטער אין זיין אייגענע פערמע, אַ מענש, וואָס אַקערט און זייעט און טהוט יעדער אַרבּייט, און אַלע פון זיין פאַמיליע, פון קליין בּיז גרויס העלפען איהם צו: די זיהן שניידען די לאַנ־קעס, לאַדעווען אויף די בּינטלעך און בּרענגען זיי צופיהרען אין שייער. די פרויען פּיעלען די גערטענער, מעלקען די בּהמות,

גיבען אַלטונג אויף די עופות, זעצען אַוועק די היהנער אויף די אייער, באַקען, קאָכען און וואַשען, קנעטען צענויף דאָס מיסט פון די רינדער מיט שטרוי און טרוקענען עס אויף דער זון, עס זאָל זיין צום הייצען. די קינדער פּאַשען אויף דער לאָנקע; אין צייט פון שניט—און אַלע שניידען, בינדען און טראָגען צענויף די סנאָפּעס. מליטשען, רייניגען, זיפּען און אַלץ ווערט געטהון מיט געזאַנג און מיט לידער. „מילב" האָב איך אַ נאָמען געגעבען דעם מענש אין זיין הויז—„מוראַווייניק". כ'האָב געפאָלגט די רייד פון שלמה המלך און איך פלעג פון צייט צו צייט געהן צו דער דאָזיגער מילב און צוגעקוקט ווי די מילבען, די דאָזיגע קליינע מענשעלעך, גרייטען אָן אום זומער זייער ברויט, אַרבייטען מיט פלייס און זענען עוסק בישובו של עולם. איך האָב זיך געפרייד מיט זיי און אויך זיי האָבען זיך געפרייד מיט מיר.

אַזוי האָב איך גוט פערבראַכט דעם פערגאַנגענעם זומער, און אין אַ יאָהר אַרום, אין דעם אַנדערען זומער, האָב איך נישט געקענט איבערטראָגען די שטאָדט און ס'איז מיר מיאוס געוואָרען דאָס לעבען איבער דעם טומל און רעש און שווערען לעבען אין די גרויסע שטעדט. ס'איז אַנ'אַנדער לופט, אַנ'אַנדער וועלט, אַ בהלה און אַ מהומה! די וויסענשאַפט לאָזט זיך הערען, די צוויליזאַציע שרייט אויפ'ן קול—אַ רעש פון דראָזשקעס און פון רעדער אויף די שטיינער פון גאַס; אַ געשרייעריי און אַ שפּילעריי: גראַמעפאָנען, פּאָרטעפּיאַנעס און סימפאָניעס פון די הייזער און קאַטרינקעס אין דרויסען. הענדלער, סוחרים פון אַלטוואַרג, קליינוואַרג, צייטונגס-פערקויפער און גלאַז פערקויפער לויפען אַרום איבער די גאַסען, שרייען אויס זייערע סחורות און זאָגען ליגענט און נאַרען אָב! סלופּעס און סלופּעס, פון לאָמטערנעס, פון טעלעגראַף, פון טעלעפאָן און פון עלעקטרי שטעהן ווי שטאָדט-וועכטער אויף דער וואַך מיט גרויס חוצפּא און איבער זיי ציהען זיך דראָטען און דראָטען. בקצור: די גאַנצע שטאָדט ווי זי שטעהט און געהט—מיט איהרע קלייטען, מיט די באַנק-הייזער, מיט די בירזעס פאַר איהרע סוחרים,

הענדלער און מעקלער, מיט הייזער וואו מען קומט זיך צענויף שפּילען אין קאָרטען, מיט די שענקען פאַר איהרע פּרעסער און זויפער, שכורים און הוליאַקעס און מיט איהרע זנות-הייזלעך, אויך מיט איהרע הויכע קאַמעניצעס און פּאַלאַצען פון איהרע עשירים מיט די נידריגע שטיבלעך און חורבות, פינסטערע נאַסע דירות אין אינטערשטען שטאָק, קעלער־שטובען און היילען פאַר איהרע אָרימעלייט, און אַ גרויס געמיש פון משונה׳דיגע צורות און משונה׳דיגע באַשעפעניששען—איהרע מנהיגים און רעדעל-פיהרער, מיט איהרע רמ״ח חכמים און שס״ה טפשים, שרפ״ט עזות-פנים׳ער און תתקע״ט גבאים און בעלי-טובות, אָהן אַ שיעור חברות, אסיפות ,רעדנער און אָרדענער, וואוילטעטיגקייט און אָרימ-קייט מיט זיבען געמען: אָרימאַן, אביון, קבצן, אָבגעריסענער, פערוואַגלטער, פערלאָזטער, פערשטויסענער און נאָך און נאָך מיני קבצנים.

און אַז ס׳איז מיר געוואָרען איבעלדיג אויפ׳ן האַרצען פון דער שטאָדט מיט איהר געטומעל און נאַרישקייטען, און מיין בענקשאַפט צום דאָרף איז שוין געווען נישט אויסצוהאַלטען,—בין איך מיר אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירען אין פעלד אַריין און מיינע פיס האָבען מיר שוין אַליין געפיהרט ביז צום הויז פון מיין באַקאַנטען—צו דעם „מורעווייניק״.

איינמאָל, אַז איך בין בעת׳ן שפּאַציר אָנגעקומען צו דעם הויז, זענען מיר די מילבען אַנטקעגען געלאָפען מיט אַ גוטער בשורה: די רויטע קוה אונזערע האָט געהאַט אַ קעלבעל! אויך איך האָב זיי געזאָגט: אויך מיין טאָכטער האָט געהאַט אַ יונגעל! און מיר האָבען צוגעווינטשען די געווינערינס, יעדע ווי עס פּאַסט פאַר איהר: איך האָב צוגעווינטשען די קוה זי זאָל געבען אַ סך מילך און פּוטער, און זיי—מיין טאָכטער, זי זאָל מגדל זיין איהר זון מיט מזל, לחופּה ולמעשים טובים! ס׳איז געקומען די צייט צו מעלקען די בהמות די סטאַדע איז אָנגעקומען פון פעלד. אַלע בהמות געהן זיך געלאַסען און שאָקלען צו מיט די קעפּ ביי יעדען טריט, זענען אונטערטעניג און שווייגען ווי כשר׳ע צנועות׳דיגע ווייבער, און די רויטע איילט זיך און לויפט ווי

אַ פּערשייטע, שמייסט מיט׳ן ווײדעל און מרוטשעט מיט אַ קול שופר וואָס רייסט זיך פון בויך אַרויס, שטופּט זיך דורך און געהט אַריין די ערשטע אין פּאָדוויר אַריין, נישט אָבגעבענדיג קיין כבוד די עלטערע פון איהר. און דאָס יונגע קעלבעל, וואָס איז אינגאַנצען רויט און האָט אַ ווייסען פלעק אויפ׳ן שטערען, ווי נאָר עס האָט דערשמעקט די מוטער, האָט עס באַלד פעריסען דעם ווײדעל, האָט אָנגעהויבען שפּרינגען און האָצקען און איהר אַנטקעגען געלאָפען, האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די פאָדערשטע קניהען און מיט גרויס גלוסטונג זייגט עס פון איהר אייטער. די מוטער דרעהט אויס דעם קאָפּ און לעקט איהר קעלבעל מיט גרויס נחת און דערבאַרמונג. קיינמאָל וועל איך נישט פערגעסען ווי זי האָט אויסגעשטעלט אויף מיר איהרע אויגען און געקוקט אויף מיר ווען איך האָב מיט דער האַנט געגלעט דאָס קעלבעל איבערען האַלז. אַ סך זאַכען זענען געלעגען אין דעם דאָזיגען קוקען: ס׳איז געווען אין דעם שרעק, איך זאָל חס ושלום נישט דערקוועטשען דאָס קעלבעל. ס׳איז געלעגען אין דעם גרויסקייט, וואָס זי האָט זיך געגרויסט מיט איהר טייער קינד, די פריידע איהרע. ס׳איז אין דעם געווען אַ פערגעניגען, וואָס איך אַ מענש, וואָס געה אויף צוויי פיס און בין דער האַר פון אַלע בהמות גלעט עס. און ווער ווייסט, וואָס עס טהוט זיך ביי אַ בהמה אין האַרצען: אפשר ווייסט זי דאָס טראַכטונג פון מענשען און זי ווייסט, וואָס איך האָב זינען. און באמת האָב איך דעמעלסט אַ סך געטראַכט—קוקענדיג אויף דער קוה מיט׳ן קעלבעל האָב איך מיט ליעבשאַפט געדענקט אָן מיין טאָכטער און אייניקעל און האָב געקריגען גרויס רחמנות צו זיי. כ׳האָב געטראַכט וועגען מענשען און בהמות און מיר איז איינגעפאַלען: אָט איז אַ בהמה— ווי פיהלט דאָך אויך און פערשטעהט; זי האָט אויך ליעב איהר קינד, בענקט צו דעם, זייגט עס, לעקט עס, און שמועסט זיך מיט דעם איבער אויף איהר לשון אויפ׳ן לשון פון חיות און עופות. כ׳בין געשטאַנען און געטראַכט, וועגען דעם אונטערשיד צווישען איהר און איהר קעלבעל און מיין טאָכטער מיט איהר קינד. די דאָזיגע בהמה האָט געווינען און באַלד איז זי אויפ־

געשטאַנען, זיך אָפּגעטרייסלט און זיך געגאַנגען איהר וועגס.
און מיין טאָכטער, להבדיל, האָט שווער געווינען און זי איז
נאָך קראַנק און קען צו זיך נישט קומען. און דאָס קעלבעל—
ווי נאָר ס׳איז אַרויס פון דער מוטערס בויך און דערזעהן די
ליכטיגע וועלט, האָט זיך עס באַלד געשטעלט אויף די פיס, האָט
אָנגעהויבען שמייסען מיט׳ן ווײדעל און אַרומשפרונגען און פער-
ברענגט אין פערגעניגען. נישט געוויקעלט, נישט געהילט, נישט
איינגעדעקט אין קיין בעטגעוואַנד און איז געזונט און שטאַרק!
און מיין אייניקעל, דער טאָכטערס יונגעל, איז געבוירען געוואָ-
אַ גולם, צו אַכט טעג האָט מען איהם מל געווען און יסורים
זענען שוין אויף איהם געקומען—ער האָט געשריגען און גע-
וויינט פון גרוים וועהטאָג, און נאָך איצט ליגט זיך דער דאָזי-
גער חתן-דמים, איינגעוויקעלט און איינגעהילט ווי אַ וואָרעם אין
זיין זעקעלע און ריהרט נישט מיט קיין אבר, און ביז ער וועט
אויסוואַקסען און זיך שטעלען אויף די פיס איז ער נאָך אָנגע-
גרייט צו ליידן כלערליי יסורים און חלאים—מאָזלען, כריפקע
און פאָקען און נאָך אַזעלכע, און דערנאָך בויך-וועהטאָג און
צייהן-וועהטאָג. כ׳האָב אויך געטראַכט וועגען מיין בעקאַנטען
דאָרפספויער, דער דאָזיגער פראָסטאַק און פויער ווייסט נישט
פון קיין שום אָנגענומענע פיערכצען און לעבט זיך שטיל און
רוהיג. כ׳האָב פערגלייכט איהם און זיין הויז-געזונד מיט די
חכמים און חכמות פון מיינע שטאָדטלייד, כ׳האָב זיי פערגלייכט,
געטראַכט און געשוויגען! — — —

ט.

דער דאָזיגער זומער טאָג, פון וועלכן עס ווערט דאָ ערצעהלט. איז געקומען ווי אַ אָנגעלעגטער גאַסט נאָך אַ סך כמורנע, רעגענדיגע טעג און האָט באַגריסט די מענשען מיט אַ „גוט מאָרגען” און מיט אַ גערויטעלט פּנים—מיט דער שענער זון. און ווי טייער איז מיר געווען דער דאָזיגער טאָג, וואָס האָט זיך באַוויזען צו מיר באַלד בעגינען, ווען איך בין נאָך געלעגען אין בעט און האָט מיך אַרויסגעפיהרט אין דרויסען צו זעהן זיין שענקייט און זיך קוויקען מיט איהם—און צו דער־קוויקונג און רוה האָב איך געבענקט מיט׳ן גאַנצען האַרצען און מיט אַלע מיינע חושים און רמ״ח אברים מיינע, נאָכדעם ווי איך בין עטליכע טעג כסדר געזעסען אין שטוב, זיך געפּיי־ניגט מיט לייענען פּוסטע ביכלעך, מיט משונה׳דיגע שאלות און פראַגען, וואָס די וועלט דאַרף דאָס נישט האָבען. געטראַכט האָב איך זיך: אָט אויף דעם טאָג האָב איך געוואַרט, כ׳וועל אַרויסגעהן אין פעלד צריין, וועל זיך פרייען און שפּאַצירען ־אָרט.

און צו דער גוטער מחשבה בעהעפט מיין גייסט זיך, און עס זינגט אין מיר נישט ווילענדיג. אָט דאָס איז דאָך דאָס געטליכע געזאַנג פון וועלטבעשאַפונג פון תהו־ובהו אַרויס; דאָס איז דער גייסט, וואָס קומט פאַר דער בעשאַפונג; דאָס איז דאָס געטליכע, וואָס האָט געשוועבט איבערן תהום איידער די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, און וואָס שוועבט אין אַלעמען זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען—מאַכט שאָר־כען די הויכע גראָזען ביים טייך, מאַכט שורשען די וואַקסענ־דיגע תבואה און מאַכט זינגען די ביימער אין וואַלד, באַפעלט די וואַסערען פון ים און עס ברומען זייערע כוואַליעס. און דאָס איז דער גייסט אין מענש, וואָס שפּיעלט אין איהם פערבאָר־גען—אויף די נערוועז און סטרונעס פון זיין נשמה; דערוועקט זיי און ברענגט זיי אין בעוועגונג; פון איהם קומען די גע־פיהלען און געדאַנקען; און אַלע מעשים, גוטע און שלעכטע, גרינגע און שווערע, טרויריגע און פרעהליכע אַלע זענען לויט זיין באַפעהל. לויט׳ן זינגען איז דאָס טהון. ווי עס זינגט זיך אַזוי טאַנצט זיך—דאָס איז „דער גייסט פון הימעל״ דער „רוח הקודש״ דאָס „בת קול״ וואָס דערוועקט זיך ביי די נביאים און אין טיפעניש פון דער נשמה ביי די פּאָעטען, און דאָס קול פון פאַרבאָרגען געזאַנג קלייד זיך אָן אין ווערטער, וואָס געהען אַרויס פון זייער מויל. און אויך פּראָסטע מענטשען ווען עס הייבט אָן שפּיעלען דער גייסט אויף זייערע נערוועז, עפע־נען זיי אַ מויל ווילענדיג און נישט ווילענדיג און זיי זינגען פון פערגעניגען אָדער פון האַרצוועהטאָג, אין דער הייך אָדער אין דער שטיל, מיט אַ שטיל דין קול.

מיין שטיל געזאַנג פון גרויס פערגעניגען אין דעם דאָ־זיגען אָנגענעמען פריהמאָרגען, בעהעפט זיך אין מיר צו זיסע געדאַנקען און געפיהלען, און אויפ׳ן זינען קומט מיר אַ גרויסע אידיליע פון דאָרפישען לעבען ווי זי שטעהט און געהט—אַ פּראָסט פשוט לעבען; אַ לעבען פון רוה און פרידען, פון אַר־בעט און גוטען שכר. פּויערים אַקערען און זייהען, שניידען און נעהמען צענויף זייערע סנאָפּעס מיט געזאַנג. זיי לעבען

שטיל און צופרידען. רוהיג און גליקלעך זענען די וואָס וואוי־נען אין די קליינע נידעריגע שטיבלעך, וואָס זענען פערזונקען צווישען גראָז און ביימער ווי פויגעל־נעסטען. די שייערען זע־נען פול מיט תבואה פאַר זיי צו עסען און מיט היי פאַר די בהמות. אין די שפייכלערס איז פאַרהאַן גענוג גאָרטען־פּרוכטען. עופות לעגען אייער, זיצען זיי אויס און עס פּיקען זיך אויס קליינוואַרג. מילך בהמות און רינדער פאַשען זיך אויף לאָנקעס, אויך קעלבער און שעפּסען זענען דאָרט, לויפען אַרום, שפּרינ־גען אַרום און הינד—זייערע וועכטער—לויפען נאָך זיי. די פּאַס־טוכער מיט זייערע געליבטע פייפען אויף פייפלעך און זיצען צווישען די בייטען, קלויבען געוויקסען אויפן פעלד און שוואָ־מען אין די וועלדער. מענש, בהמה און פויגעל אַלע לעבען פרעהליך ווי פערצייטענס זייערע ערשטע עלטערען אין גן־עדן!

און עס קומט מיר אויפן געדאַנק מיין בעקאַנטער דאָרפס־פויער, די מילב און זיין הויז, דער איינזאַמער „מוראַווייניק", און דאָס פעלד פון תבואה—קאָרן, ווייץ און גערשטען רינגלען עס אַרום פון אַלע זייטען צוזאַמען מיט די גערטנער פון גרינס: פּאַסאָליעס, אַרבעס, קאַרטאָפעל, קרויט און אַנדערע מינים. און פאַרן טויער פון געפלאָכטענעם פּלויט, ליגען בהמות און קעל־בער אין שאָטען פון ביימער און זענען מעלה־גרה, אַז זיי קו־מען פון דער פּאַשע בייטאָג אין דער היץ. אין די דאָזיגע רוהיגע שטילע ערטער, וואָלט איך שפּאַצירט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דערנאַכט אַריין צוזאַמען מיט די פייגעל. דאָרט וואָלט איך זיך ביי אַ סאַזעוועק אויסגעצויגען אויפן פרישען גראָז, וואָלט אָנגעשטרענגט מיינע אויערען און געהערט ווי עס קלאַפּט דער דפק פון דער נאַטור. וואָלט זיך צוגעהערט צום זשומען פון דער גריל אין גראָז, און דאָס שפּרינגען פון היי־שעריג וואָס שפּרינגט צווישען די געוויקסען; דאָס ברומען פון פליגען און דאָס רעשן פון ביהנען וואָס פליהען אַרום אין לופטען; דאָס בילען פון הונד, דאָס כאָרכלען פון האָן, דאָס הירזשען פון געפענטעטען פערד וואָס געהט אַרום אויף דער פּאַשע און די שטים, וואָס דער ווינט ברענגט פון מרחקים. איך

האָב זיך אויך דערמאָהנט אין יונגען קעלבעל מיט דעם שע־
נעם קאָפּ און אויערען און מיטן ווייסען פלעק אויפן שטערען,
ווען עס שטעהט אַראָבגעלאָזט אויף די קניהען און זייגט דעם
אייטער פון דער מוטער, וואָס לעקט עס מיט גרויס רחמים.
און אָט די מוטער מיט איהר קינד–דערמאָהנען מיר מיינע
טייערע, מיין טאַטער און מיין אייניקעל, ווי זי דערלאַנגט
איהם די ברוסט מיט ליעבשאַפט, און ער שטרעקט אויס דאָס
מיילעכעל ווי אַ רעהרעל, כאַפּט אָן דעם פּטים פון
דער ברוסט און זייגט און לאָזט נישט אָב ביז ער ווערט
איינגעשלאָפען. איך שטעל זיך פאָר מיין אייניקעל אין דעם
מעמד און עס הייבט מיך אָן צו ציהען צו איהם, ער ווערט
מיר זעהר טייער!

און דעמעלסט, ווען איך האָב געטראַכט פון מיין אייני־
קעל, פון קעלבעל און דער קוה, איז מיר איינגעפאַלען אָנצו־
טהון אַ נחת רוח מיין ווייב און איך האָב מיר געטראַכט: היינט
וועל איך געהן צום „מוראַווייניק", וועל ברענגען מילך און
פוטער פון דער דאָזיגער קוה און זאָל זי מאַכען בלינטשיקעס
און מיר וועלען גוט אָפעסען. אָבער באַלד האָב איך זיך בע־
דענקט–האַ, וואָס ווילסטו טהון! דו וועסט עסען און דאָס קעל־
בעל וועט בלייבען הונגעריג, דו וועסט צונעהמען די מילך פון
דער מוטער און דערוויל וועט דאָס קעלבעל נישט האָבען!
האָב איך זיך בעראָטען און געטהון אַ חסד מיט דעם ליעבען
קעלבעל. האָב פערביטען די מוטער אויף אַן אַנדער קוה און
געהאַלטען, אַז איך טהו אַ גוטע זאַך. און איך טראַכט און זינג
אין איין אָטעם אַ בים־באַם, צום אָנפאַנג שטיל, מיט אַ שוואַך
קול און דערנאָך הויך און אויף אַ געלענגעל מיט׳ן האַלז און
מיט געבעט ביז מיין ווייב האָט זיך דערשראָקען און אויסגע־
שטעלט אויף מיר אַ פּנים פון רוגז און וואונדער ווי זי וואָלט
געפרעגט:

–וואָס איז מיט דיר?

–איך וועל געהן אין „מוראַווייניק"... כ׳וועל ברענגען
קעז און פוטער און וועסט היינט מאַכען בלינטשיקעס, וועסט

מאַכען—האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב, ווערענדיג אַ ביסעל מבולבל פון מיין ווייבס כעס'עדיגען בליק.

—וואָס איז עפעס היינט אַזוינס ?—האָט זי צו מיר געזאָגט מיט אַ טאָן פון וואונדער—וואָס איז עפעס פלוצלונג די שמחה מיט דיר ?

—און אפשר גאָר וועלען מיר ביידע געהן שפּאַציערען ! דער פריהמאָרגען איז דאָך אַזאַ שענער און עס איז איצט גוט צו שפּאַציערען—האָב איך געזאָגט צו איהר מיט ווייכקייט כדי צו פערגליטיגען מיין מערכה. און זי- ענטפערט מיר, מיט אַ דררה פון דער נאָז, מיט וואונדער און מיט אַ ניגון :

—צי דער מענש איז משוגע געוואָרען, צי וואָס ? נעהם גאָר אין מיטען דערינען, וואַרף אַוועק אַלע אַרבייטען און געה מיט איהם שפּאַציערען באַלד בעגינען !

פונ'ם ניגון פון מיין ווייב, וואָס איז בטבע אַ גוטע, אַ דימענט, האָב איך פערשטאַנען אַז זי האָט איצט עפּיס עגמת נפש, און איהר כעס האָט מיך אַ ביסעל אָפּגעקיהלט און איך האָב אָנגעהויבען רוהיג און שטיל זיך צו מאַכען דעם פּלאַן פון טאָג. מיין געמיטה, ווי דאָס וועטער, האָט אַ טבע זיך שטענדיג צו פערענדערען. און אין די טעג איז גאָר לייכט געוועזען מיין געמיטה זאָל זיך משנה זיין. פערשלעפּטע קרענק, אָדער נערוועזן מגפה האָט מען גערופען צו די פערענדערונגען פון געמיטה, וואָס האָט אַ טבע איבערצוגעהן פון איין געפיהל צו אַנדערען : פון טרויער צו פרייד, פון אַ גוטער האָפענונג צו יאוש, פון געזאַנג צו קלאָגעריי, פון ליבשאַפט צו פיינדשאַפט פון געבעט צו לעסטערונג, און פערקעהרט, ווי עס פערענדערט זיך דאָס וועטער אום ווינטער צעהן מאָל אין דער מינוט.

פון מיין טאָכטערס צימער האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ שטים, דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געוויין און אַ גרויס ביטער געשרעה און מען קען איהם נישט איינשטילען נישט מיט דער ברוסט, נישט מיטן וויגען דאָס וויגעל און נישט מיט אָבשפּרעכען אַ גוט אויג. די שכנות קומען צולויפען מיט זייערע תחבולות-איינע מיט קאָלערען אייער

און די צווייטע מיט גיסען וואַקס און נאָך אַזעלכע זאַכען און דאָס קינד שרייט, ציהט די פיסלעך צום בייכעל, זיפצט און פערגעהט זיך אין געוויין און הערט נישט אויף. מיין טאָכטער וויינט אויף איהר קינד, מיין ווייב וויינט אויך און מיר איז ביטער. דאָס געוויין פון קינד שטעכט מיין לייב ווי מיט נאָדלען.

איז אָנגעקומען דער צייטונג־טרעגער און דערלאַנגט מיר אַריין דורך דער טהיר די טאָגצייטונג ווי זיין שטייגער איז. איך היפּער איבער די מאמרים און די טאָג־כראָניק און הייב אָן צו לייענען די נעמען פון די מיליטער־לייט וואָס זענען פערוואונדעט און געהרגעט געוואָרען אין דער מלחמה. פון צווישען די וואָס זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען אויפן פונקט ווי מען פערבינד די קראַנקע, האָט מיר אַ וואונק געטהון אין די אויגען ווי דער נאָמען פון מיין איידעם—און איך בין דערציטערט געוואָרען! איך האָב זיך גוט איינגעקוקט און געפונען אַז איין אות פון נאָמען איז מטושטש, און נאָך איין אות ווי אַ פינטעלע וואָס אַ פליעג מאַכט אָן, איז געזעסען אויף דעם, און אויב דאָס איז אַפילו נישט זיכער דער נאָמען פון מיין איידעם, אָבער אויך אַ ספק איז געווען גענוג עס זאָל צערודערן מיינע אָדערען, צושטורמען מיין געמיטה און אויפקאָכען מיין בלוט ביז דער העכסטער מדרגה. אַלע מיינע נערוועז זענען געוואָרען אַ פידעל פּאַר מיין שטורמיג געמיטה.—און עס ווערט אין מיר אַ ברומעריי, אַ טרויעריג געזאַנג און אַ טומעל! מיין האַרץ וועהטאָגט אויף מיין איידעם, אויף מיין טאָכטער און אויף זייערע קליינע קינדער. איך שטעל מיר פאָר אין דמיון זייער פאָטער ווי ער ליגט צווישען פאַרוואונדעטע, דערשטאָכענע און געפאַלענע, טויטע מענשען און פגרים פון בהמות צוזאַמען, אָפּגעהאַקטע קעפּ, אָפּגעריסענע אברים, צעבראָכענע און צעריסענע, און מיין האַרץ העלפט מיר צו און זאָגט: געשטאָרבען זייער טאַטע, און דערפאַר וויינט דאָס קינד און קלאָגט. ער פיהלט אַז ער איז אַ יתום און האָט מעהר קיין טאַטען נישט!

דאָס געוויין פון ליעבען קינד און די מעשה מיט מיין אומגליקליכען איידעם, האָבען מיך דערשלאָגען און אַרויסגע־טריבען פון שטוב. געפיהלען פון צער און דערבאַרמונג, יסורים און ליידען שטעהן מיר אין האַלז און שטיקען מיך–דאָס שלאַכט־פעלד פערוואָרפען מיט מענשליכע קערפער. אַ שאַלעריי, האַר־מאַטען דונערען. בלוט און פייער, געהרגעטע און מענשען וואָס הויכען אויס די נשמה, און פערוואונדעטע וואַרפען זיך. רויב־פייגעל און קראָהען פיקען אין די לייבער און פליהען אַוועק און הינט שלעפען מיט די פיסקעס! איך געה אויפגערעגט און צומישט און איך וויים נישט וואו איך געה און וואו די פיס טראָגען מיך. און אָט איז דאָס פעלד און דער גלאַנץ פון שאַרפען סערפ בלאַנקט פאַר מיר. די זאַנגען ווערען אונטער־געשניטען און פאַלען אין גלייכע שורות–זייער שניט איז גע־קומען! נאָך די שניטער קומען בינדער, לאָזען זיך אויף די געפאַלענע און נעמען זיי צענויף אין קופעס וואָס ליגען ווי כוואַליעס אויפן פעלד. אַקעגן זיי שטעהן נאָך גאַנצע לעגיאָ־נען תבואה, יעדער לויט זיין מין, הויך און קאָליער. דאָרט

איז דער ווייץ, דאָס אייבערשטע פון שטייסעל אין דער משפחה פון געוויקסען, ער שטעהט ערענסט מיט געזונקענעם קאָפּ, אין גלאַנץ פון אַ גאָלד־קאָליער. נעבען איהם שטעהט דער קאָרען. פון יועלכען מען מאָהלט מעהל. דאָרט שטעהט אויך דער קלענסטער צווישען די תבואות און דער זאַנג זיינער זעהט אויס ווי דער ווידעל פון אַ פוקס און דערנעבען שטעהט דער גערשטען אין גרויסע מאַסען, אַלע זענען גרייט צו פאַלען צווישען די געפאַלענע פון סערפּ אויף זייער ערד אין פעלד. פון צווישען די קופּעס פון די דאָזיגע בחורים, הער איך אַ וויינענדיגע שטים. דאָס איז די שטים פון „קדיש״, וואָס עס זאָגט דער אַלטער איינגעבויגענער און אַרומגעצופּטער בוים! איינער אַליין שטעהט ער אין מיטען פעלד, דאָס גרויסע קרבנות־פעלד, ברומט און קלאָגט, ברעכט זיך די הענד און בייגט דעם קאָפּ צו דער ערד.. קליינע פעלד־בלימלעך, איבערגעבליבענע פון זומער, פערלאָזטע יתומים אָהן אַ שוץ און אַ שאָטען ווערען זיי איינגעשרומפּען, פערוויאַנעט בייטאָג און פאַלען אויף די פּנימער... וועה, וועה מיין טאָכטער, אוי מיין איידעם, אוי־אוי מיין אייניקעל!—האָט מיין האַרץ אין מיר געשריגען, און מיין שטורעמדיגע פאַנטאַזיע האָט מיך געטראָגען ווייט ווייט פון דאַנען און איך האָב נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט מיר.

איך האָב דערהערט אַ שטורמדיג קול, בין צו זיך געקו־מען—און דער ים ליגט פאַר מיר. דאָס ברומט דער שוואַרצער ים, האַלט אין איין שטורמען. ווי שטאַרקע פערד מיט אויפ־געשטעלטע גזשיוועס, וואָס האָבען צעריסען די לעצעס און אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די ציימלעך, הירזשען און ווילדעווען מיט צאָרען—אַזוי שלאָגען און שטויסען זיך די קלאָרע שטאַר־קע ים־כוואַליעס. איינע שטופּט די צווייטע, טרייבען און ווע־רען געטריבען, פאַלען אַרויף אויף שפּיציגע שטיינער און ווע־רען צעשלאָגען אָן פעלזען און שטיינער, וואָס שטעהן פאַר זיי ביים ברעג. דער דאָזיגער שטורעמדיגער ים איז פאַר מיר אַ דערקוויקונג. זאָל שטורמען דער ים און הויך ברומען. זיין

ליאַרמען פערשרייט דאָס געשריי פון מיין האַרץ. דער שטורעם אין מיר מישט זיך אויס מיטן שטורמען פון זיינע וואַסערן און ווערט אַלץ מעהר פערלוירען, און דאָס בילד פון טיפען תהום פערשטעלט דאָס בילד פון מיין דמיון–און איך באַרוהיג זיך!

נעהם איך אַרויס פון בוזעם צום רוילערען: די פושקע טיטון און די שוועבעלעך, פערדרייי אַ פּאַפּיראָס, פאַרויך איהם און לאָז רויך, און דער רויך געהט אַרויף אין רעדעלעך. דער־פיהלענדיג דעם ריח פון מיין גוטען פאַפּיראָס איז צוגעקומען איינער, וואָס האָט דאָרט שפּאַציערט, צו פאַררייכערען ביי מיר זיין פאַפּיראָס מיט מיין ערלויבעניש. און דער שפּאַציערער האַלט אַ בלאַטצייטונג אין דער האַנט. ממש די אייגענע צייטונג וואָס איך האָב היינט אין דער פריה געליינט. מיט זיין ער־לויבעניש האָב איך גענומען די צייטונג און אַריינגעקוקט אין צעטעל פון די פערוואונדעטע און געהרגעטע און געפונען דעם נאָמען, וואָס איך האָב געזוכט, ער איז קלאָר און דייטלעך מיט אַלע זיינע אותיות און ס'איז גאָר נישט ווי מיין איידעמס נאָ־מען. אויך דאָס אות וואָס איך האָב חושד געווען אַז אַ פליעג האָט מיט דעם געהאַט צו טהון, איז אויף דעם קיינמאָל קיין פליעג נישט געווען. איך האָב דאָס דערזעהן–און ס'איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען! נאָך אַמאָל האָב איך אַריינ־געקוקט און ווידער געזעהן–און איך בין צו זיך געקומען! און פון גרויס פרייד, האָב איך דעם פרעמדען אַריינגערוקט מיין האַנט, האָב איבערגעטריבען און איהם שוין צופיל געדאַנקט, געלויבט און געריהמט פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט מיר געטהון ביז יענער איז רויט געוואָרען פון בושה און וואונדער און גאָט געדאַנקט אַז ער איז פון מיר פטור געוואָרען. ער האָט זיך געוויס געטראַכט: דער דאָזיגער מענש מוז זיין משוגענער.

די לויטערע לופט וואָס, שמעקט מיט גוטע ריחות פון ביימער און גראָזען, וואָס וואַקסען אין דער הייך אויף די בערג און אין די שפּאַלטען און בערגלעך הינטען–גיט מיר כח

און שטאַרקייט, פרייד און גוטע האָפענונג, מאַכט מיר פּערגעסען די שטאָדט מיט איהר געטומעל, פערטרייבט פון מיינע מחשבות אַלץ. אויך אַ רעליגיעז געפיהל האָט מיך בעהערשט, אַ געפיהל פון ליבשאַפט און האַרציגע תפלה צום רבון עולמים, אַזאַ געפיהל וואָס בעהערשט מיך אָפט ווען איך שפּאַציער אייגער אַליין אין פרייען פעלד אויף גאָטס שיינע וועלט; אַזאַ געפיהל, וואָס מאַכט מיך פאַר פרום און גוט און ברענגט אַריין אין מיין האַרץ ליבשאַפט צו גאָט, וואָס האָט אַלץ געשאַפען אין גרויס רחמים צו אַלע זיינע בעשעפענישען, פון אַ מענש ביז אַ בהמה פון געוויקס ביז אַ שטיין אין פעלד. דאָס דאָזיגע געפיהל, וואָס האָט מיך בעהערשט און דער מאָמענט האָט צרויסגעבראַכט טרעהרען אויף מיינע אויגען, טרעהרען פון טרייסט, פון פרייד—און ס׳זיינען אַוועק טרויער און ליידען!

און איצט, אין דער גוטער מינוט—האָב איך מיר געטראַכט—איצט ווען ס׳איז מיר גוט אויפן האַרצען און איך וואָלט געוואָלט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, און ווען דו ביזט אין כעס, דו שוואַרצער מורא׳דיגער ים, וואָס דיינע כוואַליעס רוישען מיט צאָרען און שטורמען ווי חיות רעות לויפענדיג צום ברעג מיט אכזריות איינצושלינגען די וועלט—איצט ביזטו נישט ווי ס׳איז אין מיין האַרצען! פרעמד איז מיר דיין שפּראַך, פרעמד איז מיר דאָס ברומען פון דיינע כוואַליעס. נישט דיין בעזינגער בין איך היינט!

אַ הונט אַ צוגעשמידעטער ביזטו איצט פאַר מיר שטורמדיגער ים, אַ הונט אויף דער קייט במחילה! דער דאָזיגער בייזער הונט וואַרפט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס און וויל נישט פערשטעהן, אַז ער איז צוגעקאָוועט, אַז זיין בעל־הבית האָט איהם אָפּגעטיילט אַ בעגרענעצט אָרט אַזוי גרויס ווי עס איז דער שטריק, וואָס איז אויף זיין האַלז און האָט געזאָגט: ביז אַהער און נישט מעהר! דיין שטורמען, שטורעמדיגער ים, איז אַן איבעריג אומזיסט שטורמען. שוין טויזענטער יאָהרען, וואָס דו רייסט זיך אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך דעם שטריק, צו צעברעכען צעוואַרפען און אַריבער די גרענעץ—און אומזיסט איז

דיין מיה! טויזענטער יאָהרען אַז דו ברומסט און צערנסט, שטעלסט זיך קעגן, און שטעלסט זיך ווידער קעגן, דיינע כוואַליעס שטורמען, מאַכען געוואַלדען—און דער שטאַרקער אין הימעל שטילט זיי איין. שטורעמסט און רעשסט מיט דיין גרויסען כח און לסוף ווערסטו אַנשוויגען און הערסט אויף שטורמען!

איצט לאָז מיך צורוה שטורעמדיגער ים, אַ ביסעל נחת־רוח וויל איך כאַטש אויף אַ ווייל. דער אומזיסטער צאָרען דיינער דערמאָהנט די שוואַכקייט פון אַלע בעשעפענישען, וואָס קענען זיך נישט לאָדען מיט די שטאַרקערע פון זיי; דאָס דערשלאָגט דאָס געמיטה, ברענגט אום יעדע האָפנונג, ברענגט צער און עגמת נפש. צו זעהן אַ שטאַרקען קרעפטיגען גבור, און אויך ער איז בעזיעגט און פאַלט ווי אַנדערע, אַ שוואַכער און אַ קלעינער—דאָס צו זעהן איז קיין גרעסערער צער נישטאָ אויף דער וועלט. שמשון הגבור. די שרעק פון די פלשתים, וואָס האָט אויף זיי אָנגעוואָרפען אַ מורא און אַ פחד, ווי טהוט וועה דאָס האַרץ צו זעהן איהם און זיין פיין, ווען ער איז בלינד און שוואַך, געקאָוועט אין קייטען און איז פאַר זיי אַ שפיעלצייג!—איצט אַז ס'איז פאַר מיר אַ גוטע ווייל, מיין געמיטה איז רוהיג און זינגט אין מיר גוט און אָנגענעם, איצט צו זעהן דיר, שטורעמדיגער ים, ווען דו צאָרנסט קען איך נישט, און דאָס ברומען פון דיינע כוואַליעס קען איך נישט הערען. נישט דיין בעזינגער בין איך היינט!

און מיין אויפגעלייגטקייט פיהרט מיך צו דער סאַזעווקע, וואָס פליעסט זיך פאַמעלעך, רוהיג און געלאַסען דאָרט אין טאָהל צווישען בערג, וואָס זענען איינגעטינקט אין גרינס און אַ וועלדעל פון ניסענבוימער. דאָרט הערט זיך פון ווייטען דאָס רוישען פון דער מיהל, און עס קלינגען די גלעקלעך אויף די העלזער פון די בהמות, וואָס פאַשען זיך אין פעלד; דאָרט הערען זיך די געשרייען פון קינדער, וואָס שפיעלען זיך און עס דערטראָגט זיך דאָס געזאַנג פון מיידלעך וואָס זינגען ביים שניט; דאָרט אין אַ גאָרטען ווינקען די אונערקעס, ווערען צייי־

טיג די קאַוועגעס. און די הויכגעוויקסע זון־רויז שטעלט אַרויס איהר אָפּגעברענט פּנים, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט געלע בלעטער, קעגן דער זון און ווערט צייטיג; דאָרט אין אַ בע־האַלטען אָרט אין דער טיפעניש פון די בערג שלאָגט אַרויס א קוואַל פון פרישע וואַסער, גיסט זיך און רינט אַראָב אין אַ געדרעהטען שטראָם איבער שטיינדעלעך און גלאַטיגע משונה־פאַרביגע שטיינער ביז ער בלעזעלט זיך און גיסט זיך אַריין אין סאַזעווקע!

אַהין, צו דער דאָזיגער איינזאַמער בעהאַלטענער סאַזעווקע ציהט עס מיך. און אויף ווייכע גראָזען, אונטער דעם שאָ־טען פון ווערבע־ביימער ציה איך מיך אויס, און דאָס שענע צאַרטע בלימעל „פערגעס מיך נישט" ווינקט צו מיר מיט די קליינע פייכטע אייגעלעך, מיט די הימעלבלויע אייגעלעך. איך געה אויך אַהין מיטן תנ"ך אין האַנט, פערטיעף זיך אין „שיר השירים", איך געה און שפּאַציער אין פאַנטאַזיע מיט שולמית די שענסטע פון ציונס טעכטער.ביידע שושקען מיר זיך בסוד. דערווייטערען צו געהן מיט געפיהל אויף אַ שמאָל וועגעל צווי־שען הויכע ביימער, וואָס שטעהן פון ביידע זייטען, שטעהן אין איין גלייכער שורה און ציהען זיך ביז די פעלדער און גער־טענער פון דאָרף. דאָרט גיט די ערד געזונג תבואה און דער בוים—זיינע פירות. די פלוימען שוואַרצען זיך, די קערשען רויטלען זיך, די פערסיקעס שיינען, די עפעל און די באַרע־נעס ווערען צייטיג און אין וויינגאָרטען וואַקסען וויינטרוי־בען!

דער דאָזיגער טאָהל, די סאַזעווקע און די גערטענער דאָרטען, דאָס זענען דאָך מיין גן־עדן פון אַמאָל פון מיין פריהער יוגענד, ווען איך בין געווען יונג און פריש און גע־לעבט מיט דער יוגענד־פרוי, מיין חברטע און העלפערן. דאָרט האָ־בען מיר גליקלעך פערבראַכט אונזער צייט, דאָרט געשפּאַצירט מיט גרויס געפיהל און זיך כסדר געפרייד. און ביז אַהער, אויך אויף די עלטערע יאָהרען, יאָהרען פון טיפער עלטער,

איז ער מיר ליעב און טייער און פון מיין ווייטער. וואוינשטאָדט, די טומעלדיגע שטאָדט מיט אַסך מענשען, און פון ברעג פון שוואַרצען שטורעמדיגען ים שיק איך אַגרוס צו דעם דאָזיגען רוהיגען שטילען אָרט, אַגרוס צו דער רוהיגער סאַזעווקע מיט איהרע שטילע וואַסערען דאָרט!

ד.

אז איך האָב צוריקגעקערט אַהיים, בין איך מיט די שמאָלע וועגעלעך אַרויפגעגאַנגען אין דער הויך אויף די בערג. און פון דאָרט בין איך דורכגעגאַנגען דורך די זומער-וואוינונגען. דורך געדרעהטע שטעגען, וואָס זענען פון אויבען בעדעקט ווי אַ סוכה מיט די צווייגען פון די ביימער, זייערע שטאַמען שטעהן אין גערטענער נעבען פלויט און זייערע צווייגען שטאַרען אַרויס איבער די פלויטען און מיט זייערע שפיצען פלעכטען זיי זיך צוזאַמען. און בשעת פלאַפלען און שעפטשען און גלאַט שמועסען, ווי די שכנים, איינער מיט'ן אַנדערען, און קיצלענדיג און שטעכענדיג איינער דעם אַנדערען מאַכען זיי אַנ'אָרט פאַר די שטראַהלען פון דער זון, וואָס ציהען זיך דורך צווישען זיי און נידערען אַראָב און פלעכטען זיך אויס אויף דער ערד, אונטען, פון ליכט און שאטענס פון די צווייגען, גאָלדענע פאַסקעס מיט זילבערנע פינטעלעך. די לופט דאָרט, שמעקט מיט כלערליי שמעקענדיגע גראָזען, פייגעל זינגען און שמעטערלינגען—טאַנצען. ס'זעהט אויס אַז די נאַטור האָט מיר דאָ דאָס

אַלץ געוויזען כדי מיר צו בעווייזען ווי שען ס'איז דאָס אָרט ביים ים.

צוועק דער שניט, נישטאָ מעהר קיין קאָרען און קיין ווייץ אין פעלד, ס'האָט זיך אָבגעטהון זייער פּראַכט און זענען גע-וואָרען אַ פּאַשע-אָרט פאַר סטאַדעס. מיין געמיטה איז דערשלאָ-גען. מיינע חושים פיהלען און שמעקען די שטאָדט פון וויטענס. נאָך אַ ביסעל און איך בין אין שטאָדט!

אויף איינער פון די גאַסען, האָב איך דערזעהען פון וויטען עפּעס אַ מענשליך געשטאַלט צווישען די פערדבייגעהער. עפּעס משונה און פרעמד איז זיין אויסזעהן אין אָנטהון, עפּעס אַ מין ברייטער רויטער פאַס ציהט זיך איבער זיין אַקסעל פון רעכטס איבער דער ברוסט ביזין גאַרטעל לינקס, און ווי אַ פרעמ-דער, וואָס קען נישט די גאַסען אין שטאָדט געהט ער און שטעלט זיך אָב. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און איך דערנעהענטער זיך צו איהם. דאַכט מיר, אַז ער איז מיינס אַ בעקאַנטער, און דער משונה'דיגער פאַס וואָס איז אויף איהם. דאַכט מיר, אַז דאָס איז אַ לעבעדיגע זאַך. יאַ, טאַקע אַ לעבעדיגע זאַך—אַ יונג קעל-בעל, די פיער פיסלעך זענען געבונדען און פערוואָרפען אַרום זיין האַלז און עס הענגט מיט'ן ווידעל אַרויף און דעם קאָפּ אַראָב. די שטראַהלען פון דער זון פאַלען עס אויף די אויגען, וואָס שטעהן גרויס און מיעד, גלאַנצען און בלישטשען ווי גלאָז, די צונג איז עס אויסגעטריקענט און שטעקט אַרויס פון פּיסק. און באַלד איז דערדאָזיגער מענש מיט דער משא, וואָס ער טראָגט אויף זיך אַריין אין איינע פון די קלייטען, וואָס אויף דער גאַס און איך, אַ צעמישטער, אַ צעטראָגענער און צעטומעל-טער—נאָך איהם. כ'בין אַריין, האָב דערזעהן, וואָס דאָרט איז און אַרויסגעלאָזט אַ געשרעה! דאָס קלייט איז געוועזען אַ יאַט-קע. דאָרט זענען האַטשעקעס אַריינגעקלאַפּט אין די ווענט און שטיקער פליישׁ און „זאַטקעס" פון קעלבלעך און בהמות הענגען אויף זיי. דער קצב שטעהט ביים יאַטקע-קלאָץ אָנגעטהון אין זיינע קצבישע בגדים און האַלט אַ האַק אין דער האַנט, און אַ לעבעדיג קעלבעל ליגט געבונדען און וואַלגערט זיך נעבען איהם

אויף דער ערד. פאַר מיינע אויגען האָט אַ בלאַנק געטהון אַ ווייסער פלעק פון זיין שטערען-בין איך מיט אַ ציטער אָפּגע־טרעטען הינטערווייליכטס! אוי קעלבעל-אָט דאָס קעלבעל, דאָס אייגענע קעלבעל, וואָס איז מיר אַזוי ליעב געוואָרען, געהט איצט צו דער שחיטה! עס ליגט שטים און עפענט נישט דאָס מויל. די שווערדט פון טויט שוועבט איבער דעם און עס ליגט דערשלאָגען אָהן כח. און מיין אייניקעל, זיין גלייכען, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט: אַוועקגענומען איז ער געוואָרען פון זיין מוטערס הענד און איז שוין נישטאָ. די נשמה איז פון איהם אַרויס!... אַ ציטערניש האָט מיך אָנגעכאַפּט און ווען נישט דער מענש מיין בעקאַנטער, אַן אַרבעטער וואָס איז פער־דינגען אין „מוראַווייניק״, ווען נישט ער, וואָס האָט מיך אונ־טערגעכאַפּט, וואָלט איך געפאַלען אויף דער ערד אין חלשות. דער דאָזיגער מענש פרעגט מיך:-וואָס איז אייך?-און איך, דאָס לשון איז מיר אָבגענומען און איך וויז איהם מיטן פינ־גער אויפן קעלבעל. און ער, דער קצב, מיינט, אַז איך בין איהם חושד אין אַן עבירה-אין גנבה אָדער קויפען פון גנב. כאַפּט ער און שווערט זיך, אַז ער האָט דאָס קעלבעל געקויפט. און דער פערדונגענער אַרבייטער זאָגט עדות אויף איהם, אַז ער האָט עס געקויפט פאַר אַ סך געלד. דאָס קאַלב איז דאָך יונג און פעט און דאָס פלייש וועט זיין זעהר געשמאַק און דערפאַר האָט זיך דער קצב נישט געדונגען און בעצאָהלט ווי־פיעל מען האָט געבעטען. און ווי ער שטעהט און רעכנט אויס די שבחים פון קאַלב און איך בין אַוועק פון איהם מיט צאָרן, האָב געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט און אַנטלאָפען אַרויס אַ צוטומעלטער און משוגענער פון דעם וואָס איך האָב געזעהן און געהערט!

אין מיר קאָכט עס. משונה׳דיגע אויסגעמישטע קולות שרייען אין מיר. דאָס קול פון קעלבעל און דאָס קול פון מיין אייניקעל, דאָס קול פון דער מוטער און דאָס קול פון דער קוה. די שטים פון זייענדיגען קעלבעל שרייט צו מיר פון יאַטקע, און דאָס קול פון מיין יונג אייניקעל, פון געמל׳עטען

און קראַנקען שרייט צו מיר פון וויגעל. דאָס קול פון אַ בערמהער־ציגע מוטער און יונגע פרוי, אַ פערביטערטע, אָרימע און נישט געטרייסטע, וויינט און קלאָגט, און די שטים פון אַ קוה אין פעלד שרייט זי איבער. די אומגליקליכע פערשעמטע קוה, די דערשלאָגענע מוטער שרייט אויף איהר קינד, וואָס איז פון איהר אַוועקגעגזלט געוואָרען. אין דער פריה איז עס נאָך געוועזען און פערנאַכט איז עס שוין נישטאָ! זי זוכט מיט די אויגען; שנאָרכט און שמעקט מיט די נאָכלעכער; קאָפּעט און שאַרט מיט די טלאָען; מעקעט און ברומט, רופט צו דעם הויך אויפן קול-און ס'איז נישטאָ!... אין מיר שטורעמט עס, אין מיין האַרצען איז אַ פינסטערניש, תהו-ובהו, קולות און געשרעהן,—אַ געשרעה פון געפאַלענע, טומעל און רעש און אַ גרויס צעמישעניש-אויס אידיליע. פעלד און וואַלד, דאָרף און שטאָדט, זאָל אַלץ נעמען דער טייוועל!

איך גיב זיך דיר אונטער, שטורעמדיגער ים! זאָלען ברומען און טומלען דיינע וואַסערען; זאָלען רעש'ען און ווילדעווען דיינע כוואַליעס; זאָל דער תהום שרייען און דונערען! וואָס אַהרט עס דיך, ים, אויב דיין צאָרען איז אַן אומזיסטער, דו ביזט דאָך אָבער שען און שטאַרק. מיט דיין גרויסער קראַפט ביזטו פערביטערט קעגען יעדער שטימונג, לאַכסט זיך אויס פון די שטרויכלונגען אויפן וועג, און מיט דיין גרויסקייט וואַגסטו אָנצופאַלען אויף שטאַרקע-אויף די הויכע בערג און אייביגע פעסטונגען, דער שטאַרקער בייזער הונד בילט אויך אויף דער לבנה וואָס אין הימעל! דיין נאַרישקייט-איז דאָך דיין שטאַרקייט און דיין עזות. און איך...

אַזוי ווי איך רעד צו זיך אַליין און אַ הונד ריהרט מיך אָן ביי דער פאָלע-און איך בין צו זיך געקומען. איך גיב אַ קוק און נעבען מיר איז העקטאָר. דאָס איז מיין געטרייער הונד, וואָס דערזעהענדיג מיך אַריינגעהן צו מיר אין הויף צעטומעלט און דערשראָקען, איז ער מיר מיט פרייד אַנטקעגענגעלאָפען. טאַנצט ער און שפּרינגט אַרום מיר, לעקט מיט ליעבשאַפט מיינע הענט און קוקט אויף מיר מיט רחמנות. מיין פנים

איז אודאי געווען פערענדערט דעמעלסט און ער האָט געפּיהלט מיין צער.

—אַזוי, אַזוי, ליבער העקטאָר!—האָב איך געזאָגט צו איהם, האָב איהם אַ גלעט געטהון מיט מיין האַנד א׳בערן קאָפּ און האַלז—דיין נאַרישקייט איז דיין עזות, דער עזות פון יעדער בעשעפּעניש, וואָס איז אָהן שכל און האָט אַ סך כח, און דער מענש—זיין פערשטאַנד מאַכט איהם קליין—וואָס איז זיין כח און זיין גבורה, אַלץ איז נאַרישקייט און פּוסטקייט. נאָר פון דער קנאה פון דער פמליה של מעלה מיט וועלכער גאָט האָט זיך בעראָטען, נאָר פון דער קנאה און פון איהר צאָרען איז דער מענש בעשאַפען געוואָרען!... זאָל שטורמען דער ים מיט זיינע וואַסערען. זאָלען ברומען די שטאַרקע פון דער וועלט; די פעסטונגען פון דער בריאה זאָלען צערגען; זאָלען רעש׳ען די קרעפטיגע; זאָלען זיי ברומען, טומלען, שטורמען...

—שאַ! נאָר נישט מיט טומעל און געפּילדער, דאָס קינד שלאָפט!—זאָגט צו מיר מיין ווייב, וואָס קומט מיר אַנטקעגען און שרייט אָן אויף מיר אין דער שטיל, ווען איך בין אריין אין שטוב מיט רעש און פערדרוס און בין נאָך צוטומעלט און צעמישט—פון וואַנען קומסטו און וואו האָסטו בעלמוטשעט ביז אַהער? איז זיך אַוועק און פערפאַלען געוואָרען!... וואָס ביזטו אַנטלאָפען און וואָס זעהסטו אַזוי שלעכט אויס?... אַלץ איז שוין גרייט צו מיטאָג און ער איז אַוועק און נישטאָ! דאַכט מיר אַז דו ביזט שוין הונגעריג און ס׳איז דיר שוין צייט צו עסען. מ׳ר האָבען היינט אַ גוט זאַט מיטאָג. וועסט עסען און עס וועט דיר זעהר שמעקען. מיר האָבען היינט אַ ראָסעלפלייש... קעלבערען פלייש...

—וואָס־וואָס־וואָס?—האָב איך אויסגעשריגען נישט מיט מיין קול, ציטערענדיג מיט אַלע אברים.

—דער מענש איז גאָר משוגע געוואָרען און ווייסט נישט וואָס עס טהוט זיך מיט איהם!—האָט מיין ווייב זיך צעבייזערט, האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ צאָרענדיג פּנים—וואָס, קעלבערען פלייש געפעלט דיר אויך נישט? אַ ווילדער מענש — — —

פון מיין ספר הזכרונות

שלמא ר׳ אייס׳ם

פון מיין ספר הזכרונות

אַ טאָג אַ זומערדיגער איז עס געווען מיט אַ ריינעם, אָהן אַ שום שפּריינקעלע, בלויען הימעל, מלא חן! אונזער ערד איז אויך געווען וואונדער שען, אויסגעפּוצט אין איהר גרינעם-זומער-דיגען חתונה-קלייד מיט דעם גאַנצען שמוק איהרען און פרישע בוקעטען פון אַלערליי קאָלירענדיגע און שמעקענדיגע בלומען — נאָכ׳ן אויסזעהן-נאָך דאַכט זיך אַ לעבען אַמול׳דיגעס; אַ פרעה-ליכער טאָג, און דאָך, אוי-ווער, אָהן אַ זיפץ קען איך איהם עד-היום נישט דערמאָהנען! מיר איז בעשערט געווען אויסצושטעהן אין איהם — ווי עס מאַכט זיך אמאָל מען שטעהט-אויס פון אַ יפהפה, אַ שלאַק, מיט אַ שען פּנים׳ל — זעהר פול עגמת-נפש.

אוי, אַ-צייט, אַ-צייט איז עס, ניט היינט געדאַכט, דענסט-מאָל געווען, זעהר אַ שווערע! אויפּברויזענישען, ברוגז׳ען צווישען עולם, מיט דעם גאַנצען פּעקעל צרות, רייסעניש, בייסעניש צווישען זיך. דערצו נאָך די גרויסע מלחמה מיט דעם דם-שונא העט-ווייט אין מזרח-לאַנד, אין וועלכער ס׳איז פון ביידע זייטען פאַרגאָסען געוואָרען אַזויפיל בלוט, אומגעקומען אַזויפיל מענשען! אַ-חוץ-דעם, וואָס די מלחמה האָט שרעקליך געווירקט אויף מיין געמיטה, צוקאָכענדיג מיר דאָס בלוט, ווי אַ צרות-הכלל, האָט זי מיר נאָך פאַרשאַפט אייגענע צרות, געגעבען אַ גוטע פּאָרציע יסורים פאַר זיך בעזונדער אויך.

די אינגערע טאָכטער, נאָך אַ בלוט-יוגענד, איז געקומען מיט איהרע צוויי קליינע קינדער, אויפצוהאַלטען זיך ביי אונז, טאַטע-מאַמע, אַ געוויסע צייט. דער מאַן איהרער, אַ יונגער דאָקטאָר, איז גערופען געוואָרען בשעת מלחמה צו דינען אין חיל, ווי אַלע אַנדערע דאָקטוירים דענסטמאָל. פאַרלאָזען דאָס איינגעזעסענע וואוינאָרט מיט די פאַרדינסטען, ווייב און קינד, ווערד ער פאַר-וואָגעלט ערגיץ אין עק וועלט, שמעקען פולווער, שניידען פיס, הענד, בינטעווען מכות-וואונדען. אַ וועהטיג פאַר דער פאַמיליע איז עס אַ גרויסער. שטענדיגע אַרויסקוקעניש אויף בריף, נישט רעכט צו-וויסען, וואו ער געפינט זיך. שטענדיגע בעאומרוהעניש אויפ'ן וואָהר און אין שלאָף, שטענדיגע איבערטראַכטעניש, גאָט ווייסט וואָס — ס'איז דאָך אַ מלחמה. אַ מענש איז גאָרנישט; זיין לעבען — וואָלוויל; מענשליכקייט, רחמנות — נישטאָ!

און אין אַזאַ שווערער צייט בעדאַרף נאָך דאָס טיף-געקריינק-טע ווייב געלעגען ווערען מיט אַ קינד — אַ מזל-טוב מיט שלימזל. עפּענטליכע פרייד מיט פאַרבאָרגענע לייד, אַ גוטע מינע צו אַ שלעכטער שפּיל: און דאָס האָט פאַרשטאַרקט דאָס געפיהל פון צער און רחמנות. פאַרשאַרפט די ליבע אי צו דער שטיל-אין-זיך ליידענדער מוטער, אי צום לעבעדיגען יתום'ל, דעם קינד נעביך. אַ מינדסטע ליידען זייערס האָט ווי מיט אַ מעסער דאָס הארץ געשניטען. די שטימונג מיינע איז איבער-הויפּט ווי די וויטערונג געניגט צו פאַרענדערונגען. תּמיד געווען קאַפּריזנע; נאָר אין יענער צייט בעזאָנדערס נאָך מעהר קאַפּריזנע — „נערווען" האָט עס געהייסען. ס'האָט זיך אויסגעדריקט אין גיכע שרעקליכע געמיטהסאויפרעגונגען, אין אַ איבערגאַנג, דורך אַ מינדסטע זאַך, פון אַ גוטער לוינע אין אַ שלעכטער; פון אַ הייטערער אין אַ טרויעריגער, און פאַרקעהרט — ווי דער וועטער אין הערבסט, וואָס בייט זיך צעהן מאָל אין איין רגע.

יענער זומער-טאָג, פון וועלכען עס רעדט זיך דאָ, האָט מיך בעצויבערט נאָך באַלד מיט זיין קינדערש פאַררויטעלטען בעגין, מיט זיין זיס-שמייכעלדיגען גוט-מאָרגען ביים זונענאויפ-

גאנג. ער האָט מיר געמאַכט אַ שטאַרקען חשק, זיך וואויל-טהון אַ ביסעל אין איהם נאָך אַ לאַנגער צייט זאָרג און שווערער אַרבייט. גראָד דערמאָהן איך מיך, אַז מיינער אַ בעקאַנטער, אין אַ קאָלאָניע אונטער דער שטאָדט וואו איך האָב געוואוינט מיט מיין פאַמיליע פאַראיאָהרען זומער, און וואו איך בין געוועזן די פאָריגע וואָך, האָט מיך פאַרבעטען, דעם קומענ-דיגען דאָנערשטאָג, מאָרגען הייסט עס, צו זיך אויף קעז און פּוטער פון זיין ערשט ניט לאַנג געקעלבטער קוה, דער רויטער. עס האָט מיר אַצינד ווי לעבעדיג זיך פאָרגעשטעלט דאָס שענע בילד דענסטמאָל פאַר מיינע אויגען. דאָס קעלבעל, אַ שעהנס, אַ רויטס, מיט אַ ווייסען פלעק אויפ׳ן שטערען, זויגט די ברוסט. קניענדיג, אויף די נאָך שוואַכענקע פאָדערשטע פיס-ליך. די קיה, די געווינערין, אויסדרעהענדיג דעם קאָפּ, לעקט עס מ׳ט דעם צונג, לעקט די רויטליכע, ווי זייד-ווייסע הערע-ליך, און דריקט-אויס איהר פרייד מיט אַ שטיל מריקען, טאַקי נאָר עפּיס ווי אַ מוטער קוועלט, שמעלצט-זיך אין איהר ניי-געבוירען קינד. קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסען איהר וואונדערליך-אויסגעשטעלטען בליק אויף מיר, בשעת איך האָב געגלעט מיט דער האַנד דאָס קעלבעל. דער בליק האָט עפּיס געהאַט פיל טייטשען — אי מורא, איך זאָל עס חלילה ניט גראָב אַ קלעהם טהון, אי שטאָלץ אויף איהר קינד, אי פאַר-גינ׳גען, וואָס איך, מענש, גלעט עס אַזוי...

און ווי איך בין מיר דאָ אַזוי שטאַרק אויפגערייצט, חאַפּט זיך-אויף, אין מיין טאָכטערס צימער, פלוצים דאָס קינד מיט אַ ביטער געשריי: עס שרייט, קייכט, מאַכענדיג מיט די זייטליך, ציהענדיג צום בייכעל די פיסליך און פאַרגעהענדיג זיך אין אַ געוויין, מיט קיין מיטעל, ניט מיט דער ברוסט, ניט מיט׳ן וויגען, וואַרפען אינ׳ם קישעלע, נישט מעגליך עס איינצושטילען. איך בלייב געפּלעפט, איינגאַנצען ווי צושרויפט. געלעכערט האָט מיר דאָס געשריי דעם קאָפּ, אויפגעריהרט דעם מוח, נאָר משוגע צו ווערען. חאַפּ איך דאָס היטעל, דאָס שטעקעל, לויף אַרויס פון שטוב, און אַוועק, וואָהין די אויגען טראָגען.

און צושפּילט האָבען זיך מיר די נערווען. און געוואַרעט, געשפּילט האָט עס אויף זיי, ווי אויף אויסגעצויגענע סטרונעס. עס ווערגט מיך, רחמנות, צער יסורים, וועהטיגען, וואַגלעניש, קריינקונג. — אינאיינעם. נישט געדענקט האָב איך מיט'ן פאַר־שטאַנד, מיט לאָגיש צונויפגעשטעלטע ווערטער; נישט געטראַכט האָב איך וויסענדיג. כסדר אויסדריקענדיג, וואָס איך וויל; נאָר עס האָט מיר זיך געזעהן מיט־אַ־מאָל בילדער. עס האָט נאָר זיך געהערט אין מיר אַ גערויש, אַ פאַרמישעניש פון קלאַנגען, אַקאָרדען און טענער — עפּיס אַ מין ערבוביא־מוזיקע, אַ נאַ־טור מוזיקע. יענע אַ שטייגער, וואָס דער ווינד פייפט אין די קוימענס; וואָס ער לויפט איבער „גאַמען" אויפן טשערעט ביי דעם פלוס. שפּילט אויף צווייגען, אויף בוימער אין וואַלד, און לאָזט טאַנצען שפּרינגען פּאַליעס אין די טייכען. יענע, אויף וועלכער „די הימלען דערצעהלען גאָטס כבוד, און די ווערק פון זיינע הענד זאָגט אונז די נאַטור; יענע, וואָס די קלינגענ־דיגע סטרונע איהרע ציהט זיך איבער דער גאַנצער ערד ביז עק וועלט". אַזאַ נאַטור־מוזיקע, וואָס שפּילט אויף אינ'ם מענ־שען אויף די נערווען. אָהן זיין וויסען, אויפרעגענדיג איהם, אַ־מאָל שפּילט עס שוואַך, פּיאַניסימאָ, אַ־מאָל — שטאַרק פאָר־טאָ, און רופט אַרויס אין איהם מיט די טענער פאַרשידענע געפיהלען — שטימונגען!...

און דער צער דענסטמאָל איז גרויס — גרויס ווי די וועלט! בלוט, טרערען — אַ טיפער אָבגרונט! בלוט פון געפאַלענע אין דער מלחמה ברידער; בלוט פון מאַנען, אומגעק־קומענע טאַטעס, שרייט פון אַ ווייט־פרעמדער ערד קולות; טרערען — פון אלמנות, יתומים. געוויין און געשריי!... קולות טרויעריגע, טענער גוואַלדיגע. די אויפרעגונג שטאַרק. די שטי־מונג אַ שוידער! די פאַנטאַזיע טראָגט — אַ שטופעניש, שטוי־סעניש פון בילדער, אַ־שרעק!...

עס טהוט מיר אַ בליץ, אַ שיין אַ שטאָהלען מעסער — און באַלד אַ שניידענדער זוזשען אין די אויערן, עס פאַלען שורות'ווייז אונטערגעהאַקטע — זאַנגען! ס'איז אַ קול פון

מלחמה — שניטער, שניטערינס, א שאַרך פון סערפּען! א שהייל שלעפּען די געפאַלענע אונטערען מעסער. שטיקען זיי צונויף אינאיינעם, מאַכענדיג קופּעס-קופּעס, בערגליך קברים. אקעגען שטעהען נאָך לעגיאָנען תבואה פון אַלערליי מונדירען און פאָרמען. עס שטעהט דער איידלער, „וואָהל געבוירענער״ ווייץ אין זיין גאָלדפאַרביגען מונדיר. נישט ווייט פון איהם — דער בעקאַנטער, פון אַלעמען בעליבטער קאָרן, מיט די אַרויף-פאַרשפּיצטע דינע וואָנצעס. דאָרט איז אויך דער געוועהנטליך פּאַר פערד געוואַקסענער האָבער, מיט אַראָפּהענגענדיגע איהם פוג׳ם קיווערל ריהרעוודיגע, ווי די מעדערליך פליהענדיגע, הילזען — אַלע פאַרטיג אַנידער-צולייגען די קעפּ מיט די זיי-עריגע דאָ פון איין לאַנד... א-האַ פעלד — איך בין אין פעלד! פון צווישען קופּעס תבואה, בערגליך קברים, פאַרטראָגט זיך מיר א זשומען, א טרויעריג קול — דאָס איז א „קדיש-זאָגען״ פון א אַלטען, געבראָכענעם בוים! איינער אַליין שטעהט ער אין מיטען פעלד, אויף דעם גרויסען, וויסטען בית-עולם, ברומט, שאָקעלט זיך, פאַרלייגענדיג דעם קאָפּ און פאַטשענדיג-זיך מיט די הענד, מיט די צווייגען. קליינע בלימעליך, דאַ-רענקע, דאָרשטיגע פעלדבלימעליך, געבליבענע יתומים׳ליך, אָהן א שוץ, אָהן א אָבדאַך, פאַלען נעביך אויף די פּנימ׳ליך — אוי, זיי וויינען! זיי וויינען — און אויף די נערווען שפּילט זיך מיר שוין פיאַניסמאָ. די קולות א ביסעל שוואַכער, שוואַ-כער...

און באַלד מיט א-מאָל א שטאַרקער באַס! שטייגענדיג פון אונטען אַרויף „קרעסצענדאָ״ לאָזט זיך הערען א באַם-באַם-באַם אין גוואַלדיגע ברומענדיגע שטייגער. — הע-הע, דער ים, דער אויפברויזענדיגער, צאָרענדיגער שוואַרצער ים! ווי שרעק-ליך צורייצטע, זיך-אויסרייסענדע פע״ד שוימענדיג, הירזענדיג מיט אויפגעשטעלטע זילבער-ווייסע גריוועס, יאָגען, ווילדעווען פאַליעס, שטופּענדיג איינע די אַנדערע, וואַרפען זיך משוגע-נערווייז אויף סקאַליעס-העלדען, וואָס פאַרשטעלען דעם וועג און שפּרינגען אַריבער, שרייענדיג-פילדערענדיג, גרויסע-אויסגע-

לייגטע שטיינער אויפן ברעג, דער רעש פונ'ם ים בעטויבט אין מיר די אלע אנדערע קולות, דאס משונה-ווילדע, פירכ-טערליך-גרויסע בילד בעדעקט מיט איהר גרויסקייט אלע אנדע-רע בילדער אין מיר. איך קוק מיך אום, וואו בין איך אין דער וועלט. און טהו מיך א ווארף אויפ'ן גראז אויבען אויף דעם בארג, וואו איך בין געשטאנען, און האב א-פנים געחאפט א דרעמיל.

די ריינע לופט, אנגעזאפט מיט געווירץ פון שמעקענדיגע קרייטעכצער, בלומען און עהלבוימער, טראגענדיג-זיך פון די מאלעריש-צעווארפענע זומער-וואוינונגען אויף בערג אויבען, און פון בעוואקסענע קליינע טהאלען צווישען נידעריגע, ערטער-ווייז צושפאלטענע בערגליך אונטען — האט מיך אינגאנצען אפגעפרישט, מיר צוגעגעבען א שטיק געזונד, גוטע לוינע, קראפט, לעבעדיגקייט, ארויסשלאגענדיג די שטאדט מיט דעם דול פונ'ם קאפ. עס האט מיך אויך איבערוועלטיגט א ־עלי-גיעז געפיהל, א שטארק, הייס-פלאמענדיג געפיהל צום רבונו של עולם, צום מייסטער פון דער וועלט — אזא געפיהל, וואס מאכט זיך א-מאל, עס נעהמט מיך אן בשעת דעם שפאציר אין דער שענער נאטור זיינער; וואס מאכט מיך גוט און פרום, פילט מיך אן מיט ליבשאפט, בארמהארציגקייט צו אלע גאטס בעשעפענישען — פונ'ם מינדסטען ווערימעל ביז די בהמות, פייגעל און דעם מענשען, דעם אויבערהאר זייערען. אפילו א בלעטיל פון א בוים, לאזט עס מיך נישט אומזיסט אפרייסען — אלע-אלע זענען מיר די ווערק פון זיינע הענד!... אט דאס אייגענע געפיהל האט מיך דענסטמאל אויך אנגענו-מען. עס האט פארטריבען פון מיר זארג, מרה-שחורה, אל-דאס בייז, בערוהיגט מיין געמיטה און ארויסגעבראכט מיר טיף פונ'ם הארצען זיס-טרייסטענדיגע טרערען אויף די אויגען... אך! — טראכט זיך מיר, צונויפנעהמענדיג-זיך מיט אלע קרעפטען — ווי גוט ס'איז א גאט צו האבען! וואס פאר א גליק ס'איז צו האבען א דערבארמדיגען, א גנעדיגען פאטער אין הימעל!...

איך פארקוק מיך אויף דעם ים ווייט-ווייט ביז אהין, וואו

ער בעריהרט זיך מיט דעם הימעל, צונויפגיסענדיג זיך מיט איהם, גאָר איין גוף, איין נשמה. אָנקוקענדיג עס דאָרט ווייט און וואָס טהוט זיך דאָ ביים אומרוהיגען ברעג, טראַכט זיך מיר: דאָרט, וואו עס פאַראייניגט זיך ברידערליך, קושענדיג זיך ליבּ-ליך, וואָלט איך אַצינד געוואָלט זיין. דאָרט וואָלט איך, מיטפיהלענדיג, צוגעקליבען ווערטער, אפשר טאַקי ווי-עס-איז צוגעפּאַסטע צו די געמיטהליך-בעוועגליכע אַקאָרדען אינווייניג אין דיר. אמת טאַקי, אַקוראַט צופּאַסען איז זעהר אַ שווערע זאַך. דעם פּאָעטס אַ שיר, אַפילו גאָר דער בעסטער, איז אַ פאַלשע, אָדער, אין גוטען אופן, אַ שלעכטע איבערזעצונג פון אַ שטימונג. אַנ׳אַרויס-גערופענע דורך אויסערליכע צי אינעווענינגסטע בעוועגונגען... ס׳איז שווער, ווי ווינד אין די הויפּענס, דאָס גייסטיגע, אומבּעשרענקטע אין קערפּערליכע, ווערטליכע בּעשרענקטע פאָרמען אריינצונעהמען. צום גרעסטען טהייל, כּמעט טאַקי אינגאַנצען, פּאַסען כלל-וכלל נישט ווערטער, שירים צו שטימונגען, צו קאָמ-פּאָזיציעס, וועלכע זיי ווילען איבערגעבען. אָבער פאַר זיך אַליין האָבען זיי דאָך, ווייניג אָדער מעהר, אַ ווערטה דערמיט, וואָס זיי דריקען מיט זיך אויס דעם איבערגעבערס שטימונג אויף-אַזויפיל, אויף וויפיל ער איז אין-שטאַנד צו פיהלען, צו פאַרשטעהן — און אין דער מינוט בין איך עפּיס אַזוי גע-שטימט, אַז עס ווילט זיך מיר אַרומנעהמען אַ וועלט, אַלע גאָטס ווערק אין דער שענער נאַטור, וואָס שפּילט אַזוי מייסטעריש אויף די נערוועז, די פיינסטע סטרונעלעך פון מיין נשמה איצט, אין דער גוטער שעה מיינער, און אין דער בייזער שעה דיינער, ווען די פּאַליעס דיינע גוואַלדעווען דאָ אַזוי, רייסענדיג זיך ווי די ווילדע חיות מיט אַכזריות צום ברעג, איינצושלינגען די ערד — דאָ, איצט, ביסטו מיר נישט צום האַרצען. פריקרע, פרעמד איז מיר דיין לשון! דו קומסט מיר פאָר, מחילה, ווי אַ בייזער הונד אויף דער קייט, וואָס רייסט-זיך, וואַרפט-זיך, רעכטס-לינקס, נישט וועלענדיג וויסען, אַז ער איז בעשרענקט, אַז דער בעל-הבית זיינער האַלט איהם צוגעבונדען האָט פאַר איהם אָפּגעצייכנט אַ געוויס שטיקעל אָרט און געזאָגט: „ביז דאַנען געה און נישט

וויטער!״... ווי זאָל איך דיך פאַרשטעהן, אַלטער תרח, שוטה אײנער, אַז שוין טויזענטער יאָהרען ווילסטו אַלץ זיך-אָפּרייסען פון דער קייט, אַריבער די גרעניץ — און אומזיסט דיין מיה?! אַז טויזענטער יאָהרען שוין הויבסטו-אָן אַלץ אויף-דאָס-ביי צו מאַכען מרידות. שטורמען, שרייען, אויפהייבען גוואַלדען — און ווערדסט דערנאָך ווידער פאַרשטומט! נישטאָ קיין ערגערס ווי אומזיסטע, אומבעהילפליכע בייזקייט! „דער, וואָס אין הימעל זיטצט, לאַכט, שפּאָט אויס דיר.״ — שטום-זשע, שטום, אַלטער תרח! תמיד ביי דיר אַלץ דאָס אייגענע — געפּלאַפּעלט, געפּלוידערט, געברומט, געשריגען, איבערגעקייט דאָס אַלטע. ניין, נישט דיין פּאָעט בין איך אַצינד.

מיט דעם נביא׳ס האַרבען וואָרט זאָג איך דיר אַצינד: „הסר מעלי המון שיריך, אַוועק פון מיר דיין ברומענדיג שפּילען, וזמרת נבליך, און דאָס גערויש פון דיינע באַסאָקעס, די פאַרשייטע, לא אשמע, וויל איך נישט הערען!״

אַצינד ווילט זיך מיר זיצען ביי יענעם לויפענדיגען טייכעל, דאָרט אין דעם פריש בעגראָזטען, לאַנגען טהאָל, איינגעפּאַסט, ווי אין רהאַמען, פוןביידע זייטען מיט הויכע גרינע בערג, פון אונטען ביז אַרויף בעוואָקסענע מיט וועלדליך ניסבוימער. דאָרט, וואו עס פאַרטראָגט זיך מיט׳ן ווינטעל אַ מאָהלען פון ערגיץ אַ מיהלכעל; עס לאָזט זיך הערען ערגיץ פון דערווייטענס אַ קלינג-קלאַנג פון גלעקליך אויף די העלזער ביי די זיך-פיטערענדיגע בהמות; וואו עס בליהט אויבען, ערגיץ אין אַ גאָרטען. דער קירבים, צייטיגט זיך די מעלאָנע, און די שלאַנקע, הויכגעוויקסיגע זון-בלומע, פאַררייסט איהר געשפּרייגקעלט, מיט יאָדערליך אָנגעזעצטען און מיט שפּיציגע געלע בלעטליך אַרומגעזוימטען פּנים אַקעגען דער העל-שטראַהלענדיגער זון; דאָרט, וואו פון ערגיץ אַ קוואַל טיף אין די בערג שלאָגט זיך דורך אַ וואַסעריל, רינט אַראָפּ פון דער הויך און פליסט זורזשענדיג, געגרייזעלט איבער גלאַט-פּאָלירטע, פילפאַרביגע קליינע שטיינדליך, ביז עס בולבעט זיך אַריין אין טייכעל. אָט דאָרט, אינ׳ם טהאָל, וואָלט איך, נאָכ׳ן אויסבאָ-

דענדיג-זיך, געוואַלט רוהען אונטער שמעקענדיגע, ביים וואַסער וואַקסענדיגע הושענות, ליגען אויסגעשטרעקט אויפ׳ן גרינעם, סאַמעט-ווייכען גראָז, פון צווישען וועלכען עס קוקען אַרויס פאַרליבט מיט קליינע, פייכטע, בלויענקע אויגעליך די שענע „פאַרגעסמיכניט״ — בלומעלע די ליבהאַרציגע! אָדער מיט׳ן תנכ׳ל אין דער האַנד, פאַרטיפענדיג זיך אינ׳ם לייענען „שיר-השירים״, שפּאַצירען אין-געדאַנק מיט דער געריהמטער „שולמית״, די שענע טאָכטער ציון׳ס, פאַרגעהענדיג דאָרט אויף אַ שמאָל שטעגעלע, צווישען הויכע אין הימעל אַריין טאָפּאָלעס, זיך-צי-הענדיגע אין גלייכע שורות אַהין-אַהין ביז די פעלדער, פרוכט-גערטנער פון יענעם געוויסען דערפעל, וואו עס בליהט דער וויינשטאָק, עס וואַקסען קאַרשען, רויטע עפּעל!

ניין, אַלטער, בייזער, צאָרנדיגער ים, דיין פּאָעט בין איך נישט אַצינד. — אַ גוטען!...

די אָנגעקומענע אויף מיר גוטע לוינע פון די שענע נאַטור-בילדער און פון אַ פרעהליכס צושפּילען אינוועניג מיר אין דער נשמה — האָט מיך, ווי אַ צויבער געצויגען, געפיהרט ביי מיין צוריקגאַנג דורך שלענגלענדיגע שטעגעלעך, דורך צי-הענדיגע-זיך צווישען פלייטען גלייך לאַנגע קאָרידאָרען שמאָלע געסליך, בעדעקט ערטערווייז אויבען ווי אַ סוכה מיט צווייגען, וואָס אַרויס׳גנבנדיג זיך פון זייערע בוימער און גערטנער ביי די זייטען, קריכען זיי אַריבער הויכע שטאַכעטען און קומען-זיך צונויף אויבען מיט די קעפּ. אַביסעל זיך געקיצעלט גע-פלאַפּעלט, גע׳סוד׳עט, ווי דער שטייגער פון נאָהענטע שכנים, לאָזען זיי מיט דרך-ארץ דורך די זונענשטראַהלען, וואָס אינ׳ם געוועב פון ליכט און שאָטען אויף דער ערד אונטען וואַרפען זיי זיך איבער צווישען זייערע שאַטירטע בלעטער, ווי גילדע-נע שטרייפעליך. אַ צוגאָב דערצו איז די לופט דאָרט געדעמפּפט מיט זיסע ריחות פון רויזען, נעגעליך, קימעל, רעזעדע און שמעקענדיגע קיפּאַריסען. פויגלעך שפּילען, שמעטערלינגע, גע-קליידעטע באַלאָווע, דרעהען-זיך, טאַנצען.

עס טראַכט זיך מיר אַ לעבען אין דאָרף מיט דעם

גאַנצען נוסח פון אַ אידיליע — אַ תמימות'דיג לעבען, פּראָסט, אָהן חכמות. פויערען געזונטע אַקערען, זייהען, שניידען, ווי גאָט האָט געבאָטען, „טראָגען מיט געזאַנג די גאַרבען". אַרבייטען און געניסען די פּרוכט פון זייער אַרבייט, זיצענדיג בשלוה „זיכערליכען" אין זייערע הייזליך, ווי די נעסטען, אין קאַרשען, ווייכשעל און עפּעלבוימער איינגעטונקטע. פול מיט תבואה זענען די שייערס, מיט גאָרטענוואַרג — די קעלערס. הינער לייגען אייער, קוואָקען, זיטצען, פיהרען-אויס הינדעליך, געגנז און ענטליך פּליוסקען זיך אין רינעס, אין קאַלוזשעס רעגען-וואַסער. בהמות מעלקעדיגע, אָקסען, רינדער פיטערען זיך אויף פעלדער, קעלבליך, זויגענדיגע אי אַנט-וועהנטע איינאַיינעם מיט זייערע מאַמעס דאָרט, שפּרינגען, לויפען, פאַררייסענדיג דעם עק, די הינט, שומרים — ראַפּטאָם נאָך זיי. פאַסטוכער, געאָרעמט מיט זייערע געליבטע, און מיט פייפעליך אין מויל, זיצען זיך צווישען די געמאַרקען. אָדער געהן אין וואַלד נאָך שוועמליך, קלייבען יאַגעדעס! חי — געלעבט. מענשען, בהמות, עופות צוזאַמען, לוסטיג-פרעהליך, ווי זייערע אור-אור-עלטערן אין גן-עדן אַ-מאָל!

עס טראַכט זיך מיר מאָרגענדיגער טאָג ביים בעקאַנטען קאָלאָניסט. אָפּגעזונדערט פון אַנדערע שטעהט אין-מיטען פעלד אָפּגעצוימט זיין הויפעל מיט רויטליך-אָפּגעשמירטע ווענד פון-דרויסען. תבואה: גערשטען, ווייץ, קאָרן — אַרום איהם. אַקעגען ציהט-זיך אין דער לענג. אין דער ברייט אַ גאָרטען מיט פילערליי מינים גאָרטענוואַרג. פאַר'ן ברייטען, אָפּענעם אַריינגאַנג פון גאַס, ביי אַ בעגראָזטע קאַנאַווע — אַ היבשער פּלאַטץ, וואו עס געפינען זיך הייצונגס-מאַטעריאַלען אויפ'ן ווינטער; אָפּגעלייגטע קופּעס קיה-מיסט אויף-צו מיסטיגען די פעלדער, און בהמות, קעלבער רוהען דאָרט אויס און מעלה-גרה'ן אונטער'ן שאָטען פון בוימער, קומענדיג מיטאָגס-צייט, בשעת די ברענענדיגע זומער-היטץ, צוריק אויף אַ פאָר שעה פונ'ם פעלד. עס מאָלט זיך מיר דאָס יונגע, בייגעבוירענע קעלביל מיט די דינע פיסעליך, שענע אויגעליך, רויטע-ווייכע הערעליך, וואָס פאָריגע

וואך האב איך עס מיט ליבשאפט אזוי געגלעט; אויך די מוטער, א האלענדערקע, וואס איז מעהר פון אלע אנדערע בהמות בעליבט פאר איהר מילך, קעז און פוטער. עס מאלט זיך מיר די ברייטע, פרייע פעלדער, די שטעגעליך, געסעליך וואו איך האב ליב צו שפאצירען, בעטראכטען דעם זונענאויפגאנג פריה און דעם זונענאונטערגאנג פארנאכט; וואו איך האב ליב, בשעת ארום-און-ארום איז שטיל, אויסשטרעקען זיך אויפ׳ן גראז און צולייגען א אויער, צוצוהערען זיך צום דפק פון דער נאטור — הארכען ווי עס שמוצערט צווישען תבואה די גריל ווי עס שפרינגט דער היישרעק; ווי עס זשומען אין דער לופט די מיקען, זוזשען די ביהנען, און ווי עס פארליהרט זיך דארט א ווידערקול פון א הונד, א קרעה פון א האן, א הירזען פון א פערד!...

אט אין אזא גוטער לוינע, טראכטענדיג דאס בעסטע, דאס שענסטע קום איך אריין אין שטאדט — א אנדער לופט, א אנדער וועלט, א טומעל, א דרשטיקעניש! הלא חכמה תקרא, די קולטור רופט, ותבונה און די ציוויליזאציע תתן קולה, שרייעט אויף איהר קול! א פאהרעריי פונ׳ם טראמוויי. א טאראראם. א גערודער פון רעדער איבער׳ן פפלאסטער פון שטיינער. גראמאפאנען, פארטאפיאנעס לאזען זיך הערען פון הייזער און קאטערינקעס — אין דרויסען. הענדלער, טאנדעטניקעס, גאזעטענפארקויפער דרעהען זיך ווי די פליגען, רופען, שרייען פורע ליגען. לאמטערניש-זיילען, טעלעגראפישע, טעלעפאנישע, עלעקטרישע סלופעס שטעהען אויף דער וואך אין די גאסען. דא — קאנטארען, באנקען, ביורזעס, קלובען, קאפענעס, מאגאזינען, מויערען, הויכע-רייכע הייזער, און דארט — „זארגביינק", „מיאוסע ערטער", פייכטע קעלערס, פארדומפפענע לעכער, פינסטערע דירות-היר׳עס, וויסטע חורבות, הקדשים, שמוציגע, נידעריגע-איינגעהויקערטע קבצנישע הייזליך... א פארגלייך א ביסעל שטאדט און דארף! דארט — פראסט, נאטירליך, דא — גע׳מלאכה׳ט דארט נעהמט דער מענש צום לעבען אלץ פון דער נאטור, דא — אלץ מפליא לעשות, סיור-בור; דארט

ליגט זיין מיה אין ערד, דאָ — ליגט אויף איהם די רד' דאָרט מעלקען זיך בהמות, דאָ — יודינעס, מילכטרעגערענס' דאָרט זענען פרוכטען אויף בוימער, דאָ — אין קוישען, אַלע מינים הייסען „סחורה". דאָרט אַ אידיליע, דאָ — אַ טראַגעדיע, אַ טראַגיע-קאָמעדיע.

בידנע, אָרמזעליגע שטאָדט, דיין ערשטער ערפינדער איז דער פון-גאָט פאַרשאָלטענער קין! נאָך דעם „גרוש" פון דער דאָרפסווירטשאַפט אין זיין איינגעזעסענער, איינגעפונדעווען פערמע, אַרומצו-וואָגלען זיך, ווי יענע נע-ונד'ניקעס, אָפּגעריסענע פון דער ערד, האָט ער צום-ערשטען אויסגעבויעט אַ שטאָדט, זייענדיג פאַרבאָרגען פון גאָט, נישט אָנצוקוקען זיין נאַטור. און פון זיינע קינדער, קינדס-קינדער איז אַוועק אין דער וועלט אַריין אַ ציוויליזאַציע — מוזיקאַנטען: כלי-זמר, פידעל-שפּילער; כל המיני קופּער און אייזען שמידער, שלייפער און וואָפּען-שאַרפער!...

מיט פרייד טראַכט איך פונ'ם מאָרגעדיגען טאָג, ווי גוט איך וועל עס צוברייגגען מאָרגען אין דאָרף, געניסען רוהען, עטהעמען פריי, אַרויסרייסען-זיך פון דיר, שטאָדט, חאָטש אויף איין טאָג!

אין איינער פון די גאַסען וואַרפט זיך מיר פונדערווייטענס אין די אויגען צווישען דעם עולם אויפ'ן טרעטואַר עמיצענס עפּיס אַ מין גאַנג, אַ הלבשה, ווי ניט קיין היגער. עפּיס שטעלט ער זיך צו-ווייַלען אָפּ, קוקט זיך אום. פונ'ם אַקסעל רעכטס ביז צו די לענדען ליגקס ציהט זיך איהם איבער דער ברוסט ווי עפּיס אַ ברייטע, אַ רויטע משונה'דיגע לענטע, ביי אַ עק קוואַרטאַל שלאָג איך מיך אין דער דעה, זאָל איך מיך פאַרנעהמען אין דער זייטיגער גאַס, אָדער ניין, און איידער דער קאָפּ איז זיך מישב, זענען שוין די פיס געגאַנגען מיט דער אייגענער גאַס טאַקי, מיך צוגעפיהרט נעהענטער צו דעם פאַרשוין. דאַכט-זיך קענטליך, האַ, אַ אַרבייטער ביי מיין בעקאַנטען אין דאָרף? — יאָ, ער! אוי, ניט גוט... די עקדה! דאָס איז יענע, יענע, מיט דעם ווייסען פלעק אויפ'ן שטערען — דאָס שענע,

דאָס יונגע קעלבעל!... דאָס האָט מען אַ קינד פון דער מוטער יונגערהייט אַוועקגענומען, עס געבונדען אויף אַלע פיער צו דער עקדה, און אויף זיך אַריבערגעוואָרפען אַזוי, מיט דעם עק אַרויף און מיט׳ן קעפעלע אַראָפּ! די גליהענדע זון סמאַליעט, בערנט גלייך איהם נעביך אין די פאַרגלייזטע, מיט בלוט פאַרלויפענע אויגען. אַרויסגעשטעקט איז איהם דאָס צינגעל, פאַרדאַרט, חלש׳ענדיג פאַר אַ טראָפּען מילך, חאַטש אַ לעק וואַסער!.. אָט-אָט איז ער, דער פויער מיט׳ן קרבן, אַריין, דאָ אין גאַס טאַקי, אַהין-אַהין, וואו עס שטעהט אַ מזבח, און דער קצב אין די בגדים — אין דעם אוניטאָרם מיט׳ן פאַרטוך, האַקט און פאַר-קויפט פלייש!... עס טהוט מיר אַ האַק אין הארצען — אַ תהו-ובוהו אין מיר, אַ אויסמישעניש: פירפיסיגע, צווייפיסיגע. קוה, קינפעטאָרען. קעלבעל, קינד, טרערען, געוויין און רעוועו אינאייגעם. אַ קול אין הימעל אַריין הערט זיך, אַ געשריי, אַ רעוועו ביטערליך — אַ בהמה אין פעלד שרייעט עס. אַ מוטער רעוועט אויף איהר דערווייטערט קינד, וויל זיך ניט טרייסטען אויף איהר זויגענדיג קעלבעל, וואָס איז ניטאָ!... אַ דובינקע און אַ חלף שפּרינגען אַרויס, צוויי שרעקליכע געשטאַלטען ראַנגלען זיך, שפּאַרען-זיך, ווער וועמען טרעפט איבער אין געפיהל פון רחמנות, באַרמהארציגקייט... עס זיפצט, שנאָרכט פאַרדומפּפען אַ אויסגעצויגען אויסגעפליקט העלזעל — אַ שנאָרך, אַ חאָרחעל און אַ שטראָם בלוט, אַ צאַפּלען מיט קעלבערנע... „קינדערשע, צום בייכעל זיך ציהענדיגע פיס-ליך״!... עס בעשלאָגען מיך אַנגסטען.

אויפ׳ן וועג, קוים וואָס איך געה, פאַרדולט, פאַרזאָרגט, שטעלען מיך צו-ווײלען אָפּ, אָרימע לייט, בעטענדיג נדבות. אַ געדעטעניש איז אויף אָרימע לייט היינט מער ווי תמיד! פויערען מיט טאָרבעס, שטעקענס אין די הענד, אָהן היטלען; פויערטעס באָרפיסע, האַלבנאַקעטע, מיט בלייכע פאַרשמאַכטע קליינע קינדער אויף די הענד, בוקען זיך, בעטלען, אָנחאַפּענ-דיג פשוט פאַר די פאָלעס. „פון דערפער אין טיף-רייסען זענען מיר — דערצעהלען זיי מיט טרערען — אַ הונגער, פון

גאָט אַ אַנשיקעניש, איז דאָרט אַ גרויסער. אַ טרוקענע היץ האָט אויסגעברענט אַלסדינג אין פעלדער, אין גערטנער, נישטאָ גאָרנישט. נישטאָ קיין לעק גראָז פאַר בהמות. אַ מגפה אויף זיי איז אויך געקומען און דאָס ביסל איבערגעבליבענע האָט מען פאַרקויפט בחנם, מענשען געשווּלען פאַר הונגער, און שטאַרבען פון אַ קרענק אויך, פון עפּיס אַזאַ אונטערגאַנג... אונזער יוגענד, די אַרבייטס-מענשען, די שפּייזער אונזערע, זענען אַ טהייל פון הונגער, פון מגפה אויסגעשטאָרבען, אַ טהייל אַוועק אין דער מלחמה, ערגיץ אין אַ פרעמד לאַנד די קעפּ צו פאַרלייגען. פונ׳ם גאַנצען בעל-הבתישקייט געוואָרען אַ תל, און צלטע, אוי, מיר האָבען זיך, אַזוי ווי איהר זעהט, צושלעפּט!"...

עס האָט מיר אינווענדיג זיך אָפּגעריסען ווי פון הארצען! — אויס וועלט. אויס אידיליע, אויס דאָרף, אויס תמימות׳דיג-לעבען. אויס פאַנטאַזיעס אויף מאָרגען, אויס פאַרגניגונגען מיט דער נאַטור! אומעטום צרות, פּורעניות, אכזריות, דלות, קבצנות טאָרבעס, געוויין, טרערען... ווידער דאָס קעלבעל, שוין אַ נאַקעט, אָפּגעשונדען קעלביל; ווידער אַ רצוחען, אַ שרייען, אַ רוישען!... עס רוישט דער ים, עס שטורמען-גוואַלדעווען די פּאַליעס — עס רוישט, שיכט אין די אויערען, אַ שרעק!

פּלוצים דערפיהל איך, ווי עס חאַפּט מיך אָן עמיצער ביים רעקיל, שפּרינגט, לעקט מיר די הענד, פּלאָנטעט זיך מיר אונטער די פיס, שטערענדיג מיר צומאַכען אַ טריט ווייטער.

— אַך, העקטאָר! — רוף איך מיך אָן אַ-חאַפּ-געבענדיג זיך. דאָס איז געווען מיין געטרייער הונד, וואָס ביי מיין אַריינגאַנג צו מיר אין הויף שטאַרק צעטראָגען, האָט ער מיך פריינדליך אַזוי בעגעגענט — יאָ-יאָ, העקטאָר מיינער. טפו זאָל עס ווערען אינגאַנצען, דאָ און דאָרט!... שטורמען שטורמען מעג דער ים. אומעטום איין שוואַרציאָהר, איין שלימזל!...

— שאַ, געה שטילער, ניט מיט צאַ שטורם. דאָס קינד שלאָפט — מאַכט מיין ווייב, קומענדיג מיר אַקעגען ביים

אריינגעהן מיינעם אין שטוב אַ ביסעל האַסטיג, נאָך פאַרטומעלט מיט אַ שטיקעל ירגזון, און פיהרט מיך אַריין אינ׳ם עס־צימער — וואו ביסטו עס אַזוי לאַנג פאַרפאַלען געוואָרען?... אַ אוועקגאַנג אַביסעל! שוין צייט, דאַכט זיך, צו עסען. מוזט שוין גוט הונגעריג זיין? אַ מיטאָג דערפאַר האָבען מיר היינט גאָר אַ גוטען, דאָס וואָס האָסט ליב — קאַלבענפלייש!

— וואָ־אָ־אָס?! — טהו איך אַ היק ניט מיט מיין קול, טרעסענדיג זיך מיט אַלע אברים.

— צי ביסטו משוגע, דול, חסד־דעה, צי וואָס? — בטל׳ט־אויס מיין ווייב צו מיר חלומות, אויסשטעלענדיג אויף מיר אַ פאָר אויגען. — קאַלבענפלייש איז דען שלעכט?!...

שטריכען צו מיין ביאָגראַפיע

שטריכען צו מיין ביאָגראַפיע.*)

מיין געבורט־שטעדטעל־קאַפולי, איז אַ קליין שטעדטעל, וואָס געפינט זיך אין סלוצקער קרייז, מינסקער גובערניע. גאָט האָט דאָס שטעדטעל נישט געבענטשט מיט רייכקייט און פערמעגען און האָט עס נישט מזכה געווען מיט האַנדעל און געשעפט, נאָר דערפאַר האָט ער עס געגעבען די שיינע נאַטור, שיינע וועלדער און אַ שטיל לעבען, טאָהלען און שיינע פעלדער אַרום. מיין געבורטסטאָג איז אין ערגעץ נישט פערשריבען געוואָרען, אַזעלכע זאַכען האָט מען אַמאָל ביי אונז יודען נישט אין זינען געהאַט, בפרט נאָך אין די קליינע שטעדטלעך. ס׳איז אָבער ביי מיר אָנגענומען, אַז איך בין געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1836 און מיין פאַמיליע האָט בעשטימט מיין געבורטסטאָג דעם 20־טען דעצעמבער.

מיין טאַטע ז״ל, חיים־משה, איז געווען אַ זעהר בכבודיגער

---

*) איבערזעצט פון העברעאישען; געווען געדרוקט אין יאָהר תרמ״ט אין ס׳אָקאָלאָווס „ספר זכרון“.

בעל-הבית אין זיין שטעדטעל אין האט געשמט אין אונזער־קאנט מיט זיין תורה און דרך־ארץ, מיט זיין בריט הארץ און מיט זיינע ידיעות און וועלטזאכען. זיין צייט האט ער איינגעטיילט: א העלפט פאר גאט—צו זיצען און לערנען פאר זיך און צו לערנען מיט אנדערע אומזיסט. און א העלפט פאר זיך—פאר זיינע זאכען און פאר קהלישע ענינים אין וועלכע ער האט עוסק געווען באמונה. דער אייבערשטער האט מיין פאטער מזכה געווען מיט א כח הדבור און ער פלעגט צייטענווייז האלטען שיינע דרשות און איז געווען א שטיק בעל מליצה אויף לשון קודש. זיינע דרשות און בריעף געפינען זיך נאך ביז היינטיגען טאג ביי די איבערגעבליבענע פון זיינע פארערער און שעצער. מיך האט דער פאטער זעהר ליעב געהאט און האט מיך אויסדערוועהלט פון אלע קינדער מיך צו ערציהען אויף אזא אופן, וואס קיינעם אין אונזער שטעדטעל האט דעמעלסט גאר נישט געקענט איינפאלען. ווען איך בין אלט געווען זעקס יאהר, און האב שוין געקענט לייענען עברי, האט ער פאר מיר גע־דונגען איינעם פון די בעסטע מלמדים, ער זאל מיט מיר לער־נען תנ״ך און אויסלערנען מיר פסוק מיטן תרגום כסדר, און דער מלמד יוסף ראובני (א ביסעל וועגען איהם וועט איהר גע־פינען אין מיין ביאגראפיע געשריבען פון ל. בינשטאק—אין זשורנאל „וואסכאד״ פון יאר 1884) איז געזעסען און געקנעלט מיט מיר ביז צוועלף שעה אין מעת לעת, און נאך דריי יאהר לערנען האב איך געקענט די גאנצע פירונצוואנציג ספרים פון תנ״ך אויף אויסענווייניג און גאטס תורה איז געווען ביי מיר אין בויך.

און אזוי ווי איך לעק נאך די פינגער פון די זיסע ווער־טער פון די געטלעכע נביאים, און געה ארום מיט די גרויסע געטליכע פאנטאזיעס, מיט די פון אייביג אן, הייליגע גרויסע בילדער האט מיין מלמד מיך גענומען און מיך געבראכט אין די גרענעצען פון תלמוד, וואס איז פון אייביג אן דער ריעז, דער עוג מלך הבשן אין דער גאנצער וועלט־ליטעראטור. אז איך בין אהין אנגעקומען, בין איך געווען ווי א מענש וואס

קומט צום ערשטען מאָל אויף אַ גרויסען יריד, שטעהט ער פערגאַפט און קען זיך גאָר נישט אָפּוואונדערען זעהענדיג די אַלע מיני סחורות און אַ סך פערשידענע משונה׳דיגע זאַכען. און ער איז איבערראַשט הערענדיג דעם רעש און געטומעל און געשרעה פון אַלע זייטען. קויפער און פערקויפער, מעק־לערס און סוחרים איילען זיך מיט גרויס רעש און דער חשק און תאוה פון מסחר בעפאַלט זיי: אַלע לויפען פערחושט און צעדרעהט, דער מיט זיין קריגעל און דער מיט זיין פעסעל, איינער דעם אַנדערען שטופט, איינער דעם אַנדערען פרעגט, איינער צום אַנדערען רעדט, ווינקען מיט די אויגען, אַלע טאָפּטשען מיט די פיס, האַנדלען און וואַנדלען, דינגען זיך און רייסען זיך און אַ געשרעה און געברום איז אין דער מחנה! מיט דעם כח־הדמיון מיינעם האָב איך צוגעגעבען אַ געשטאַלט אַלע זאַכען און אַ צורה צו אַלע וואָס האָבען זיך מיר בעווי־זען אין תלמוד: דער „תנא־קמא“ און דער „מאן דאמר“ האָ־בען מיר אויסגעזעהן ווי מענשען וואָס זענען גרויס ביי זיך, קפּצנים מיט צעפלאָמטע פנימער; די „רישא“ סיפא“ און „מציעתא“ ווי ווייבער וואָס איינע די אַנדערע פערגינט נישט, איינע שפּאַרט איבער די אַנדערע, די זאָגט: אַזוי, און די זאָגט: נישט אַזוי: קריגען זיי זיך, שפּאַרען זיך און ס׳איז קיין נחת נישטאָ. און די—די „בוגרת“ „איילונית“ און „נערה שנתפתתה“ און זיי—דער „חרש“ „שוטה“ און „קטן“ און „זב“ מיט דער זבה“, אויך די „צוויי וואָס האַלטען דאָס קלייד“ און „דער אָקס וואָס האָט געשטויסען די קוה“. דער „שור המועד“ און „שור תם“, אַלע זענען געשטאַנען ווי לעבעדיג אין מיין פאַנטאַזיע, יעדער איינציגער מיט זיין געשטאַלט און משונה׳דיגען קאָליער. זייער אַלעמענס שפּראַך האָב איך טאַקי באַלד פערשטאַנען, ווי נאָר איך האָב זיך מיט זיי בעגעגענט, וואָרום פון דער יוגענד האָב איך זיך שוין אויסגעלערענט צו פערשטעהן דאָס תרגום־לשון, אָבער אַ סך פון זייערע רייד זיינען פון מיר געווען פאַרהוילען. דאָס אַלץ אָבער, איז נאָר געווען אין אָנפאַנג, ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען אין „טויער“ פון תלמוד, נאָר מיט דער צייט

האָב איך זיך צו איהם צוגעוויינט און האָב איהם ליעב בעקו־
מען. האָב „געגנעבטיקט" אין דער טיפּעניש פון „הלכה" און
האָב זיך מורא'דיג געוואונדערט פון די „טורעמס, וואָס פליהען
אין לופטען" און אויף די „בערג, וואָס הענגען אויף אַ האָר"
און נאָך אַזעלכע וואונדערליכע זאַכען אין שאַרפען פּלפּול.

כ'האָב ליב געהאַט צו שפּאַצירען אין גאָרטען פון
אגדה. דער דאָזיגער גאָרטען איז נישט ווי אַ פּרוכטען־גאָרטען,
וואָס האָט אַרום זיך אַ פּלויט מיט טהירען און ריגלען און זיי־
נע ביימער זענען הויכע, געפּלאַנצט אויף זייערע בייטען יע־
דער מיט זיין מין, שטעהן אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות
און די נאַטור איז דאָרט אַרומגעצוימט מיט קונציגע שטאַכע־
טען. נאָר ווי אַ גרויס ברייט פעלד פון וואַלד און תבואות וואָס
האָט נישט קיין סוף און קיין פּלויט, האָט נישט קיין סדר און
ס'איז אַ געדיכט אויסמישעניש פון זיינע געוויקסען. דאָרט זע־
נען פאַרהאַן בלומען אָהן אַ צאָהל, פערשידענע משונה'דיגע
פלאַנצונגען וואַקסען אין אויסמישונג און זענען פּראָסט ווי דאָס
גראָז אין פעלד—די ליליע איז די ליליע פון טאָהל שרון, און
די רויז—איז די רויז פון די טאָהלען אַרומגעוואַקסען מיט גרין
גראָז. טויזענטער, מיליאָנען גראָזען און שאַר דיר איז אַ שלל
פון כאַרבען, וואָס זענען צוזאַמענגעוועבט. די פאַנטאַזיע געהט
זיך אַרום אין דעם גאָרטען פראַנק און פריי און באַווייזט וואונ־
דער. אַמאָל נייגט ער דעם הימעל צו דער ערד און נידערט
אַראָב גאָטס רייטוואָגען און אַמאָל הייבט ער אויף די ערד ביז
צום הימעל, און מענשען מיט מלאכים קושען זיך.

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָהר צוועלף, האָב איך פער־
לאָזט דעם חדר. אין דער צייט איז געווען דער סדר פון מיין
לערנען אַזוי: נאָכן דאַווענען אין דער פריה, האָט מיין פאָ־
טער געלערענט מיט מיר אין בית המדרש משניות לויטן סדר,
בייטאָג בין איך דאָרט געזעסען און אַליין געלערענט. און אין
אָווענד—אַז איך בין אַהיימגעקומען און מיין פאָטער איז שוין
געווען פריי פון זיינע געשעפטען, האָט ער מיר געגעבען צו
פערשטעהן אַ בלאַט גמרא מיט אַלע מפרשים. און אויב ער האָט

צו מיר קיין צייט נישט געהאַט אין אָוונד—איז ער אויפגעשטאַנען בעגינען, האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף און מיט גרויס געפיהל זענען מירביידע געגאַנגען אין בית המדרש אַריין לערנען תורה.

אמת טאַקי, אַ גרויסער צער איז פאַר אַ יונג קינד אויפצושטעהן פון סאַמע געשמאַקען שלאָף, בפרט נאָך אין די ווינטער־טעג, אָבער בדיעבד, נאָכדעם ווי איך בין שוין אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען פון שטוב האָב איך אין האַרצען גרויס הנאה געהאַט, און מיין שכר—דער שכר פאַרן געהן און פאַרן לערנען בעגינען, איז געוועזן זעהר גרויס: אַ געטליכע שטילקייט איז אין אַלע גאַסען פון שטאָדט, וואָס איז פערזונקען אין שלאָף; אויך די לבנה און די שטערען, וואָס שטעהן אויפן הימעל האָבען דערוועקט מיין פאַנטאַזיע און איך האָב אַ סך זאַכען געהערט און געזעהן. דעמעלסט האָב איך געזעהן אין דער פאַנטאַזיע גבריאלן, וואָס קרעהט ווי אַ האָן און זאָגט אָן אין די הימלען, אַז די נאַכט געהט אַוועק. די מלאכים אין הימעל הויבען אָן צו שפּרינגען און טאַנצען און הויבען אָן צו זאָגען שירה מיט אַ זיס געזאַנג. נאָך אַ ווייל און די טויערען פון גן־עדן עפענען זיך מיט רעש און דער גרויסער גאָט געהט אַהין אַריין. די מלאכים האָבען דערזעהן ווי גאָט האָט זיך בעוויזען אין זיין הייליגקייט, און זיי זענען געבליבען שטעהן אין גרויס ציטערניש, יעדער אויף זיין אָרט, ביי זיין מחנה, קיינער בעוועגט זיך נישט מיט קיין פליגעל און קיינער לאָזט נישט אַרויס קיין הויך. און פּלוצלונג און גאָט דונערט אויס מיט שטאַרקייט און ער צעוויינט זיך, וויינען טוט ער אין דער נאַכט אויף זיין בית המקדש, וואָס איז וויסט; אויף ירושלים די שטאָדט, זיין קרוין, וואָס איז פערלאָזט; אויף זיין פאָלק, די טייערע קינדער פון ציון, וואָס וואָגלען אַרום צווישען פרעמדע פעלקער; און אויף דער שכינה, וואָס איז פערשעהמט, וואָגעלט מיט מיט זיי אין גלות און לייד פון זייערע ליידען. פון זיינע אויגען רינען טרעהרען—און דאָס איז די טוי וואָס פאַלט אויף דער ערד און די נאַכט־טראָפּענס אויף לאָקען... און דער־

הערענדיג „גאָטס קול" ווערען דערציטערט די צדיקים פון דער וועלט און צוזאַמען מיט די גוטע מלאכים וויינען זיי ביטער. און איך — טראַכטענדיג די אַלע פאַנטאַזיעס הייב אָן צו לערנען מיטן גאַנצען האַרצען. איך זינג זיס און ברום ביים לערנען, שפּאַר אונטער די האַנט און זינג אויף אַ קול. מיין האַרץ גלוסט אין גאָטס תּורה צו וויסען אַלע סודות פון תּלמוד. און איך פאַרזינק אין איהם מיט לייב און לעבען.

דער אופן פון דעם לערנען האָט אויף מיר געווירקט אין צווייען: פון איין זייט, האָט ער געשאַרפט מיין שכל דורך טיעף איינטראַכטען זיך אין דינע סברות און מיר געמאַכט פאַר אַ שאַרפזיניגען, וואָס גריבעלט זיך און דערגרינטעוועט זיך און יעדער זאַך, צו פערשטעהן זי פשוט און אמת. און פון דער אַנדערער זייט, האָט ער דערוועקט מיינע געפיהלען און מיין פאַנטאַזיע מיט גרויסע, דערהויבענע פאָרשטעלונגען און האָט מיך צוגעגרייט אויפצונעמען בילדליכקייט און הייליג געפיהל. אין דער צייט האָב איך מעהר נישט פערמאָגט ווי נור די ד' אמות פון דער הלכה און מעהר פון תּלמוד האָב איך גאָר ניט געוואוסט. די ספרים החיצונים האָב איך נישט געזעהן און האָב זיי אַפילו נישט געהערט און האָב נאָך נישט געוואוסט, אַז ס'איז פערהאַן אַ ליטעראַטור, אַ טעאַטער און נאָך אַזעלכעס. וואָרום מיין געבורט-שטעדטעל איז אַן איינזאַמע נעסט פערוואָרפען אין איינעם פון די פערגעסענע ווינקלען וואו קיין פוס קומט נישט. און זייענדיג באַאיוו האָב איך געמיינט, ווי דאָס יונגע הינדעלע אין איי, אַז די גאַנצע וועלט איז דאָ, פאַר מיר, און ווייטער פון קאַפּולי איז אַ וויסטע מדבר: דאָרט געפונען זיך שוין די הרי חושך און דער סמבטיון מיט מאָד-נע משונה'דיגע בעשעפעניששען. די קליינע הייזלעך אין מיין שטאָדט, זענען געווען אין מיינע אויגען ווי טייערע פּאַלאַצען. און די שוהל מיטן קלויז — האָבען נישט זייער גלייכען אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר דאָ רוהט די חכמה. און די שטאָדטלייט, זענען די אויסדערוועהלטע פון אַלע בעשעפענישען, אַלע חכמים מחוכמים, בפרט נאָך די דאָזיגע וואָס האָבען לאַנגע בערד און

זענען שוין אין די עלטערע יאָהרען. ווארום איך האָב זיך דע־מאָלט געהאַלטען ביי דער שיטה: דאָרט ווי ס'איז דאָ עלטער, דאָרט איז אויך דאָ חכמה און תורה. און דער, וועמען גאָט האָט געבענטשט מיט אַ קוה אָדער מיט אַ ציעג איז ער רייך ווי קרח און וואויל איז זיין חלק אויף דער וועלט. דער שופר, אויך די קאַטערינקע, וואָס איז צופעליג מגולגל געוואָרען צו אונז אין שטעדטעל אַריין ווי אַ וואונדערלעכע זאַך, און די פּראָסטע כלי זמר, וואָס האָבען געשפּיעלט ווען עס איז געווען אַ חתונה, דאָס איז די שענסטע מוזיק, אַז קיין שענערס איז גאָר נישטאָ, און וואויל איז דעם בעל תוקע וואָס קען בלאָזען אַז די הערצער ציטערען הערענדיג זיינע קולות.

תנ"ך האָב איך געקענט אָבער שרייבען האָב איך נאָך נישט געפּרובט. און אַז דאָס געטליכע געפיהל האָט זיך אין מיר דערוועקט, האָב איך דאָס נישט אויסגעגאָסען אין מליצה אויפ'ן פּאַפּיער, נאָר בין דעריבער געבליבען זיצען שווייגענדיג, געברומט און געשטורעמט האָבען אין מיר די געפיהל־כוואַליעס און אין דער שטיל האָט מיין האַרץ געוויינט אויף דעם: וואָ־רום איך האָב געדערכענט, אַז דאָס איז מעשה שטן, דער יצר הרע פיהרט דאָס אָן מיט מיר און מיט די זינדיגע טראַכטונ־גען איז ער מיר מבטל פון תורה לערנען. און כדי בצול צו ווערען פון איהם, האָב איך נישט געפונען קיין אַנדער עצה ווי דאַוועגען און בעטען צו גאָט. עס זענען געווען טעג, וואָס פּלוצלונג האָב איך זיך דערוועקט מיט אַ שטאַרק געפיהל, און זיך געטראַכט: בעט צו גאָט!...—און איך האָב מתפלל געווען.

מיט אַזעלכע תפלות האָב איך אויסגעדריקט מיין געפיהל, כ'האָב אין דעם געפיהלט דאָס זיסקייט פון גן עדן—און ס'איז מיר גוט געוואָרען. און דערנאָך, אויב דער מנוול, דער יצר הרע, האָט מיך אָנגעטראָפען האָב איך איהם געפיהרט אין די וועלדער, אויף די בערג און בערגלעך אין פעלד. דאָרט האָב איך פערברענגט די צייט אין נשמה־שטימונג און קוקענדיג אויף די שענע נאַטור און איהר גרויסער פּראַכט, און מיט דער צייט האָט זי מיך צוגעצויגען מיט איהר קלאָרקייט און שיינ־

קייט. איך האָב זיך פערליבט אין איהר און האָב זיך מיט איהר געפריידט ווי אַ חתן פריידט זיך מיט דער כלה. אַלע טאָג בין איך אַרויסגעגאַנגען אין פעלד אַריין צו זעהן מיין געליעבטע און פערברענגען אין ליעבשאַפט מיט דער דאָזיגער שענהייט. מיין ליעבע האָב איך געזוכט אין געדיכטען וואַלד און אין וועלדעל, אויפן גרינעם גראָז און ביי דעם טייכעל, און זי האָט מיר געוויזען אַלץ, וואָס זי פערמאָגט; האָט צו מיר גע־לאַכט אומעטום און איך בין געשפרונגען נאָך איהר אויף די בערג, געקלעטערט אויף די ביימער, בין אויך געזעסען צווישען די בייטען צו הערען דאָס שרייען פון די סטאַדעס, דער סאָלעוויי האָט פאַר מיר געזונגען און די שטים פון טורטעלטויב האָט זיך געהערט פון דער קאַפּעלע־פייגעל. אַלע האָבען שוין גע־זונגען דאָס ליעבעליד צו מיין שענהייט די הימלישע טאָכטער. און די ליעבע אין מיין האַרצען האָט דעמעלסט געברענט ווי פייער, אַ גייסטיגע ליעבע, אַ הייליגע ליעבע, וואָס האָט נישט קיין געשטאַלט פון קיין גוף, אַ פערבאָרגענע ליעבע צום גוטען, צום שענעם און דערהויבענעם—אַ ליעבע, וואָס דערפרייד דעם מענשען, קלייד איהם אָן מיט ענוה און מאַכט איהם פאַר פיין און גוט, פאַר אַ ליעבהאָבער פון מענשען און דערהויבט איהם איבער אַלע וואָכעדיגע זאַכען... דער סוד פון דער דאָזיגער ליעבע, און דאָס אויסגיעסען דאָס האַרץ דורך תפלה און גע־בעט, איז בעקאַנט צו די בעלי השיר די מענשען פון געפיהל. דאָס זענען געטליכע נאָטען, די צייכענס פון גאָט פון געזאַנג אין האַרץ פון זיינע אויסדערוועהלטע...

אַזוי בין איך ·מיר געזעסען רוהיג אין מיין נעסט, ביז איך בין אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר. און איך האָב געמיינט אַז אייביג וועל איך בלייבען אין מיין שטעדטעל. אָבער נישט ווי איך האָב געמיינט איז געשען. פּלוצלונג איז מיין פאָטער געשטאָרבען, געשטאָרבען איז ער אין עלטער פון איינאונפער־ציג יאָהר און האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער אין גרויס אָרימקייט. פון גרויס נויט בין איך פערוואָגלט גע־וואָרען פון מיין היים און בין אַוועק וואַלגערן זיך איבער די

ישיבות אין די ליטווישע שטעדט, אין די נאָענטע און ווייטע. אַלץ וואָס מיט מיר האָט דאָרט פּאַסירט, וועל איך דאָ נישט דערציילן, וואָרום די פּאַסירונגען זענען זעהר פיל, און איך האָב בדעה צו שרייבען וועגען דעם אַ בעזונדער בוך, פאַר יודען צוּ׳אָנדענק פון זייערע ישיבות אין יענע צייטען. איצט וועל איך זאָגען נאָר דאָס, אַז איך האָב מקיים געווען אַלע זאַכען, וואָס זענען פאַרבונדען מיט תורה לערנען און געלעבט אין צער ווי תלמידי חכמים, מיט עסן טעג און מיט אַלע פּי־טשעווקעס. אין סלוצקער ישיבה האָב איך געלערענט ביים בע־וואוסטען רב ר׳ אברהם ברוך אין דער ערשטער מחלקה. פון דאָרט בין איך אַריבער אין דער עלטסטער מחלקה און בין געווען פון די תלמידים פון ראש ישיבה דעם חריף און למדן ר׳ מיכל מ״ס, דערנאָך בין איך אַריבערגעגאַנגען לערנען אין בית המדרש פון גביר ר׳ יונה און זיך געלערענט ביים גרוי־סען רב ר׳ אברהמ׳לע. אין סלוצק האָב איך געלערענט ביי די צוויי יאָהר. ס׳זענען געווען סבות וואָס האָבען גורם געווען און איך בין אַוועק קיין ווילנע און דאָרט האָב איך געלערנט ביים בעריהמטען ר׳ סנדרל, אין דער ישיבה פון ר׳ מעלה און אויך אין בית המדרש פון ווילנער גאון ר׳ אליהו ז״ל. דאָרט בין איך געזעסען און געלערענט יומם ולילה און בין אויף געווען אַ משמר אַלע נאַכט. קיין ווילנע בין איך געפאָרען, ווייל אַהין האָט מיך גערופען מיין קרוב דער גביר נחום־חיים ברוידע, וואָס האָט מיר מבטיח געווען צו זיין צו מיר ווי אַנ׳אייגענער טאַטע און מיך אויסהאַלטען. אָבער איך האָב דאָרט נישט לאַנג פערבראַכט און בין צוריקגעפאָהרען אַהיים.

אין דער צייט האָט מיין מוטער חתונה געהאַט צו איי־נעם אַ מילנער אין דאָרף מעלניקי, אַ ווייאָרסט צען פון קאַפּו־ליע. איז מיין מוטער מיט איהרע יונגערע קינדער אַוועק אין דאָרף אַריין צו איהר מאַן, און איך בין געבליבען אין שטאָדט עלענד און אַליין. אַ טרויריגער בין איך דעמעלסט אַרומגעגאַנ־גען און ס׳איז מיר מיאוס געוואָרען דאָס לעבען פון גרויס ווייטאָג און דערשלאָגענקייט, וואָרום איך בין נאָך אַ יונגעל,

האָב נאָך ווייניג יאָהרען און האָב צרות אָהן אַ שיעור. אַזוי בין איך אַרומגעגאַנגען דערשלאָגען און געפאַלען ביי זיך, ביז מיין שטיפפאָטער האָט מיך גענומען צו זיך, און כדי איך זאָל נישט עסען אומזיסט, האָב איך אַ פאָר שעה אין טאָג געלערנט מיט זיינע קינדער.

דאָס הויז וואו מיין שטיפפאָטער האָט געוואוינט האָט געהאַט אַרום זיך וועלדער, גרויסע גאָר אַלטע וועלדער, אין זיי האָבען זיך געפינען ווילדע חיות. די וועלף שרייען דאָרט צו פערצוקונג איבער די נעכט און אויך דער בער קומט אַהין צייטענווייז. דאָרט געפונען זיך נעסטען פון פערשידענע פייגעל, וואָס צוויטשערען פון צווישען די צווייגען; דאָרט געפינען זיך ווילדע גענז און אַלע וואַסער־פייגעל, און זיי שרייען פון צווישען די גראָזען אויף די זומפען. און אַ גרויסער טייך ציהט זיך אויסגעקרומט און שניידט זיך דורך צווישען די ביימער פון וואַלד, פלייצט און שטראָמט ביז צו דער מיהל, דאָרט גיסט ער זיך אין וואַסערפאַל און טרייבט די רעדער מיט געברום און רעש, און פון רוישען פון דער מיהל און פון שטורמען פון וואַסער ווערען פערטויבט די אויערען.

אויף דעם איינזאַמען פערלאָזטען אָרט, האָט זיך צו מיר בעוויזען מיין מוזע, מיין געליעבטע פון דער יוגענד, ווען איך בין געזעסען אין די ישיבות מיט די ארים־בחורים, און האָב שוין נישט געהאָפט איהר צו זעהן. זי האָט זיך צו מיר אַנטפלעקט אין איהר גאַנצער פראַכט און האָט מיך איבערגערעדט מיטן חן פון איהרע לעפצען צו געהן נאָך איהר אין וואַלד אַריין אונטער אַ פרישען בוים און זיסע רוהיגקייט, און זי האָט מיר געשלאָסען אַ בונד מיט די ביימער אין פעלד, מיט די פייגעל און די פרוכפערונגען פון דער ערד, און זי האָט מיך געלערנט צו פערשטעהן זייער שפראַך און זיך צו צוקוקען צום אַרט לעבען זייערען. מיין האַרץ האָט געלעכצט צו די דאָזיגע חברים מיינע, וואָס האָבען מיר דערצעהלט זייערע אייביגע רעטענישען און אַ סך זאַכען וואָס געשען אין זייער וועלט, און זיי האָבען מיר דערצעהלט די גרויסקייט פון גאָט

וואָס האָט זיי בעשאַפֿען און טוט מיט זיי פֿיל גוטס. אויך איך האָב פּאַר זיי אויסדערצעהלט מיינע געפֿיהלען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב גענומען אַ פּען אין האַנט אַריין אויף אויסצוגיעסען מיין האַרץ, און אויפֿן פּאַפּיער האָב איך פּאַר זיי אויסגעזונגען אַ ניים „הללויה״. דער טייך האָט מיך אַפּלאָדירט און די עכאָ פֿון די בערג האָט צו מיר הויך גע־רופֿען. מיין ערשטע פּאָעזיע געפֿינט זיך ביי מיר ביז היינטיגען טאָג און וועט קיינמאָל נישט זעהן די ליכטיגע וועלט, ווייל דאָס איז נאָך נישט קיין צייטיגע פֿרוכט און ס׳האָט אַ טעם ווי וואַלד־עפּעלעך. און אַ וואונדערליכע זאַך: ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבען צו שרייבען און די ערשטע זאַך אויפֿגעשריבען — איז צו מיר געקומען דער שטן, דאָס איז דער אָבשפּעטער, וואָס געוועלטיגט איצט אין מיר אין געשטאַלט פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים, און האָט מיך אָנגערעדט אָבצושפּעטען פֿון מענשען און אַראָברייסען די מאַסקע פֿון זיי. און איך האָב דעמעלסט אָנגע־שריבען אַ דראַמע און גראַמען אויפֿ׳ן שטייגער פֿון ספֿר „לישרים תהלה״ פֿון רמ״ח לוצאַטו, כ׳האָב אַפֿילו נישט געוואוסט, וואָס ס׳איז אַזוינס אַ דראַמע און האָב נאָך קיינמאָל נישט געלייענט קיין ביכער פֿון דעם מין. אויך דער בוך מיינער איז בלויז אַ שטיפֿעריי און פֿול מיט פֿעהלערען אָהן אַ שיעור. דאָס איז דאָס אָבשפּעטען פֿון מיין יוגענד־שטן, וואָס האָט פֿון מיר געשפּעט. און אויב עס טרעפֿט אַמאָל און איך רייץ זיך מיט מיין שטן און שפּעט פֿון איהם אויף זיינע יוגענד פֿעהלערען, ענטפֿערט ער מיר אויך מיט שפּעטעריי און מיט עזות: צי ווייסטו דען נאָך נישט, אַז דער „עתיק־יומין״ אַליין האָט נישט אַרויסגע־בראַכט קיין פֿערטיגע זאַך פֿון זיין האַנד און אַלץ וואָס ער האָט בעשאַפֿען איז זיין וועלט דאַרף נאָך בעאַרבייט ווערען? דאָס ענטוויקלען זיך איז אַן־אייביג געזעץ אויף דער וועלט. אַזוי איז עס און ווייס.

און דאָס רוהיגע פֿערברענגען מיינס איז אויך נישט גע־ווען אויף לאַנג. ווי ס׳זעהט אויס, אין אין הימעל אויף מיר גגזר געוואָרען, נאָך איידער איך בין געבוירען געוואָרען, צו

זיין אַ שרייבער פאַר מיין פאָלק, פאַר אָרימען אומגליקליכען פאָלק, און גאָט האָט געוואָלט איך זאָל זיך בעקאַנען מיט די מנהגים פון מיין פאָלק און זיך צוקוקען צו זייערע מעשים, דע־ריבער האָט ער צו מיר געזאָגט: וואָגל פייגעלע איבער מיין וועלט, דער אומגליקליכער פון די אומגליקליכע און אַ יוד פון יודען וועסטו זיין אויף דער ערד! און דער ווינד האָט מיך אַ טראָג געטהון, האָט מיר שטאַרק געטרייסעלט און געטראָגען אויף די שטאַפּלען פון לעבען, געטראָגען און געטרייסעלט און אַ מלאך פון גאָט שטויסט אונטער. ער האָט מיר אַראָבגענידערט הינטען צו מיינע ליידענדע ברידער און דער נידעריגסטער מדרגה, איך זאָל לעבען מיט זיי אַ לעבען פון צער און פיהלען זייערע וועהטאָגען, און פון זייער פיין האָב איך בעקומען פאַר מיר אַ דאָפּעלטע פּאָרציע. צייטענווייז האָט ער מיר אַרויפגעבראַכט גאָר אין דער הויך פון לעבען און מיר געמאַכט אַנ׳אָרט צווישען אונזערע עשירים, די שטענדיג רוהיגע און צופרידענע, עלסטע לייט פון יודען, כדי צו זעהן זייערע פירעכצען און זייערע טועכצען, זייער האַנדלען און וואַנדלען—צו זעהן נאָר און נישט הנאה צו האָבען פון זייער גוטס.

פון דעמעלסט אָן, זינט גאָט האָט מיך פערבלאָנזשעט פון מיין שטיף־פאָטערס הויז, הויבט זיך אָן אַ ניי קאַפּיטעל אין בוך פון מיין לעבען, אַ קאַפּיטעל פון וואָגלענישען, נסיונות און גרוי־סע ליידען, און נאָכדעם נאָך אַ סך קאַפּיטלען פון מיינע לעבענס־פּעפּירונגען וואָס זענען איינגעוועבט אין יודישען לעבען און ווע־לען בעשריבען ווערען אין בעזונדערע ביכער און וועלען זיין לזכרון אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק און ליטעראַטור. איצט קענט איהר זעהן נאָר אַ ביסעל פון זיי: אַ רמז פון זיי קענט איהר געפונען אין מיין דערמאָהנטער ביאָגראַפיע פון ד"ר בינשטאָק, זעהט דאָרט.

איך היפּער איבער די קאַפּיטלען, שפּרינג איבער די גע־שעהענישען, וואָס האָבען פּאַסירט אין מיין לעבען און איך וויל איצט נאָר דערצעהלען, ווי אַזוי איך בין געוואָרען אַ יודישער שרייבער און וואָס פאַר אַ ציעל איך האָב פאַר מיר געהאַט, צו

וועלכע איך האָב געווידמעט מיין געדאַנק און פען, און וואָס פאַר אַ ביכער און אַרטיקלען איך האָב אָנגעשריבען.

די העברעאישע ליטעראַטור איז געווען אַ זעלטענע זאַך אין דער צייט פון מיין יוגענד, קיין ביכער און צייטונגען טעג-ליכע, וואָכענטליכע, חודש'דיגע און יעהרליכע ווי עס ערשינען היינט, זענען דעמעלסט נישט ערשינען אויף צו דערוועקען דאָס געפיהל פון יודען און דערוועקען אין זייערע הערצער ליעבע צו אונזער הייליגער שפראַך. און ס'איז נישט געווען קיין וועקער און ס'איז נישט געווען קיין קנאת-סופרים, זענען דערפאַר געווען וויניג שרייבער. ווען איך האָב געוואוינט אין קאַמעניץ-ביי מיין שווער אין הויז און אויך דערנאָך ווען איך האָב געג'גט מיין ווייב און געוואָרען אַ לערער אין אַ קאַזיאָנער שולע, האָב איך זיך אָבגעגעבען מיט פאָרשען און לערנען וויסענשאַפט און מיט גרויס מאַטערניש זיך עווערבען די ידיעות, וואָס האָבען מיר געפעהלט. ווען עמיצער זאָל מיר דעמעלסט געווען זאָגען, אַז איך וועל ווערען אַ מחבר ביי יודען וואָלט איך געמיינט, אַז דאָס לאַכט ער פון מיר. איך פלעג דאָך גאַאיוו מיינען, אַז די סופרים זענען אַלע געטליכע לייט און ווער בין איך וואָס איך זאָל אַזוי ווייט דערגרייכען? נאָר דער צופאַל האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מחבר און פלוצלונג, אומגעריכט איז עס גע-שעהען.

אין איינער אַ ווינטער נאַכט, אַ פערוואָלקענטע, בעפעלדיגע פינסטערע נאַכט, ווען דער ווינד האָט געריסען, בין איך געזע-סען איינזאַם אין מיין צימער און בין געווען זעהר טרויעריג און נידערגעשלאָגען. און כדי זיך מיט עפּעס צו פערנעמען און בערוהיגען מיין געמיטה, האָב איך גענומען די פען אין האַנד צו ענטפערען אַ בריעף איינעם אַ מלמד. און איך האָב מיט איין מאָל אָנגעשריבען זעהר אַ סך וועגען ערציהונג און פערשריבען אַ גאַנצען בויגען פאַפּיער פון ביידע זייטען. צומאָרגענס האָב איך פון דאָרט אַ ביסעל איבערגעשריבען פאַר יענעם מלמד און דעם בויגן אַליין האָב איך אַוועקגעוואָרפען אין אַ ווינקעל ווי אַ אומנוצלעכע זאַך. אַ לאַנגע צייט איז זיך דער פערשריבענער

בויגען געלעגען אין ווינקעל, ביז ער איז געקומען אויף עמי-צענס הענד און ער האָט זיך געוואַלגערט אין שטוב פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, און איך האָב איהם שוין גאָר אַרויסגע-לאָזט פון זינען און האָב איהם פערגעסען.

איינמאָל און דער בריעף-טרעגער האָט מיר געבראַכט אַ פערמאַכטען בריעף פון אויסלאַנד. און אַז איך האָב געעפענט דעם בריעף און געוועז זעהר טשיקאַווע צו וויסען, ווער עס שרייבט דאָס צו מיר פון אַ פרעמד לאַנד וואו איך האָב נישט קיין שום בעקאַנטען, און פאַר מיינע אויגען איז דער נומער 31 פון דער צייטונג „המגיד", ערשטער יאָהרגאַנג, און עפּעס ווי בעקאַנטע ווערטער שיינען מיר אַרויס פון די שורות פון לייט אַרטיקעל אונטער'ן נאָמען—„מכתב על דבר החנוך"—וואָס איז געדרוקט מיט גרויסע אותיות. און ווי איבערראַשט בין איך גע-וואָרען דערזעהענדיג אין סוף מאמר מיין נאָמען אונטערגעשריבען, און הינטען געפינט אַן אָנמערקונג, וואָס לויבט שטאַרק דעם מאמר און זינגט אויף איהם דעם „הלל הגדול" בעטענדיג ביי די געלעהרטע זיי זאָלען איהם איבערזעצען אויף אַנדערע שפּראַ-כען. איך בין געוועזן אינגאַנצען צעטומעלט. און דער בריעף פון „המגיד" אייגענטימער, ר' אליעזר ליפמאַן-זילבערמאַן, וואָס האָט מיר שטאַרק געלויבט און געפאָדערט פון מיר צו בעשענקען איהם מיט מיין שרייבען אויך ווייטער און שליסען מיט איהם און מיט זיין „מגיד" אַ „פריינדליכען בונד",—האָט מיך נאָך מעהר פערוואונדערט, אָבער אין גיכען איז מיר די גאַנצע זאַך קלאָר געוואָרען: מיין פריינד און בעקאַנטער, דער געלעהרטער מ״מ לע-ווין, סעקרעטאַר ביי יהושע גינזבורג, וועמען דער אויבענדער-מאָהנטער בויגען איז שטאַרק געפעלען, האָט איהם אַוועקגעשיקט צו א״ב גאָטלאָבער ער זאָל אויף איהם זאָגען זיין מבינות, און אויף אַזאַ אופן איז ער אָנגעקומען צו אייגענטימער פון „המגיד" און ער איז אָבגעדריקט געוואָרען. ביידע אויבענדערמאָהנטע געלעהרטע האָבען מיין דאָזיגען מאמר אין יענער צייט אַריינ-געשלאָגען ווי אַ טשוואָק אין דער העברעאישער ליטעראַטור און

איז געוואָרען דער אָנפאַנג פאַר אַלע מיינע ווייטערדיגע אַרבײ־טען אין דער דאָזיגער ליטעראַטור.

כ'האָב זיך גענומען פערטראַכטען איבער דער העברעאישער ליטעראַטור ביי אונז, צו וויסען ווי זי זעהט אויס און וואָס עס געשעהט מיט איהר. כ'האָב געזוכט צו געפונען נוצליכעס, ווי־סענשאַפט און קלוגשאַפט, פיינעס און שיינס, און נאָר זעהר וויניג פון דעם אַלעם האָב איך אין איהר געפונען. אַ פוסטער גאָרטען איז געוועזען די ליטעראַטור אין יענער צייט. אַ פערלאָז־טער גאָרטען אין הערבסט־צייט, נישטאָ קיין פרוכט, נישטאָ קיין שמעקענדיגע בלומען און שיינע פלאַנצונגען, די בלעטער פער־וויאַנעט און די ביימער שטעהן נאַקעטע. וואו נישט וואו גע־פינען זיך גאָכגעוויקסען און ווילדגעוויקסען און אַלץ איז פער לאָזט דאָרט. און די מחברים? די דאָזיגע וועכטער פון גאָרטען ליגען דאָרט אין איהם, שטיל און רוהיג, שפּילען זיך אַרום ווי נאַאיווע קינדער און טרייבען קאַטאָוועס, איינער לויבט דעם אַנדערען און איינער פון אַנדערען האָט נחת.

אמת טאַקע יענער און יענער (הח' אַ. צווייפעל) האָט זיך אויסגעדריקט: „פאַר די יודישע סופרים זענען געקומען שטילע רוהיגע צייטען, גוטע גליקליכע צייטען, ס'האָבען זיך אויסגע־לאָזט די קריטיקער און ס'איז אַוועקגעקומען דער מענשליכער פערשטאַנד זיי צו שטערען די רוה, צו שענדען זייער כבוד אין רום, פון יעדעס בוך און זיין קדושה איז געוואָרען ווי אַ צווילינג, דער נאָמען פון מחבר אין זיין חבור — ווי אַ טאַטע מיט אַ קינד".

אָבער ער האָט גערעדט וועגען די פערגאַנגענע צייטען און מיט זיין נישט איבערגעשפיצטקייט האָט ער עס אויסגעטייטשט לשבח. און איך האָב איינגעפינען אַז זיינע רייד פּאַסטען אויך פאַר די יודישע שרייבער אין מיין יוגענד און דאָס געטייטשט לגנאי — וואָרום אַזעלכע צייטען, וואָס דער מענשליכער פערשטאַנד איז אַוועקגעקומען — זענען נישט קיין גוטע גליקליכע צייטען, און די ליטעראַטור, וואָס האָט נישט קיין קריטיקער און יעדעס בוך און זיין קדושה איז אַ צווילינג, אַזאַ ליטעראַטור איז אַ גאָרטען

אָהן אַ בעל־הבית. דאָרט פּאַשעט זיך דאָס קעלבעל און מאַכט אַ תל פון די זריעות, דער חזיר צוגראָבט איהם און קליינע פּיקסעלעך פערדאַרבען די פּאַרזעצטע בייטען. און אַז איהר וועט קומען אין אַזאַ גאָרטען און דאָרט אַלץ צוברעכען און צושטע־רען און נאָך לייגען אין די קעשענעס, איז קיין אומגליק נישט: ווארום ער איז הפקר און איהר ווייסט, אַז איהר געפינט זיך צווישען יודען. קיינער זעהט נישט, קיינער איז דערביי נישטאָ. לית דין ולית דיין אַחוץ גאָט אין הימעל און קיינער וועט אייך קיין בייז וואָרט נישט זאָגען... וועגען די אַלע זאַכען האָב איך שטאַרק געטראַכט און דערפון איז אַרויסגעקומען מיין ספר:

משפט שלום (געדרוקט אין יאָהר תר"כ אין ווילנע), דאָס ספר וואָס טרעט שטאַרק אַרויס בעזונדערס קעגען מחבר פון ספר „מינים ועוגב" און איז אגב מרמז בכלל אויף אונזע־רע שרייבער, איז געקומען ווי אַ קויל אין דער מחנה רוהיגע שרייבער, וואָס זענען זיך געזעסען ווי ווייַן אויף זיין הייוועז, און איך בין ביי זיי געוועזן, ווי אַ מענש, וואָס איז געקומען שטערען זייער רוה „צו שענדען זייער כבוד און רוהם". און ס'איז געוואָרען אַ גרויס געשרעה אין דער עדה. אַ קריגעריי און אַ מלחמת סופרים אין די צייטונגען „המליץ" און „הכרמל", וואָס האָבען דעמעלסט אָנגעהויבען צו ערשיינען. און איך האָב נאָך מעהר אָנגעהויבען רעדען שטירדישע רייד און פון צייט צו צייט אַרויסגעטרעטען קעגען זיי מיט מיינע מאמרים, און אַ סך האָבען מיט מיר געהאַלטען און מיר צוגעגעבען מוט. צי בין איך גערעכט געווען און שטענדיג געטראָפען אין ציעל— וועגען דעם זאָלען אַנדערע משפטן, איך אָבער ווייס, אַז איך האָב אַריינגעבראַכט אַ גרויסע בעוועגונג אין אונזער ליטעראַטור: נאָך מיר האָבען זיך פון די יונגעלייט בעוויזען נייע קריטי־קער, וואָס האָבען אַרויסגעטרעטען קעגען די שרייבער, אַ סך פון די שרייבער האָבען זיך אַראָפּגענומען אַ מוסר און זענען אַנדערש געוואָרען און די פּאָלעמיק צווישען די שרייבער איז געוואָרען דער לעבעדיגער גייסט אין דער ליטעראַטור און האָט צוגעצויגען אַ סך לעזער פון פאָלק.

צו לערנען דאָס פאָלק געשמאַק און וויסענשאַפט, אַריינצוברענגען דאָס פאָלקס־לעבען אין דער ליטעראַטור, כדי זי דערמיט בעליבט מאַכען ביים פאָלק, צו אַנטוויקלען און ברענגען נוצען—די דאָזיגע דריי זאַכען זענען ביי מיר געווען דער ריכטיגער ציעל, וועלכען עס דאַרפען שטרעבען די שרייבער.

כ׳האָב געוואָלט מיטן גאַנצען האַרצען, אַז די שרייבער און דיכטער זאָלען נישט קלעטערען אין די הימלען מיט פוסטע פאַנטאַזיעס און זיך נישט באַנוצען צו זייערע טעמעס מיט די בנות לוט, פוטיפרע׳ס ווייב און נאָך אַזעלכע נפשות און נאַרישקייטען, וואָס זענען שוין אויף דער וועלט נישטאָ. זיי זאָלען פאַר די לעבעדיגע דערצעהלען פון די טויטע; נאָר זיי זאָלען זיך אַראָפּלאָזען אויף דער ערד, זיך צוקוקען צום לעבען פון פאָלק און וואָס עס טוט זיך ביי איהם אין שטוב און אין דער געזעלשאַפט און דאָס אַלץ איהם בעווייזען. זיי זאָלען זיך בעמיהען צו פערפיינערען זיין געשמאַק צו רעדען מיט אַ פיינער שיינער שפּראַכע, זיי זאָלען איהם אויך געבען אַ גוטע לעקציע אין וויסענשאַפט כדי איהם צו מאַכען פערשטענדליך.

דערפאַר טאַקי האָב איך מיין ליטעראַרישע אַרבייט איינגעטיילט אין דריי טהיילען און מיין ערשטע אַרבייט איז געווען:

ספר תולדות הטבע, מדבר על שלושה דברים שעליהם העולם קים: על החי ועל הצומח ועל הדומם. כלם פקודים למשפחותם למיניהם במכפר שמותם וסגולותיהם ותועלתם. נעתק מספר החוקר הטבעי לענץ לשפת עבר. (וואָס רעדט אַרום די דריי זאַכען אויף וועלכע די וועלט איז געשטעלט: וועגען חי, צומח און דומם. אַלע צונויפגעשטעלט לויט זייערע מינים און משפחות מיט דער צאָ[illegible] פון זייערע נעמען, אייגענשאַפטען און נאַטורען איבערזעצט פון נאַטורפאָרשער לענץ אויף לשון קודש.)

דאָס ערשטע העפט:

בעלי החיים היונקים (זויג חיות) מיט אַכט זייטען צייכענונגען לייפציג תרכ״ב (1862)

און צוזאַמען מיט דעם האָב איך געפּרובט פערפאַסען אַ

ספור אויף אַ קלאָרען לשון־קודש, געשטיצט אויפן פאָלקס־גייסט און פאָלקס־לעבען פון מיין צייט, און פון דעם ספור האָב איך אַרויסגענומען איינינע קאַפּיטלען און דאָס אָבגעדרוקט מיט אַ איינפיהר־וואָרט אין אַ בעזונדער בוך אונטערן נאָמען

למדו היטב. ספור אהבים, וואַרשוי 1862. (?)

דעמעלסט האָב איך זיך אַזוי געטראַכט: איך קוק זיך צו צום לעבען פון מיין פאָלק און איך וויל איהם געבען ספורים פון יודישען קוואַל אויף דער הייליגער שפּראַכע, דער רוב אָבער פערשטעהט דאָך נישט די דאָזיגע שפּראַך און זיי רייי־דען אויף עברי־טייטש, און וואָס קומט אַרויס דעם שרייבער פון זיין גאַנצער אַרבעט און פון זיין דענקען אויב ער ברענגט דערמיט נישט קיין נוצען זיין פאָלק? די דאָזיגע פראַגע: פאַר וועמען אַרבעט איך? האָט מיך נישט געלאָזט רוהען און האָט מיך געבראַכט אין גרויס פערלעגענהייט: וואָרום די יודישע שפּראַך אין מיין צייט איז דאָך געווען אַ פּוסטע כלי, נישט געווען אין איהר קיין שום גוטע שיינע זאַך אַחוץ שפּעטעריי, נאַרישקייטען און פּלאַפּלערייען די אַרבעט פון נאַרישע לייט, וואָס האָבען נישט געקענט רעדען ווי מענשען און האָבען קיין שום נאָמען נישט געהאַט. און די ווייבער און די פּראָסטאַקעס האָבען דאָס געלייענט און נישט פערשטאַנען וואָס זיי לייענען, און די איבעריגע פון פאָלק—כאָטש זיי האָבען נישט געקענט קיין אַנדער שפּראַך, האָבען זיך שטאַרק געשעמט צו לייענען זי כדי נישט אַרויסצעווייזען זייער אָבגעשטאַנענקייט. און אויב איינער האָט נישט געקענט ביישטעהן דעם יצר הרע און עפּעס געלייענט אויף יודיש, האָט ער אַליין געלאַכט און זיך פער־ענטפערט: אָט קוק איך אַריין אין די „ווייבערישע ביכלעך" וואָס עס לייענען די נאַרישע נקבות, אָט מאַך איך מיר אַ שפּאַס. און אונזערע שרייבער, די בעלי הלשון וואָס האָבען נאָר

---

*) אומעטום וואו עס געפינט זיך אזא פראגע צייכען, הייסט עס, אז דאָס בוך האָב איך נישט ביי זיך און איך בין מסופק אין דער צייט פון ערשינען, און פערלאָז זיך גאָר אויף מיין זכרון.

אין זינען געהאַט די הייליגע שפראך און זיך נישט אינטערע־סירט מיט׳ן פאָלק-האָבען געקוקט אויף יודיש פון אויבען אַראָב און מיט גרויס שפּאָט. און אויב איינער פון צעהן האָט זיך אַמאָל דערמאָנט אָן דער „פערשאָלטענער" און האָט עפּעס וואָס אָנגעשריבען, האָבען זיי דאָס בעהאַלטען אונטער זיבען שלעסער, האָבען דאָס בעהאַלטען אונטער זייער הייליגען טלית, כּדי זייער שאַנד זאָל נישט ענטפּלעקט ווערען און עס זאָל נישט שאַדען זייער גוטען נאָמען. און ווי גרויס איז דעריבער געוואָרען מיין פערלעגענהייט, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויב איך וועל מיר אַריינלאָזען אין דער „אומווירדיגער" ווערט מיין כּבוד זיך בעדעקען מיט שאַנד. איך האָב אויך אויסגעהערט די שטראָף-רייד פון מיינע פערעהרער די „חובבי הלשון העברית" אויף דעם, וואָס איך וועל פערשוועכען מיין נאָמען און כּבוד צווישען יודען, אָבגעבענדיג מיינע כּחות דער דאָזיגער פרעמדער. אָבער די ליבשאַפט צום נוצליכען האָט אין מיר מנצח געווען דעם פוסטען כּבוד און איך האָב זיך בעשלאָסען: זאָל זיין וואָס עס וויל זיך- איך וועל זיך דערבאַרמען אויף יודיש, די פערשטויסענע טאָכ־טער, און ס׳איז צייט צו טהון פאַר׳ן פאָלק, אויך איינער פון זיינע גוטע פריינד (יהושע מרדכי ליפשיץ) איז צו מיר צוגע־שטאַנען און ביי אונז ביידע איז געבליבען צו אַגיטירען און איבערעדען דעם בעל „המליץ" ער זאָל אַרויסגעבען אַ צייטונג אויף דער פאָלקס־שפּראַך. זאָל עס איהם, דעם בעל „המליץ" גאָט געדענקען צום גוטען, וואָס ער איז געקומען צו הילף זיין פאָלק מיט זיין צייטונג „קול מבשר" און האָט געהאַט גרויס ערפאָלג. און איך בין געוואָרען בעגייסטערט און אָנגעשריבען מיין ערשטע ערציילונג –

דאָס קליינע מענשעלי אָדער אַ לעבענס־בעשרייבונג פון אברהם יצחק תקיף. געדרוקט בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים, אָדעססאַ 1864 (?) אין דער צייטונג „קול מבשר" און נאָך דעם אַ סך מאָהל אין בעזונדערע ביכער.

די דאָזיגע ערצעהלונג האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם צווי־שען יודען, אַזוי אַז אין גיכען איז זי געדרוקט געוואָרען אַ

דריטע אויפלאַגע, ווילנא 1865 (?) און נאָך אַמאָל אַ פיערטע אויפלאַגע (נאָר אין גאַנצען אויף דאָס ניי איבערגעמאַכט) ווילנא 1879. דער דאָזיגער העפט מיינער איז געוואָרען דער פונדאַמענט-שטיין אין דער נייער יודישער ליטעראַטור. פון דע־מעלסט אָן האָב איך זיך פעליבט אין יודיש און האָב די שפּראַך צו מיר פערקנסט אויף אייביג, און האָב איהר געגעבען די בשמים און קרייטעכצער, וואָס איהר קומט און זי איז געוואָ־רען אַ שעהנע בעהנטע פּריצה׳עטע און האָט מיר געווינען אַ סך זיהן:

דאָס ווינש־פינגעריל, וואָס מיט דעם קען איטלי־כער מענש דערגרייכען אַלסדינג, וואָס זיין הארץ ווינשט און בעגעהרט און דורכדעם ניטצליך זיין זיך און דער וועלט. גע־דרוקט אין וואַרשע (זָהן דעם נאָמען פון דרוק און יאָהר פון ערשינען) און דאַכט מיר אין יאָהר 1865 (?) דאָס דאָזיגע בוך ליגט איצט פאַר מיר אויפ׳ן טיש און איך האָב בדעה דאָס צו פערגרעסערען און אַרויסגעבען אויף דאָס ניי מיט אַלע מיינע שריפטען אויף יודיש, וואָס איך הייב איצט אָן צודריקען אויפסניי אין זעהר אַ שענע אויסגאַבע.

די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָדט בעלי־טובות (משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום) זיטאָמיר 1869, געדרוקט צום צווייטען מאָהל: ווילנא 1872. און איז איבעזעצט געוואָרען אויף רוסיש דורך י. מ. פעטריקאָווסקי, ביעלא־צערקאָוו 1884. די דאָזיגע איבערזעצונג איז מיר נישט געפעלען.

פישקע דער קרומער, אַ מעשה פון יודישע אָרעמע לייט. זיטאָמיר 1869, און איצט האָב איך איהם איבערגעמאַכט פאַר אַ ניי בעשעפעניש און וועט זיין דער ערשטער פון אַלע מיינע ביכער אין אַ נייער אויסגאַבע, גאָר אין גיכען.

דער לופט באַלאָן, זיטאָמיר 1869, אַ שענער ספור, פערפאַסט מיט דער הילף פון מיין פריינד הר״ל בינשטאָק, און איז איצט אַ יקר־המציאות. איך האָב איהם געזוכט און נישט געקענט געפונען *)

*) ערשינען אין אַ נייער אויפלאַגע פון „מענדעלע פערלאַג״.

דער פיש, וואָס האָט איינגעשלונגען יונה הנביא. פון די מחברים פונ׳ם לופט־באַלאָן א. ב. אַרויסגעגעבען פון דער רעדאַקציע פונ׳ם „קול מבשר״ אָדעססאַ 1870.

די קליאַטשקע אָדער צער בעלי החיים. לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי, צו מיין קליאַטשע אין פרעה׳ס רייטוואָגען פערגלייך איך דיך כנסת ישראל (שיר השירים א,ט׳). אַ מעשה, וואָס האָט זיך פערוואַלגערט צווישען די כתבים פון ישראליק דעם משוגענעם, ווילנא 1873, און איז איבערזעצט געוואָרען אויף פויליש דורכ׳ן הער קלעמענס יונאָשע אַ קריסט מלדה ומבטן Warszaza 1886 און זיין איבערזעצונג איז אַ גוטע.

דער אוסטאַוו איבער וואָינסקי פּאָווינאָסט פון א. ב. הנ״ל, זיטאָמיר 1874.

יודעל. אַ ספור המעשה אין שירים ע״מ י״א תנועות. אַך יודעל מיין קראַנקער, מיין קראַנקער יודעל, דיין לעבען איז זעהר אַ טרויעריג ליעדעל אין צוויי טהייל. וואַרשוי 1875.

זמירות ישראל לליל שבת, ליום שבת ולמוצאי שבת, שבת׳דיגע זמירות, פערטייטשט אין שירים און גוט דערקלעהרט, בכדי איטליכער יוד בעזונדער זאָל פערשטעהן זייער טהייערען ווערט, ווי שיין זיי זענען אַ גאָטס וואונדער. זיטאָמיר, 1875. די סבה, וואָס האָט מיר געבראַכט איבערצוזעצען די זמירות איז אַזעלכע: וואָרום איך האָב געזעהן די תפלות אין סידור „קרבן מנחה״ פאַר יודישע טעכטער און די איבערזעצונג איז אָהן אַ טעם און אָהן אַ ריח, מען קען עס מויל נישט נעמען, דעריבער האָב איך זיך בעשלאָסען אַז ס׳איז געקומען די צייט צו טהון פאַר אונזערע שוועסטער די יודישע טעכטער און פראָס־טע מענשען אונזערע און זיי אונטערטראָגען אַ מתנה אויף אַ רייגער שפּראַך. וואָרום אויך זיי האָבען אַזאַ האַרץ ווי מיר, וואָס לעכצט צו גאָטס זיסע ווערטער און מיר קענען זיי נישט פטרן פון דעם און זיי פערמיידען פון גוטס, פון וויסען און מוסר און דאָס אַלץ בעהאַלטען נאָר פאַר אַ קליין ביסעל יחידי־סגולה. און אויך אונזערע הייליגע אבות האָבען איבערזעצט די

תורה אויף דער שפּראַך פון פאָלק, און אונזערע תּנאים האָבען פאַר זיי בעשטימט טאָלמאַטשעס, כּדי דעם המון פון פאָלק צו געבען צו פערשטעהן גאָטס רייד, פאַר וואָס זשע זאָלען אויך מיר נישט געהן אין זייערע וועגען צו געבען חכמה און מוסר צו זייערע קינדער פון הייליגען פאָלק אויף דער שפּראַך, וואָס זיי פערשטעהן, און פאַר וואָס זאָלען אויך מיר נישט זאָרגען פאַר אונזערע טעכטער און פאַרן גאַנצען המון און פון זיי פערמיידען די גוטע מתנות און שענע אוצרות, וואָס געפינען זיך אין אונזערע תּפלות און זיי לאָזען אַרומבלאָנקען אויף די פינסטערע וועגען, זיך צו פערנעהמען מיט נארישקייטען און פוסטע מעשיות וואָס פערנאַרישען און מיר זאָלען נאָר אין זי־גען האָבען נור אַ קליינעם טייל פון אונזער פאָלק?! צי זענען דען נישט אַלע יודען הייליג און צווישען זיי רוהט גאָט? מיט די זמירות האָב איך אָנגעהויבען די הייליגע אַרבעט פאַר אַ פּראָבע, דערנאָך האָב איך איבערזעצט דעם ספר תּהילים און שירים און ער געפינט זיך ביי מיר אין מאַנוסקריפּט, און נאָך איהם—

פּרק שירה איבערזעצט אויף יודיש און שירים ע״מ י״א תּנועות מיט אַ פּתיחה געשריבען אויף לשון קודש וועגען פּרק שירה און מיט אַ גוטען בעטעמטען פּירוש, וואָס גיט צו פערשטעהן לויט חכמת הטבע און לויט די רייד פון אונזערע חכמים ז״ל יעדען מאמר פון די שירה-זאָגער ווי עס פּאַסט פאַר איהם. זיטאָמיר 1875. ס׳טהוט מיר לייד אויף דעם, וואָס איך האָב אין זינען געהאַט אַרויסצוגעבען אַ נייעם „קרבן מנחה״ וואָס איך האָב איבער פערשידענע סבות נישט דורכגעפיהרט ביז איצט.

—קיצור מסעות בנימין השלישי, דאָס הייסט די נסיעה אָדער אַ רייזע בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען, וואָס איז אויף זיינע נסיעות פערגאַנגען העט ווייט אַזש אונטער די הרי חושך, און האָט זיך געגוג אָנגעזעהן און אָנגעהערט חידושים שיינע זאַכען, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַלע שבעים לשונות און היינט אויך אין אונזער לשון, בהשתדלות

מענדלי מוכר ספרים. ערשטער ספר ווילנא 1878. איבערזעצט געוואָרען אויף פויליש דורכן הער קלעמענס יונאָשע אונטערן נאָמען: Donkiszot Żydowski Warszawa. 1885 און פון פויליש איז ער איבערזעצט געוואָרען אויף טשעכיש (בעהעם).

דער פריזיוו. אַ דראַמע אין פינף אַקטען עם תמונת המחבר, פעטערבורג 1884.

דער נוצליכער קאַלענדאַר פאַר די רוסישע יודען. ער איז ערשינען פינף ביכער פאַר פינף יאָהר: תרל"ז, תרל"ח געדרוקט אין זיטאָמיר, תרל"ט, תר"מ געדרוקט אין ווילנא און תרמ"ג געדרוקט אין אָדעססא. אין זיי געפינען זיך נוצליכע מאמרים און אַ סך גוטע זאַכען.

און אַחוץ די אויסגערעכענטע האָב איך געשריבען נאָך אַ סך מאמרים, און איצט וועל איך אויסלאָזען מיט דעם, וואָס איך האָב אָנגעהויבען—

ספר תולדות הטבע ע"פ חוקרי הטבע החדשים והמצוינים. חוברת שניה:

העוף (געפליגעל) מיט אַכט זייטען צייכענונגען און מיט אַ סך הערות אין ספר און צום סוף צו ערקלעהרען די נעמען פון די עופות, וואָס געפינען זיך אין תנ"ך און תרגום, און תלמוד און מהרשים און צו ערקלעהרען אַ סך נישט פערשטענדליכע פסוקים און מאמרי־חז"ל. זיטאָמיר 1866.

עין משפט. ענטהאַלט צוויי מאמרים וואָס געהערען זיך אָן איינער מיטן אַנדערען און פאַרטיידיגען די יודען: דער ערשטער אַן אָפּשאַצונג וועגען דער איצטיגער העברעאישער ליטעראַטור, וועגען, מצב פון די שולען און געלערענטע רבנים און וועגען פערבעסערען דעם מצב פון די יודען. און דער צווייטער—איז אַן ענטפער אוי די שאלות פון דער ממשלה, וואָס זענען געפרעגט געוואָרען וועגען יודען אין דער צייטונג "קיעוולאַנין" און באַווייזט פאַר אַלע פעלקער די פיינקייט פון יודען און זייערע רעליגיעזע ספרים. געדרוקט געוואָרען צום ערשטען אין דער צייטונג „המליץ" און צום צווייטען מאָל ער־שינען מיט הערות און אַ סך הוספות פון מחבר זיטאָמיר 1867.

די דאָזיגע מאמרים האָב איך געשריבען און צוגעשיקט דער ממשלה נאָכדעם ווי איך בין פון איהר אויפגעפאָדערט געוואָ־רען אין אַ ספּעציעלען כתב פון 22 נאָוועמבער, יאָהר 1864 נמ. 99 און איך בין באַעהרט געוואָרען מיט אַ דאַנק־בריף פון דער ממשלה פון 12 מערץ יאָהר 1875 נמ. 805 און די דאָזי־גע צוויי בריף זענען געדרוקט אין אָנפאַנג פון דעם דאָזיגען ספר.

האבות והבנים ספור אהבים. (ראָמאַן) אדעססא 1868 איז איבערזעצט געוואָרען אויף רוסיש דורך מיין פריינד הר״ל בינשטאָק. פּעטערבורג 1868.

ספר דברי הימים להרוסים (געשיכטע פון די רוסען) איבערזעצט אין אַ קלאָרער און פּשוטער שפּראַך פאַר אַלע יודען, וואָס זאָלען לייענען און וויסען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די מענשען פון לאַנד אין וועלכען זיי וואוינען. פון זינט זיי זענען געוואָרען אַ פאָלק ביז דער לעצטער צייט. אָדעססא. יאָהר 1867. דאָס דאָזיגע בוך איז איבערזעצט געוואָ־רען דורך דעם פאָרשלאַג צו מיר פון דער פאַרוואַלטונג פון דער חברה „מפיצו השכלה בישראל". און צוליב געוויסע סבות האָב איך זיך אָבגעזאָגט פון דער ווייטערדיגער אַרבעט און איז איבערגעזעצט געוואָרען נור בערך אַ דריטעל, זעה „עין משפט" זייט 51 און דער הערה דאָרט.

ספר תולדות הטבע על די חוקרי הטבע החדשים והמצוינים. חוברת שלישית:

הזוחלים (קריכענדע בעשעפעניסען) מיט זיבען זייטען צייכענונגען און מיט אַ סך הערות אין ספר און אין סוף אויף צו ערקלעהרען די נעמען פון די קריכענדע באַשעפעניסען, וואָס געפינען זיך אין תנ״ך און אין תרגום, אין תלמוד און מדרשים און צו ערקלעהרען אַ סך נישט פערשטענדליכע פסוקים און מאמרי־חז״ל. ווילנא 1872.

דעם צווייטען און דריטען טייל האָב איך נישט איבער־זעצט פון געלערנטען לענץ, ווי דעם ערשטען טייל, נאָר איך האָב צענויפגעזאַמעלט פון די ביכער פון די נייע אויף דער

— —

גאַנצער וועלט בעריהמטע נאַטור־פאָרשער און האָב זיי צענויפ־געשטעלט צום נוצען און פערגעניגען פון די העברעאישע לע־זער... איך האָב אויסגעשטעלט אַלע בעלי־החיים און האָב פאַר זיי אויסגעפונען נעמען און זיי געגעבען אַן אָרט אין דער העב־רעאישער ליטעראַטור. און איך האָב געמאַכט נייע נעמען, איך האָב זיי בעשאַפען אין גייסט פון דער העברעאישער שפּראַך, איך האָב אויך צענויפגעזאַמעלט ווי סנאָפּעס אין שייער אַלע נעמען פון בעלי־החיים וואָס געפונען זיך אין פסוק, תּלמוד און מדרשים און האָב זיי ערקלעהרט לויט די בעוואוסטע געלערנ־טע מפרשים (זעה תולדות הטבע, חוברת שניה, פון זייטע 3 און ווייטער און פתח דבר דאָרט).

לוח הסוחרים. און דאָרט געפינען זיך פיינע מאמרים געשריבען אין משנה־לשון (איז איצט אַ יקר המציות). ווילנא 1879

און אויסער דעם האָב איך געשריבען זעהר אַ סך ווי־סענשאַפטליכע און קריטישע אַרטיקלען און זענען צעשפּרייט אין די צייטונגען „הצפירה", „המליץ", „הכּרמל" און נאָך און נאָך, און פון זיי וועל איך דאָ נאָר אייניגע דערמאָהנען: חכמת הכעמיה (אין ערשטער „הצפירה") עמק יהושפט (המליץ) מה אני (השחר) על הדגים (הבוקר אור) און נאָך אַזעלכע און אַזעלכע, וואָס איך בין נישט אומשטאַנד אויסצו־רעכענען, ווארום איך האָב איצט נישט די דאָזיגע צייטונגען. איך האָב נאָך געשריבען וועגען די חדרים און מלמדים, ווען איך בין געווען אין דער קאָמיסיע אונטער דער אויפזיכט פון וואָלינער גובערנאַטאָר גרעססער, אין יאָהר 1875. מיין אַרטי־קעל איז געפעלען די נאַטשאַלסטוואָ און האָט געהאָלפען לעזען די חדרים און מלמדים פראַגע אין יענער צייט. דער דאָזיגער מאמר איז געבליבען אין אַרכיוו פון דער קאָמיסיע און צום בעדויערען האָב איך נישט פון אים קיין שום קאָפּיע.